STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05634

UMLEGALE YIDN SHPALTN YAMEN

Shmuel Izban

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. N. Paul & Margaret Rosenthal
in memory of
Shirley Dozoretz Rosenthal*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. איזבאַן

„אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען

די אויסגאַבע פון דעם בוך איז פינאַנסירט געוואָרן
דורך דער חברה קדישא אין בוענאָס־איירעס און די
הכנסה איז באַשטימט פאַר קולטור־הילף פאַר
די שארית־הפליטה.

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

28

רעדאקטאָר:

מארק טורקאָוו

פארלאגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

ש. איזבאַן

„אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען

(די געשיכטע פון אַן אומלעגאַלער רייזע קיין ארץ ישראל)

מיט אַ פאָרוואָרט פון

רות קלינגער

★

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

(מיט דער פינאַנסיעלער מיטהילף פון דער חברה קדישא אין ב.-איירעס)

בוענאָס-איירעס, 1948

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
S. ISBAN, New-York

S. ISBAN

"Umlegale" idn shpaltn iamen

("JUDIOS CRUZAN MARES")

Buenos Aires, 1948

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723

אינהאַלט

פאָרוואָרט פון רות קליגער — — — — — — — — — — — 7

1. דער אָנהויב פון „יציאת אייראָפּע" — — — — — — — 11

2. די „ים-וועלף", וואָס פירן פּליטים — — — — — — — 17

3. די לופט-נסיעה קיין אייראָפּע — — — — — — — — 23

4. גויים, וואָס ווילן זיך אָנשליסן אין די יידישע ים-וואַנדערונגען — — — — — — — — — — — 30

5. אין דער הויפּט-קוואַרטיר פונעם יידישן אונטערגרונט — 38

6. אויף אַ שיף, וואָס איז אָפּגעשניטן פון אַלע ברעגן — — 46

7. די געשיכטע פון אַן „אומלעגאַלער" שיף — — — — — 54

8. דער קאַפּיטאַן פון אַ פּליטים-שיף — — — — — — 61

9. פּאַטרעטן פון „אומלעגאַלע" מאַטראָזן — — — — — 70

10. ביי די הגנה-פּארשטייער אויף דער שיף — — — — — 77

11. אויף אַ געהיימער באַראַטונג פון דער הגנה — — — — 85

12. דער איינזאַמער שלאָס — — — — — — — — — — 93

13. ענגלענדער זוכן די פּליטים-שיפן — — — — — — — 102

14. דער בונט פון מאַטראָזן — — — — — — — — — 111

15. מען שמוגלט די פּליטים — — — — — — — — — 119

16. פּאַרטיזאַנען, געטאָ-אויפשטענדלער און וועטעראַנען — 128

17. מעפּילים-שיפן קומען!... — — — — — — — — — 138

18. די געבורט פון ערשטן מעפּילים-קינד — — — — — — 147

19. אין אַ פּריוואַטיק צו נאַכטס — — — — — — — — — 156

20. מען גרייט זיך צום ווידערשטאַנד — — — — — — — 164

21. **באַגעגעניש מיט ענגלישע קריגס-שיפן — — — — — — 171**

22. די שלאַכט צווישן יידן און ענגלענדער — 178
23. די געפֿאַנגענע יידן־שיף אין חיפה — 186
24. אויפֿן וועג קיין ציפּערן — 194
25. אויפֿן תפיסה-אינדזל — 203
26. די ראַנגלענישן פֿון זעכצן טויזנט מעפּילים — 210
27. מחנות פּליטים פֿאַרלאָזן ציפּערן — 217
28. אַ געפֿאַנגענער אויפֿן אינדזל פֿון פֿאַרטריבענע — 225
29. די ערשטע נאַכט אין חיפֿהר תפיסה — 235
30. צוויי טיפּישע אַרעסטאַנטן אין דער תפיסה — 245
31. די אויפֿשריפֿטן אויף דער וואַנט — 254
32. די קאַמער נומער צוואַנציק — 263
33. די ברוטאַלע באַהאַנדלונג פֿון די אַרעסטאַנטן — 272
34. אויף אַ פֿאַרהער ביי די ענגלענדער — 280
35. גנבה און קאָרופּציע אין דער תפיסה — 287
36. יידישע אַרעסטאַנטן ווערן פֿאַרהונגערט — 294
37. פֿון דער תפיסה צום לופֿט־פֿעלד — 302
38. איבערן „טונקעלן קאָנטינענט" צוריק קיין אייראָפּע — 309
רשימה פֿון דער ביכער-סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" — 316
פּרעסע־שטימען — 318

☆☆
☆

די עפּאָפּייע פון דער איינציק לעגאַלער עליה פון דעם יידישן פאָלק אין זיין אייגן לאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1935 אויף אַ קליינטשיקער זעגל-שיף מיטן נאָמען „וועלאָס". 60 חלוצים, הויפּט-זעכלעך פון פוילן, האָבן דאַן עולה געווען.

די שליחים פון דער הגנה, וואָס האָבן אונטערגענומען דעם דאָזיקן צווייג פון הגשמה און חלוציות, האָבן נישט געהאַט די הסכמה און ברכה פון אַלע. זיי האָבן אָבער געהאַט אימפּעט און וויזיע. קיינער פון זיי איז נישט געווען קיין „פאַכמאַן" פון שיפן און ים-נסיעות. חוץ זייערע אייגענע איבערלעבונגען אַלס דעק-פּאַסאַ-זשירן פון פערטן קלאַס, בשעת זיי זענען אַליין עולה געווען קיין ארץ ישראל — האָבן זיי וועגן שיפס-פּראָבלעמען גאָרנישט געוווסט.

ביז צום יאָר 1939 האָבן אַזעלכע שיפלעך פון צייט צו צייט, מיט לאַנגע הפסקות, זיך דערשלאָגן צו די ברעגן פון יידישן לאַנד.

דער לעצטער פאַרמלחמהדיקער קאָנגרעס אין גענף און בערל קאַצענעלסאָנס מעכטיקער אויסגעשריי אויף דער טריבונע פונעם קאָנגרעס האָט אַנטגילטיק דורכגעבראָכן די באַריערעס.
די שליחות פון דער הגנה איז אויטאָריזירט געוואָרן פון דער טריבונע און פון דעם ווילן פון יידישן פאָלק.
ושבו בנים לגבולם!

**
*

צווישן „וועלאָס" און „יציאת איראָפּע" ליגן אין די טיפענישן פון פיינטלעכע ימים „סאַלוואַדאָר", „סטרומא", „פּאַטריאַ", עס שטאַרצן פאַר אונדזערע אויגן די רעשטלעך פון דער גערעטעווע-טער „מעוקורא", עס ליגן צעשפּרייטע, געמאָרדעטע, אין אַש פאַר-וואַנדלטע מיליאָנען אויף אַלע יבשות פון איראָפּע, און צענדליקער טויזנטער לעבעדיק געבליבענע עדות פון פאַרניכטונג און ווידער-געבורט.

די לעבעדיקע מתים פון די פאַרניכטונגס-לאַגערן בערגן-בעלזן, דאַכאַאו, בוכנוואַלד, ראַוועסבריק, די מיד-געוואָרענע קעפּ פון די לעבנגעבליבענע יידן פון די אָקופּירטע געגנטן אין איטאַליע, פראַנק-רייך, בעלגיע, האָלאַנד, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע און אונגאַרן; די אָפּגעראַטעוועטע וווינציקע רעשטלעך, פון די פאַרטיזאַנען און געטאָ-אויפשטענדלער פון פוילן און ליטע — האָבן דעך אין זייער גוף און ליכט אין זייערע אויגן באַקומען, ווען די ערשטע חברים פון ארץ ישראל אין אוניפאָרמען פון דער יידישער בריגאַדע אָדער אין די אוניפאָרמען פון ארץ ישראלדיקער חלוציות, אָדער פון פאַראַ-שוטיסטן, האָבן זיך פּנים אל פּנים מיט זיי באַגעגנט.

דער האַנט-דרוק פון די ארץ ישראלדיקע שליחים האָט זיי שווייגנדיק די שבועה געגעבן נישט צו רוען ביז דער לעצטער פון זיי וועט נישט אַהיימקומען אין זיין אייגן לאַנד.

און די הענט פון ארץ ישראל האָבן זיך פאַראייניקט מיט די הענט פון די שארית הפליטה און מיט דער דיוויזיע פון די אלמונים, פון די אַמעריקאַנער ראַביים, פון סתם יידישע בחורים און פון די נאָר געציילטע חסידי אומות העולם — פון די פּשוטע פישערס און הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן — בכדי אויף דרכים ולא דרכים, אין צעבראָכענע באָטן, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אויף צעבראָכענע רעלסן, דורך געפערלעכע גרענעצן, זיי אַלעמען צו קאָנצענטרירן.

און שיפן, וואָס האָבן ווי גאָר אַלטע מענטשן שוין לאַנג זייער צייט געהאַט אָפּגעדינט און זיך געטרייסלט פון יעדער באַוועגונג, זענען שטאַרק און מעכטיק געוואָרן.

קיין שום האַפן האָט די שיפן נישט אויפגענומען, בכדי זיי צו באַשפּייזן, קיין שום נאַפט-רעזערוון און קוילן-לאַגערן איז פאַר זיי

נישט געווען פריי. אפילו וואסער צום טרינקען האָט מען געמוזט פאַרזאָרגן בגנבה.

אָפּגעוואַרט די שיפן און געפירט זיי צום ציל האָבן די שטאַרקע הענט פון דער הגנה, פון יענע יידישע זין און טעכטער, וואָס האָבן די שליחות פון זייער פאָלק אויף זיך גענומען, וואָס האָבן מיטן ציטער פון זייער האַרץ געפילט דעם זכות און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זייער אויפגאַבע.

***

לאַנגע יאָרן האָט אַ קליין הייפעלע מענטשן געהאַט דעם זכות אַריינצוקוקן אין דעם בית-המקדש פון הצלת-עם.

און די געשיכטע פון דער גראַנדיעזער עפּאָפּייע וועלן שרייבן די דורות, וועלכע וועלן זיין די אייניקלעך פון די רעטערס און געראַטעוועטע.

דעמאָלט, ווען אויף די גרינע פעלדער פון עמק, אויף די בערג פון גליל און יהודה, פון דעם הר הצופים — וועט די אייביקייט פון מלכות ישראל שטיין.

די קליינע ליכטעלעך פון דעם דאָזיקן בוך, פּונקט ווי פון סטאַנס און מערי סירקינס ביכער, וואַרפן אָן פראַגמענטן פון מלחמת חרות און חלוצישער דערהויבנקייט.

און אפשר וועלן די דאָזיקע געשיכטע דאַרפן שרייבן די קינדער, וואָס זענען אויף די שיפן געבוירן געוואָרן...

קענט איר זיך פאָרשטעלן וואָס אַ מוטער פילט ווען זי ברענגט אויף דער וועלט אַ יידיש לעבן אויף אַזאַ שיף? קענט איר זיך פאָרשטעלן וואָס עס פילט יעדער פון די גליקלעכע אויף אַזאַ שיף?

און האָט איר זיך אַריינגעטראַכט ווי אַזוי דער גאַנצער ארץ ישראלדיקער ישוב ציטערט שוין טאָג פאָרויס אַזאַ שיף אַנטקעגן?

און וואָס פילן די בחורים און די מיידלעך אין די ישובים אויף די ברעגן, ווען אויף זייער מזל פאַלט אויס דער גורל צו זיין די ערשטע אויפצונעמען די קינדער, פרויען און מענער — אַ שיף, וואָס האָט דורכגעבראָכן די בריטישע בלאָקאַדע?

און קענט איר זיך פאָרשטעלן אין די מאָמענטן, ווען אין חיפה צווינגט דער באַוואָפנטער שונא, אונדזערע ברידער און שוועס־טער — נאָכדעם ווי זייערע אויגן האָבן שוין דעם כרמל געזען און האָבן שוין איינגעאָטעמט די לופט פון ארץ ישראל — צו פאָרן אויף לאַנגע חדשים קיין ציפערן?

ווייסט איר אַזוי ווי זיי קעמפן מיט בלויזע הענט אַקעגן דער הימלשרייענדיקער גזירה?...

***

איך דערמאָן זיך, ווען אין אַ זומערדיקן שבת זענען 300 פרו־מע יידן, קינדער, מענער און פרויען, געקומען אויף דער באַן־סטאַ־ציע אין מאַרסעל און האָבן נישט געוואָלט פאָרן מיט די אָפּוואַרטנ־דיקע זיי אויטאָבוסן 7 קילאָמעטער ווייט צום ים־ברעג, וווּ עס האָט אויף זיי געוואַרט די שיף, וואָס האָט זיי געדאַרפט אַוועקפירן אין זייער היים.

ווען איך האָב געפּרוּווט זיי אויפקלערן, אַז דער וועג איז אַ ווייטער און די זון ברענט, האָט מיר אַ בלייך בר־מצוה ייִנגעלע, וואָס איז נאָר־וואָס באַפרייט געוואָרן פון די לאַגערן, מיט שטאָלץ געענטפערט:

— אויב מיר האָבן געקענט מאַרשירן אונטער די נאַצישע בייטשן הונדערטער קילאָמעטער אין טויט אַריין, קענען מיר מאַר־שירן 7 קילאָמעטער ווייט אין לעבן אַריין...

און דאָס דאַזיקע בוך פון ש. איזבאַן ווייזט אַ ניצוץ פון דעם וועג, וואָס די הגנה האָט אָנגעצייכנט צו ברענגען דאָס יידישע פאָלק אין דעם נייעם אייביקן לעבן אַריין.

רות קלינגער

יאַנואַר 1948, אין בוענאָס־איירעס.

קאפיטל איינס

דער אַנהויב פון „יציאת איראָפּע"

די געשיכטע פון דער אַזוי איראַניש-גערופענער „אומלעגאַלער" עמי־גראַציע וואָס שטראָמט קיין ארץ ישראל, איז נאָך נישט געשריבן געוואָרן. די געשיכטע מוז דערוויייל רעגיסטרירט ווערן אין די מוחות פון די עמי־גראַנטן אַליין. קאראַוואַנען מיט פּליטים-שיפן שווימען איבער אַלע זיבן ימען און ענגלישע קריגס-שיפן פון אַלע מינים, לויערן אויף זיי, נעמען זיי איבער און שיקן די פּאַסאַזשירן אין לאַגערן אויפן אינדזל ציפּערן.

וועגן דעם גאַנצן הינטערגרונט אַרום דער באַוועגונג פון אַריינפירן מאַסן אויסגעוואָרצלטע אין דעם יידישן לאַנד איז נאָך קוים דערציילט געוואָרן.

עס מוז אָבער פאַר דער וועלט אַנטפּלעקט ווערן דער גרויסער גע־ראַנגל וואָס דאָס איבערבלייב פונעם יידישן פאָלק פירט פאַר זיין קיום. דאָס איז אַ קאַפּיטל פון אונגעוויינלעכער גבורה, אויסדויער, שטאַנדהאַפ־טיקייט און מסירת נפש.

פון משה רבנו ביז יהושע בן נון, פון נבוכדנצר ביז כורש, פון טיטוס ביז די בילויים האָבן יידן אין אַלע גלותן געהאַלטן אין איין פאָרמירן אומלעגאַלע עקסקורסיעס קיין ארץ ישראל. קיין מאַכט אין דער וועלט האָט נישט געקענט אָפּהאַלטן די צוריקוואַנדערונג פון דעם אייביקן פאָלק אין זיין לאַנד. אָבער אַזאַ פאַרנעם, אַזאַ סטיכישן דראַנג ווי איצט, האָט נאָך קיין צוריקוואַנדערונג אין דער גאַנצער יידישער גלות-געשיכטע נישט געהאַט. דער וועג איז אַ וועג פון פּיין און יסורים, אַ וועג פול מיט גע־

פאַרן און איינשטעלעניש. אָבער עס איז דער איינציקער וועג פון ממשות-דיקער גאולה פאַר יענע פון אונדזער פאָלק, וואָס האָבן אויף אייביק פאַר־לוירן די ערד אונטער זייערע פיס.

ס'איז „כלו כל הקצין". מיליאָנען יידן זענען פאַרטיליקט געוואָרן. די שארית הפליטה רייסט זיך קיין ארץ ישראל, אָבער ענגלאַנד — ווי אַמאָל עמלק אין מדבר אויפן וועג פון מצרים — פאַרשפּאַרט פאַר זיי דעם וועג צו אויסלייזונג, יאָגט זיך נאָך זייערע וועגווייזער, פאָדערט סערטיפיקאַטן. נאָך אין יאָר 1939, גלייך נאָכדעם ווי ענגלאַנד האָט אַרויסגעגעבן דאָס אומגעזעצלעכע „ווייסע בוך", איז אין ישוב געבוירן געוואָרן דער געדאַנק אַריינצוברענגען גרויסע צאָלן יידן — די געזעצלעכע בעלעבאַטים פון ארץ ישראל — אין זייער לאַנד. די זעקס שווידערלעכע מלחמה־יאָרן האָבן געהאַלטן דעם געדאַנק אין די וויקעלעך, נישט געלאָזט אים רעאַליזירן. דער געדאַנק האָט זיך געכאָוועט ביי די איניציאַטאָרן, רייף געוואָרן און געווונען אָנהענגער איבער אַלע תפוצות ישראל. און ווען דער לעצטער שאָס אין איינגעשטילט געוואָרן אויפן שלאַכט־פעלד און מען האָט זיך גע־כאַפּט, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט געליטן אַ בלוט־אָפּלויף פון זעקס מי־ליאָן קינדער, האָט דער געדאַנק פון שיבת ישראל אין זיין לאַנד אָנגענומען קאָנקרעטע פאָרמען.

אין ניו־יאָרק און אין ירושלים, אין לאָנדאָן און אין רוים, אין שטאָק־האָלם און אין אָסלאָ, האָבן זיך אַרומגעדרייט די איניציאַטאָרן פון דער גראַנדיעזער אונטערנעמונג. נישט קיין בעלי חלומות און פאַנטאַזיאָרן זע־נען דאָס געווען, נאָר מענטשן פון טאַט, מענטשן פון וויזיע וואָס האָבן געקענט פאָראויסזען, אַז די שווערע שלאַכט, די שלאַכט אויף לעבן און טויט, אין וועלכער מיר זענען פאַרוויקלט, פאָדערט פון אונדז גוואַלדיקע אָנשטרענגונג און קאָנצענטרירונג פון כוחות — זעעלישע, שכלדיקע און פּאָליטישע — דורכצופירן די רעטונג פון די שארית ישראל. יעדער צוג מוז ווערן געמאָסטן און געוואויגן. איילעניש קען ברענגען צו דורכפאַל. דער אינסטינקט טאָר נישט באַהערשן דעם מוח. יעדער שריט וואָס ווערט געמאַכט סיי דורך דעם כלל, סיי דורך דעם פּרט, מוז שטיין אונטער נאַ־ציאָנאַלער דיסציפּלין. דער נסיון אין וועלכן מיר זענען געשטעלט געוואָרן

איז גרויס, שטערונגען און מכשולים לויערן אויף שריט און טריט. כדי ארויסצוגיין בשלום פון דעם נסיון, פאָדערט זיך אייניקייט פון כוחות און אומגעהויערע אחריות לויט אייגענע געפילן. דער ישוב אין ארץ ישראל און די יידישע קיבוצים איבער דער וועלט פירן איין געמיינזאַמען קאַמף. און דער יידישער כלל קען זיך נישט פאַרגינען צו האָבן צווישן זיך צוימען־ברעכער.

דאָס ווייסן די פירער פון יציאת אייראָפּע. דאָס ווייסן די קאַפּיטאַנען וואָס פירן די פּליטים-שיפן, דאָס ווייסן די וועגווייזער וואָס באַגלייטן די טראַנספּאָרטן, און דערפאַר ווערט די ארבעט געטאָן אָן טומל, אָן רעקלאַמע, באַשיידן און אין דער שטיל. און אויב די דאָזיקע הייליקע ארבעט קען אָנגערופן ווערן „קאָנספּיראַציע" — ווי בעווין רופט עס — איז דאָס קאָנספּיראַציע אין דעם שענסטן און אידעאַלסטן זין פון אָט דעם באַגריף. ס'איז אַ קאָנספּיראַציע קעגן אַ רעזשים וואָס האָט אונטערגעשריבן אָפּ-מאַכן און זיי געבראָכן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פייערלעכע הבטחות און זיי נישט געהאַלטן. אַ רעזשים, וואָס האָט גענומען אויף זיך אינטערנאַ־ציאָנאַלע התחייבותן און זיי געטראָטן מיט די פיס. ס'איז די קאָנספּיראַ-ציע קעגן אַ מלכות זדון, וואָס — אין דער צייט פון אונדזער גרעסטער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע — באַלאַגערט זי דאָס יידישע לאַנד און צע־שניידט די רעטונגס-גאַרטלען פון די זיך טרינקענדיקע רעשטלעך פון פאָלק, וועלכע רייסן זיך צו די ברעגן.

און די „קאָנספּיראַטאָרן" זענען די וואַכזאַמע העלדן אונדזערע. זיי זענען די אַלאַרמירער, זיי זענען די היינט-צייטיקע יידישע פּאַול רעוויערס, וואָס טראָגן זיך מיט אַ גאַלאָפּ איבער אַלע יידישע צעשפּרייטקייטן צו וועקן דאָס פאָלק צו זיין טאָטאַלער באַפרייאונג. אויף זייער רוף האָבן זיך רעקרוטירט די שענסטע און בעסטע זין פון דעם אַמעריקאַנער יידנטום.

די פלאַמען אין מאַידאַנעק האָבן נישט בלויז פאַרברענט זעקס מיליאָן פון די קינדער פון ישראל, נאָר זיי האָבן אויך אָנגעצונדן די התלהבות און די אַנטשלאָסנקייט ביי אַ גרויסן טייל פון דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע.

ביים שיין פון די קידוש-השם-פייערן האָט אויפגעלויכטן אַ באַגייס־טערונג. הערצער האָבן זיך געצונדן, אַן אייזערנער ווילן איז אויסגעשמידט

געוואָרן. די וועכטער פון ישראל האָבן געזוכט וואָלונטירן און עס האָבן זיך געמאָלדן געקליבענע אַמעריקאַנער בחורים וואָס האָבן באַשלאָסן צו גיין אויף אַלע אונטערוועגן, שלייכן דורך אונטערערדישע טונעלן, אַבי אַרויסצוראַטעווען דאָס איבערבלייב פון דעם נישט-דערשאָכטענעם פאָלק.

ווער זענען די אַמעריקאַנער יידישע בחורים, וואָס האָבן באַשלאָסן צו ווערן ים־מענטשן, באַשלאָסן זיך צו שטעלן אין דינסט פונעם פאָלק אין זיין נויט־שעה?

דער געניטער אָבסערוואַטאָר וועט באַמערקן, אַז עפּעס טיילט די דאָ־זיקע יונגע מענטשן אויס פון דער אַמעריקאַנער דורכשניטלעכקייט; עפּעס, וואָס לאָזט זיך נישט אָנרופן מיט קיין נאָמען, וואָס לאָזט זיך נישט צוימען אין אַ באַשטימטן טערמין — שיילט אַרויס די דאָזיקע יונגעלייט פון דער אַמעריקאַנער גרויער אויבערפלאַך. אין פלוג דוכט זיך, אַז דאָס זענען די געוויינלעכע אַמעריקאַנער באָיעס, וואָס זייערע פּנימער טרעפט מען אין די „סאָבוויים", אין די אוניווערזיטעטן און אין די פּאַרוויילונגס־פּלעצער. אַזוינע פּנימער באַגעגנט מען אויף ספּאָרט-פּייערונגען און אויף שווים־פּאַרמעסטונגען. דאָס זענען די פּערמאַנענטע לייענער פון די „פּאַנים" אין די טאָג-צייטונגען, דאָס זענען די זאָרגלאָזע קינאָ־גייערס.

אָבער דער פּאָרזיכטיקער באָאָבאַכטער טאָר זיך נישט איילן. ער מוז וואַרטן מיטן אַרויסגעבן דעם אורטייל. אַ געדולדיקער אַריינבליק אין די אויגן פון אַזאַ בחור וועט אים איבערציינגן, אַז דאָ שטייט פאַר אים אַן אָפּגעקליבענער, אַן אויסדערוויילטער פון דער יידישער יוגנט. באַמערק די פּייערלעכע ערנסטקייט, דעם אויסדויער, די עקשנות, דעם יידישן „אַף־על־פּי־כן"־שטריך אויף זיין פּנים און דו מוזט קומען צו דער איבערציי־גונג, אַז אַזעלכע אויסדערוויילטע, זענען די שמנתא וסלתא פון דער יידי־שער יוגנט אין אַמעריקע, וואָס האָט אַ זין און אַן אויפגאַבע אין לעבן. זייער דערשיינונג איז אַן אָפּלייקענונג פון דער טעאָריע, אַז דער יונגער אַמעריקאַנער ייד סימבאָליזירט אַ דור פון שפּילעריי און לייכטזיניקייט.

צווישן די, וועלכע ווילן זיך פרייוויליק אָנשליסן אָן דער ים-באַווע־גונג און העלפן פירן די פּליטים-שיפן, געפינען זיך בחורים, וואָס פאַר זייטיקע באַאָבאַכטער מיט אַ דראַנג נאָך קוריאָזיטעט וואָלטן זיי געהייסן

משיקאַווע טיפּן, אויסטערלישע כאַראַקטערן, קאַלירפולע פּערסאָנאַזשן, וואָס מען באַגעגנט אויף די טומלדיקע גאַסן פון ניו־יאָרק. אָבער דאָס זענען נישט קיין טיפּן, קיין כאַראַקטערן, קיין פּערסאָנאַזשן. דאָס זענען געזונטע יידישע בחורים, געזונטע פיזיש, געזונט אין מענטאַליטעט, ביי וועמען דער אויפגעוואַכטער נאַציאָנאַלער אינסטינקט רופט זיי זיך צו שטעלן אין דינסט פון פאָלק.

און זיי שטעלן זיך אין דעם הייליקן דינסט מיט דעם גאַנצן ברען און ענטוזיאַזם פון זייער נשמה. זיי ווייסן וואָס עס האָבן דערגרייכט זייערע פאָרגייער אויף די ערשטע שיפן. די דערהויבענע אַוואַנטורע פון די ים־פּיאָנערן האָט זיך געלוינט. די רעזולטאַטן זענען אומגעהייער. אונדזערע בחורים זענען אויך אינפאָרמירט אין דער סטאַטיסטיק. אין פאַרלויף פון איין יאָר צייט זענען דרייסיק שיפן צוגעשווימען צו די ברעגן פון ארץ ישראל. נישט אַלע זענען געכאַפּט געוואָרן פון די ענגלענדער. וועגן יענע שיפן וועמענס פּאַסאַזשירן האָבן באַוויזן צו לאַנדן ערגעץ אין יידן־לאַנד ווערט פאַר דער וועלט נישט דערציילט. אַזוי אַרום איז דער ישוב פאַרמערט געוואָרן מיט נייע פערציק טויזנט יידישע בירגער. מען דאַרף אויך נישט אַרויסלאָזן פון חשבון, אַז אַלע דעפּאָרטירטע יידן אין ציפּערן זענען פּאָטענציעל שוין איצט ארץ ישראל־בירגער.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, ווי די ענגלענדער טרייבן זייער אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע אין אַ פאַרקערטער פּראָפּאָרציע. וואָס דערפאָלגרייכער עס ווערט די יידישע „אומלעגאַלע" עליה, וואָס מער פּליטים־שיפן עס טראָגן זיך אויף די מיטל־לענדישע וואַסערן, אַלץ מער מורא און גרויל וויל דער בעווין־רעזשים אָנוואַרפן אויף דער יידישער וועלט. די בריטישע טעלעגראַפן־אַגענטור אַלאַרמירן אַלע פינף קאָנטינענטן מיט באַריכטן, אַז אינטערנאַציאָנאַלע שיף־אַגענטורן פּראָפּיטירן פון די יידישע ליידן און פירן צענדליקער טויזנטער אומגליקלעכע מענטשן אויף צעבראָכענע מול־טערם און ריזיקירן פרעמדע לעבנס, וואָס נויטיקן זיך אין שוץ און מיטלייד. באַמערקט נאָר די צביעות וואָס האָט בלויז איין ציל — אָפּצושרעקן די אויסגעוואָרצלטע יידן פון לאָזן זיך אין וועג אַריין.

אָבער די דאָזיקע בעווין־פּראָפּאַגאַנדע איז אַ דורכפאַל באַלד ביים אָנ־

הויב. זאָל דאָס זיין אַ נערוון-קריג, איז עס לעכערלעך. דאַרף דער צוועק זיין אָנצוװאַרפן פּחד אויף די דערנידעריקטע, פאַרשעמטע לאַגער־יידן — שטאַרקט עס בלויז זייער אַנטשלאָסנקייט. מיט די פאַלשע באַריכטן וועט מען נישט צעטומלען די אויסגעוואָרצלטע יידן, וואָס רייסן זיך קיין ארץ ישראל. עס וועט אויך נישט געלינגען מיט די באַריכטן צו פּראָוואָצירן די אָרגאַניזאַטאָרן פון די פליטים־שיפן זיי זאָלן אַרויסגעבן דעטאַלן וועגן די שיפן, ווו מען קריגט זיי, וואָס איז זייער קאַפּאַציטעט אָדער אויפנאַם־פע־איקייט. איינס קען מען אָבער פאַרזיכערן די ענגלענדער, וואָס זענען אַזוי באַזאָרגט פאַר די לעבנס פון די יידישע פליטים, אַז יעדע פליטים-שיף, וואָס ציט קיין ארץ ישראל איז אין אַ פּערפעקטן צושטאַנד, מיט די בעסטע איינריכטונגען און אויסגעצייכנטער אויסשטאַטונג. די הגנה, דער מעכטי־קער שוץ-אָרעם פון ישוב האָט אויף זיך גענומען אָט די זאָרג.

פּונקט ווי ס'איז אמת וואָס די יידישע מסורה דערציילט, אַז אין יע־נעם טאָג ווען דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, איז משיח געבוירן געוואָרן, — אַזוי איז אויך אומבאַשטרייטבאַר דער פאַקט, אַז אין יענער שעה, ווען די קוימענס פון די קאַלך־אויוונס האָבן אויפגעהערט צו רויכערן, האָבן די ערשטע פליטים־שיפן זיך גענומען טראָגן צו די ברעגן פון ארץ ישראל.

דער „מאָרגען זשורנאַל”, וואָס האָט מיר איבערגעגעבן די שליחות מיטצוגיין אויף אַלע אונטערערדישע וועגן מיט די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער ים-באַוועגונג, צו שלייכן דורך פאַרבאָרגענע טונעלן, צו באַגלייטן די פּלי־טים-שיפן איבער אַלע זיבן ימען — האָט מיר אָנפאַרטרויט אַ מיסיע וואָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן פּראַקטיקע שפּאַנונג און געפאָדערט גרויסע אחריות.

מיט אַ געפיל פון ערפורכט בין איך געגאַנגען עפענען די טיר פון דעם הויפּטקוואַרטיר, ערגעץ אין ניו־יאָרק, ווו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט ערב זייער אָפּפאָר אַ גרופּע מוטיקע בחורים, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו זיין די ים־שומרים אויף די שווימענדיקע געצעלטן פון ישראל.

קאפיטל צוויי

די „ים-וועלף", וואס פירן פליטים

דאס שטילע הויז אין ניו־יאָרק, ווו עס קומען זיך צונויף — א פאר שעה פאר זייער אפפאר — די בחורים פון דער פריווויליקער מאנשאפט, די צוקונפטיקע „ים-וועלף" פון די פליטים-שיפן, קוקט אויס ווי א קונסט-גאלעריע. די ווענט זענען באהאנגען מיט בילדער, די צימערן זענען פול מיט אומשאצבארע אנטיק-זאכן. אפילו די שווערע שטיקער מעבל דער־מאנען אן אפקלייב פון א זעלטענער קאלעקציע. דער יונגערמאן, וואס וואכט אויף זיין מאנשאפט איז זייער ערנסט. ער רעדט צוגעלאזן, פריינט־לעך, אבער פארזיכטיק. זיין סעקרעטארין ביים שרייב־טיש איז דווקא א ליכטיק, געפוצט מיידל. זי האט א העל, געפלעגט פנימל מיט א קאפ צע־וויקלטע לאקן. לויט איר פלינקער און געשיקטער פינגער-פויקעריי אויף דער שרייב־מאשין, לויט דער גלייכגילטיקייט, מיט וועלכער זי טוט איר רוטין-ארבעט, וואלט זי געדארפט זיין איינע פון יענע טויזנטער דורכ-שניטלעכע סטענאגראפיסטקעס, וואס פילן אן טעגלעך די טומלדיקע ביו-ראס אין די וואלקנקראצערס פון ניו־יאָרק. זי איז אבער א יידישע טאכ־טער, וואס ווייס די דיסקרעטע פאראנטווארטלעכקייט פון איר ארבעט. זי איז אוודאי נישט קיין ענטוזיאסטקע פון „דזשיטערבאג"־טענץ. אונטער אן אנדערן הימל, אונטער אנדערע אומשטענדן, וואלט זי געקענט זיין א קראנקן-שוועסטער אין חדרת, א קיבוץ־מיידל אין בית אלפא.

דער יונגערמאן, וואס דיקטירט איר די בריוו, ווערט אומגעדולדיק. ער קוקט אויף זיין האנט-זייגער יעדע פאר מינוט — א צייכן, אז זיינע מענטשן האבן שוין באדארפט דא זיין. זיין געשפאנטקייט ווערט באגלייט פון דער האסטיקער פינגער־קלאפעריי פון זיין סעקרעטארין אויף דער שרייב-מאשין. פלוצים נעמען זיך עפענען טירן, די באוועגונג און די אפע-נע ארייננגאנגען צעשטערט די אילוזיע, אז דאס שטילע הויז איז א מו־זיי, צי א קונסט-גאלעריע. אין געציילטע מינוטן ווערן די רחבותדיקע צי־מערן פארוואנדלט אין אווארט-זאל פון א פילדערנדיקן וואקזאל.

איינער נאָכן אַנדערן שיטן זיך אַריין די שטאַרקע, געוויקסיקע יונגען פון דער מאַנשאַפט. מען וואַרפט פון די פּלייצעס אַראָפּ שווערע רוקן־זעק, מען שטעלט אַוועק אָנגעלאָדענע וואַליזעס. מען גרופּירט זיך אין הייפעלעך, אין רעדלעך און עס גייט אָן אַ סודותדיקער שמועס. דאָס זענען די יידישע פּרידלעכע „קאָנספּיראַטאָרן״ — קאָנספּיראַטאָרן קעגן דער ענגלישער ממשלת־זדון, וואָס איז טויב צו דעם רעטונגס־געשריי פון די אויסגע־וואָרצלטע לאַגער־יידן פון די פּאַרשעמטע און דערנידעריקטע יידן, פון די בראַנד און פייער־יידן.

מיין באַקאַנטשאַפט ווערט געשלאָסן פלינק. דער קעגנזייטיקער צו־טרוי ווערט געוואונען גיכער ווי כ'האָב דערוואַרט. פּאַרטרוילעכע אויגן קוקן אויף מיר. די צייט ביז צום אָפּפאָר איז קורץ און רעדן דאַרף מען אַ סך. כ'דאַרף זעטיקן די נייגעריקייט פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ דערשיינונג, אַז יידישע בחורים פון שעפער, פון שולן, פון ביוראָס, זאָלן פאַרלאָזן זייערע שטעלעס, פאַרלאָזן דעם טאַטנס זאַטן טיש און לאָזן זיך מיט אַזאַ פיבער־דיקן ברען אויף די וואַנדערונגען? איז עס דער דראַנג נאָך אַוואַנטורע? איז עס די אַנטוישונג אין דער נאָך־מלחמה־וועלט?

פאַרזיגלטע ליפּן עפענען זיך. געעפנטע צינגער ווערן לויז. לאָמיר הערן אַלץ מפּי העם. אַט שטייט פאַר מיר דער געוויקסיקער חיים, דער שוואַרץ־אויגיקער, מיט דער ברענענדיקער יידישער עקשנות אויסגעקאַרבט אויף זיין יונגן פּנים. אַנטשלאָסנקייט אין זיינע מויל־ווינקלען, פייער אין זיינע בליקן. און דער גאַנצער אויסדרוק דערציילט פון אויסדויער און אומ־געבראָכענעם דראַנג צו העלפן אַריבערפירן די ערדלאָזע, אויסגעוואָרצלטע יידן אין דעם לאַנד, ווו זיי באַלאַנגען.

דו קוקסט אויף חיימען און דו ביזט אים מוחל, וואָס ער קען נישט קיין דף גמרא, וואָס ער האָט פאַרפעלט צו לערנען אַ פּרק משניות, ווי אונדזערע היימישע ווויללערנער האָבן געטאָן. זיין דינסט פאַרן פאָלק, זיין גרייטקייט צו וואָגלען איבער ימען און אָקעאַנען, כדי צו העלפן ראַטעווען די שארית ישראל פון פאַרטיליקונג — פאַרגיטיקט אַלץ.

חיים האָט אַ חשבון מיט דער גויאישער וועלט. ער האָט אַ חשבון מיט ענגלאַנד. ער קען דעם גאַנצן רעקאָרד פון דער שווינדלער־דיפּלאָמאַטיע,

וואָס ענגלאַנד פירט מיט אַמעריקע אין שייכות מיט די יידישע אַספּיראַ־ציעס אין ארץ ישראל. אַלע פּאָליטישע מאַניאָווורעס זענען איין קייט פון אַפּנאַרעריי און פאַלשקייט, אויף וועלכע עס איז בלויז פּעאיק דער „פּאַר־רעטערישער אַלביאָן". אַפילו דער נייער פּלאַן, וואָס בריטאַניע האָט מיט אַ צייט צוריק פאָרגעשלאָגן דעם יידישן פאָלק, איז נישט קיין פּלאַן, נאָר אַ ביטערער שווינדל, אַ שווינדל — ווייל עס איז נישטאָ קיין אויפריכטיקער ווילן צו לייזן דאָס ארץ ישראל־פּראָבלעם אין אַנגעזיכט פון אונדזער טראַגעדיע.

חיים רעדט שאַרף. ער רופט אָן זאַכן ביי נעמען. חיימס ווערטער, וואָס אָטעמען מיט שטאָלצן יידישן באַוווסטזיין פאַרחידושן מיך. פונוואַ־נען אַזאַ באַהאַוונטקייט אין יידישע ענינים ביי אַן אַמעריקאַנער יונגן ייד, וואָס ווערט אַזוי אָפט אָנגעקלאָגט דורך יידישע אינסטאַנצן ווי אַ גרויער, פלאַכער מענטש אָן אידעאַלן, ווי אַ דורכשניטלעכער „פּלעיבאָי"?

און חיים איז נישט דער איינציקער פון דעם נייעם טיפּ אַמעריקאַנער ייד. הינטער אים שטייט דער אימפּעטפולער, אומרואיקער יצחק. יצחק איז קורץ־געוואַקסן, אַ בלאָנדער מיט אַן עכטן יידישן אויסזען, קורצער, שקאָצעוואַטער נאָז, אַ ווילדער העלער שויבער האָר. פאַרוואָס עפּעס יצחק? פאַרוואָס רופט ער זיך נישט איזי, ווי עס האָט אים ליב צו רופן זיין מיידל, זיין מאַמע, זיין נישט־אויסגעגרינטער אָנקל? יצחק איז אָריגינעלער. יצחק איז געווען דער צווייטער פון די אבות. דער נאָמען איז חשובער, שטאָל־צער, ס'דערציילט פון שטאַם, פון יחוס, וואָס ציט זיך פון פאַר גלות מצרים.

יצחק איז זעקס און צוואַנציק יאָר אַלט. אויף זיינע יונגע פּלייצעס ליגט שוין די דערפאַרונג פון איין לאַנגער פאַרצוייגענער ים־וואַנדערונג. זיין רייזע איז נישט געווען קיין „פּיקניק", קיין לוסטיקער צייט־פאַרטרייב. ער איז דורכגעגאַנגען די שבעה מדורי גהינום. עס איז געווען מיט אַ יאָר צוריק. די ערשטע שיף מיט פּליטים איז געשווומען איבערן אַדריאַטישן ים. דער ענטוזיאַסטישער יצחק האָט געקראָגן אַ פאַרקילונג. די פאַרקילונג האָט געבראַכט לונגען־אָנצינדונג (נעאומאָניע). די נאַכלעסיקייט האָט שיעור נישט געקאָסט זיין לעבן. מען האָט דעם „אומלעגאַלן" מאַטראָז יצחק אַי־בערגעלאָזן אין איטאַליע. דריי חדשים אין שפּיטאָל האָבן אים צוריקגע־

שטעלט אויף די פיס. מיינט איר, אַז יצחק האָט אויפגעגעבן זיין אַמביציע צו ווערן אַ יידישער ים־וואָלף? דער וועג איז געווען אָפּן צוריק קיין ניו־יאָרק. אויף אים האָט געוואַרט אַ לעגאַלע אַמעריקאַנער שיף. אָבער יצחק האָט אויסגעקליבן דעם „אומלעגאַלן" וועג. ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אָן אַ צווייטער פּליטים־שיף. איין און צוואַנציק טעג האָבן די כוואַליעס גע־וויגט די שיף. דער קאַפּיטאַן איז געווען אַ גריך, וואָס פלעגט פירן אַ דאַמ־פּער איבערן קאָרינט־קאַנאַל. צו האַלטן קאָנטראָל אויף אַ מענטשן־טראַנס־פּאָרט איבער דעם בריטן מיטללענדישן ים איז פאַר אים געווען אַ צו שווערע אויפגאַבע. ער האָט געבלאָנדזשעט. די גאַנצע מאַנשאַפט האָט גע־האַט ווייניק דערפאַרונג, עס איז געווען אין סאַמע אָנהויב פון די ים־וואַנדערונגען. ס'האָט אויסגעפעלט וואַסער. שפּייז איז נישט געווען צו דער זאַט. סוף כל סוף האָבן שוין אַקעגן געהעלט די ליכטיקע ברעגן פון חיפה. אָבער דאָ זענען ענגלישע קריגסשיפן פאַרלאָפן דעם וועג.

די פּליטים זענען נישט אַראָפּ פון דער שיף אָן אַ קאַמף. אַלע זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין ציפּערן. יצחק צווישן זיי. דער ווייטערדיקער וועג האָט געפירט קיין ארץ ישראל. פון ארץ ישראל צוריק קיין אַמעריקע. איצט איז יצחק ווידעראַמאָל אָנגעשלאָסן אָן אַ מאַנשאַפט, וואָס וועט באַ־וואַכן אַ פּליטים־שיף.

פון אַ רעדל רוקט זיך אַרויס אַ פעסטער, ברייטפּלייציקער יונג מיט רויטלעכע אָנגעקרעפּטע באַקן. אין די בלויע אויגן טאַנצט אַ פרייד. אויף די ווייסע ציין קאַלערט זיך אַ געלעכטערל. ער וויל אויך דערציילן וועגן זיך. דאָס איז יוסף. ער קומט פון טשיקאַגאָ. זיין שפּראַך איז ווי אַ ווינט־מיל. ער לאָזט זיך נישט שטעלן קיין פראַגן. ער דערציילט וועגן זיין טאַטנס הויז, וועגן דער אַסימילירטער סביבה, ס'געלינגט מיר קוים אים אָפּצו־שטעלן.

— וואָס האָט דיך געבראַכט צו אַזאַ באַשלוס, יוסף?

יוסף איז אין די מלחמה־יאָרן געווען אַ ים־מענטש. ער האָט געדינט אין די „מוירטשענט־מאַרינס". אויף זיינע רייזעס איבער די אייראָפּעאישע לענדער, האָט ער באַגעגנט יידן, וואָס ער האָט קיינמאָל פריער נישט גע־קענט. אויסטראַליער יידן, עקזאָטישע יידן, אָבער אַלע זענען זיי געווען

טרויעריק, אַלע זענען זיי געווען פאַריתומט. אַפּגעריסענע גלידער פון פאַרצווייגטע משפחות, וועלכע זענען פאַרטיליקט געוואָרן דורך אומציי־ליקע מיתות משונות. די דערציילונגען וועגן דער גרויזאַמער אויסראָ־טונג פון מיליאָנען יידן, האָבן אין יוספן עפּעס אויפגערודערט. געדאַנקען פון וועלכע ער האָט קיינמאָל פריער נישט געוווסט, האָבן אים איצט גע־בריט, געפּלאָגט. ער איז געוואָרן אומרואיק. דער אומרו האָט פון אים מער זיך נישט אָפּגעטאָן, אפילו נאָכדעם, ווי ער איז אַריין אין ציווילן לעבן. דערוויסנדיק זיך וועגן די יידישע ים־וואַנדערונגען, האָט ער מיט התלהבות זיך אָנגעשלאָסן אָן דער באַוועגונג.

יוסף איז באַשיידן און אויפריכטיק ווען ער דערציילט, אַז ער האָט אויף אַזאַ געלעגנהייט געוואַרט. דורות פאַר אים האָבן נישט געהאַט אַזאַ זכיה עפּעס צו קענען טאָן אויף אַ ממשותדיקן אופן פאַר דער רעטונג פון פאָלק. ער איז גליקלעך, וואָס אים איז בייגעשטאַנען די זכיה צו לעבן אין אונדזער דור.

יוספס בלויע אויגן ווערן אומעטיק, ווען ער ענדיקט ריידן. דאָס גע־לעכטערל אויף די ווייסע ציין פאַרשווינדט. איבערן פּנים גייט אויף אַ גרימאַס. ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און פרעגט מיך צי כ׳וויל נישט באַ־קענען זייגעם אַ נאָענטן חבר, אַ שייגעץ, וואָס האָט אויך באַשלאָסן מיטצו־פאָרן אויף די ימען און צולייגן זיינע הענט און פלייצעס אויף צו באַקעמפן די בריטישע גזירות.

כ׳דריק די האַנט פון יוספס חבר, אַ קנאַכיקער, ברוין־הויטיקער יונ־גערמאַן, וואָס איז אויסגעפּוצט. זיין אַנצוג געפּרעסט. דאָס ווייסע העמד — שטייף־געקראָכמעלט. דער ברייטער הוט — אָן אַ קנייטשעלע. די שווארצע שיך — לאַקירטע שפּיגלען. אויפן ערשטן קוק נעם איך אים אָן פאַר אַ האַלב־שוואַרצן, אַ מולאַט פון דעם בעסערן טייל האַרלעם. ער איז אָבער אַ פּאָרטאָריקאַנער. ער קוקט בכלל נישט אויס ווי אַ נערוועזער ים־פּאַסאַזשיר אַ שעה פאַר זיין אָפּפאָר. ער דערמאָנט גיכער אַ געלאַסענעם, פלעגמאַטישן שפּאַצירער פון קוני־איילאַנד. דער ציל פון זיין רייזע? עס וואָלט געווען איבערגעטריבן אים צוצושרייבן פאַרטיפּטקייט אין יידישע פּראָבלעמען. בלויז זיין צוגעבונדנקייט צום יידישן חבר, דאָס נישט קענען

זיך שיידן מיט דעם בראַוון יוסף, האָט אים געבראַכט צו טיילן דעם גורל פון יידישע וואַנדערער.

דער פּאַרטאָריקאַנער איז נישט דער איינציקער גוי־אידעאַליסט, וואָס גייט נעמען אויף זיך דעם עול פון יידישן פּיין.

עס שטעלט זיך פאַר מיר פאַר אַ יונגער, קרעפּטיקער אירלענדער מיט אַ פּאָר אויסגעשטויסענע פּלייצעס. זיין פּנים — ברוין־רויטלעך, ווי אַן אָפּגעפּרעגלטער קאָטלעט. דאָס איז אַן אמתער „איירישׂ־סקאַטש״, אַ קאַטאָ־ליק, 25 יאָר אַלט. ער וויל מיט עפּעס העלפן יידן. ער דאַרף אפילו אָט־אָט ענדיקן האַרוואַרד־אוניווערזיטעט. אָבער ער וועט נישט פאַרשפּעטיקן צו ווערן אַ „פּראָפעסאָר״ אין אַ יאָר, צוויי אַרום.

דער אירלענדער איז געקומען אַהער מיט דער טיפסטער איבערצייגונג, אַז זיין וועלט, די גויאישע וועלט, איז עפּעס שולדיק די יידן. מיט אָט דער איבערצייגונג וועט ער זיך זעצן אויף אַן אומלעגאַלער שיף און דורכמאַכן דעם גלות־ציפערן. ער דערציילט פון זיין פּערזענלעכן לעבן. דאָס באַלויכט אַביסל זיין גאַנצן הינטערגרונט. ער איז אַ קאַטאָליק, זיין ווייב — אַ פּראָטעסטאַנטקע פון דרום, וואָס איז פאַרביסן אַנטי־קאַטויליש. די פאַנאַ־טישע שווער און שוויגער קריגן זיך מיט דער טאָכטער, העצן זי קעגן דעם קאַטוילישן מאַן. דערצו האָט אונדזער טיפּישער אירלענדער נישט פאַר־פעלט צו באַגעגענען אַ היבש ביסל אַנטיסעמיטן צווישן זיינע אייגענע אירלענדישע קאַטאָליקן. די שטענדיקע מלחמה מיט זיין ווייבס פּראָטעס־טאַנטישע עלטערן, דאָס דערשפּירן זיך אַליין ווי אַ באַעוולהטער, האָט אים געטריבן אינעם לאַגער פון באַעוולהטע און געוודפטע. דאָס שפלות־קאָמ־פּלעקס פון זיין אַ באַליידיקטער האָט — פּסיכאָלאָגיש גערעדט — נישט קיין קליינעם חלק אין זיין איבערגאַנג אין דער יידישער מחנה.

נאָך איין טשיקאַווער טיפּ צווישן די פּאַסאַזשירן, וואָס שטייען אויף דער גויאישער זייט איז אַ יונגער גלח. דאָס איז אַ קאַליפאָרניער פּערזאָן. ער שווייגט ווי אַ ספינקס. די עוואַנגעליע און אַ קליינע וואַליזע זענען צידה לדרך. ער איז פאַרבונדן מיט דעם קריסטלעכן קאָמיטעט פאַר ארץ ישראל. אויף זייער איניציאַטיוו און זייער שליחות פאָרט ער טאַקע אויף אַ פּליטים־שיף. נאָכן צוריקקומען וועט ער אָפּן באַריכטן פאַר דער גויאישער

זועלט ווער עס איז דער געזעצלעכער און ווער עס איז דער אומגעזעצלע־
כער צד אין דעם געראַנגל פאַר ארץ ישראל.

דער פּאָרטאָריקאַנער, דער אירלענדער, דער יונגער גלח — די דאָ־
זיקע גויים-פּאַסאַזשירן זענען די נאָמענלאָזע חסידי אומות העולם אין א
וועלט פון רשעות; אויף א גלאָבוס, ווו עס פּלאָדיען זיך נוגשים און שונאי
ישראל. זיי זענען א קליינע מינדערהייט, אָבער זיי זענען דאָ. און עס איז
גוט זיי צו האָבן אין דער מאַנשאַפט פון די יידישע ים-וועלף.

די מאַנשאַפט איז א פאַרביקע. די ערשטע פּאַסאַזשירן אַנטהאַלטן
קעגנגעזעצטע עלעמענטן. א באָקסער פון קאַליפאָרניע און א פאַרמער פון
פּענסילוואַניע. א מעקסיקאַנער אָקסן־קעמפער און א ישיבה־בחור פון
בראָנזוויל. פאַראַן גויים געדונגענע און פאַראַן גויים אידעאַליסטן.

פון אָט די קאַלירפולע עלעמענטן באַשטייט די ערשטע גרופּע פּאַסאַ־
זשירן, וואָס גייט פאַרלאָזן די ברעגן פון אַמעריקע.

דאָס זענען די מאַטראָזן פון דעם יידישן פלאָט. דאָס זענען די ים־
גבורים, וואָס וועלן איבערכיטרעווען די ענגלישע ים-כוחות, וואָס וועלן
מיט זייערע געפּאַקטע פּליטים־שיפן דורכזעצן די מעכטיקע בריטישע בלאָ־
קאַדע ביי די ברעגן פון ארץ ישראל.

קאַפּיטל דריי

די לופט-נסיעה קיין אייראָפּע

ס'איז זונטיק ביינאַכט. איך פאָר צום לופט-פעלד אין ניו־יאָרק, ווו
אַן עראָפּלאַן וואַרט, כדי מיט מיר אַריבערצופליען אין איינער פון די
הויפט־שטעט אין אייראָפּע. דאָרט וועל איך קענען בייוווינען, ווי מען גרו־
פּירט און מען סאָרטירט די אויסגעוואָרצלטע יידן פון די לאַגערן אַלס פּאַ־
סאַזשירן פאַר די אַזוי גערופענע „אומלעגאַלע" שיפן, וואָס וועלן פון איצט
אָן ציען, ווי ים-קאַראַוואַנען קיין ארץ ישראל.

די צייט איז קורץ. דאָרט, אויף יענער זייט אַטלאַנטיק גייט אָן א פּי־

בערהאַפטע באַוועגונג. עס גרייט זיך אַ „יידישע אינוואַזיע" אויף ארץ ישראל. אַלס צייטונגס-מענטש זוך איך דעם שנעלסטן קאָמוניקאַציע-מיטל. דער שטאָלענער פויגל וועט מיך ברענגען אין צייט, ערגעץ אין אייראָפּע, כדי כ'זאָל קענען זיין אַן עדות ווי מען רעקרוטירט די צענדליקער טויזנטער ים-פּאַסאַזשירן. דער טערמין „רעקרוטירט" איז נישט קיין פראַזע. ס'איז נישט קיין וואָרט-חנדעלע. די פּאַסאַזשירן אין די אייראָפּעאישע פּאָרטן זענען נישט גלאַט עולים אָן סערטיפיקאַטן. זיי ווערן רעקרוטירט, שטרענג דורכגעקליבן און דורכגעזיפּט, ווייל זיי ווערן פאַקטיש צוגעגרייט פאַר סאָלדאַטן, פאַר ים-העלדן, וואָס מוזן זיין גרייט דורכצומאַכן אַלע אומגעריכטע דערפאַרונגען און פיינלעכע איבעראַשונגען, וואָס שטייען פאַר אין וועג יעדן איינעם וואָס נעמט אויף זיך דעם עול פון ריזיקעס און אוואַנטורעס. בלויז די מוטיקע, די גבורים, מעגן גיין און דער, וואָס איז אַ רך-הלבב דאַרף בלייבן.

ס'איז שוין אַכט אין אָוונט אויפן ניו-יאָרקער זייגער. דער אויטאָ, וואָס פירט מיך צום לופט-פעלד — יאָגט מיט גוואַלדיקער שנעלקייט.

איין האַלבע שעה שפּעטער בין איך שוין אויפן לאַגוואַרדיאַ לופט-פּאָרט. און ווען מען נעמט צו מיינע וואַליזעס און אַ באַאַמטער קוקט איבער מיין פּאַספּאָרט, קומט מיר אַנטקעגן אַ דינער, קנאַכיקער בחור. ער שטעלט זיך קעגנאיבער מיר, קוקט מיך אָן און שמייכלט. כ'דערקען אים גלייך. דאָס איז סידני, איינער פון די צוקונפטיקע יידישע „ים-וועלף", מיט וועמען איך האָב פאַרפעלט צו רעדן פאַר מיין אָפּפאָר. ער האָט געוווסט דעם טאָג, ווען איך דאַרף אָפּפליען און נישט געוואָלט דורכלאָזן די געלעגנהייט מיר צו דערציילן וועגן זיך. ווייל עטלעכע וואָכן פריער, ווען כ'האָב גענומען צוגרייטן מיינע רייזע-פּאַפּירן, האָב איך געמאַכט אָפּטע אינספּעקציעס אין די קוואַרטירן ערגעץ אין ניו-יאָרק, ווו עס זאַמלען זיך די מוטיקע יידישע בחורים, וואָס וואָלונטירן אַלס מאַטראָזן, כדי צו העלפן אַריבערפירן די שארית-הפליטה קיין ארץ ישראל. אַלע האָב איך אינטערוויואירט. סידנין האָב איך פאַרזוימט. אָבער סידני האָט נישט געוואָלט בלייבן אַ פאַרזוימטער און ער האָט מיך אָפּגעזוכט אויפן לופט-פּאָרט.

דער צופאַל האָט אַזוי צונעשפּילט, אַז סידני איז נישט געקומען אַליין, נאָר מיטגעבראַכט אַ באַגלייטער, אַ פּאַסאַזשיר, וואָס דאַרף פֿליען קיין פּאַריז מיט דעם זעלבן אַעראָפּלאַן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער פּאַסאַ־זשיר איז נישט ווייניקער טשיקאַווער, ווי סידני אַליין. ער איז אַ נאָרוועגישער קאַפּיטאַן, אַ תושב פון ניו-יאָרק און ער וויל זיך אַנשליסן אָן דער יידישער ים־באַוועגונג. ער וויל זיין אַ וועכטער און וועגווייזער אויף יידישע פּליטים-שיפן. די באַקאַנטשאַפט מיט דעם נאָרוועגישן קאַפּיטאַן אינ־טריגירט מיך. כ'וויל פון אים אַרויסצאַפּן אינפאָרמאַציע, וויפל נאָר עס וועט זיך לאָזן. אָבער סידני שטערט, ער וויל דאָס מאָל נישט בלייבן פאַר־זען, דעם גויאישן קאַפּיטאַן וועל איך האָבן אינעווייניק, אין אַעראָפּלאַן. סידני בלייבט אין ניו־יאָרק. דערפאַר קומט סידנין די בכורה.

כאָטש ס'איז נאָך אַ גאַנצע שעה צייט ביז צום אָפּפלי, פונדעסטוועגן איילט זיך סידני. די קענגזייטיקע פאָרזיכטיקייט אין אַזעלכע „קאָנספּי־ראַטיווע" פאַלן, וואָס דערלאָזט נישט צו קיין לאַנגע שמועסן — פאַר־שווינדט איצט. סידני איז פול מיט צוטרוי און ער דערציילט כאַפּנדיק. יעדע ווײַלע קוקט ער זיך אַרום פאָרזיכטיק, צי זייטיקע הערן נישט אונ־טער. די גלייכגילטיקייט פון די אַרומיקע פּאַסאַזשירן צו אונדזער שמועס באַרואיקן אים.

זיין געשיכטע איז אַ טיפּישע געשיכטע פון אַן אַמעריקאַנער יידישן בחור, ביי וועמען ס'האָט — באַלד נאָך דער מלחמה — זיך אויפגעוועקט די נאַציאָנאַלע דערקענטעניש. און אָט די דערקענטעניש שטויסט אים צו מעשים, שטויסט אים, נישט בלויז אָפּצוקומען מיט ווערטער און ווונטשן, נאָר מאָנט ביי אים, ער זאָל די ווונטשן פאַרוואַנדלען אין טאַטן. ס'איז געקומען די צייט עפּעס צו טאָן פאַר דעם אייגענעם געפּלאָגטן פאָלק, וואָס לעבט איבער אַן אַנטשיידענעם פּעריאָד אין זיין געשיכטע. זייער אַ סך פון דעם יונגן יידישן דור אין אַמעריקע מאַכן דורך אַזאַ אומוואַנדלונג. כ'האָב אַזעלכע בחורים שוין באַגעגנט פריער אין ניו־יאָרק אין די הונ־דערטער, וואָס זענען אַקטיוו אין דער באַפרייאונגס-באַוועגונג פון פאָלק. אָבער סידנים לעבנס-גאַנג ביז איצט איז באַזונדער טשיקאַווע. זיינע איי־

גענע ווערטער זענען די בעסטע אילוסטראַציע צו דעם איבערברוך, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער נשמה פון אַט דעם אומרואיקן יונגן ייד.

סידני איז אייגנטלעך פון דער נאַטור אַ קאָסמאָפּאָליט. ער האָט ביז איצט נישט געגלויבט אין קיין נאַציאָנאַל־יידישן לעבן. ער האָט איגנאָרירט די יידישע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. זיין טאַטע אין די בראָנקס איז אין דער יוגנט געווען אַ ראַדיקאַל. אין דער אַלטער היים האָט ער באַלאַנגט צו פאַרשידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. דאָ אין אַמעריקע האָט ער אויך געבלאָנדזשעט צווישן פּאָליטישע ריכטונגען, סיי ביי גויים, סיי ביי יידן. ציוניזם איז געווען אַ פרעמדער ענין. די לעצטע יאָרן איז ער געוואָרן געשטימט „גענאָסנשאַפטלעך”. און ווען דער יידישער חורבן איז געקומען מיט דעם גאַנצן גרויל און שוידער, איז סידניס טאַטע געוואָרן גאָר אומרואיק. ער האָט פאַר זיין איינציקן זון גענומען דערציילן וועגן דעם יידישן לעבן אין דער אַלטער היים. ער האָט פאַר אים אויפגעוויקלט אַ פאַרביק בילד, וואָס האָט דערציילט פון אַ דורותדיקן האַסטיקן און קאָכיקן מאַסן־לעבן איבערן אייראָפּעאישן קאָנטינענט. דאָס לעבן איז איצט אונטערגעגאַנגען. סידני האָט נישט בלויז אויסגעהערט דעם פאָטערס שילדערונגען, נאָר ער האָט אויך געדינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. דאָס קאָלירפולע יידישע מאַסן־לעבן אין אייראָפּע האָט ער נישט באַוויזן צו זען, אָבער דעם חורבן, דעם אונטערגאַנג פון יענעם לעבן האָט ער יאָ געזען. דאָס האָט ביי אים עפּעס אויפגערודערט. און אויפגערודערט אַזוי, אַז דער יונגער, פלעגמאַטישער בחור האָט שוין פון קיין מנוחה נישט געוווסט. דאָס בלוט האָט אין אים אויפגעקאָכט. ס'האָט אין אים גענומען ברענען דער לוסט נאָך נקמה פאַר דעם פאַרגאָסענעם יידישן בלוט. נקמה פאַרן בלוט פון יענע יידן, וועמען ער האָט קיינמאָל נישט געקענט. און סידני איז געוואָרן אַ בונטאַר.

ער איז געוואָרן אַ בונטאַר קעגן זיין טאַטנס הויז און אַ בונטאַר קעגן אַ פאַרברעכערישער וועלט, וואָס האָט געלאָזט אויסראָטן אַזאַ גרויסן חלק — סיי קוואַליטאַטיוו סיי קוואַנטיטאַטיוו — פונעם יידישן פאָלק. זיין בונטאַרישקייט האָט אים געטריבן צו זוכן אַקטיוויטעט אין יידישע אָרגאַניזאַציעס. פון אָנהייב האָט ער געבלאָנדזשעט. ער איז אָנגעקומען

אויף שלעכטע אדרעסן. אָבער נאָך אַ לאַנג זוכעניש האָט ער געטראָפן זיין אויסוואַל. סידני איז פּאָטענציעל אַ זעלנער פון דער הגנה. אין אַ שיינעם טאָג וועט ער זיך באַווייזן אין איינער פון די אייראָפּעאישע האַפן־שטעט. ער וועט אַרויפציען דעם מאַסט אויף אַ יידישער פּליטים־שיף. זיין ענטוזיאַזם, זיין באַגייסטערונג האָט אָנגעשטעקט זיין פלעגמאַטיש, בונדיסטיש־געשטימטן פּאָטער. אויך ער וויל ווערן אַ „אומלעגאַלער פּאַסאַזשיר". סידני איז קעגן. ער וויל דעם אַלטן פּאָטער נישט לאָזן דורכמאַכן קיין חיבוט־הקבר. בפרט, אַז עס זענען אויך פּאַראַן מאָטיוון פון שלום בית. אָבער סידנים רייסן זיך צו די ברעגן פון יידנלאַנד, קען קיינער נישט אָפּהאַלטן. ער ווייס וואָס ער וויל. ער האָט געפונען אַן אמונה.

סידני גיט מיר איבער גרוסן פאַר זיינע אַמעריקאַנער חברים, וואָס זענען צעשפּרייט איבער אַלע האַפן־שטעט פון אייראָפּע און אויך אויפן אינדזל ציפּערן. ער בעט מיך, כ׳זאָל זיך האַלטן נאָענט צו דעם נאָרוועגישן קאַפּיטאַן, וואָס וועט זיין מיין שכן־פּאַסאַזשיר אין אַעראָפּלאַן. פּלוצים רופט דער „ספּיקער" די פּאַסאַזשירן, אַרויס אויפן לופט־פעלד. מיר געזעגענען זיך האַרציק. מיר גייען אַרויף די טרעפּלעך צום אַעראָפּלאַן. פּאַסאַזשירן פּאָכען מיט די הענט. אַ זיי געזונט צו ניו־יאָרק.

אינעווייניק זעצן מיר זיך אין די טיפע אויסגעבעטע שטולן און בינדן זיך אַרום מיט די פאַרזיכערונגס־פּאַסן. דער נאָרוועגישער קאַפּיטאַן ווערט מיין שכן. איך קוק אויף אים. ער — אויף מיר. מיר שענקען איינער דעם אַנדערן אַ צוטרוילעכן שמייכל און די אינטימע באַקאַנטשאַפט, וואָס שאַפט זיך ספּאָנטאַן אויף רייזעס — איז געשלאָסן.

איך באַטראַכט מיין שכן אויפמערקזאַם. דאָס איז אַ מאָגערער, הויכער מאַן מיט אַ גרויען קאָפּ. דאָס פּנים פאַרפּלאַמט. די אויגן — גרינלעך. אָבער ער רעדט מיט דער געלאַסנקייט פון אַ קאַלטן סקאָטלענדער. ער לעבט שוין דרייסיק יאָר אין אַמעריקע. ער איז שוין אַ „צוריקגעצויגענער". ער גיט זיך אָפּ מיט גאָרטן־אַרבעט אין לאָנג אײַלאַנד, וווּ ער האָט זיין היים. אין די יינגערע יאָרן, דאָס הייסט ביז דער עלטער פון 62, האָט ער געהאַט אַ מערקווירדיקע באַשעפטיקונג. ער האָט געפירט דאַמפּפערס אויפן איסט־ריווער און זייער אָפט אויך אַרויסגעהאָלפן אַריבערכאַפּן די

מתים פון בעלוויו האָספּיטאַל איבערן טייך צו פּאָטערס פעלד. דאָס איז אַ טשיקאַווע באַשעפטיקונג פאַר אַ קאַפּיטאַן. צו פירן אַ לאַדונג פון מתים איבערן טייך. די פּאַרצייטיקע גריכן האָבן געהאַט אַ לעגענדע וועגן אַ מאַן קאַראָן, וואָס פלעגט אַריבערשיפלען די טויטע פונעם לאַנד פון די לעבעדיקע. מיין שכן, דער צוריקגעצויגענער קאַפּיטאַן איז יאָרן לאַנג געווען דער קאַראָן פונעם איסט-ריווער.

כ'וויל מיט מיין שכן רעדן צום תוך. כ'וויל דערגיין, וואָס האָט אים באַוויגן, ער זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט דער יידישער וואַנדערונגס-באַוועגונג אויף די ימען. דער נאָרוועגישער קאַפּיטאַן שמייכלט מיט זיינע גלעזערנע שיטערע ציין. ער האָט צייט. ער האָב ליב צו דערציילן מיט אַ סדר. און נישטאָ קיין אורזאַך פאַר איילעניש. זיין וועג ביז פּאַריז וועט דויערן אַכצן שעה. זעקס שעה וועט מען לאָזן אויף עסן און רוען און צוועלף שעה אויף רעדן. איך קוק דעם קאַפּיטאַן אָן מיט פאַרגאַפטקייט. ער איז פול מיט סתירות. פון איין זייט דער טעמפּאָ פון אַ לופט-פּאַסאַזשיר, פון דער צווייטער זייט — די געמאָסטנקייט און געלאַסנקייט פון אַ געדולדיקן דערציילער.

דער קאַפּיטאַן האַלט וואָרט. ער הייבט אָן פון זיין יוגנט, ווען ער איז צו 17 יאָר געוואָרן אַ מענטש פון וואַסער, אַ נאָרוועגישער פישער. שפּעטער אַ מאַטראָז. מיט אַ וואָגלדיקער שיף האָט ער פאַרבלאָנדזשעט קיין ניו-יאָרק, האַרט פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה. ער איז אַראָפּ אויפן ברעג. די נייע וועלט איז אים געפעלן געוואָרן, און ווען דער ערשטער וועלט-קריג האָט אויסגעבראָכן, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין אַמעריקאַנער ים-פלאָט. נאָך דער מלחמה האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אויף די קליינע שיפן אויפן איסט-ריווער און אַזוי אַרום מגולגל געוואָרן צו ווערן אַ קאַפּיטאַן, וואָס שיפלט אַריבער לאַדונגען מיט מתים. דער גורל פון יעדן מענטש האָט אַ שפּאָר ביסל איראָניע און אונדזער מתים-קאַפּיטאַן ווידמעט זיין גאַנצע פרייע צייט זיין גאָרטן און פלעגן רויזן.

דאָס שיפל, אויף וועלכן דער קאַפּיטאַן פלעגט פירן זיינע מתים, האָט געקאָסט הונדערט טויזנט דאָלאַר. די מתים פלעגט מען באַגראָבן איין מאָל אַ וואָך. די דורכשניטלעכע צאָל טויטע איז געווען אַרום דריי הונ-

דערט אַ וואָך. זיין באַשעפטיקונג האָט אים נישט געערגערט. זומער־צייט פלעגט זיך טראָגן אַ ריח פון די מתים לאָדונגען. אָבער נאָך דער אַרבעט האָט דער קאַפּיטאַן שטענדיק איינגעזאַפּט די ריחות פון די רויזן אין זיין גאָרטן. ס'האָט אים נישט געאַרט, וואָס ער באַגראָבט יעדן טאָג מתים. די טויטע האָבן אים קיינמאָל נישט אָנגעטאָן קיין צרות. די לעבעדיקע — יאָ. דערצו האָט ער גערן געטאָן יעדע אַרבעט אויפן וואַסער. אויף דער יבשה האָט ער קיינמאָל נישט פאַרדינט קיין סענט.

ווער זענען געווען זיינע מתים? צו מיינסטן זענען זיי געבראַכט געוואָרן פון אינסטיטוציעס פון גייסטיק־קראַנקע און פון שפּיטאָלן פאַר היימלאָזע, אָדער פון פאַמיליעס, וואָס האָבן ניט געהאַט אויף באַגרעבעניש־הוצאות. אָבער צווישן אָט די אָרעמע, היימלאָזע מתים האָט זיך אָפּטמאָל פאַרוואַלגערט אַן אמתער פּרינץ...

דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט יאָרן לאַנג אַרויסגעשיפּלט די מתים פונעם לאַנד פון די לעבעדיקע איז שוין גרייט מיר צו דערציילן, פאַרוואָס ער וויל איצט אַרבעטן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, פאַרוואָס ער האָט באַשלאָסן אַרויסצופירן אויף שיפן די לעבנגעבליבענע יידן פונעם אייראָפּעאישן טויטן־טאָל. אָבער דאָ הייבן די מאָטאָרן פונעם אַעראָפּלאַן פּלוצים צו רוישן. די פּאַסאַזשירן ווערן אויפמערקזאַם געשפּאַנט. פון אַ זייטיק טירל קומט אַרויס אַ הויכער, געזונטער בלוי־מונדירטער מאַן. דאָס איז דער קאַפּיטאַן פון דער לופט־שיף. אין זיינע אויגן איז אַ פרייד. אויף די ליפּן — אַ שמייכל. ער באַגריסט די פּאַסאַזשירן, האָפט, אַז עס וועט זיין אַן אָנגענעמע לופט־רייזע און בעט אונדז, מיר זאָלן אויספאָלגן די אינסטרוקציעס פון דער מאַנשאַפט. זיינע פאָר ווערטער זענען העפלעכע, וואַרעמע. איך טו נאָך אַלע פּאַסאַזשירן און פאַרפעסטיק מיין פאַרזיכערונגס־פּאַסעק צום שטול. און מיין שכן, דער מתים־קאַפּיטאַן מוז אָפּלייגן זיין וויכטיקע דערציילן ביז אונדזער אַעראָפּלאַן וועט זיך אויפהייבן אין די וואָלקנס.

ש. איזבאַן

קאַפּיטל פיר

גוים, וואָס ווילן זיך אָנשליסן אין די יידישע ים־וואַנדערונגען

דער אערעפּלאַן טראָגט זיך שוין אין די וואָלקנס. די פּאַסאַזשירן לעבן איבער די ערשטע אויפטרייסלונג, דעם „טריל" פון פליען אין דער לופט. מיין שכן, דער נאָרוועגישער קאַפּיטאַן, וואָס האָט אויסגעפונען, אַז עס פאָרט זיך אין דעם שטאָלענעם פויגל פּונקט אַזוי רואיק, ווי מיט אַ באַן, נעמט ווייטער דערציילן זיין איבערגעריסענעם „ווידוי", ווי אַזוי ער איז געקומען צום באַשלוס אויף דער עלטער צו העלפן די יידישע ים־וואַנדערונגען.

ווען ער פלעגט פירן איבערן „איסט־ריווער" זיינע „מתים־שיפן" צו דער באַגרעבעניש, האָט ער שטענדיק געגנוי געוווּסט פון וואָס פאַר אַ עלעמענטן די טויטע זענען. ער האָט געוווּסט, אַז אַלע זענען זיי אָרעם ווי די מייז. אָבער זעלטן האָט אויך פּאַסירט, אַז ווען מען האָט געזוכט אין די אָרעמע צימערן פון אַזעלכע טויטע, האָט מען געפונען דאָרט אוצרות. עס זענען אויך געווען מתים אין געפּוצטע טרומנעס, אַפילו מיט בלומען, אָבער קיין געלט אויף צו באַגראָבן זיי בכבוד איז נישט געווען. איינמאָל ווען זיין „מתים־שיף" האָט געדאַרפט אָפּשווימען פון איין עק איסט־ריווער צום צווייטן, איז אָנגעקומען צו לויפן אַ יידישע פרוי אין שמאַטעס און געשריען, אַז זי וועט נישט לאָזן, אַז איר קרוב — איינער פון די מתים אויף דער שיף — זאָל באַגראָבן ווערן אַ נאָמענלאָזער. זי האָט ארויסגעשלעפּט פון אַ קויש אַ ברייטן טלית און דערלאַנגט דעם קאַפּיטאַן ער זאָל דאָס אַרויפציען אויפן מת. זי האָט גלייך אויסגעזוכט צווישן די טויטע איר קרוב, וועמען דער קאַפּיטאַן האָט געדאַרפט שענקען באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

דער קאַפּיטאַן האָט באַטראַכט דעם טלית, באַוווּנדערט דאָס געוועב פון דעם שטאָף, געוואָרן אַנטציקט פאַר דער גאָלדענער עטרה און צוגע־

זאגט דער אָרעמער פרוי, אַז ער וועט איר בקשה דערפילן. יענער עפּיזאָד האָט אין דעם קאַפּיטאַן אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקע נייגעריקייט צו יענע מענטשן וואָס טראָגן טליתים. ער האָט זיך גענומען אינטערעסירן מיט פרומע יידן, מיט סתם יידן, געוואָלט וויסן זייער אַרט לעבן. די אינפאָר־מאַציע האָט אים איבערציינגט, אַז טראַדיציע־יידן זענען נישט בלויז עק־זאָטיש, אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע מענטשן, וואָס ער באַגעגנט, נאָר אַז זייער אַנדערשקייט איז אַ רעזולטאַט פון אַ פּיינפולן, יסורימדיקן לעבנס־גאַנג דורך טויזנטער יאָרן. איין אינפאָרמאַציע האָט געפירט צו דער צווייי־טער און אונדזער מתים־קאַפּיטאַן האָט גענומען שטודירן דעם יידישן גלות. זיינע דערוואָרבענע קענטעניסן האָבן אים פאַרוואַנדלט פון אַ קאַלטן, טרוקענעם גוי אין אַ הייסן יידן־פריינט. ער איז געוואָרן אַן אָנהענגער פון די יידישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. אַלס „צוריקגעצויגענער", זייענדיק אויף פּענסיע ביי אָנקל סעם, האָט ער מיט אייפער גענומען נאָכציילן אַלע עוולות פון ענגלאַנד קעגן יידישן פאָלק. ער האָט רעגיסטרירט, ווי אַ פּלייסיקער בוכהאַלטער, אַלע געבראָכענע הבטחות, אַלע צעטראָטענע דע־קלאַראַציעס, אַלע פאַרראַטענע אָפּמאַכן פון „זיין מאַיעסטעטס רעגירונג". דער אומקום פון זעקס מיליאָן יידן האָט אויך אַנטשיידנדיק געווירקט אויף זיין סטאַאישן לעבנס־קוק. און אונדזער רואיקער נאָרוועגער וואָס האָט קינדווייז געלעבט אַרום די קאַלטע פיאָרדן אין זיין היימלאַנד, איז איצט געוואָרן אַ היציקער גוי. ער האָט גענומען מאָנען גערעכטיקייט פון די אומגערעכטע.

מיט אַ יאָר צוריק, ווען די ערשטע פּליטים־שיפן האָבן אָנגעהויבן, אָן ענגלאַנדס חסד, צו שווימען קיין ארץ ישראל, איז אונדזער קאַפּיטאַן געוואָרן אַזוי פאַרכאַפּט פונעם גרויסן אויפטו, אַז ער האָט ביי זיך אָפּגע־מאַכט, נישט קוקנדיק אויף זיין עלטער, פאָרצושלאָגן זיין הילף. זיין אָנ־באָט איז נאָך נישט אַקצעפּטירט. מען קווייקלט זיך צי זיין הילף קען האָבן אַ באַדייט. אָבער וויכטיק איז דאָ דער גרויסער ווילן, די קרבנות־גרייט־קייט פון דעם גוי. איצט מוז ער זיין אין נאָרוועגיע, כדי צו דערליידיקן אַן אַלטע משפחה־ירושה און אַריבערברענגען קיין אַמעריקע די איבערגע־בליבענע קרובים. און שפּעטער וועט ער מוזן האָבן די זכיה צו פאַרקע־

רעוועז אַלס קאַפּיטאַן, אונטערן סאַמע נאָז פון די ענגלענדער, כאַטש איין שיף קיין ארץ ישראל. דער נאָרוועגער דאַרף אַראָפּשטייגן פון עראָפּלאַן אין פּאַריז און פון דאָרט פאָרט ער קיין אָסלאָ.

מיין קאַפּיטאַן פּאַרוואָרפט דעם קאָפּ, פּרובירט איינדרעמלען און איך קוק אַרויס דורכן קיילעכדיקן פענצטערל. אונדזער עראָפּלאַן טראָגט זיך שוין דריי הונדערט און פופציק מייל אַ שעה. איבערן קאָפּ הענגט אַ טונקעלער הימל אָנגעפּיקעוועט מיט שטערן און אונטער אונדז אַ מעכטיקער ים. די גאַנצע וועלט איז איינגעוויקלט אין דער נאַכט. דער גאַנצער קאָסמאָס — איין שטיק פינצטערניש.

אָבער אינעווייניק, אינעם עראָפּלאַן, וואָס האָט דעם אויסשניט און פאָרעם פון אַ מעכטיקן וואַל-פיש, איז ליכטיק און וואַרעם. אַ לאַכנדיקע, העלע סטיואַרט-מיידל טיילט אויס קיי-גומי די פּאַסאַזשירן, לייגט אונטער ווייכע קישנס אונטער קאָפּ און פאַרזיכערט, אַז צוליבן גלענצנדן וועטער, וועט די רייזע זיין אויסגעצייכנט. ווען זי פאַרשווינדט קומט אַרויס אַ צונגלאָזענער פריינטלעכער סטיואַרט-בחור מיט וואַרעמע אויגן און ער זאָגט די פּאַסאַזשירן אַ פּאָר ווערטער אין שייכות מיט זייער אויפפירן זיך בעת דער לופט-רייזע. פון אָנהייב זענען זיינע ווערטער ווייכע, ווי די קישנס, אָבער באַלד נעמט ער אַרויס אַ געלן זשאַקעט מיט שנורן און טראָגט און גיט די „הימל-פּאַסאַזשירן" אינסטרוקציעס ווי זיך צו באַנוצן מיט דעם אין פאַל פון אַ קראַך... די פונקציע פון אַזאַ רעטונגס-זשאַקעט איז פונקט ווי די פונקציע פון אַ רעטונגס-גאַרטל אויפן ים, אָדער ווי אַ פּאַראַשוט. מען דאַרף בלויז וויסן גענוי ווי צו פאַרשלייפן די קנופּן און מען לאַנדעט בעת אַן אומגליק אויף דער ערד.

די אינסטרוקציע, וואָס איז גלייכצייטיק אַ וואָרענונג, רופט ביי די פּאַסאַזשירן אַרויס אַ באַהאַלטענע שרעק, אַ באַרימערישן שמייכל — אַ שמייכל, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון געמאַכטן קוראַזש. פּאַסאַזשירן ווייסן, אַז דאָס בעסטע מיטל, ווי אַזוי צו זיין באַרואיקט, איז נישט צו טראַכטן וועגן אַ מעגלעכן אומגליק — און די פריינטלעכקייט פון דער לופט-שיף-מאַנשאַפט דערלאָזט נישט צו קיין טראַכטונגען. יעדע פּאָר מינוט דערלאַנגט מען עפּעס אַנדערש. אַ טעפּל קאַווע, סאַנדוויטשעס, די צייטונגען

פון ניו-יאָרק. דער סטיואַרט ברענגט אריין אַ שטוים מיט ביכער פון קלאַ־
סישע ראָמאַנען ביז די ביליקסטע מיסטעריע־געשיכטעס. יעדער קען נע־
מען לויט זיין אָפּקלייב.

די פּאַסאַזשירן גייען אריין אין אַ שטימונג, וואָס גרעניצט זיך מיט
אייגנטאָניקייט. נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון. צוויי שעה נאָך דעם
ערשטן „פלי־טריל” זענען די פּאַסאַזשירן שוין „דערפאַרענע” הימל-פאָ־
רערס. קיין זאַך איבעראַשט זיי נישט. די ערשטע באַוווּנדערונג גייט אי־
בער אין דער געוויינלעכער מאָנאָטאָניע, מיט וועלכער עס ווערט געשטראָפט
יעדער פּאַסאַזשיר, צי ער פאָרט אויף דער זינדיקער ערד, אָדער ער שוועבט
אין דער לופט. מען לייענט און מען דרימלט. אָבער דער העפליכער קאַ־
פּיטאַן פון דער לופט־שיף וועט זיינע פּאַסאַזשירן נישט לאָזן אַזוי גיך
איינדרימלען. ער דערשיינט מיט דעם עלעגאַנטן און זעלבסט-זיכערן פאַר־
נויג פון אַ ניו־יאָרקער „בענד־לידער”, וואָס האָט די אַפּלאָדיסמענטן פאַר־
אויס אין קעשענע. ער מעלדעט, אַז מיר פליען איבער האַליפאַקס. ער
צווינגט ממש די פּאַסאַזשירן צו מאַכן אַן אינספּעקציע איבער זיין לופט־
שיף. מיר באַטראַכטן די מאָטאָרן, די קאָמפּאַסן און זייגערס. מיר אָבסער־
ווירן דעם פּילאָט, וואָס זיצט אַ קאָנצענטרירטער, אַן אָנגעשטרענגטער. און
האַלט אונדזערע בידנע לעבנס אין זיינע הענט. אַן אָפיציר מיט אַ רויטלעך
מוסקולירטן פּנים שפּרייט פאַר אונדז אויס אַ מאַפּע און רעכנט אויס מיט
פּינקטלעכער גענויקייט, ווען מיר וועלן זיך געפינען אין ניו-פאַונלאַנד,
ווען אין אירלאַנד. דער פלי-טעמפּאָ איז איצט דריי הונדערט און אַכציק
מייל אַ שעה. די שטרעקע פון ניו-יאָרק ביז פּאַריז איז דריי טויזנט און
זיבן הונדערט מייל. דעם מהלך צו מאַכן וועט נעמען אַכצן שעה, שוין
אַריינגערעכנט די זעקס אָפּרו שעהן אויף ביידע וועג־סטאַנציעס.

דער אויסטייטשער, דער אינסטרוקטאָר, דער פּילאָט האָבן נאָך נישט
פאַרענדיקט מיט זייער אינפאָרמאַציע, ווי מען וועקט אונדזער אויפמערק־
זאַמקייט אויף אַן אומגעוויינלעכער ליכטיקייט אין דרויסן. כאָטש עס איז
ערשט נאָך מיט נאַכט. אַלע גאַפן דורך די פענצטערלעך. וווּנדער איבער
וווּנדער! העלע שטראַלן ווי שטראָמען טאָג־ליכט הייבן זיך פון דער ערד,
הגם דער טונקעלער הימל איז געדיכט אָנגעפּיקעוועט מיט שטערן. ס׳איז

חצות, און די שטראָמען ליכט קומען פון יענעם חלק הימל, וואָס הענגט איבער ניו־פאַונדלאַנד. מען זעט בחוש די גרעניץ צווישן דער העלקייט אין ניו-פאַונדלאַנד און דער פינצטערניש, וואָס וויקלט איין דעם הימל-דאַך איבער אונדזערע קעפּ. דער ענטוזיאַסטישער קאַפּיטאַן לאָזט נישט די פּאַסאַזשירן זיך אָנזעטיקן מיט די כישופדיקע ליכט-שטראָמען, וואָס שפּריצן ממש, ווי לעבעדיקע וואַסער־פאָנטאַנען.

אַ האַלבע שעה שפּעטער לאָזן מיר זיך אַראָפּ אויף דער ערד פון ניו־פאַונדלאַנד. דאָ איז אַן אמתע קרירה. די ערד איז באַדעקט מיט אייז־בערג און שניי. מען שלעפּט אונדז צום אָנבייסן — אַ סימן, אַז ס'איז שוין פאַרטאָג. דער וועג פונעם אַעראָפּלאַן ביז צום רעסטאָראַן איז אַ פּאָר שפּאַן, אָבער די קעלט איז אַזוי גרויס, אַז אַ ריזיקער „באַס" כאַפּט אַריין אַלע פּאַסאַזשירן און פירט זיי גלייך צו די סערווירטע טישן. ווער קען איינס אַזייגער פאַרטאָג עסן אָנבייסן, ווען פאַר דעם אויפהייבן זיך פונעם לופט־פעלד אין ניו-יאָרק האָבן מיר געגעסן אַ לייכטע נאַכט-סעודה? אָבער מען עסט. בעל כרחך קייסטו. אָן אַפּעטיט, אָן געשמאַק, אָבער דו קייסט. דער פאָר-בילעט אויפן אַעראָפּלאַן איז אַזוי קאָסטבאַר, אַז עס איז אַן עבירה צו שענקען די מאָלצייטן.

ערשט איצט, ביים טיש אין רעסטאָראַן זע איך זיך אַרום, אַז מיר זע־נען בלויז אַכצן פּאַסאַזשירן, בעת די לופט־שיף האָט באַקוועמע פּלעצער פאַר פופציק. אַ סך פון די פעלקערשאַפטן וואָס באַוווינען אַמעריקע זענען דאָ פאַרטראָטן. איטאַליענער, אירלענדער, שפּאַניער, פּאָליאַקן, און איין ענגלענדער. איך בין דער איינציקער ייד צווישן זיבעצן זאַרגלאָזע גויים. ביי די איטאַליענער זענען די צינגער לויז און זיי דערציילן, אַז זיי פאָרן אָנ־קוקן וואָס פאַר אַ ווירטשאַפט דער „דוטשע" האָט דאָרט אויסגעווירט־שאַפט. די אירלענדער זענען דווקא דיסקרעט און שווייגן. די פּאָליאַקן האַלטן אין איין כראָפּען. דער ענגלענדער איז אַ קאַלטער פיש. צווישן אונדז געפינט זיך אויך אַ ברייטביייניקער יונג מיט אַ פּלאַטשיק פּנים, אויף זיין קורץ-געשוירענעם קאָפּ — אַ בלויען בערעט. אַ פראַנצויז? כ'דאַרף נישט לאַנג וואַרטן אויף קיין ענטפער. דער יונג איז אַ לוסטיקער לונג־און־לעבער, ווערט אינטים מיט יעדן איינעם. נאָכן אויסגעפינען, אַז איך בין אַ

צייטונגס-מענטש, נעמט ער אויף מיר האָגלען מיט ווערטער. איך ווייס נישט ווי אזוי עס איז געשען, נאָר מיר-נישט, דיר-נישט, נעמט דער בחור רעדן וועגן יידישע פּראָבלעמען. ער דערלאַנגט מיר דעם ניו-יאָרקער „לייף"-מאַגאזין, וווּ עס זענען געדרוקט בילדער פון די אויל-רערן אין חיפה, נאָכן לעצטן אויפרייס. ער וויל פּראָוואָצירן א שמועס, איך קאָמענטיר נישט. אזוי ווי ער איז אָבער א גוטער שמועסער, שפּאַלט ער זיך אויף צוויי, ער ווערט א פּרעגער און א תשובה-געבער.

ער אליין איז א געוועזענער אונטערערדישער קעמפער אין פראנקרייך בשעת דער דייטשישער אָקופּאציע. דערפאר איז אים נאָענט דער קאמף פון יעדן פאָלק פאר זיין פרייהייט. דער יידישער פרייהייטס-קאמף איז איצט אויף דער טאָג-אָרדענונג פון דער וועלט. ער ווייס, אז טעראָר איז אומפאר־מיידלעך, אָבער דאָס איז נישט געגוג ווירקזאם, אָפּצושרעקן דעם אָקו־פּאנט. איז ער קעגן טעראָר? ער איז גענוג אינטעליגענט צו וויסן, אז אלס אקטיווער אונטערגרונד-קעמפער, וואָס האָט אליין זיך באנוצט מיט טע־ראָר-אקטן קען ער נישט אינגאנצן מבטל מאכן די נוצלעכקייט פון טעראָ־ריזם. אָבער יידישן טעראָריזם פארשטייט ער נישט. דער קאמף פאר טאָ־טאַלער יידישער באפרייאונג דארף זיין אָן אָפענער, אויף אזא ריזיקן פאר־נעם, פאר די אויגן פון דער גאנצער וועלט, אז טעראָר-אקטן פונעם גרעסטן מאסשטאב דורך נישט דיסציפּלינירטע גרופּן, דארפן בלייבן א מינדער־ווערטיקער פאקטאָר. דאָס גאנצע יידישע פאָלק מוז ווערן איין באפרייאונגס־לעגיאָן. יידן דארפן נאָכאמאָל ווערן אריינדרינגער אין ארץ ישראל. די ענג־לענדער זענען נישט קיין נאצים און איצט איז נישט קיין מלחמה-צייט. אויך דער אירלענדישער קאמף פאר פרייהייט קען נישט פארגליכן ווערן מיט דער איצטיקער יידישער סיטואציע. דאָס איז אָן אנדער סאָרט פריי־הייטס-קאמף. דער פראנצויז איז אָן אָפּטימיסט, א מאמין. ער איגנאָרירט אינגאנצן דעם פאקט, אז דאָס יידישע פאָלק האָט נישט קיין פּאָליטישן סטאטוס.

ווער איז אָט דער בחור, וואָס האָט פּלענער, ווי צו פירן דעם יידישן באפרייאונגס-קאמף? איז ער א געוועזענער „מאקי"? זיין ענטפער איז נישט קלאָר. ער דערציילט אָבער, אז אין דער צייט פון דער דייטשישער

אָקופּאַציע, זענען געווען אויך אַנדערע קאַמפּס-גרופּן. ס'איז געווען אַ נאָ-מענלאָזע אַרמיי, וואָס איז רעקרוטירט געוואָרן איבער גאַנץ פראַנקרייך. פּויערים און שטאָט־אַרבעטער, אַדוואָקאַטן און שיך־פּוצערס, לערערס און הויז-פרויען. צוערשט האָט מען זיי געלערנט האַלטן וואָפן אין די בערג, ווען די באַוועגונג איז געוואָרן נאָכגעשפּירט פון די נאַציס, האָט מען זיי טרע־נירט אין די הייזער.

זיי האָבן זיך באַוועגט גרופּנווייז, צו דריי אונטער איין קאָמאַנדיר. איין גרופּע האָט נישט געוווּסט, וואָס עס טוט די צווייטע. אָפטמאָל האָט אַ ברודער אַ קעמפער נישט געוווּסט, אַז זיין שוועסטער באַלאַנגט אויך צו די קעמפער. ער איז צוויי מאָל געכאַפּט געוואָרן און צוויי מאָל אַנטלאָפן. זיבן חדשים האָט ער פאַרבראַכט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. זיין אַרבעט איז געווען צו צעשטערן אַלע דאָקומענטן, וואָס די דייטשן האָבן געזאַמלט וועגן די בונטאַרן. ער פלעגט אָפּטמאָל פאַרניכטן די דאָקומענטן מיט דער געביידע צוזאַמען, דורך אונטערלייגן צינדר־באָמבעס. אַנטלויפנדיק נאָך דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט, פלעגט ער שפרייטן פעפער איבערן וועג, כדי אָפּ־צושטעלן די שפּיר־הינט, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך אים און זיינע חברים.

די דאָזיקע בונטאַרן זענען אויסגעוואַקסן אין אַ ריזיקער אויפשטאַנד־אַרמיי. זיי זענען באַדינט געוואָרן פון אַ מעדיצינישן קאָרפּוס: דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער און פרייוויליקע ציווילע פּראָנצויזן. זייער וואָפן איז געווען איינגעגראָבן אין דער ערד און אַפילו שפּיטאָלן זענען געווען פאַר־גראָבן אין דער ערד.

ווען דער פראַנצויז איז פּאַרטיק געוואָרן מיט זיין דערציילן, האָבן מיר זיך שוין אַראָפּגעלאָזט איבער אירלאַנד, אויפן לופט־פעלד שאַנאָן. שאַנאָן — מיינט אויף העברעאיש מנוחה, שלוה, און אירלאַנד קוקט אויס ווי אַ שלוהדיקער אינדזל. מיר טרעטן אויף דעם גרינעם אינדזל, וועמענס מענ־טשן האָבן רעוואָלטירט און געוווּנען זייער פרייהייט פון די ענגלענדער — די זעלבע ענגלענדער קעגן וועמען יידישע בונטאַרן פירן איצט אַ מלחמה פאַר דעם קיום פון יידישן פאָלק. דאָס רואיקע פאַרמער־פאָלק פון איר־

לאַנד האָט אויפגעהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד, געקעמפט, געוועקט דאָס געוויסן פון דער וועלט און געוווּנען די פרייהייט.

איז דאָס יידישע פאָלק איצט אויך אויף דער שוועל פון פרייהייט? וועלן די פליטים-שיפן אויסטרעטן אַ וועג פאַר דער טאָטאַלער אויסלייזונג?

מען פירט אונדז אריין אין דעם אירלענדישן רעסטאָראַן, אויפן לופט-פאָרט. די געריכטן זענען טל-ומטר פאָרציעס. פיש — אַ כזית, אַנדערע מאכלים — אויפן שפּיץ-מעסער. מען זעט נישט קיין לעק ברויט. אז מען פאָדערט ביים קעלנער א שטיקל ברויט, ענטפערט ער העפלעך און שטייף: „נישטאָ קיין ברויט אין אירלאַנד אויף מיטאָג".

ברויט איז געשניטן, קאַרטאָפל פעלט. מילך — נישטאָ קיין זכר. די קאַווע איז ביטער ווי מרור. דערפאַר שלאָגט מען פאָר אָן א שיעור סקאָטש און וויסקי. די איטאַליענישע פּאַסאַזשירן שטעלן אויס די אויגן, מען טרייסט זיי, אז אין איטאַליע וועלן זיי דאָס אויך נישט האָבן. זיי וועלן דאַרפן נאָך מער איינציען די פּאַסקעס אויף די בייכער.

אַלץ דאָ אין דעם אירלענדישן רעסטאָראַן איז רויט. די ווענט, די שטולן, די טישן און אַפילו די קעלנערס. זיי דרייען זיך דאָ צווישן די סערווירטע טישן, אָנגעצויגענע, שטייפע, אָבער גלייכצייטיק זיסלעך-פריינטלעך. זייערע פנימער — רויטע, אָנגעצונדענע. די טריט פעסטע, קלאַפּנדיקע, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו צעזעצן די ערד.

נאָכן עסן איילן מיר צום עראָפּלאַן. דער לופט-פאָרט דאָ איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער יאַריד. עס קרייצן זיך די וועגן פון דער וועלט. פאַרבייגייענדיק א וואַנט מיט שוואַרצע טאָוולען, באַמערק איך א רשימה פון פּערזאָנען, פאַר וועמען עס זענען אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע טעלעגראַמעס פון לופט-פעלדער איבער אַלע עקן וועלט. דאָס אויג פאַלט אויף א וועלט-באַרימט-געוואָרענעם נאָמען. ה ע ל ע ן פ ר י ד מ א ן , די שוועסטער פון ד ו ב ב ע ל אַ ג ר ו נ ע ר. זי דאַרף זיך איצט אָפּשטעלן אויפן פלי-וועג צוריק קיין אַמעריקע. א שאָד, וואָס אונדזערע עראָפּלאַנען קרייצן זיך און איך וועל נישט קענען זען — די שוועסטער פון א יידישן

קדוש וואָס איז אומגעקומען נישט פון קיין נאַצי-קויל, נאָר פון דער ברי-טישער פּעטליע.

איך גיי אריין אין דער לופט־שיף וואָס פליט קיין פּאַריז.

קאַפּיטל פינף

אין דער הויפּט-קוואַרטיר פונעם יידישן אונטערגרונט אין פּאַריז

ניין אזייגער אָוונט בין איך אָנגעקומען אין פּאַריז, ווו כ׳האָב גע־דאַרפט מאַכן קאָנטאַקט מיט די יידישע אונטערגרונט-מענטשן. די אויפ-גאַבע איז געווען אונטער דער שטרענגסטער און הייליקסטער דיסקרעציע. אין מיין פּאָרטפעל איז געלעגן אַ פאַרזיגלטער בריוו פון ניו-יאָרק. כ׳בין געווען באַוואָפנט מיט אַ פּאַספּאָרט, מיט וויזעס, אַ פּרעסע־קאַרטע פון „מאָרגן-זשורנאַל" און אידענטיפיקאַציע־סערטיפיקאַטן. מיט אָט דעם וואָפן האָב איך זיך געדאַרפט ווענדן אין די געעריקע אינסטאַנצן, אויף די אַדרעסן.

אויפן לופט־פּאָרט אין פּאַריז נעמען די פראַנצויזישע באַאַמטע אויף די טוריסטן מיט פריינטלעכע פּנימער. די רעוויזיע פון געפּעק איז אַ לייכטע. ביים דורכקוקן די דאָקומענטן פאַרלירט מען נישט קיין צייט. די איינציקע זאַך, וואָס איז שווער צו קריגן ביים אָנקומען — איז אַ טאַקסי. דער גרינער באַס, אַן אַלטע אויסגעפּאָרענע קאַטערינקע, פירט אונדז דער-וויי́ל אַוועק אויף אַ סטאַנציע, ביים בולוואַר דע אינוואַליד. און דאָרטן לאָזט מען די פּאַסאַזשירן אויף גאַטס באַראַט. נאָך אַ האַלבע שעה וואַרטן אויף דער גאַס און פּאָכען מיט די הענט, לויפט עגדלעך פאַרביי אַ ליידיקע טאַקסי. איך כאַפּ עס אויס, נעם מיט זיך נאָך צוויי פּאַסאַזשירן, און הייס זיך צופירן צו אַ האָטעל ארום די גרויסע בולוואַרן.

פאָרנדיק איבער די פּאַריזער גאַסן, וואַקסט אין מיר פּלוצים אַן

אומרו. כ'האָב גענומען אויף זיך אַ פליכט צו באַגלייטן די יידישע פּליטים־שיפן אויף אַלע זיבן ימען, און אזא פליכט מאָנט א סך אַפּפּערוויליסייט. חוץ דעם דארפן די ליפּן בלייבן פארזיגלט. וואָס ווייניקער רעדן מיט זיי־טיקע. פאַרזיכטיקייט איז אַ מעלה. שווייגן — אַ ברכה. עס איז פונקט ווי אַ מלחמה־סוד. מען טאָר עס נישט דיסקוטירן. דעם צוזאָג צו זיך אליין מוז איך האַלטן.

נישט ווייט פונעם האָטעל, ווו די טאַקסי שטעלט זיך אָפּ, זע איך ווי אַ געדיכט הייפל מענטשן איז פארזאַמלט, און עס טראָגט זיך אַ הילכיק קול פון אַן אויסרופער. דאָס איז איינע פון יענע היינטיקע פּאַריזער גאסן־סצע־נעס, וואָס אילוסטרירן די נאָך־מלחמהדיקע פראנקרייך. א פארקריפּלטער פראַנצויז אין אָפּגעטראָגענע מלבושים, מיט אַ באַפלעקטן טראַדיציאָנעלן בערעט אויפן קאָפּ, שטייט פאר א ריזיקן פּלאקאט, וואָס באדעקט א ווינקל־מויער. אויפן פלאקאט זענען אויסגעמאָלן קריגס־פארוואונדעטע, קראַנקן־שוועסטער און קברים. דער פראנצויז מיטן בלויען בערעט באַטראַכט דאָס הייפל ארום זיך, ער שאַצט אָפּ זיינע צוהערער און רופט בקולי־קולות, און אין זיין רופן הערט מען די סטאטיסטיק פון פראנקרייכס מלחמה־פאר־לוסטן.

זינט 1870 האָט דייטשלאַנד נישט אויפגעהערט צו זיין אַ געפאַר פאר דער וועלט... די פּאַן־גערמאַנישע אידייען פון ביסמארק, דעם קייזער און היטלערן האָבן שטענדיק באדראָט די ציוויליזאציע... פראַנקרייך איז תמיד געווען דאָס ערשטע לאַנד צו פאַרטיידיקן די וועלט־דעמאָקראַטיע...

דער פראַנצויז מאכט אַ פּויזע און שרייט ווייטער:

פראַנקרייך האָט פארלוירן אין קריג: מיליטער אין דער צאָל פון 250 טויזנט טויטע, 400 טויזנט פאַרוואונדעטע און איין מיליאָן מיט אַ האַלב קריגס־געפאַנגענע... אין פראַנקרייך זענען אומגעקומען פון דער ציווילער באַפעלקערונג: 120 טויזנט געהרגעטע, איין מיליאָן קינדער און 250 טויזנט הינגעריכטעטע אָדער אומגעבראַכטע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן...

דאָס קול פונעם פראנצויז ווערט העכער און שטאַרקער. זיין אוידי־

טאַריום וואַקסט. פאַרוואָס שרייט ער אַזוי, דער פראַנצויז? צוליב וואָס דערמאָנט ער די ווונדן פון פראַנקרייך? און וועמענס נאָמען רעדט ער?

קיינער האָט אים נישט געשיקט. ער האָט זיך אַליין באַפולמעכטיקט. טייל פונעם הייפל קענען אים. זיי זענען זיינע הייסע צוהערער און זענען מודה, אַז ער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען. די מלחמה האָט אים גערירט פון זינען. דאָס שטערט אים אָבער נישט צו געווינען סימפּאַטיע ביים דורכשניטלעכן גאַס־דורכגייער. ער דערמאָנט פראַנקרייך זיין אייביקן שונא, דעם דייטש. ער דערמאָנט אים מיט שנאה און מיט אייפער. אַליין איז ער אַ וועטעראַן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין צווייטן וועלט־קריג האָט ער פאַרלוירן זיינע צוויי זין. עס איז דאָ אַ באַרעכטיקונג צו זיין גערירטקייט פון זינען.

עס איז פּיינלעך בייצווווינען אַזאַ גאַסן־סצענע די ערשטע שעה, ביים שטעלן די ערשטע טריט אויף פראַנקרייכס ערד. אָבער מיך עגבערט עפּעס אַנדערש. די אויפגאַבע, צוליב וועלכער איך בין אַהער געקומען פאָדערט קאָנצענטרירונג און אויפמערקזאַמקייט. אַלע זייטיקע ענינים האָבן איצט נישט קיין באַדייטונג.

ווי נאָר כ׳האָב באַקומען מיין האָטעל־צימער אויפן זעקסטן שטאָק, האָב איך אַרויסגענומען מיין אַדרעסן־ביכל און אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן אויף אַ באַשטימטן אַדרעס, וואָס איז מיר אָנפאַרטרויט געוואָרן נאָך אין ניו־יאָרק. ס׳איז שוין געווען איצט אַרום עלף אַזייגער אין אָוונט און כ׳האָב געצווייפלט, צי כ׳וועל אין דער שפּעטער שעה זיך קענען פאַרבינדן מיט דעם מענטש וועמען איך זוך. מיין פאַרגעפיל האָט מיך דאָס מאָל נישט גענאַרט. ווי נאָר דער טעלעפאָן אויף יענער זייט דראָט האָט זיך צעקלונגען, האָב איך געהערט אַ שטרענג פאַרזיכטיק קול:

— האַלאָ! ווער איז דאָס? — האָט זיך דאָס קול געבייזערט.

— כ׳בין איצט געקומען צופליען... — האָב איך אָנגעהויבן.

— איזבאַן פון ניו־יאָרק?

— שטימט! פון וואַנען ווייסט איר?

— כ׳האָב געוווּסט פריער וועגן אייער קומען... איר קומט פון „מאָרגן־זשורנאַל״?

— יאָ.

— שלום, איזבאַן! כ'וויל אייך גלייך זען — האָט דאָס קול האָפּערדי־קער געדעדט.

— איצט אַזוי שפּעט?

— קאָנספּיראַטיווע אַרבעט רעכנט זיך נישט מיט קיין צייט.

— כ'פאַרשטיי...

— איר זענט געקומען מיט אַן אויפגאַבע און מיר דאָ אַרבעטן האָס־טיק. אַזוי אָבער ווי איר זענט מיד פון דער הימל־רייזע און אַ פרעמדער אין פּאַריז זענט איר אויך, וועלן מיר וואַרטן מיט דער באַגעגעניש ביז מאָרגן פרי.

— גוט.

— איר האָט מיין אַדרעס? און אַ בריוו פאַר מיר האָט איר אויך?

— כ'האָב.

— מאָרגן 10 אַזייגער אין דער פרי וואַרט איך אויף אייך, נעמט אַ טאַקסי און הייסט אייך צופירן צום הויז, וווּ כ'וווין.

— כ'וועל צוקומען.

— אין צייט, געדענקט!

ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען אַכט אין דער פרי.

דער פרימאָרגן האָט געוועקט צו פליכטן. אין דרויסן איז געווען זו־ניק און דורכן פענצטער האָט מען געקענט זען ווי קילע שטראַלן האָבן זיך געגליטשט איבער די שיינע קאַרניזן פון די פּאַריזער געביידעס. שיינער וועטער האָט אַ טבע צו סטימולירן דאָס געמיט. כ'האָב זיך דערשפּירט אויפגעהייטערט און אַז ס'איז נישט פאַרביי קיין פערטל שעה בין איך שוין אַן אָנגעטאָענער, אַן אַרומגעוואַשענער געזעסן אין רעסטאָראַן־זאַל פון האָטעל און געגעסן דעם ערשטן מאָגערן אָנבייסן אין אייראָפּע. אַ שוואַרצע, דינע זעמל מיט מאַרמעלאַד, קעז מיט אַ שלעכטן ריח און קאַווע וואָס קומט פון געשמאַקלאָזע געטריקנטע קערנער.

די אָרעמע מאָלצייט האָט נישט אַרויסגערופן קיין שלעכטע שטימונג. אויף דער גאַס האָב איך באַצאָלט דעם האָטעל־פּאָרטער אַ פעטן „טיפּ",

וואָס מיינט אויף יידיש „טרונק-געלט", וואָס מיינט אויף פראַנצויזיש „פור בואר".

און ער האָט אין איין סעקונדע מיר באַזאָרגט אַ טאַקסי. כ'האָב זיך געזאָגט צו דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס. כ'האָב געוואָלט וואָס גיכער אָנקומען אין אַ הויז, ווו עס זיצט אַ מענטש, וואָס דאַרף אין יעדן קער זיינעם זיין מיסטעריעז, געהיימניספול. אַ מענטש, וואָס איז מקיים די פולע מצוה פון מציל זיין יידישע נפשות, ווען מען די ענגלענדער באַטראַכטן ווי אַ פאַרשווערער און די יידן — ווי אַ רעטער.

אַז כ'בין אַריין דורכן טויער אין אַ טונקעלן שמאָלן טרעפּן־הויז, האָב איך זיך ערשט אַרומגעזען, אַז כ'בין געקומען מיט אַ גאַנצע שעה צו פרי. די טרעפּ זענען געווען געדרייטע, צעפוילטע, די ווענט — אָפּגעשיילטע, דער באַלקאָן פול מיט אַראָפּהענגענדיקע שטאַנגען. כ'האָב אָנגעקלאַפּט אין אַ נומערירטער טיר. ס'איז געווען פאַרמאַכט. כ'בין צוריק אַראָפּ אין גאַס, זיך געזאָגט אַליין מוסר, אַז פּינקטלעכקייט הייסט נישט זיין פאַר דער צייט, און באַשלאָסן אָוועקצוהרגענען די שעה דורך מאַכן אַ שפּאַציר איבער די שמאָלע, שטילע געסלעך פון אָט דער אַלטער טייל פּאַריז.

קיין פרייד וועקט נישט אין דיר דער אָנבליק אויף די דאָזיקע אָפּגעשונדענע געביידעס. טרויער און מרה־שחורה הויערט דאָ פון יעדן שטיין. דורך די טונקעלע געדרייטע טרעפּ, צווישן די אָפּגעשיילטע דרייהונדערטיעריקע ווענט — דורך דאָנען האָט מען אַרויסגעשלעפּט די פּאַריזער יידן צו דעפּאָרטאַציע. פון דאָנען האָט מען אַראָפּגעפירט די קרבנות אויפן וועג צו די קאַלך־אויוונס. איך האָב נאָך נישט אויפגעזוכט קיין איין באַקאַנטן אין פּאַריז, כ'האָב זיך נאָך נישט געזען מיט קיין איינציקן פריינט, אָבער איך ווייס, אַז ווען כ'זאָל איצט האָבן אַזאַ באַגלייטער, וואָלט ער מיט דער האַנט מיר אָנגעוויזן אויף יעדן בנין און ער וואָלט אומעטיק דערמאָנט, אַז פון דעם הויז האָט מען אַרויסגעשלעפּט איין חבר, פון יענעם הויז האָט מען אַרויסגעריסן אַ צווייטן חבר, געשיקט זיי אַהין, פון וואַנען קיין צוריקוועגס איז נישטאָ. לויט מיין געמיט־צושטאַנד וואָלט איך געדאַרפט אַריינפאַלן אין יאוש, אָבער איך ווייס אויך, אַז פון אָט די אַלטע בוידעם־שטיבער קומען איצט די סיגנאַלן צו די שומרים, צו די וועכטער, וואָס ווילן

פירן קיין ארץ ישראל דאָס איבערבלייב פונעם אייראָפּעאישן יידנטום. אין אַט די קליינע, ענגע שטיבלעך שטעקן די דראָט־נעצן, וואָס פאַרבינדן דעם יידישן אונטערגרונט איבער אַלע עקן וועלט.

פּאַריז, די שטאָט פון דיכטער, איז שטענדיק געווען די שטאָט פון טרוימער און רעוואָלוציאָנערן. דאָ האָט געפּרעדיקט אַ וועלט־אויסלייזונג — דורך יידישער אויסלייזונג — דער גרויסער פּוילישער פּאָעט אדאַם מיצקעוויטש; דאָ האָט געקליבן כוחות פאַר זיינע אויפשטאַנדס־לעגיאָנען גאַריבאַלדי; דאָ האָט געפירט זיינע טומלדיקע וויכוחים באַקונין, און דאָ האָט אויך פילאָזאָפירט דער ייד משה העס, און אפשר וועט פון דאַנען אויך קומען דער שאַל, וואָס וועט צעשמעטערן די וואַנט, וואָס פאַרצוימט דעם וועג צו פרייהייט, צו יידישער גאולה?

צוריקקומענדיק אינעם טונקעלן טרעפּן־הויז און עפענענדיק די ברוינע טיר, האָט שוין אויף מיר געוואַרט אַ נידעריקער, ברייט־ביינערדיקער יונ־גערמאַן, דווקא מיט אַ מילד, ווייך פּנים, אויגן לאַכנדיקע, מיט אַ מינע, זוי ער וואָלט גרייט געווען צו דינען מיט אַלץ וואָס איז אין זיין רשות. זיין צונעלאָזנקייט האָט אַביסל אויפגעהייטערט, ווייל כ'האָב דערוואַרט צו טרעפן אַ שטרענגן, רעזערווירטן מענטש, ביי וועמען צופיל פריינטלעכ־קייט קען זיין אַ שטערונג און אומבאַקוועמלעכקייט צו זיין אַרבעט. כ'האָב דערלאַנגט דעם פאַרזיגלטן בריוו. ער האָט מיך געבעטן זיצן, געעפנט דעם בריוו און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן לייענען, האָט ער שוין מיט מער צוטרוי, אָבער אויך מיט גענוג פאָרזיכטיקייט מיך באַטראַכט.

דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן:

— ווייסט איר אייער אויפגאַבע? — האָט ער געפרעגט.

— כ'ווייס.

— אונדזער אַרבעט ווערט נאָכגעשפּירט פון ענגלישע שפּיאָנען.

— כ'ווייס.

— זיי לויערן אויף אונדז אויך אין די האַפן־שטעט פון אייראָפּע.

— אויך דאָס ווייס איך.

— מיר ווילן נישט קיין רעקלאַמע.

— איר וועט קיין רעקלאַמע נישט קריגן, הגם איר פאַרדינט זי בכבוד — האָב איך געשמייכלט.

— רעקלאַמע שעדיקט אונדזערע אַקטיוויטעטן.

— כ׳ווייס.

— ס׳קען קאָסטן לעבנס, יידישע לעבנס.

— כ׳ווייס.

— וואָס איז די סיבה, וואָס איר ווילט פאָרן דווקא אויף אונדזערע שיפן?

— כדי צו לאָזן וויסן דער יידישער עפנטלעכקייט, וואָס עס קומט פאָר מיט דער שארית־הפליטה אויף די ימען. וואָס עס פּאַסירט מיט זיי אויף דער יבשה, ווייסט מען שוין.

— איז דאָס ראַטזאַם?

— דאָס איז ווירקזאַם! ס׳וועט אויפרודערן דעם יידישן עולם, עס וועט זיי שטויסן צו מער אַקטיוויטעט, צו מער הילף פאַר אייער אַרבעט.

— אייער רייזע וועט נישט זיין קיין טוריסטן־רייזע — האָט מיין מיטשמועסער מיך אַליץ געפּרוווט אָפּרעדן.

— כ׳ווייס. כ׳וויל מיטגיין דעם גאַנצן וואַנדערונגס־וועג פון די פּלי־טים, פונעם טאָג אָן, ווען מען קלייבט זיי פון די לאַגערן ביז מען ברענגט זיי אויף די שיפן, ביז מען לאָזט זיי לאַנדן אויף די ברעגן פון ארץ ישראל.

— נישט שטענדיק לאָזן די ענגלענדער לאַנדן.

— כ׳בין אויף דעם אויך גרייט. איך וועל אַראָפּ אויפן אינדזל ציפּערן מיט די „די פּיס", כ׳וועל אויף זיך נעמען דעם עול פון אַלע עינויים.

— אַזעלכע עינויים זענען נישט קיין אַפּפּערוויליקייט — האָט מיין מיטשמועסער לייכט געשמייכלט.

— צוטרוי איז די ערשטע זאַך, וואָס כ׳מוז ביי אייך געווינען. מיינט נישט, אַז כ׳בין אַ קאַלטער באַאָבאַכטער, אַ זייטיקער מענטש.

— ווען איר וואָלט געווען אַ זייטיקער, וואָלט איך מיט אייך נישט גערעדט.

— אַ דאַנק.

מיין מיטשמועסער האָט אַ ווײַלע זיך פֿאַרטראַכט, געריבן דעם שטערן מיט זיינע פינגער, געצויגן די ברעמען און דערנאָך געזאָגט:

— הערט. אין עטלעכע טעג אַרום וועט אַ שיף דערגרייכן אין איינעם פון די האַפנס. איר וועט זיך זעצן אויף אַ שיף. דאָרט וועט איר שווימען צו אַנדערע האַפנס. דער צוועק — אויפצונעמען די מעפּילים (אומלעגאַלע). איר וועט האָבן די מעגלעכקייט צו זען ווי מיר גרופּירן די פּאַסאַזשירן. די אַנטגילטיקע רייזע קיין ארץ ישראל ווייסן מיר נישט. אַז עס וועט קומען דער טאָג, וועט איר קריגן די איינצלהייטן. דערווייל באַזאָרגט זיך מיט וואָס מער וויזעס. איר וועט דאַרפן דורכגיין אַ סך אייראָפּעאישע לענדער, מיט די פאַרטיקע וויזעס קומט צוריק, ווײַל איך אייך שיקן צום באַשטימטן האַפן. אונדזערע פאַרטרעטער וועלן קריגן די נייטיקע אינסטרוקציעס וועגן אייך.

— דאָס אַלץ? — האָב איך זיך אויפגעשטעלט.

— שלום! — האָט ער מיר דערלאַנגט די האַנט — אַרבעט לויט מיינע אָנווייזונגען.

אויף דער גאַס האָב איך דורכגעבלעטערט מיין פּאַספּאָרט. מיר האָט געפעלט בלויז די איטאַליענישע וויזע. צוליב דער ענדערונג אין מיין רייזע-פּלאַן אין ניו-יאָרק — צו פליען אַנשטאָט צו שיפן — האָב איך נישט באַוויזן דאָרט צו נעמען די וויזע. און איך האָב איצט זיך געאײַלט צום איטאַליענישן קאָנסולאַט.

די גאַסן פון פּאַריז זענען איצט געווען טומלדיק. צווישן די אײַלנדיקע דורכגייער וואַרפן זיך דורך נישט זעלטן פראַנצויזן מיט בערד פון אַלע קאָלירן. די באַבערדלטע פראַנצויזן קוקן אויס ווי מאַסקירטע. די פּאַריזער איינוווינער פאָרן נישט בלויז מיט אויטאָמאָבילן, נאָר אויך אויף ביציקלעטן און מאָטאָציקלען. אויף אַ באַנק פון „בולוואַר דע איטאַליען" זיצט פאַרטיפט אין אַ בוך אַ סטודענט מיט רויטע באַקן. זיין גאָמבע און זיין קין איז איינגעראַמט אין אַ שמאָל שנירל באָרד, ווי ביי אַ יונגן אַראַבישן שייך. אויף די טעראַסעס פון די גרויסע קאַפע-הייזער זופט מען קאַפע, וואָס האָט נישט קיין צוקער, האָט נישט קיין טעם, נאָר אַלע ביטערנישן. גאַנץ פראַנקרייך טרינקט, פרואוון טרינקען, מענער זויפן.

כ׳רוף אַ טאַקסי. נישטאָ קיין פּרייע. מיין פאַרלעגנהייט איז גרויס. ענדלעך לויפט פאַרביי אַ ליידיקע טאַקסי. כ׳גיב אים דעם אַדרעס פון אי־טאַליענישן קאָנסולאַט, אָבער דער טרייבער, אַ יחסן, זאָגט מיר אָפּ, ער פאָרט נישט אין יענער ריכטונג. ווי איך שטיי און וואונדער זיך, רוקט זיך אונטער אַ יונג בחורל, אַן אויסגעמאַגערטער און שלאָגט פאָר זיין הילף פאַר הונדערט פראַנק. אַזוי ווי ס׳זענען נישטאָ קיין טאַקסים אין פּאַריז, קען מען פאָרן מיט דער מעטראָ. ער קען דעם וועג צום איטאַליענישן קאָנ־סול. ער קען אויך ענגליש. פון וואַנען קען ער? געווען מיט דער ענגלישער אַרמיי אין עסטרייך. ער קען אויך דייטש און אַביסל יידיש — שמע ישראל און שלום עליכם.

איך כאַפּ דעם פּאַריזער ישראלשן זון, וואָס קען ענגליש, קען דייטש, קען אויך יידיש, וואָס וויים דעם וועג מיט דער מעטראָ און מיר פאָרן צום איטאַליענישן קאָנסולאַט.

קאַפּיטל זעקס

אויף אַ שיף, וואָס איז אָפּגעשניטן פון אַלע ברעגן פון דער וועלט

באַזאָרגט מיט אַלע נייטיקע וויזעס און באַוואָפנט מיט אינסטרוק־ציעס, וואָס כ׳האָב געקראָגן אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער יידישער „אומלעגאַלער" אימיגראַציע אין פּאַריז, האָב איך שפּעט ביינאַכט זיך אַריינגעזעצט אין אַ באַן וואָס האָט מיך געפירט צו אַ האַפן־שטאָט, ביים מיטללענדישן ים.

אין יענער האַפן-שטאָט האָב איך געזאָלט באַגעגענען אַ פּאָר יידישע אונטערגרונט־פירער, וועלכע האָבן מיך באַדאַרפט טראַנספּערירן צו אַן איינזאַמען ברעג, וווּ עס וואַרט אַן „אומלעגאַלע" שיף, גרייט אויפצונע־מען טויזנטער אויסגעוואָרצלטע יידן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט די באַן זיך געטראָגן דורך שטעט און דערפער. ארום צען אַזייגער אינדערפרי בין איך אָנגעקומען אין דער באַשטימטער שטאָט. איין האַלבע שעה שפּעטער האָב איך געקלאַפּט אין דער טיר פון אַ יידישער אינסטיטוציע.

נאָכדעם ווי איך האָב אָוועקגעשטעלט מיינע שווערע וואַליזעס און געוויזן מיינע אידענטיפיקאַציע-פּאַפּירן, האָב איך געבעטן דעם ערשטן באַאַמטן, ער זאָל מיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די געעריקע מענטשן.

דער באַאַמטער, אַ צעוואַקסענער, אָפּגעברענטער ארץ ישראלדיקער יונגערמאַן, האָט געלאָזן און אויפמערקזאַם מיך באַטראַכט, דערנאָך אַ קוק געגעבן אויף מיינע וואַליזעס און ביטרע אַ שמייכל געטאָן:

— איר ווילט גיין קיין ארץ ישראל?

— צוליב דעם בין איך איצט געקומען, — האָב איך געענטפערט.

— מיט אַזויפיל געפּעק?

— ס'איז צופיל?

— דאָס וועט נישט זיין קיין טוריסטן-רייזע און אויך נישט קיין לוקסוס-שפּאַציר... דאָס איז אַ מעפּילים-נסיעה! — האָט דער באַאַמטער געגומען פאַר מיר אויסטייטשן. — ס'קען אויסקומען צו לויפן, ס'קען אומקומען צו שווימען און שווערע פּעק וועלן פאַר אייך זיין אַ לאַסט! באַפרייט זיך פון זיי! אַ האַנט-טאַש מיט אַ פּאָר נייטיקע זאַכן וועלן פאַר אייך גענוג זיין... אָבער איידער וואָס-ווען, מוזט איר דאָך זען אונדזער אינסטרוקטאָר. כ'וועל צו אים אָנקלינגען!

ער האָט אַ כאַפּ געגעבן דאָס טרייבל צום אויער, אָבער דער טעלעפאָן האָט אים בשום אופן נישט געקענט פאַרבינדן מיט דעם אינסטרוקטאָר. די טעלעפאָן-רופן האָבן זיך איבערחזרט עטלעכע מאָל, אָבער — אָן רעזולטאַט. ס'איז געבליבן כ'זאָל בלייבן וואַרטן אין דער ביוראָ פון דער אינסטיטוציע.

כ'האָב זיך ארומגעקוקט. דריי גרויסע שרייב-טישן האָבן פאַרשטעלט די ווענט פון דער ביוראָ. די באַאַמטע הינטער די שרייב-טישן זענען געווען פאַרוואָרפן מיט ארבעט, אַז זיי האָבן נישט קיין צייט געהאַט זיך ארומצוקוקן אויף יעדן אַריינגעקומענעם. און אַריינגעקומענע זענען געווען אַ

סך, דאָ האָבן זיך אַריינגעשאָטן פּליטים וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער וועכנטלעכע שטיצע, דאָ האָבן זיך באַוויזן מענטשן פון די לאַגערן וואָס האָבן געפאָדערט בעסערע איינריכטונגען פאַר זייערע פאַמיליעס, דאָ זענען אָנגעקומען צוקונפטיקע מעפּילים כּדי צו דערוויסן זיך די גענויע דאַטע, ווען זיי וועלן אָפּפאָרן מיט אַן אומלעגאַלער שיף. עס האָבן אויך געשטראָמט בעלי־טענות, וואָס האָבן געליפערט אָנקלאַגעס פאַר שלעכטער באַהאַנדלונג...

די מידע באַאַמטע האָבן אויסגעהאָרכט די קלאַגעס, די פאָדערונגען, די אָנווייזונגען מיט יענער אויפמערקזאַמקייט, וואָס מען ווייזט אַרויס צו אומגליקלעכע און באַליידיקטע. קיין איין שאַרף וואָרט, קיין איין געבייזער האָט זיך נישט געהערט קעגן די בעלי־טענות, וואָס האָבן מיט זייערע אומאויפהערלעכע רייד באַשווערט די אַרבעט פון די באַאַמטע. אין די ענטפערס איז נישט געווען קיין טאָן פון פאָרוואורף, נאָר איבערבעטונג, ווייכע רייד און אַ פאַרזיכערונג, אַז אַלע קריוודעס וועלן אויסגעגליכן ווערן.

כ'האָב נאָכאַמאָל זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. די ווענט זענען געווען באַדעקט מיט בילדער פון ארץ ישראל־מנהיגים, פון נאַציאָנאַלע פיגורן. הערצל, אָנגעשפּאַרט אויף דעם באַרימטן בריקל; א. ד. גאָרדאָן מיט אַ גראָב־אייזן; ברענער מיט זיין צעשויבערטער בעדואינער באָרד און קאָכיקע אויגן, און קעגנאיבער ברענערן איז געווען דאָס בילד פונעם פאַרשטאָרבענעם פירער בערל קאַצענעלסאָן, הינטער דעם בילד זיין לאָזונג, וואָס איז געוואָרן אַ געוואַלד־געשריי צום גאַנצן ישוב:

— שפּאַלט די ימען און נעמט אויף די צוריקקומענדיקע!

און איבערן אַריינגאַנג האָט גערופן בקולי־קולות אַ ציטאַט פון אַ פּאָפּולער ליד פון פלמ"ח: „אך ראשינו לא ישח!"

דער איבערגעוואַקסענער ארץ ישראלדיקער יונגערמאַן האָט ווידער אַמאָל אָנגעקלונגען צום אינסטרוקטאָר. דאָסמאָל האָט ער אים געפּאַקט ביים טעלעפאָן. פון יענער זייט דראָט איז געקומען דער ענטפער, אַז אין איין פערטל שעה וועט ער שוין זיין אין ביוראָ.

געקומען זענען צוויי מענטשן. צוויי פון יענע אַנאָנימע ים־וועכטער וואָס זענען היינט צעשפּרייט איבער אַלע הויפּטשטעט און האַפנס פון דער

וועלט, כדי אַנצולאָדן די יידישע שיפן מיט צענדליקער טויזנטער אויס־געוואַרצלטע יידן, מיט די בראַנד און פייער־יידן, וואָס ווילן ארויסשמוג־לען זייערע נאַקעטע לעבנס פון דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

די צוויי שליחים האָבן מיך באַגריסט הארציק. זיי האָבן זיך גע־האַלטן אין איין פאַרענטפערן פאַר דער פאַרשפּעטיקונג. זיי האָבן זיך מטפל געווען מיט מיינע וואַליזקעס, באַזאָרגט פאַר מיר א האָטעל. און אז כ'האָב אָפּגעווישט פון זיך דעם שטויב פון וועג און זיך ארומגעוואַשן, האָבן זיי מיך איינגעלאָדן אויף מיטאָג.

אין דרויסן איז געווען היים. די זון האָט געבראָטן, כאָטש ס'איז ערשט געווען סוף אַפּריל. ס'איז געווען די מערקווירדיקע טראָפּישע היץ אין א פּאָרט־שטאָט אויפן מיטללענדישן ים. דער פּאַרקער אין די גאַסן איז געווען טומלדיק, ס'האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן מענטשן פון אַלע קאָ־לירן: אַלזשירער, שפּאַניער, מאַראָקאַנער, סאָלדאַטן פון טוניס, מאַטראָזן פון עגיפּטן, הויכע לאַנג־האַלדזיקע וועגווייזער פון סודאַן. אַלע האָבן גע־האַוועט און געפּילדערט אין אָט דער גרויסער פּאָרט־שטאָט, וואָס איז געפאַרבט מיט אַלע אינטערנאַציאָנאַלע קאָלירן.

מיינע באַגלייטער האָבן מיך אריינגעפירט אין א רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך געפונען אין א שטילער, זייטיקער האַפן־גאַס. ס'איז אויסגע־וואַקסן א קעלנער מיט א סך חניפה אויף זיינע ליפּן. אין געציילטע מי־נוטן האָבן זיך באַוויזן אויפן טיש געשמאַקע מאכלים און א פּאָר פלעשער רויטן טיש־וויין. און ווען מיר האָבן איבערגעכאַפּט דעם ערשטן איבער־ביים, האָבן מיינע באַגלייטער אָנגעהויבן רעדן תכלית.

דער אינסטרוקטאָר, א געזעצטער, מיושבדיקער יונגערמאַן אין א פּאָר געשליפענע גלעזער, וואָס האָט געהאַט דעם אויסקוק פון א געדולדיקן בוכ־האַלטער, האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט מיין יחוס־בריוו, וואָס כ'האָב געפירט מיט זיך פון ניו־יאָרק און זיך אָנגערופן:

— אין אייערע אידענטיפיקאַציע־פּאַפּירן ווערט אָנגעוויזן מיט וועל־כער שיף איר דאַרפט פאָרן. לײדער קענט איר נישט האָבן קיין אויסוואַל. די דערמאָנטע שיף וועט ערשט אָפּפאָרן א צען וואָכן שפּעטער.

— זי איז נאָך נישט גרייט צו פאָרן? — האָב איך געפרעגט.

— זי איז נאָך אַפילו נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַסאַזשיר־שיף! — האָט דער אינסטרוקטאָר געענטפערט. — דער ענין איז נאָך נישט אַזוי איינפאַך ווי מען מיינט. מיר האָבן שיפן פון אַלע טיפּן: לאַסט-שיפן, טייך־שיפלעך, פּראַכט־שלעפּערס, אָבער אין קיין איינער פון די שיפן איז נישטאָ די עלעמענטאַרע איינריכטונג, אַז זי זאָל קענען דינען אַלס אַ פּאַסאַזשיר־שיף, ווען זיי קומען אין אונדזער באַזיץ. מיר מוזן יעדע שיף איבערבויען, אַרויסנעמען די געדערים און זי באַזאָרגן מיט דער געהעריקער אויסשטאַטונג, אַז זי זאָל פּעאיק זיין צו פירן טויזנטער מעפּילים.

— און דאָס נעמט צייט?

— צייט, אַרבעט און געלט. עס ווענדט זיך לויט דער גרויס און מאָס פון דער שיף. יענע שיף, אויף וועלכער איר ווילט פאָרן איז איצט אין אַ צושטאַנד פון איבערבויאונג. די איינריכטונגען וועלן דויערן ביז צען וואָכן צייט, אָבער דערפאַר, ווען זי וועט פאַרטיק ווערן, וועט זי קענען אַרויפנעמען אַ זעקס טויזנט פּאַסאַזשירן.

די אינפאָרמאַציע האָט מיך געפרייט. אָבער דער פּאַרדאַכט, אַז כ'בין געקומען אין דער האַפן-שטאָט צו פרי האָט מיך באַזאָרגט. דער אינסטרוקטאָר האָט פאַרטריבן מיין אומרו מיט זיין וויטערדיקער דערקלערונג:

— פאַר דער שיף זענט איר צו פרי. פאַר אַן אַנדערער גרויסער שיף, וואָס איז ערשט אָפּגעפאָרן מיט עטלעכע טעג צוריק, זענט איר געקומען צו שפּעט. פאַראַן אָבער אַן אויסוועג. עס איז אייגנטלעך אַ מיטלוועג: מאָרגן פאַרטאָג גייט אָפּ אַ קלענערע שיף, וואָס וועט אין פאַרשידענע פּאָרטן אַרויפנעמען פון פופצן הונדערט ביז צוויי טויזנט מעפּילים. מיט דער שיף וועט איר פאָרן. נישקשה, באַגלייטן צוויי טויזנט מעפּילים קיין ארץ ישראל איז אויך אַן ענין! ס'איז אויך אַ מיסיע פאַר אַ צייטונגס-מענטש!

עס איז נישט געווען קיין סיבה זיך קעגנצושטעלן דעם פאָרשלאַג. ס'איז אייגנטלעך נישט געווען אַן אָנווייזונג, אַ באַפעל. און אַ צייטונגס־מענטש, וואָס וויל מיטגיין מיט צוויי טויזנט מעפּילים מוז זיך אונטער-וואַרפן באַפעלן. איך האָב אַקצעפּטירט, און דער אינסטרוקטאָר האָט גע־זאָגט:

— זייט גרייט מארגן פינף פארטאג. מיר וועלן אייך נעמען צו דער שיף.

מיר האבן געענדיקט דעם מיטאג. דער אינסטרוקטאר האט באצאלט דעם חשבון און איבערגעלאזט א קנויל מיט פאפירענע פראנקן — טרינק־געלט פארן קעלנער.

ביים ארויסגאנג איז געווען א געפילדער. געסט פון פארשידענע קא־לירן און פארשידענער קליידונג האבן זיך געשפארט אין די טירן. ווער אריין, ווער — ארויס.

אין דרויסן פירן מיך מיינע באגלייטער דורך די געסלעך, וווּ עס דרייען זיך ארום ענגלישע שפיאנען בייטאכט, כדי אויסצושפירן יידישע מעפילים-שיפן. דא געפינען זיך קאפע-הייזער פון קאקאאין, קאבארעטן און רעסטאראנען, ווו מען עסט ים־שפייזן. אין די ווינקלען פון די געס־לעך זיצן זקנים מיט פראנצויזישע בערדלעך, וואס מען זעט בלויז אויף פארטרעטן. אמאטארן-מאלערס מיט פאליטרעס אין די הענט שטייען אין די ראגעס און ארבעטן איבער זייערע געמעלן.

אין מיטן פון דעם קווארטאל דרייט זיך ארום א וועכטער אין א פאר־ביקן קאסטיום פון באנאפארטעס צייטן. ער היט און העלפט אויפהאלטן די עקזאטישקייט פון דעם קווארטאל און ער קריגט דערפאר א פענסיע פון דער שטאט.

די בעטלערס, ליידיקגייערס און ארומשלעפערס אין דער געגנט — דאס איז א באזונדערער שבט. זיי וואכן איבער אט דעם קווארטאל ווי אלטע פייגל איבער זייערע צעפארענע נעסטן. נאך א שטרוי ווערט צענו־מען, נאך א קרישקע ליים פאלט אראפ און די סכנה, אז די נעסט וועט איינגאנצן צעפאלן ווערט גרעסער, מוראדיקער.

לאנגע שעהן האבן מיינע באגלייטער מיך געפירט איבער דער פארט־געגנט פון דער שטאט און גערעדט וועגן דער גרויסער באדייטונג פון יידי־שע ים-וואנדערונגען. דער געדאנק פון „ושבו בנים לגבולם"... ווערט איצט רעאליזירט אין זיין גרויסן היסטארישן פארנעם אין די אייראפעאישע האפנס, וואס ליגן אויפן מיטללענדישן ים.

פאַרנאַכט בין איך אַוועק אין מיין האָטעל, כדי זיך צוצוגרייטן צו דער לאַנגער ים־נסיעה.

צומאָרגנס, פינף פאַרטאָג, בין איך שוין געשטאַנען גרייט מיט האַק און פּאַק. מיינע באַגלייטער זענען אויך געווען פּינקטלעך. אונטן האָט גע־וואַרט אַן אויטאָמאָביל, וואָס האָט אונדז געזאָלט אַוועקפירן ערגעץ צו אַ ים־ברעג.

דער שאָפער פון אויטאָמאָביל איז געווען אַ פראַנצויז. זיין בייזיצער — אויך אַ פראַנצויז, צוויי גוטע גוים, וואָס העלפן דער יידישער מעפּי־לים־באַוועגונג.

דער אַרויספאָר פון שטאָט איז געווען האַסטיק. ס'איז געווען קיל. די קאַלטע אַפּריל־זון האָט באַגאָסן מיט אוצרות ליכט די פעלדער און סעדער, וואָס האָבן זיך געצויגן פון ביידע זייטן וועג.

ס'איז געוואָרן ליכטיקער, העלער, די זון־שטריימן האָבן זיך צעוואַ־רעמט און געצונדן די פולע גראָזבייטן, די וועלדער און בערג, וואָס האָבן זיך געשפּרייט אויף אַ לענג, אויף אַ ווייטקייט, אַז ס'אויג האָט נישט געקענט אַניאָגן.

מיר זענען געפאָרן איבער דער געגנט פון פּראָוואַנס.

די פאַרביקע לאַנדשאַפטן האָבן געבלענדט מיט רעגנבויגן־ליכט. די צוויי פראַנצויזן, וואָס זענען געזעסן ביים מאַשין־ראָד, האָבן געהאַלטן אין איין דערקלערן און פאַרטייטשן די באַדייטונג פון דער געגנט. זיי האָבן אַנגעוויזן אויף יעדער מערקווירדיקייט. אין זייער וועג־ווייזעריי איז גע־ווען איבערראַשונג, פאַנטאַסטישע איבערטרייבונג, אָבער עס האָט זיך גע־וואָלט זיי גלויבן.

אָט האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ שטיין, וווּ נאַפּאָלעאָן האָט געווינט פאַר זיין דזשאָזעפינע. צווישן געדיכטע וועלדער האָט זיך געטוליעט אַ מאָגערער קלויסטער. דאָרט איז אַמאָל פאַרפאָרן אַ משוגענער גראַף פון פּאַריז, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין זיין דינסט. דער גראַף האָט פאַר־ברענט זיין פּאַלאַץ, אַרויסגעטריבן זיין ווייב מיט קינדער און פון צווישן די פלאַמען אַרויסגעכאַפּט זיין אָרעמע דינסט, כדי מיט איר צו קענען אַנטלויפן אין אָט דעם פאַרשטויסענעם קלויסטער און דאָרט חתונה האָבן.

דער ווילדער גראף איז געווען דער זיידע פונעם גראף פון מאנטע קריסטא.

אין מיטן שאסיי איז געשטאנען אן אלטע ליימיקע געביידע. פון א פענצטער פון דער געביידע האט ארויסגעקוקט א האלבע ליימענע געשטאלט, וואס האט מיט א האנט־פאכן באגריסט די פארבייפארער. שוין פיר הונדערט יאר ווי דער ליימענער מענטש, דער פריינטלעכער פראנצויזישער גולם שטייט אן אריבערגעבויגענער איבערן פענצטער און זאגט „באן זשור" צו די וואיאזשארן. די סקולפטור איז דער פראדוקט פון אן אנאנימען קינסטלער, אבער דאס אויסגעקנאטענע שטיק ליים שמעקט מיט דער מייסטערשאפט פון א מיקל אנדזשעלא.

נאך פיר שעה פארן זענען מיר אנגעקומען צו א שטילן ים־ברעג. איבערן וואסער האבן זיך געוויגט פישער־לאדקעס און שלעפ־דאמפערס, און צווישן די דאמפערס האט ארויסגעשפארט א גרויסע שיף מיט צוויי קוימענס.

די פראנצויזן האבן נישט גערעדט. די באגלייטערס האבן געשוויגן. יעדעס ווארט איז געווען איבעריק. די ליפן האבן געדארפט בלייבן פארזיגלט. דאס איז א געהיימער ים־ווינקל. דא ווערט געטאן קאנספיראטיווע ארבעט.

ס'האט בלויז געדויערט צען מינוט, ווי כ'האב זיך געזעגנט מיט מיינע באגלייטער. כ'האב איבערגעלאזט אין זייערע הענט מיין געפעק, כדי עס אפצונעמען אויף מיין וועג צוריק.

א קליינע פישער־לאדקע האט מיך גענומען צופירן צו דער שיף. וואס ווייטער דער פישער־יונג האט געשניטן זיינע רודערס אין וואסער, אלץ בולטער האט זיך ארויסגעשיילט די גרויסע שיף. אז כ'בין צוגעקומען גאר נאענט, האב איך איבערגעלייענט אויפן רוקן פון דער שיף דעם נאמען: „טרייד ווינדס" — האנדלס־ווינטן.

איבערן דעק איז געשטאנען אויסגעשטעלט אין א רייע די נייגעריקע מאנשאפט. א בלאנדער יונגערמאן אין אוניפארם פון א קאפיטאן האט געהאלטן פאר די אויגן א פאר פארגרעסער־גלעזער.

ביי א שיף־עפענונג, ווי א לאך פון א הייל, האבן צוויי פאר הענט

מיך אַ שלעפּ געטאָן אַרויף. און אַז כ'בין שוין געשטאַנען אינעווייניק, אויפן אונטערשטן דעק, האָב איך געהערט ווי אַ קול באַגריסט מיך:

— ברוך הבא, מאַטראָז!

קאַפּיטל זיבן

די געשיכטע פון אַן „אומלעגאַלער" שיף

דאָס איז די געשיכטע פון אַ שיף וואָס איז געשוווּמען איבער זיבן ימען — גרייט אויפצונעמען אַריבער צוויי טויזנט מעפּילים און זיי ברענגען קיין ארץ ישראל.

די שיף איז נישט קיין גרויסע, בלויז אַרום טויזנט טאָן. די לענג אירע איז צוויי הונדערט און זיבעציק פוס, די ברייט — פינף און פערציק.

די דאָזיקע שיף האָט געקענט זיין אַ מיטלמעסיקער דאַמפער אויפן האָדסאָן, אַ שלעפּ־שיפל איבער דעם איסט־ריווער, אָבער זי איז אַ שווימענדיקער געצעלט פון ישראל, אַ פעסטונג, וואָס דאַרף שפּאַלטן ימען, דורכלעכערן פעלדזן, אַרומקרייזן אייזבערג ביז זי וועט דערגרייכן די צוגעזאָגטע ברעגן.

אויף דער מאַסט פון דער שיף פלאַטערט די פאָן פון האָנדוראַס, אָבער ווען זי וועט אַריינקומען אין די טעריטאָריעלע וואַסערן פון ארץ ישראל, נאָענט צו די יידישע היים־ברעגן, וועט זי קריגן אַ יידישן נאָמען. די פרעמדע פאָן וועט אַראָפּגעלאָזט ווערן און עס וועט פלאַטערן די פאָן פון ישראל.

ווען איך בין אַרויפגעשטיגן אויף דער שיף, כדי צו באַגלייטן דעם לאַנגן וואַנדער־וועג פון די „אומלעגאַלע", האָבן זיך די קאַפּיטאַנען געהאַלטן אין בייטן. איין קאַפּיטאַן, דער גויאישער וואָס האָט אַרויסגעפירט די שיף פון די קאַריבייען־וואַסערן, דורכגעקרייצט מיט איר דעם אַטלאַנטיק און זי אַריינגעבראַכט אין מיטללענדישן ים — האָט איצט געהאַלטן

אין פארלאזן זיין ים־מלוכה און דער צווייטער קאפיטאן — א ייד פון באלטימאר — האט איבערגענומען די פירערשאפט.

דאס איבערנעמען דעם פאסטן דורכן צווייטן און דאס געזעגענען זיך מיט דעם ערשטן איז צוגעגאנגען פייערלעך און צערעמאניאל. מען האט געהאלטן קורצע ווינטשונגס־רעדעס. מען האט געטרונקען פאר נצח־ישראל און מען האט אפגעפייערט צוואנציק פיסטאל־שאסן.

צוזאמען מיט דעם גויאישן קאפיטאן, דעם אירלענדער, וואס האט געשטעלט זיין דינסט אויף דער זייט פון די גערעכטע און גערודפטע — האט אויך פארלאזט די שיף א צווייטער גוי, א פיליפינער, וואס איז געווען דער סטיוארט. זיין נאמען איז סי. טשיקא מאנטעראלא. אבער מען האט אט דעם ברוין־הויטיקן, קאלמיק־פנימדיקן פיליפינער אוים ליבשאפט גערופן קורץ: טשיקא. דער גוטער טשיקא האט באדינט די יידישע מאנשאפט פון דער יידישער שיף, וואס וועט פירן יידישע מעפילים — נישט צוליב שכר. און ווען ער האט זיך געזעגנט מיט מיר ערגעץ אין א פארט, אויפן מיטללענדישן ים, כדי צוריקצופארן אין די פאראייניקטע שטאטן, האט ער מיך געפרעגט וועלכע צייטונג איך פארטרעט. אז איך האב אים געענטפערט, אז איך רעפרעזענטירט דעם „מארגן זשורנאל", האט ער מודה געווען, אז קיין יידיש לייענט ער נאך נישט. אבער אין יענעם טאג ווען די ענגלישע צייטונגען אין ניו־יארק וועלן דרוקן שרייענדיקע קעפ וועגן דער לאנדונג אדער פארכאפונג פון אונדזער שיף, וועט ער קויפן א „מארגן זשורנאל" און בעטן זיין יידישן שכן פון וויליאמסבורג, ער זאל פאר אים לייענען די געשעענישן מיט אונדזער שיף, ווי איך וועל זיי האבן באשריבן.

ער בעט מיך, איך זאל אויסלייגן די בוכשטאבן ביים דערמאנען זיין נאמען. כ'זאל נישט פארזען די „ספעלינג". נאך אלעמען איז עס אן אויסטערלישער, פיליפינישער נאמען סי. טשיקא מאנטעראלא... איך לייג אוים זיין נאמען לויט אלע רעגלען. טשיקא פארדינט דאס ביסל באשיידענע רעקלאמע. עס איז נישט קיין אויסטערלישער נאמען. עס איז א צוזאמענשטעל פון קאלירפולע קלאנגען. און דער טרעגער פון דעם נאמען איז א פריווילעגירטער בירגער פון די קאלירפולע פאראייניקטע שטאטן.

— באַן וואַיעזש גוטער, האַרציקער טשיקאַ!

— באַן וואַיעזש פּריווויליקער מאַטראָז פונעם ייִדישן מעפּילים־פּלאַט!

איך לאָז זיך אַראָפּ אינעם בויך פון דער שיף, כדי אָנצוקוקן ווי עס אַרבעטן די שטאָלענע געדערים, די מאָטאָרן, אַפּאַראַטן און טרייב־מאַשי־נען. אויף דעם ערשטן טרעפּן־לייטער קומט מיר אַקעגן דער קאַפּיטאַן מיט אַ שמייכל און מיט אַן איינלאַדונג אין זיין קאַבינע וווּ ער וועט מיר געבן די ערשטע אינפאָרמאַטיווע ידיעות.

דער קאַפּיטאַן איז אַ דאַרער יונגערמאַן, אינגאַנצן אפשר פינף פוס הויך. אַ העלער, בלאָנדער מיט אַ טיפּיש פּנים פון אַ סלאַוו. ער האָט לאַכנ־דיקע אויגן. דער אויסדרוק, דער מילדער גרימאַס אויף דער אויבערשטער ליפּ זענען ווי ביי אַ בחור אין די הויכשול־יאָרן. ער איז טאַקע אינגאַנצן 25 יאָר אַלט, אַ געבוירענער אין באַלטימאָר. דאָס איז סידני יעלין.

מיר זיצן אין זיין קאַבינע. ער גיט מיר פריינטלעך איבער דעם שליסל פון מיין קאַבינע. כ'בין זיין שכן. מיר ווינען אַ וואַנט איבער אַ וואַנט. דער קאַפּיטאַן קוקט מיך אָן און שמייכלט. ער איז אומגעדולדיק. ער וויל עפּעס אויסלאָדן פון זיך. מעג ער רעדן? בין איך גרייט צו הערן?

— רעד קאַפּיטאַן! די שיף איז דיינע. די ימען זענען דיינע. די צוויי טויזנט מעפּילים זענען דיינע און די לייענער מיינע זענען איצט אויך דיינע!

דער זעלבסט־זיכערער קאַפּיטאַן פּאַררויכערט זיין ליולקע. דאָס יונגע בלאָנדע פּניב לאַכט. עס לאַכן זיינע ציין. עס לאַכן זיינע אויגן און ער נעמט דערציילן. פון זיינע ליפּן קייקלט זיך אַראָפּ די קורצע געשיכטע פון זיין שיף.

פון אָנהייב איז די שיף געווען אַ קליינע פּאַטרול־שיף, דאָס וואָס מען רופט „קאָאָוסט־גאַרד־קאַטער". איינע פון יענע וואַכזאַמע ים־פעסטונגען, וואָס האָבן באַוואַכט די קאַריביייען־וואַסערן. זי האָט פּאַטרולירט די האַפנס אין מיאַמי, טשאַרלסטאָן, קיוועסט. זי איז שפּעטער געוואָרן די שלעפּ־שיף, אויף וועלכער מען האָט געלאָדנט באַנאַנעס. אַ גרויע, לאַנגווייליקע שיף, וואָס גייט שוין איצט אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון ברוכוואַרג. אָבער יענעם טאָג, ווען דער יידישער אונטערגרונד האָט די שיף געקויפט,

האט זי געקראגן א מיסיע, א דערהויבענע שליחות — צו שפאלטן די ימען און פירן יידן קיין ארץ ישראל.

די שיף איז געקויפט געווארן אין באלטימאר און געבראכט געווארן אין מיאמי, ווו מען האט זי אנגעהויבן צו פאריכטן, מאדערניזירן, איינשטעלן אלע באקוועמלעכקייטן כדי זי זאל קענען פארוואנדלט ווערן אין א טראנספארט־שיף פאר די מעפילים.

די מאנשאפט איז צענויפגעבראכט געווארן פון פארשידענע געגנטן אין אמעריקע. זיי האבן פריער איינער דעם אנדערן נישט געקענט. יעדער איז געקומען פון זיין פריוואטן, ציווילן לעבן. דא האט מען זיך באלד באטראכט ווי משפחה־מענטשן. איינמאל איז אפילו די גאנצע מאנשאפט געבראכט געווארן מיט אן עראפלאן פון באלטימאר ביז ניו־יארק, כדי צו זיין צוזאמען ביי א פייערונג. אין דער צייט ווען מען האט די שיף גענומען צוגרייטן, פאריכטן, אויסשטאטן, אז זי זאל קענען דינען פאר א פאסאזשירן־טראנספארט — האט זי געהייסן א „קארגא־שיף". זי האט אזוי צו זאגן, געפירט האלץ קיין אייראפע.

דער אויבערשטער טייל פון שיף האט געהייסן „די פליענדיקע בריק". די שיף האט געדארפט אריבערגיין דעם אטלאנטיק אין דעם רויען, נישט פערפעקטן צושטאנד. ערשט אין איינעם פון די פארטן אין אייראפע, האט מען צוגעשטעלט אלע נייטיקע איינריכטונגען.

כאטש די שיף איז א יידישע און די מאנשאפט באשטייט אין דער גרעסטער מערהייט פון יידן, פונדעסטוועגן, ווען די בחורים זענען געקומען קיין אייראפע, האט מען זיי באפוילן נישט צו חברן זיך מיט די דארטיקע יידן. זיי האבן נישט געטארט גיין אין די שולן, נישט באזוכן יידישע הייזער, כדי זיך נישט צו ווארפן אין די אויגן. אזא באפעל מוז אויסגעפירט ווערן צוליב זיכערקייטס־טעמים. אבער גלייכצייטיק איז אזא באפעל געווען פיינלעך פאר די בחורים פון אמעריקע, וואס האבן דווקא סענטימענטן און אן אויפגעוועקטן חוש צו באקענען זיך מיט די יידן איבער אלע צעשפרייטקייטן. אויך אין דער היים־שטאט באלטימאר איז אלץ געווען אין געהיים. קיין ייד אין באלטימאר האט נישט געוווסט, אז עס עקזיסטירט אזא שיף, שוין אפגערעדט אז זי שטייט אין האפן דארט.

דורך די פריערדיקע אייגנטימער פון דער שיף איז דער מאַנשאַפט אָנ־געזאָגט געוואָרן נישט מיטצובריינגען קיין מאַטראַזן־אוניפאָרמען, קיין פלאָט־מונדירן. די מאַנשאַפט האָט אויסגעפאָלגט דעם באַפעל. און אויף דער ערשטער רייזע פון באַלטימאָר ביז צום פאָרט אין אייראָפּע איז דער וועג געווען אַ שווערער. דער ים איז געווען שטורעמדיק, די קליינע שיף האָט זיך געוויגט ווי אַ שפּענדל צווישן די ברויזנדיקע כוואַליעס. אַלע מאַ־טראָזן — און דער רוב פון זיי האָבן געדינט אין דעם האַנדלס־פלאָט אין דער „מויירטשענס־מארינס" — זענען געווען ים־קראַנק. דעם גאַנצן וועג האָט מען נישט געזען קיין איין זוניקן טאָג. שרעקלעכע ווינטן און שטורם־וועטערן. עס האָט דערמאָנט קאָלומבוסעס נסיעה מיט זיין שיף „סאַנטאַ־מאַריאַ". אויף אָט דער רייזע האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי די אַזאָרן־אינדזלען. נישט האָבנדיק מיט זיך קיין וואַרעמע קליידער האָבן זיי געליטן קעלט און פיבער.

עטלעכע צווישן דער מאַנשאַפט זענען געווען גרינע אויפן ים. דאָס איז געווען זייער ערשטע רייזע איבערן אָקעאַן, וווּ מען מוז זיך ראַנגלען מיט מעכטיקע נאַטור־כוחות. דערצו האָבן זיי די ערשטע צייט געאַרבעט אָן לוין. אַלץ, וואָס זיי האָבן געקראָגן איז געווען עסנוואַרג און אַרבעטס־קליי־דער, און מאָגערן טאַשן־געלט, כדי זיך צו קענען אַמוזירן אין די האַפן־שטעט. שפּעטער זענען די באַדינגונגען פאַרבעסערט געוואָרן. בעת אין אַמעריקע האָבן זיי געקראָגן טאַשן־געלט צו 25 דאָלאַר אַ וואָך, איז דאָס זיי אין אייראָפּע פאַרגרעסערט געוואָרן אויף 45 ביז 60 דאָלאַר אַ וואָך.

דער ערשטער קאַפּיטאַן וואָס האָט געפירט די שיף פון אַמעריקע קיין אייראָפּע איז געווען אַן אַמתער רויט־הויטיקער און רויט־האָריקער אירלענ־דער. דאָס איז געווען אַ קריסטאַל־ריינער כאַראַקטער. ער האָט די אונטער־נעמונג געמאַכט אויס טיפער איבערצייגונג, אַז אַלס קריסט דאַרף ער זיך שטעלן אויפן צד פון די געקריוודעטע און געראַכטע. אַלע האָבן אים רעס־פּעקטירט. זיינע איבערצייגונגען האָט ער אויסגעטייטשט קלאָר און לאָגיש, אָן וואָרט־שפּיצלעך און עקזאַלטירטע פראַזן. די זיכערקייט, אַז די ענגלענ־דער זענען אומגערעכט און די יידן שטייען אין זייער קאַמף, אויף דער גע־רעכטער זייט, דאָס איז גענוג געווען, אַז ער ווי אַ גוי, זאָל ווערן געשטויסן

צום געקריווודעטן צד. ער האָט די שיף געפירט ביז צו אַ האַפן ערגעץ אין איראָפּע. דאָ האָט ער פּלוצים זיך געמוזט אומקערן קיין אַמעריקע צוליב פּריוואַטע פאַמיליע־ענינים. ער האָט אָבער פאַרלאַנגט מען זאָל אין פּאַר־אוים אָננעמען זיין דינסט אויף דער קומענדיקער שיף, וואָס ער וועט דעפיניטיוו פירן ביז צו די ברעגן פון ארץ ישראל.

אין וועג זענען אויך געווען פּאַלן, ווען עס זענען צעבראָכן געוואָרן רע־טונגס־שיפלעך אָדער עס זענען באַשעדיקט געוואָרן מאָטאָרן. די יונגע ענ־טוזיאַסטישע מאַטראָזן האָבן אַלץ פאַריכט. און די קליינע פּאָר פּאַלן האָבן באַרייכערט זייערע דערפאַרונגען.

ווען די שיף איז געשטאַנען אין דעם איראָפּעאישן האַפן, האָט מען אויף גיך געוואָלט פאַרענדיקן מיט די איינריכטונגען. די צייט איז געווען קורץ. עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג, ווען מען האָט געדאַרפט פאַר־לאָזן דעם פּאָרט און דאָ האָט נאָך געפעלט דאָס וויכטיקסטע — דאָס איינ־ריכטן פּלעצער פאַר צוויי טויזנט פּאַסאַזשירן. אַדאַנק דער רירעוודיקייט און ענערגיע פון די אונטערגרונט־מענטשן איז דאָס באַשאַפן געוואָרן במעט איבער נאַכט. עס זענען געבראַכט געוואָרן שלאָסערס, סטאָליארעס, מאָלערס פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען מיט גוואַלדיקן טעמפּאָ און די שיף האָט געקענט פאַרלאָזן דעם האַפן פיר און צוואַנציק שעה שפּעטער.

ווען מען האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם האַפן איז שוין געווען אַ טאָג פאַר פּסח, און די בחורים פון דער מאַנשאַפט האָבן דווקא געוואָלט אָפּריכטן דעם סדר אויף דער שיף. מען האָט די רייזע אָפּגעהאַלטן און געפּראַוועט אַ סדר מיטן גאַנצן קנאַק. וויין און מצות האָט מען געקראָגן פון אַמעריקע. די יידן פון יענער פּאָרט־שטאָט ,וואָס זענען ווינציק אין צאָל באַקן נישט קיין מצות. זיי קויפן עס אין אַמעריקע. גראָדע דאָס יאָר האָט דער מצות־טראַנספּאָרט זיך פאַרשפּעטיקט און עס איז פּשוט געווען אַ געפאַר נישט צו האָבן קיין מצות צום ערשטן סדר. אָבער די מאַנשאַפט פון דער שיף האָט זיך גערן געטיילט מיט איר מצות־פאַרמעגן מיט דער דאָרטיקער יידישער קהילה.

די נאַכט פונעם ערשטן סדר איז געווען אַ פייערלעכע. דאָס עס־צימער

איז פארוואנדלט געוואָרן אין א בינע. די ווענט — באהאנגען מיט ווייסע לײַלעכער. אויף די טישן — גוטע שפייזן ווי מעדני־מלך. אַלע מיטגלי־דער פון דער מאַנשאַפט האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די ארבעטס־קליי־דער און זיך אויסגעפוצט ווי פּרינצן. געפּרעסטע אנצוגן, ווייסע העמדער, פּאַרביקע קראוואטן. אָנגעפירט מיטן סדר האָט אן ארץ־ישראל־בחור פון דער הגנה. מען האָט געזאָגט די הגדה לויט דעם נייעם ארץ ישראל־נוסח. מען האָט געזונגען ארץ ישראל לידער און אַמעריקאַנער מארינען־לידער. און די כאָראַלע קולות זענען געגאַנגען אין די הימלען. אין די הילכיקע געזאַנגען איז געווען דער אָפּהילך פון יונגע יידן, וואָס רוימען אַ וועג פאר חרות ישראל.

די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבן פארבראַכט אויף דער שיף צווישן די צוויי קאָנטינענטן האָט מען דערמאָנט ארץ ישראל אויף אַ פארשטעלטן אופן. דאָס קאָד־וואָרט פאר ארץ ישראל איז געווען אָקלאהאמא. מען האָט קיינמאָל אין דער פרעמד, אפילו פאר די נאָענטסטע מענטשן נישט געטאָרט דערמאָנען דאָס וואָרט ארץ ישראל און אויך נישט געטאָרט רעדן אידיש אָדער העברעאיש. דאָס קאָד־וואָרט פאר פּאסאזשירן איז געווען באַנאַנע. מען האָט זיך נישט באַנוצט מיט אַזוינע ווערטער א שטייגער ווי פּליטים א. ד. ג. מען האָט שטענדיק געהאַט אין באַזיץ אַ פרעמדע טערמינאָלאָגיע. די פאָרזיכטיקייט האָט געמוזט זיין גרויס, ווייל ווי מען האָט זיך נישט געהיט און באַוואָרנט, האָבן דאָך בריטישע אַגענטן און אַנדערע שפּיאָנען אָנגעהויבן צו פארדעכטיקן די באַוועגונגען פון דער שיף. געזעצלעך האָבן זיי קענען דער שיף גאָרנישט געקענט טאָן, ווייל די שיף איז געשווומען אונטער אַ פרעמדער פאָן. אָבער אונטער פארשידענע תירוצים און אונטער דעם דרוק פון בריטישע סעקרעט־אַגענטן האָט די „אינטעלידזשענס־סוירוויס" פון יענעם האַפן געמאַכט אָן אַ שיעור אינ־ספּעקציעס און אויספאָרשונגען און געשטערט דאָס אָפּשווימען פון דער שיף. דער קאַפּיטאַן האָט אפילו שוין געהאַט באַשלאָסן ארויסצופירן די שיף פון האַפן אָן דער לעגאַלער דערלויבעניש, אָבער דאָך אין לעצטן טאָג איז די דערלויבעניש געגעבן געוואָרן און די שיף האָט אונטער די קלאַנגען פון געזאַנגען זיך געלאָזט שווימען אין די ווייטע וואַסערן...

דער בלאנדער, לאבנדיקער קאפיטאן, דער ווארעמער יידישער בחור פון באלטימאר איז נאך נישט געווען פארטיק מיטן דערציילן די געשיכטע פון זיין שיף, אבער דער שעף־אינזשעניער איז אנגעקומען און געמאלדן, אז מען דארף אנהייבן אנצווארעמען די מאטארן, ווייל עס רוקט אן די שעה פון דער אפרייזע. אויפן דעק האט זיך שוין געהערט א גערויש. טייל מאטראזן האבן גענומען ראלן די שטריק, טייל האבן אויפגעהויבן דעם אנקער. און דער קאפיטאן האט זיך גענומען צו זיין טשארט. ער האט אויסגעשפרייט זיינע מאפעס כדי צו באשטימען אין וועלכער ריכטונג די שיף דארף אפשווימען.

קאפיטל אכט

דער קאפיטאן פון א פליטים-שיף

אונדזער שיף האט זיך רואיק געגליטשעט איבער די בלויע שפיגל־וואסערן. אריבער א שעה צייט, ווען דער קאפיטאן האט איבערגעלאזט זיין טשארט, געגעבן אינסטרוקציעס דעם ראד־מאן, דעם „סטירער“, זיך דורכגערעדט מיט ביידע ראדיא־סיגנאליסטן און דערנאך זיך געלאזט מיט מיר אויף א גרינטלעכער אינספעקציע איבער אלע שטאקן.

עס איז שוין געווען פארנאכט. די זון וואס האט געהייצט א גאנצן טאג די מאלערישע לאנדשאפטן ארום און די ים־אויבערפלאך איז איצט אויסגעגאנגען אין א פייערדיקן טייך. די ברעגן האבן גענומען אויסוועפן, אויסרינען. און הינטער אונדז האבן דא און דארט אויפגעטיקט די פלעמלעך פון איינצלנע לייכט-טורעמס.

— וווהין? אין וועלכער ריכטונג שווימט די שיף? — האב איך גע־פרעגט דעם קאפיטאן, הגם איך האב געוווסט אז דאס איז אומדיסקרעט. אזוינע פראגן דארפן נישט פארענטפערט ווערן.

— מיר האבן נאך נישט קיין באשטימטע ריכטונג — האט דער קא־פיטאן געשמייכלט — אין ניו־יארק ארבעט מען אויס פלענער און אויף די

ברעגן פון אייראָפּע ווערן די פּלענער געענדערט. עס ווענדט זיך לויט די פּאָליטישע וועטערן דאָ... מיר ריכטן אונדזער קורס אויפן ים פּאראַלעל מיט דער אויסשפּיר־ארבעט פון די ענגלענדער אין די האפן־שטעט...

— זענען די ענגלישע שפּיאָנען שטארק טעטיק?

— נאָך ווי! זיי באנוצן זיך מיט זייער גאנצן מעכטיקן וואפן קעגן אונדזערע מעפּילים־שיפן. זיי פארפאָלגן אונדז מיט עראָפּלאנען, מיט שיפן, מיט געהיימע ראַדיאָ־סטאנציעס און מיט באצאָלטע אגענטן... אָבער מיר ביטרעווען זיי איבער. ווען זיי זוכן אונדז אין איין עק קאָנטינענט בלאָנדזשען מיר אין אַ צווייטן עק. ווען זיי שפּירן אונדז נאָך אין דרום, שפּאצירן מיר ארום די ברעגן פון צפון...

איך קוק אויף אונדזער קליינער אָרעמער שיף, קעגן וועמען די ענג־לענדער מוזן מאָביליזירן זייערע עראָפּלאנען, זייערע שיפן און זייערע באצאָלטע שפּיאָנען. איך קוק אויף אונדזער בלאָנדן נאָך יינגלשן, אָבער זעלבסט־זיכערן קאַפּיטאַן, וועלכער פירט מיך איבער יעדן ווינקל פון אונדזער טויזנט־טאָנאזשעדיקער שיף און הער זיך איין צו זיינע דערקלע־רונגען. אז עס קומט אויסצורעכענען דעטאַלן וועגן זיינע דערגרייכונגען אויף דער שיף, פארלירט ער זיין באשיידנקייט. ער באשטייט מען זאָל אָפּשאצן זיינע אויפטואונגען. דער קאפּיטאַן קען נישט זיין פּאסיוו אויף זיין אמט. וויבאלד ער האָט איבערגענומען די שיף, האָט ער ביי זיך אָפּגע־מאכט, אז זיין מאנשאפט מוז זיין אַ געקליבענע, אַ מוסטערהאפטע און זיין רייזע — דערפאָלגרייך. נישט אָן שטאָלץ דערציילט ער, ווי ער האָט פון אַ פארנאכלעסיקטער, אויסגעשפּילטער לאַדונגס־שיף, וואָס באלאנגט שוין צו ברוכווארג, געמאכט אַ שווימענדיקע פעסטונג. אמת, די איינריכטונגען זענען אביסל פּרימיטיוו, געפּאקט, ענג אָבער דאָס טוט מען, כדי צו קענען ארויפלאָדן וואָס מער מעפּילים. און וואָס גרעסער עס איז די צאָל פון די מעפּילים אויף אַ שיף — די צאָל פון אָט־די געראטעוועטע בראנד און פייער־יידן — אַלץ מער פארדעקן זיי די חסרונות און הינטערשטעלי־קייטן, פון וועלכע די שיף איז נישט פריי.

מיר גייען אראָפּ אין דער מאשינען אָפּטיילונג. דאָ הודזשען מאָטאָרן. עס זעצט אַ רויך פון ריזיקע קעסלען. עס שלאָגט אַ היץ פון נעצן מיט רערן.

טרייב־מאַשינען קלאַפּן און אַלץ צוזאַמען איז די יאָג-קראַפט וואָס שטויסט די שיף אין דער ריכטונג וווהין דער קאַפּיטאַן קירעווע זי.

— אז די ענגלענדער וועלן דאָ אַראָפּקומען, וועלן זיי אַלע אָפּגעבריט ווערן... לאַכט דער קאַפּיטאַן — אָבער זיי וועלן נישט קומען. די טירן וועלן ווערן פאַרשלאָסן. זיי וועלן צום ראָד אויך נישט צוקומען. מיר וועלן זיי צו קיין זאַך נישט צולאָזן. די שיף איז אונדזערע!

דער קאַמפּסלוסטיקער קאַפּיטאַן איז אַנטשלאָסן מען זאָל אַרויס־שטעלן אַ גרויסן ווידערשטאַנד־קאַמף די ענגלענדער ווען זיי וועלן קומען פאַרכאַפּן די שיף. ער בעט זיך ביי די הגנה-מענטשן, מען זאָל אים לאָזן טאָן ווי ער וויל. צוקומענדיק צו די ברעגן פון ארץ ישראל וויל ער נוצן אַ רויך־פאַרהאַנג. ער וויל האָבן גאַז־מאַסקעס פאַר זיין גאַנצער מאַנשאַפט, כדי צו קענען אָנהאַלטן דעם קאַמף פון ווידערשטאַנד קעגן די פאַרכאַפּערס. עס איז באַקאַנט, אַז די ענגלענדער, ווען זיי רייסן זיך אַרויף אויף אַ מע־פּילים־שיף, באַנוצן זיי טרערן־גאַזן, כדי אָנמעכטיק צו מאַכן די מאַנשאַפט מיט די פּאַסאַזשירן. אַזוי אַרום ליקווידירן זיי דעם ווידערשטאַנד. אונ־דזער קאַפּיטאַן וויל זיך באַנוצן מיט אַ קעגן־וואָפן. ער פּלאַנט צו פאַנגען די ענגלישע פאַרכאַפּערס באַלד נאָך זייער אַריינרייסן זיך און אַרויפוואַרפן אויף זייערע פּנימער נאַסע טיכלעך מיט מאָרפיום, כדי זיי איינצושלע־פערן... מיט שלאָפעדיקע ענגלענדער, ווערט מען קענען צופירן די מעפּילים ביז צום ברעג און אַראָפּלאָזן זיי ביזן לעצטן...

איז דער קאַפּיטאַן אַ טרוימער? אַ פאַנטאַזיאָר? איז ער אָנגעשטעקט מיט אַמביציעס דורכצוגיין אַוואַנטורעס, וואָס אַנדערע קאַפּיטאַנען פון מע־פּילים־שיפן פאַר אים זענען נישט דורכגעגאַנגען?

עס איז געווען צוצולייגן אַן אויער צו זיינע לאָגישע, דורכגעטראַכטע רייד איינצוזען, אַז ער איז אַ מענטש פון רעאַליטעט. אפילו זיינע בלי־ציקע איינפאַלן זענען נישט קיין פּראָדוקט פון אימפּולסן, נאָר דאָס זענען אידייען וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין פּראַקטישע מעשים. פון דער נאַטור איז דער קאַפּיטאַן אַ מילדער, אַ צוגעלאָזענער. זיין ווייכער שמייכל וואָס גרענעצט זיך מיט שעמעוודיקייט, האָט אַלע זיבן חנען. ער קען פאַרטראָגן פון די מאַנשאַפט־בחורים אַ קיבעץ, אַ שטעך־ווערטל, אָבער ווען עס קומט

צו פליכטן איז ער שטרענג, כמעט אויטאָקראַטיש. ער פאַרטראָגט נישט, ווען מיטגלידער פון דער מאַנשאַפט אָנערקענען נישט קיין דיסציפּלין, אָדער ברעכן די רעגלאַמענטן. נאַכלעסיקייט איז דער גרעסטער שונא פון אונ־זערע ציילן. דער קאַפּיטאַן וואַרנט נישט בלויז. אין איין לאַנד, וווּ זיין שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט א צייט צוריק, האָט ער אויסגעשלאָסן צוויי פון דער מאַנשאַפט. איינעם האָט ער צוריקגעשיקט קיין פראַנקרייך פאַר זיין א פוילנצער און דעם צווייטן — קיין אמעריקע פאַר אָנשיכורן זיך אין אַלע האַפן־שטעט און פלוידערן אין די שענקען.

אונדזער קאַפּיטאַן טראָגט אויף זיינע שמאָלע פּלייצעס נישט מער ווי פינף און צוואַנציק יאָר. אָבער ער רעדט מיט דער אויטאָריטעט פון א ים־וואָלף, וואָס איז דורכגעבאַקן פון זון, ווינט און ים־דערפאַרונגען. ער האָט אפילו נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין נויטיקע בילדונג. ביים דריטן יאָר „היי־סקול" האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דעם האַנדלס־פלאָט. ער איז אַלט געווען אכצן יאָר און געדינט זיבן יאָר. אין זיינע דינסט־יאָרן האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַזאַ אויסטערלישער דערשיינונג ווי לאַגערן פון אויסגע־וואָרצלטע מענטשן — „די פּי'ס". קיין שום דעפיניציע אין דער וועלט האָט נישט געקענט קלאָר מאַכן דעם יידישן אַמעריקאַנער בחור, וואָס עס באַדייט דאָס וואָרט „אויסגעוואָרצלטער מענטש". זיינע זוכענישן האָבן ארויסגערופן אומצוטרוי צום מין מענטש און צו זיין וועלט־איינטיילונג. און ער האָט גענומען בלאָנדזשען אין פאַרשידענע נישט־יידישע ראַדיקאַלע קרייזן. אַן ענטפער אויף זיינע ספקות האָט ער ערשט געקראָגן ווען ער האָט באַזוכט א ציוניסטישן יוגנט־מיטינג. דאָרט האָט מען אָנגעשלאָגן טענער, וואָס האָבן געהאַמערט אין זיינע אויערן. צוויי וואָכן שפּעטער האָט ער גע־קראָגן פאַרבינדונג מיט א מענטש פון דער הגנה, וואָס האָט אים פאַר־טרויט, אַז ארץ ישראל זוכט יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן געדינט אין דעם ים־פלאָט. ער האָט זיך געשטעלט אין דינסט און גלייך זיך ארומגעזען, אַז מען האָט פאַרשפּעטיקט מיט די מעפּילים־שיפן אויף גאַנצע צוואַנציק יאָר. אָבער אַז מען ארבעט שוין יאָ מיט א פאַרשפּעטיקונג, דאַרף מען איצט שיקן נישט קיין איינצלנע שיפן, נאָר גאַנצע ארמאַדעס, וואָס זאָלן

„אומלעגאלע" יידן שפּאַלטן ימען

צעטרעטן די עטלעכע בריטישע „דעסטרויערס", וועלכע דרייען זיך אין די טעריטאָריעלע וואַסערן, און ניובען ווי שפּיר־הינט.

דער קאַפּיטאַן לייקנט אָפּ די השערה, אַז די יידישע בחורים, אַלס איינהייט, קענען נישט זיין קיין גוטע דערפאַרענע מאַטראָזן, אַז עס איז נישטאָ קיין האַרמאָניע און קאָאָפּעראַציע אין זייער צוזאַמענאַרבעט. די שווערע רייזע איבערן אַטלאַנטיק האָט צו נישט געמאַכט אַזאַ באַהויפּטונג. עס האָט געהערשט דיסציפּלין און מוסטערהאַפטע אָרדענונג. און דאָס מערקווירדיקסטע דערביי, „דאָס קיין דרויסנדיקער מענטש" וויים נישט ביז היינטיקן טאָג, אַז די מאַנשאַפט איז אַ יידישע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויסבאַהאַלטן דאָס יידישקייט אויף דער רייזע צוליב זיכערקייטס־טעמים, דערציילט מיר דער קאַפּיטאַן אַ פאַל וואָס האָט — חוץ דער איראָניע — אויך זיין קאָמישע זייט.

ווען דער שליח פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט געקויפט די שיף, האָט אריינגעפירט דאָס נייע אייגנטום — די שיף קיין מיאַמי, האָבן שוין דעמאָלט די מאַנשאַפט־בחורים זיך שטאַרק געהיטן נישט ארויסצוגעבן זיך אַלס יידן. מען האָט אָנגענומען די שטרענגסטע פאָרזיכטיקייט נישט צו פאַרראַטן זיך מיט אַ וואָרט. מען האָט געצוימט די צונג. יידיש אָדער העבּ־רעאיש איז פאַרווערט געוואָרן צו נוצן. די חברה האָבן געשטאַמלט אַביסל פראַנצויזיש, געטאָן אַלץ אום אָפּצונאַרן און צו פאַרפירן די זייטיקע מענ־טשן. דער גוי, דער תם, דער שליח פון דער שיף־געזעלשאַפט האָט עפּעס זיך גענומען וואונדערן אויף דער מאָדנער מאַנשאַפט, וואָס האָט נישט קיין אייגענע שפּראַך. זיי רעדן מיט די הענט, קענען ארויסברענגען קוים גע־ציילטע ווערטער אין שפּאַניש. פרעגן צופיל האָט אים נישט געפּאַסט. אָבער ער האָט פאַרדעכטיקט דווקא דעם איינציקן גוי, דעם רויטן אירלענ־דער פון דער מאַנשאַפט, אַז ער איז נישט קיין שפּאַניער. ער האָט אָפּגע־וואַרט אַ מאָמענט, ווען דער אירלענדער איז אריינגעגאַנגען אין וואַש־צי־מער און זיך צוגערוקט צום הויפּט־אינזשעניער פון דער שיף מיט אַזאַ זאָג:

— ווייסט טשיף, איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז מינדעסטנס איינער אין דיין מאַנשאַפט, אָט־דער חברהמאַן וואָס איז איצט אַרויס, מוז זיין אַ ייד.

דער הויפּט־אינזשעניער האָט געלאַכט. די יונגען פון דער מאַנשאַפט האָבן געלאַכט און לוסטיקע, ווי עס פּאַסט פאַר אַמתע ים-העלדן, האָבן זיי מיט נאָך מער אַנטשלאָסנקייט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון טרייבן און באַוואַכן די שיפן פון ישראל.

דורכגייענדיק די אָפּטיילונגען וואָס זענען צוגעגרייט פאַר די צוויי טויזנט מעפּילים, וועלכע וועלן דאַרפן אַרויפקומען אַ פּאָר טאָג שפּעטער אויף דער שיף, שטעלט זיך דער קאַפּיטאַן אָפּ פאַר אַ גרויסן בעקן וואָס דאַרף זיין אַ וואַש־שיסל פאַר די פּאַסאַזשירן. דער בעקן איז איינגעריכט אויף אַ זייער פּרימיטיוון אופן, מיט געלעכערטע רערן, דורך וואַנען ס׳רינט דאָס וואַסער. אַזעלכע וואַש־שיסלען זענען פאַראַן עטלעכע, צע- שטעלט אויף פאַרשידענע פּונקטן. חוץ די וואַש-שיסלען זענען אויפגע־ שטעלט געוואָרן הילצערנע טואַלעט־צימערן, ווי שמאָלע באַראַקן. אויף איין זייט פאַר מענער, אויף דער צווייטער זייט פאַר פרויען. דער קאַפּיטאַן ווייזט אָן, אַז אָט די אַלע נויטיקע איינריכטונגען סיי די וואַש־שיסלען, סיי די טואַלעט-צימערן, זענען קאַמופלאַזשירט געוואָרן אויף דער גאַנצער ריי־ זע, ביז מען איז אַריינגעקומען אין די מיטללענדישע וואַסערן. דאָס איז געטאָן געוואָרן צו פאַרפירן די בריטישע אַגענטן וואָס האָבן זיך אַרומגע־ דרייט אין אַן אייראָפּעאישן האַפן, ווייל די שיף האָט געהייסן אַ לאַסט־ שיף צו פירן באַנאַנען.

מיר באַזוכן די מעדיצינישע אָפּטיילונג און די קליניק פון דער שיף. די דאָזיקע קאַבינע איז גענוג גרויס אַריינצונעמען עטלעכע פּאַציענטן אויף אַמאָל, וו זיי קענען קריגן די ערשטע הילף. קיין שפּיטאָל איז נאָך נישטאָ, אָבער מען פּלאַנט אויפצובויען אַ שפּיטאָל מיט פופצן ביז צוואַנציק בעט־ לעך אין אַ באַראַק אויפן דעק, ווי נאָר מיר וועלן צוקומען צום נאָענטסטן פּאָרט.

עס קומט אונדז אַנטקעגן דער מעדיצינישער אויפזעער, אַ ברייט־ ביייניקער יונג מיט רויטע אָנגעפּרעסענע פּיסקעס. דאָ רופט מען אים „דער פּוירסער”. ער איז דער אויסטיילער פון מעדיצינען פאַר יענע, וואָס נוי־ טיקן זיך אין באַהאַנדלונג. ער קען אויך געבן פאַרווונדעטע די ערשטע הילף. ער קען רייסן ציין, שטעלן פּאָקן. די איינציקע זאַך פאַר וועלכער ער

שרעקט זיך און וויל אויך נישט אונטערנעמען זיך צו טאָן איז — דאָס אָפּנעמען ניי-געבוירענע קינדער.

דער מעדיצין-אויפזעער איז גלייכצייטיק דער שפּייז-מיניסטער פון אַט דער קליינער שווימענדיקער מלוכה. ער האָט צו זאָגן אויף קויפן און אויף אויסטיילן פּראָוויאַנט. ער זאָרגט זיך ס'זאָל נישט אויספעלן קיין שפּייז-פּראָדוקטן. זיינע פונקציעס זענען די זעלבע, ווי די פונקציעס פון יוסף דעם שפּייזער, בעת דעם קריזיס אין דעם פעטן לאַנד מצרים.

אָן צו וואַרטן כ'זאָל אים עפּעס פרעגן, נעמט דער ברייטביייניקער, רויטבאַקיקער בחור ארויס א העפט פון א שופלאָד און הייבט אָן צו געבן סטאַטיסטיקס, שוואַרץ אויף ווייס, ווי גרויס זיין פאַרמעגן איז.

מיט מעדיקאַמענט פון אַלע סאָרטן איז ער אזוי איבערגעלאָדן, אז ער קען האָבן גענוג אויף אויסצונוצן עס פאַר אַלע הונדערט טויזנט בריטישע סאָלדאַטן, וואָס באַוואַכן די ברעגן פון ארץ ישראל קעגן דער יידישער איינוואַנדערונג... ער האָט אויך אין באַזיץ א שפּאָרע קוואַנטיטעט פון אינ-סולין און פּעניסילין און סאַלפאַ.

מיט שפּייז-פּראָדוקטן קען ער באַזאָרגן צום וויניקסטן צוויי שיפן מיט מעפּילים. ער האָט 2 טאָן ביסקוויט, 1 טאָן האָלענדישן קעז, געטרי-קנטע אייער איז פאַראַן גענוג פאַר צוויי טויזנט פּאַסאַזשירן דורך גאַנצע צוויי חדשים צייט. ברויט האָט ער אויף דריי חדשים. קאַרטאָפל אין קאַנען — גאַנצע 2 טאָן. פּאָמעראַנצן-זאַפט — 3 טאָן. חוץ פרוכט-קאָקטייל עפּל, אַפּריקאָסן, באַנאַנען, באַרנעס און קאַרשן. דערנאָך קומען 2 טאָן פעטע מילך, פּוטער, מאַרמעלאַד, קאַקאַאָ, קאַווע, טיי, פיש און אַלע סאָרטן שפּייז וואָס פאַרמאָגן די פולע דערנערונגס-וויטאַמינען. ברויט קען צוגע-שטעלט ווערן 250 לאַבנס א טאָג.

און אזוי ווי דער שפּייז-אויפזעער האַלט אין אויסרעכענען זיין סטאַ-טיסטיק, קומט אָן דער „סטירער", דער וועלכער רעגולירט דאָס ראָד פון דער שיף, און פרעגט דעם קאַפּיטאַן וועגן דער ריכטונג פון קורס. דער קאַ-פּיטאַן שיקט א צווייטן מאַטראָז אויף זיין פּלאַץ און באַקענט אים מיט מיר.

דאָס איז א רויטער, הויכער זעקס-פוסיקער יונג. זיין פיגור — א

בייזע גרוים. ער איז אָפּגעשאָטן מיט שפּרינגעלעך פון קאָפּ ביז פּיס. דאָס פּנים מיט רויטע פלעקן. די אויגן קליינע חלבדיקע, ווי ביי א קאַלמיק. זיין נאָמען איז הוגעל מעקדאָנאַלד. ער איז אן אירלענדער פון בלוט און ביין.

אויפן ערשטן קוק דאכט זיך, אז דאָס איז א פּארשוין פון דער אונ-טער־וועלט. דאָס האלב־נאקעטע רויט־באוואקסענע לייב מיט דעם קינזשאַל ביי דער זייט — פארשטארקט נאָך מער דעם איינדרוק, אז דער פּארשוין באלאנגט אויף יענער זייט פון דעם אָנשטענדיקן, מענטשלעכן מין.

אָבער דער ברוטאַל־אויסזעענדיקער מעקדאָנאַלד איז א סטודענט, א האווארד־קאָלעדזש־באָי, וועלכער האָט פארוואָרפן דאָס לערנען צוליב א שגעון — ער וויל פירן מעפּילים קיין ארץ ישראל.

הוגעל מעקדאָנאַלד, וועמענס נאָמען איז איצט פארקירצט אויף מעק, הייבט אויף זיינע רויטע ברעמען, און באַרשטן, ווי באַרשטן, און לאָזט וועגן זיך הערן:

ער איז געבוירן געוואָרן אין סאַן־פראַנציסקאָ מיט 26 יאָר צוריק. א קאַטאָליק, געענדיקט „היי־סקול", געלערנט אין סטענפארד־אוניווערזיטעט אין קאַליפאָרניע. שפּעטער איז ער געגאַנגען אין האווארדער יורידישן פּא-קולטעט. ער האָט טיילווייז געארבעט ווי א רעפּאָרטער פאר א פּראָווינץ־צייטונג, איבערגעלאָזט די ארבעט און זיך אָפּגעגעבן מיט שטודירן געזעץ. זיין פאָטער — אן אירלענדער. די מוטער — פון סקאָטלאנד. און זיין איינציקע שוועסטער איז א קאַטוילישע נאָנע.

הוגעל מעק איז דערצויגן געוואָרן אין סאַן־פראַנציסקאָ, וווּ די באַפעל-קערונג איז נישט געטיילט אין ספּעציפישע געגנטן און ווו גוט־שכנהשאַפט ווערט פּראַקטיצירט. ערשט אין יאָר 1936 האָט מעק זיך דערוווּסט, אז ס׳איז פאראן א פאָלק אויף דער וועלט, וואָס ווערט גערודפט און געפּיי-ניקט. ביז דעמאָלט האָט ער פּאַקטיש נישט געוווּסט, אז עס עקזיסטירט אזא באזונדערע אומה, וואָס הייסט יידן, אז ס׳איז פאראן אזא פּראָבלעם ווי א יידן־פראַגע. מעק האָט נישט פארפעלט צו דינען אין דער מויר־טשענס־מאַרינע נאָך פארן קריג, ווו ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף פארשי-דענע אינצידענטן. נישט זעלטן האָט ער געזען אויף זיינע רייזעס ווי מען דיסקרימינירט יידן. מעק, דער צוקונפטיקער אדוואָקאַט, דער גריבלער אין געזעץ, האָט דאָס נישט באַנומען. עפּעס האָט אין אים רעוואָלטירט.

אָנשטויסנדיק זיך אויף דיסקרימינאַציעס האָט ער באַמערקט, אַז אויך טייל קאַטאָליקן ווערן אין אַמעריקע פאַרפאָלגט. זיין בעסטער חבר אין דעם לופט־פלאָט בעתן קריג איז געווען א ייד. זיין בעסטער חבר אין סטענפאָרד קאָלעדזש, וואָס איז שפּעטער געפאַלן אין קריג, איז געווען א ייד. ווען מעק איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה, איז ער געווען אַנטוישט, געמיינט אַז דער בלוטיקער קריג וועט אויך געווינען א שלום פאַר דער שארית ישראל. עס איז שוין געווען לאַנג נאָך די נירנבערגער געזעצן, און מיטאַמאָל — קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין ציפערן, יידישע מעפּילים־שיפן ווערן צוריקגעשיקט פון די האַפנס. און מעק האָט באַשלאָסן אַריינצוטרעטן און קעמפן אין דעם יידישן פלאָט. ער האָט געזוכט קאָנטאַקט מיט דער יידישער ים־באַוועגונג.

ניי־יאָר איז געקומען די געלעגנהייט. ער איז געווען אין ניו־יאָרק מיט זיינעם א חבר, א מאַטראָז פון א יידישער שיף. ער איז געגאַנגען זען שפּילן יידיש טעאַטער, שלום עליכמס „בלאָנדזשנדע שטערן". דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן האָט אים פאַרכאַפּט. שפּעטער האָט ער אין קאַפע „ראָיאַל" דיסקוטירט יידישע פּראָבלעמען. צומאָרגנס האָט דער טעלעפאָן גערופן מעקן אויף א באַשטימטן אַדרעס. איין חודש שפּעטער איז ער געפאָרן קיין מיאַמי און איז געוואָרן א יידישער מאַטראָז. זיין רייזע מיט דער יידישער שיף, וואָס האָט אים דערנאָך געפירט פון באַלטימאָר קיין ליסאַבאָן איז געווען א שטורעם־רייזע פון א קאָלאָמבוס, פון א מאַגעלען. אָבער מעקן האָבן די ביטערע דערפאַרונגען באַגייסטערט. ער איז אויפן וועג קיין ארץ ישראל.

מעק ווייסט, אַז זיין מאַנשאַפט איז די בעסטע. ער פילט נישט, אַז ער איז א גוי צווישן יידן. מעק געדענקט אויך, אַז זיין שוועסטער, די קאַטוילישע נאָנע, האָט אים געהייסן זיך לאָזן אויף דער ווייטער יידישער נסיעה.

קאַפּיטל ניין.

פּאָרטרעטן פון „אומלעגאַלע״ מאַטראָזן

נאָך א לאַנגער נאַכט דורכשניידן די וואַסערן, דערנענטערט זיך אונ־דזער שיף צו א סטראַטעגישן אינדזל. עס איז איצט אַכט אין דער פרי. די שיף וואָס שווימט איבער די טיף־בלויע ים־דעקעס, — וואָס קנייטשן זיך נישט, פּעלדלען זיך נישט — שווימט אָן א ציל, בלויז צו הרגענען צייט. עס איז אויפגעכאַפּט געוואָרן א ידיעה, אז בריטישע שפּיאָנען שפּירן אוים אין אלע האַפנס פון איטאַליע און מיר מוזן מאַכן אומוועגן און הינ־טערוועגן. לויט דעם צייט־פּלאַן האָבן מיר שוין געדאַרפט זיין אין א גע־ווייסן פּאָרט אין ים התיכון, אָבער כדי אָפּצונאַרן דעם שונא, פאַרשלעפּן מיר די רייזע. מיר האַלטן אין איין ענדערן די פּלענער. עס איז א קאַץ־און־מויז־שפּיל.

די שיף מאַכט קרייזן. דרייט זיך אהין און אהער. זי שווימט אַזוי לאַנגזאַם ווי דריי מייל א שעה — דער נידעריקסטער רעקאָרד אין דער געשיכטע פון ים־רייזעס. דער ראַדיאָ־סיגנאַליסט שטעלט נישט אָפּ דאָס פינגער־קלאַפּעריי. ער טוט זיך אינגאַנצן אריין אין דעם אַפּאַראַט. ער וואַרט אויף א באַפעל, וואָס דאַרף קומען ערגעץ פון א האַפן מיט דירעק־טיוון. ווו מיר זאָלן אַנקערן. דער קאַפּיטאַן טאָר נישט מאַכן קיין צוג אָן דער פאַרשטענדיקונג פון ארץ ישראל.

די וועלט איז איינגעטונקען אין זון און אין ליכט. און אין מיטן דער זוניקייט שיילט זיך ארויס א פאַרנעפּלטער, בלווילעכער באַרג. פון אָנהויב זעט דאָס אוים ווי א מעכטיקער וואָלקן. אָבער וואָס נענטער מען קומט צו, אַלץ קלאָרער בייגן זיך ארויס די קאָנטורן פון דעם לעגענדאַרישן אינדזל, דער אינדזל פון די זשוואַוועו, היציקע קאָרסיקאַנער, די ערד אויף וועל־כער עס האָט זיך באַוויזן דער פאַרשווערער, דער ראָמאַנטישער פאַרכאַ־פער, דער מאַכט־אַמביציעזער דעספּאָטל, וואָס ווערט פון א טייל היינט־צייטיקע היסטאָריקער נאָך אלץ געווויקלט אין בלויע טיולן — נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע.

צוויי שעה שפּעטער פרעג איך דעם קאַפּיטאַן, צי מיר ווייסן שוין ווו מיר וועלן האָבן די נאָענטסטע סטאַנציע. ער ווייסט נישט. ער וואַרט אויף באַפעלן.

און צווישן דער קווינקלעניש און וואַרטעניש אויף ווייטערדיקע באַ-פעלן, קומען דערווייל אַרויף אויפן דעק מיך זען די מאַטראָזן פון דער שיף. איינציקווייז, איינס, באַאיינס, אויף וויפל די צייט דערלויבט זיי, קומען זיי אָן. יעדער וויל אַרויסברענגען עפּעס פון זיין הינטערגרונט, עפּעס פון זיין לעבנס-גאַנג ביז איצט. כמעט אַלע ווילן דערשיינען אונטער דעם ליכט־פּראָזשעקטאָר פון דער פּרעסע.

איך וועל וואַרפן אַ שיין אויף איינצלנע פון זיי. אויף געקליבענע. זיי זענען דער מוסטער וואָס רעפּרעזענטירט די גאַנצע מאַנשאַפט.

אָט איז אַדריאַן־אַברהם פיליפּס, אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט. אַ האַריקער, טונקל-הויטיקער בחור. אין זיינע פּאַרפּעטסטע „אָווערָאָלס", מיט דעם רויטן פאַרשלייפטן טיכל אויפן קאָפּ, קוקט ער אויס ווי אַן אָפּיום־שמוגלער אין מאַרסעל. ער איז געבוירן אין ניו־יאָרק. קען נישט קיין יידיש. פון פאַך איז ער אַ מעכאַניק־אינזשעניר. ער האָט געאַרבעט ביי „פילקאָ" ראַדיאָ און טעלעוויזיע-קאָמפּאַניע. זיין באָבע איז געווען זייער פרום און זיין זיידע — אַ רעוורענד.

זיין אַמט אויף דער שיף איז — צווייטער אינזשעניר־אָפיציר.

איך וועל פאָרשטעלן העראָלד קאַץ, 25 יאָר אַלט. געבוירן אין רו-מעניע. אַלס דריי חדשימדיק קינד געקומען קיין אַמעריקע. דער פאָטער איז אַ ראַביי אין דער שול פון ניו־פּאָרט. אַן אַקטיווער ציוניסט, וואָס האָט שטאַרק באַאיינפלוסט זיין בן-יחיד. העראָלד איז אויפגעוואַקסן אין אינ-דיאַנאַ. איצט וווינט ער אין ניו־פּאָרט. אַלס שילער איז ער געווען אַן אַק־טיווער מיטגליד פון דער סטודענטן-אָרגאַניזאַציע „אבוקה" אין באָסטאָן. אין מלחמה־צייט האָט ער געדינט אַלס אָפיציר אויף אַ קריגס-שיף. נאָך דער מלחמה איז געקומען די צייט פון אָפּגעבן זיך אַ שטיקל יידישן חשבון. דער חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום און דער קאַמף פאַר ארץ ישראל, האָבן אים נישט געלאָזט ווייטער רואיק לערנען און טראַכטן וועגן זיין קאַריערע. דער קיום פון די רעשטלעך פון פאָלק שטייט אין קאָן. און

הערשעל קען נישט זיין גלאַט אַ באַאָבאַכטער מיט רחמנות פאַר די גע־יאַגטע און געפּלאָגטע. ער וויל גיין קיין ארץ, וויל דאָרט ענדיקן אויף אַד־וואָקאַט און דינען זיין פאָלק.

אין אַ ווינקל אויפן שיף־דעק, זיצט שטענדיק אין זיין פרייער צייט, דער מאַטראָז נאָרמאַן לואיס. אַ הויכער, גוט־געבויטער יונג מיט הארטע פּנים־שטריכן און פאַרקלערטע אויגן. מען קען אים תמיד זען אַרומגע־רינגלט מיט ביכער און העפטן. ער איז 30 יאָר אַלט. געבוירן אין ברוקלין און זיין בילדונג האָט ער געקראָגן אין „ישיבת עץ חיים דבאָרא־פּאַרק". ער איז אַ חבר פון „פּועלי־ציון", זיין פאָטער איז אַ ציוניסט און זיין מוטער — אַ טוערין אין „הדסה". אַז ער וועט אָנקומען קיין ארץ ישראל וועט ער דאָס ערשטע קושן די ערד, דערנאָך וועט ער גיין אויפזוכן זיין ברודער, וואָס לעבט אין אַ קיבוץ. אין לאַנד וועט ער באַשליסן וואָס צו טאָן: בלייבן אָדער דינען ווייטער ווי אַ מאַטראָז אויף די יידישע שיפן? ער אַר־בעט שוין 4 חדשים צייט אויף פאַרשידענע שיפן. ער איז מיסטיש גע־שטימט, פּרובירט שרייבן פּאָעטישע פּערזן. ער זוכט דעם טיפן אינהאַלט אין יידישן לעבן. נאָרמאַן לואיס איז אַ פּראָדוקט פון יידישער דערציאונג אין אַ ישיבה.

זיין אמט אויף דער שיף — אַ פייערמאַן.

עס רוקט זיך אַרוים מיט שווערע טריט יוסף גילדין. אַ געבוירענער אין באַלטימאָר. זיינע עלטערן קומען פון רוסלאַנד. ער איז אַ היי־סקול בחור. הויך, אַביסל אָנגעשוואָלן, האָריק, באַוואַקסן ווי אַ פּאַרצייטיקער וואַלד־מענטש. זיינע באַוועגונגען זענען לעפּישע, שווערע. ער האָט געדינט 4 יאָר אין דער אַרמיי — נעגאַנגען אויף הכשרה. ביז דעמאָלט נישט גע־קענט קיין יידיש לעבן. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער מאַנשאַפט מיטן פּראַקטישן צוועק זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל און לעבן אין אַ קיבוץ.

אין אַ לעדערנער קורטקע מיט צוויי טאַשן־לעמפּלעך אַריינגעשטעקט אין ביידע קעשענעס, אין דער האַנט — אַ שווערע צוואַנג, גייט איבערן דעק אַ בראָנקסער בחור הערמאַן דזש. בראַווערמאַן. ער האָט אַ פּאָר ביס־טרע אויגן, צעשויבערטע פעך־שווארצע האָר און שטעלנדיק זיינע טריט

פייפט ער זיך אונטער דאָס איצט פּאָפּולערע אמעריקאנער ליד „אניוועך סערי געזאנג" פון אל. דזשאָלסאָן.

דאָס איז דער שעף־אינזשעניער פון דער שיף. ניין יאָר האָט ער געדינט אלס פּראָפעסיאָנעלער מאשינען־אינזשעניער אין דעם פלאָט. ער האָט די פולע קאָלעדזש-בילדונג און אלס פלאָט-מאַן האָט ער געקראָגן דעם ראנג פון קאָמאנדיר „מעריטיים-סוירוויס". ער האָט אזוי לאנג געדינט אין דעם אמעריקאנער פלאָט, ביז ער איז אריינגעטראָטן אין דינסט פון דער הגנה.

וואָס האָט אים געפירט צו אזא באשלוס?

א ריינער צופאל. אויף איינער פון זיינע ים-רייזעס האָט ער באגעגנט א פּאסאזשיר,וועלכער ארבעט פאר דער הגנה. יענער האָט אים צוגערעדט עפּעס צו טאָן פאר די יידישע פּליטים, געזאָגט, מען דאַרף האָבן פאכלייט פאר אונדזערע שיפן. דאָס איז שוין די צווייטע רייזע זיינע. די ערשטע שיף האָט ער באגלייט ביז א האפן אין פראנקרייך.

דער שעף־אינזשעניער וועט זיין אזוי לאנג אין דינסט, ווי לאנג מען וועט עס פון אים פארלאנגען.

דער פלינקער באוועגלעכער מרדכי גרינפעלד איז אויך א בראָנקסער בחור, 21 יאָר אַלט. געלערנט 2 יאָר אין קאָלעדזש, אין "מוירטשענס-מאַרינע" געדינט דריי יאָר, דורכגעגאנגען דאָס לאנד פון איין עק ביזן צווייטן.

ער איז באשאָנקען מיט אלע מעלות. ער ארבעט ביי די מאָטאָרן. אין די פרייע שעהן פאריכט ער די וואש־צימערן, די רערן. אז עס פעלט א האנט אין קיך — קען ער אויך ארויסהעלפן. ער קען כשר מאכן אן עוף, ער קען אָנפילן א קישקע און קאָכן היימישן באָרשט.

מרדכי גרינפעלד וויל האָבן זיין אויסוואל. ער באשטייט צו ארבעטן דורכאוים 10 יאָר צייט אויף די שיפן פון דער הגנה.

נישט אלע מאטראָזן אויף דער שיף האָבן זיך אָנגעשלאָסן צוליב זייער צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק, צוליב אויפגעוואכטע סענטימענטן. אָט איז דער פארביסענער בערנארד לערנער, א יונג, וואָס האלט אין איין ארומקריגן זיך מיט יעדן איינעם. זיין בלוט-דרוק איז נידעריק, אָבער טעמפּעראמענט האָט ער פאר זעקס. ער איז 27 יאָר אלט, געבוירן אין

אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ. געאַרבעט אַלס אַ פּאַרקויפער אין אַ דעפּאַרט־מענט־סטאָר. די עלטערן זענען דווקא ציוניסטן, אָבער ער איז מיט צען יאָר צוריק אַריינגעטראָטן אין דעם לינקאָלן־לעגיאָן וואָס האָט געקעמפט אויף דער זייט פון די לאָיאַליסטן אין שפּאַניע, בעתן בירגער־קריג. אַלע זיינע חברים זיינען אומגעקומען. זיין שנאה צו פאַשיסטן האָט זיך נאָך נאָך נישט געלאָשן. ער האָט שטענדיק אויף דער צונג אַ גאַנצן באַשולדי־קונגס־אַקט קעגן ענגלאַנד, וואָס כאָוועט אוים די פאַשיסטישע שלאַנגען איבער דער וועלט.

דער האַס צום פאַשיזם און דער ווונטש אָנצוטאָן צרות ענגלאַנד, וואָס איז — ווי ער זאָגט, די הייבאַם פון די פאַשיסטישע ממזרים, האָט אים אַריינגעשטעלט אין די רייען פון די ים־העלדן. אין מלחמה־צייט — איז ער מודה — האָט ער זיך אויך אָנגעשטויסן אויף אַנטיסעמיטישע אינצי־דענטן. אָבער — זאָל מען נישט מיינען — אַז דאָס איז געווען די טרייב־קראַפט, וואָס האָט אים פאַרוואַנדלט פון אַ פּאַרקויפער אין אַ דעפּאַרט־מענט־סטאָר אין אַ קריגערישן מאַטראָז. ער וועט זיך שטענדיק שטעלן אויף דער זייט פון געררודפטע — מעגן זיי זיין אַראַבער...

בערנאַרד לערנער איז דער „סעקאַנד מעיט" אויף דער שיף.

ווער האָט אַרויפגעשלעפּט אויף דער שיף דעם ריינעם גוי, דעם פּאָ־ליאַק אויגוסט לאַבאַטשעווסקי?

אויגוסט איז 29 יאָר אַלט, געבוירן אין ניו־דזשוירזי. ער קוקט אוים ווי אַ פּיראַט. ער טראָגט אַ געפלאָכטענעם שטריק אַרום די לענדן און אַ מעסער אין גאַרטל. די שניטן אויף זיין רויטלעך פּנים, די האָר אונטערגע־שוירן ווי ביי אַ רוסישן מוזשיק, גיבן צו זיין אויסזען נאָך מער רויקייט.

דער ערשטער איינדרוק איז, אַז אַזאַ שייגעץ קען זיין אַ פּערפעקטער אַנטיסעמיט, אַ געהאָרכזאַמער צוהערער פון די כוליגאַנישע גאַסן־רעדנער, וואָס שטעלן זיך אויף די זייף־קעסטלעך אין „קאָלאָמבוס סוירקעל" אין ניו־יאָרק, שטעקן אַריין די אַמעריקאַנער פּאַן און העצן די פאַרבייגייער. אָבער אויגוסט לאַבאַטשעווסקי איז אַן ערלעכער יונגער גוי, מיט אַן ערלעכ־קייט־קאָמפּלעקס. דער פּשוטער געפיל פאַר גערעכטיקייט האָט אים צוזאַ־מענגעבראַכט מיט די איבעריקע מאַטראָזן.

איך רוף ארויס אויגוסט לאבאטשעווסקי, זאל ער רעדן פאר זיך:
— איך בין א ניו־דזשווירזיער. מיין מוטער — אן איטאליענער. געלערנט האב איך בלויז אין א פאלקס-שול דריי יאר. איך וואגל שוין ארום אויף שיפן 9 יאר צייט. איך בין אויפגעוואקסן אין א יידישער געגנט און אלע מיינע חברים זענען געווען יידן. איך האב זיך אנגעהערט אין אלע וועלט-טיילן וועגן יידישע צרות. איך פארשטיי נישט פארוואס מען פלאגט זיי. מיין לאזונג איז: „פאראייניקט האלטן מיר זיך, צעטיילט, וועלן מיר פאלן". איך וויל נישט צוריקגיין קיין אמעריקע. איך באטראכט איצט, פונעם מאמענט ווען איך האב אויפגעטרעטן אויף דער שיף, ארץ ישראל פאר מיין נייע היימלאנד. איך קען טאן א סך ארבעטן. איך בין א פארמער, א סטאליער, א שמיד, אן אייזן־בויגער... איך וויל ארבעטן פאר ארץ...

די ווערטער האט געזאגט אויגוסט לאבאטשעווסקי, א שייגעץ, א פאליאק, א ברודער פון די פאליאקן פון פשיטיק און קיעלץ...

צו אויגוסטס קרעדיט דארף אויך געזאגט ווערן, אז ער איז א כל-בו אויף דער שיף, א פלינקע האנט. ער פליקט הינער, ער קאכט, ער באקט ברויט און זארגט ווי א גוטע באלעבאסטע פאר דער מאנשאפט. די מאט־ראזן רופן אים מיט א צונאמען „דיוק" — דער פריץ. דאס שטערט אים נישט צו האבן עגמת־נפש, ווען עמיצער האט א טענה, אז דאס פלייש איז צו הארט.

די גאלעריע פון די טשיקאווע מאטראזן איז נאך ווייט נישט אויס־געשעפט. איך וויל ארויספירן דעם גלח פון באסטאן, וואס האט זיך אונ-טערגענומען פרייוויליק מיטצוגיין דעם וועג פון די מעפילים, ווי א קריסט־לעכער באאבאכטער. ער פארדינט א ספעציעלן קאפיטל.

נאכמיטאג האט דער קאפיטאן מיך געלאזט רופן צו זיך. ער האט ארויפגעלייגט זיין ווייז־פינגער אויפן פלאן, וואס איז געלעגן פאר אים אויסגעשפרייט און מיר פארטרויט:

— זייט גרייט. אויב איך וועל פאראנקערן אין א האפן אויף דעם אינדזל, וועט איר קענען מיט מיר ארויפגיין אויפן ברעג. מיר וועלן דארפן זען דארט אונדזערע מענטשן. און איר וועט קענען אויך אוועקשיקן אייע־רע בריוו און טעלעגראמעס.

די נייעס איז געווען ווי אַ דערפרישונג. יעדן ים-פּאַסאַזשיר ציט צו לאַנד. איך האָב געפרעגט:

— ווען רעכנט איר צו פאַראַנקערן?

— ווי נאָר איך וועל קריגן אַ באַפעל דורכן ראַדיאָ. אונדזער סיגנאַליסט האָט אויפגעכאַפּט אַ רוף, אַז 9 אַזייגער אָוונט וועלן זיי שיקן דעם באַפעל. הייסט עס, מיר וואַרטן ביז 9.

דער אומגעדולד דורך די עטלעכע שעה איז געווען גרויס. אויך די מאַנשאַפט איז געווען געשפּאַנט. יעדע ווײַלע איז אַנגעלאָפן אן אנדער מאַטראָז, אַ סטיואַרט, געוואָר צו ווערן ווי עס האַלט. ענדלעך 9 אַזייגער איז געקומען דער באַפעל. דער ראַדיאָ־סיגנאַליסט האָט אויפגעכאַפּט די קאָד-ווערטער און פאַרצייכנט. דער באַפעל, וואָס איז געקומען פון ערגעץ אין אַ האַפן אין דער וועלט האָט געזאָגט: "אײַלט אײַך גלײַך קיין ה..."

אונטן אין עס-צימער פאַרזאַמלט זיך דערווײַל אַ טייל פון דער מאַנשאַפט אויף אַ טעפּל קאַווע. עס איז שוין לאַנג נאָכן עסן. חברה נאַשן, דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ מיט פּרוכטן, סענדוויטשעס. מען זופּט שנאַפּס און וויסקי. דער מעכאַניקער-אינזשעניער עפנט די וויקטראָלע און וואַרפט אַרויף איין רעקאָרד נאָך דעם צווייטן. עס הילכן אויף ארץ-ישראל־געזאַנגען. עס הערט זיך דאָס קלאַפּן פון צוויי פּאָר פיס. עס קומען אונטער נאָך אַ פּאָר פיס — אַ דריטער און מען טאַנצט שוין אַ „האָרא".

פון אָנהויב גייט דער טאַנץ לאַנגזאַם, דערנאָך וואָס אַמאָל שטאַרקער, פעסטער, אַז עס דאַכט זיך ס'צינדט זיך דער דיל. און ווער, מיינט איר, טאַנצט די האָרא? דער בראָנזווילער בחור? דעם רבס זון פון דעטראָיט? דער מאַטראָז וואָס האָט אַ זיידן: אַ מוהל? איינפאַלן! עס טאַנצן די האָרא דריי גויים: מעק, דער אירלענדער; אויגוסט דער פּאָליאַק און דער גלח פון באָסטאָן. דריי גויים אין אַ ראָד. הענט פאַרוואָרפן איבער אַקסלען, פיס פאַרפלאָכטן אין פיס. העברעאישע נגונים אויף די ליפּן. דאָס טאַנצן די דריי גויים דעם טאַנץ פון חדוה, דעם טאַנץ פון יידישער גאולה.

און די שיף טראָגט זיך פאַרביי אַ קייט פון אינדזלען.

קאפיטל צען

ביי די הגנה-פאַרשטייער אויף דער שיף

די ערשטע באַזוכער וואָס זענען אַרויפגעקומען אויף אונדזער שיף, באַלד נאָכדעם ווי מיר האָבן געאַנקערט ערגעץ אין אַ פּאָרט אין איטאַליע, זענען געווען אַ גרופּע פון פינף מענטשן. איין פרוי און פיר מענער — אַלע פאַר־שטייער פון דער הגנה. זיי האָבן זיך צוגעשיפלט מיט אַ קליינער לאָדקע, זענען פלינק אַרויף אויפן דעק און אין זייער ערשטער האַלטונג איז געווען די פאַרמעלקייט פון האַפן־באַאַמטע, וואָס מאַכן זייערע רוטין־אינספּעק־ציעס אויף ניי-פאַראַנקערטע שיפן.

דאָס איז בלויז געווען דער ערשטער איינדרוק. איין קענגזייטיקער, דורכדרינגלעכער בליק צווישן אונדז און די הגנה־מענטשן — האָט אָפּגע־ווישט די מחיצה. די שטייפקייט איז אַוועק און דער שמועס איז געוואָרן אָפענער, הגם מען האָט גערעדט בלויז צום תוך און אין אַ קאַרגער שפּראַך.

די פרוי פון דער גרופּע האָט גערעדט אַ קאָרעקטן ענגליש מיט אַ האַרטן אַקצענט. צוויי פון די מענער האָבן פאַרשטאַנען בלויז איטאַליעניש און די אַנדערע צוויי — העברעאיש און ענגליש.

לויט איר רירעוודיקן גאַנג און שנעלער אָריענטאַציע, האָט מען גלייך געקענט זען, אַז די פרוי האָט די הויפּט־דעה און זי וועט דעם קאַפּיטאַן געבן פאַראָרדענונגען.

זי איז געווען פון מיטעלן וווקס, אָנגעטאָן אויפן איטאַליענישן שטיי־גער אין שוואַרצע קליידער, אין שוואַרצע זאָקן. די שוואַרצע עטוואָס מיט גרוי-דורכגעוועלבטע האָר זענען געווען גלאַט פאַרקעמט. אינעם אויס־דרוק פון איר אַליוון־פּנים איז געווען אַ געמיש פון שטרענגקייט און מילד־קייט. אין די ברוינע אויגן — אַ צער.

די פרוי האָט נישט פאַרלאָרן קיין צייט און געמאַכט אַ גרינטלעכע אונטערזוכונג אויף דער שיף. די אויפגאַבע איז געווען צו וויסן אויב אַלע

איז אין אָרדענונג. אויב די צאָל בעטלעך פאַר די צוויי טויזנט פּאַסאַזשירן זענען געגנוג. מען האָט נאָכגעקוקט די וואַסער־איינריכטונגען, די טואַלעטן, די ליכט. מען האָט אויסגערעכנט דעם זאַפּאַס פון פּראָוויאַנט. דערנאָך האָט מען זיך אַריינגעזעצט אין קאַפּיטאַנס קאַבינע, דער הויפּט־אינזשענירער און דער קאַפּיטאַן — פון אויבן. די הגנה מענטשן פון ביידע זייטן און איך, ווי אַ פּריוועליגירטער עדות פון יידישער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט — האָב פאַרנומען אַן אָרט אין צווייטן עק טיש.

מיט בלייפעדערס און בויגנס פּאַפּיר, ווי בוכהאַלטערס, האָט מען איצט אויסגערעכנט ווי עס האַלט מיט אייל און הייץ־מאַטעריאַל פאַר דער ווייטערדיקער רייזע. עס איז אויסגערעכנט געוואָרן, אַז ווען די שיף איז אין גאַנג מוז זי האָבן זעקס טויזנט גאַלאָן הייץ־אויל אַ טאָג, און ווען זי איז פאַראַנקערט אין אַ האַפן, דאַרף זי בלויז פופצן הונדערט גאַלאָן. דער חשבון איז, אַז פון דעם טאָג ווען די שיף וועט אָפּפאָרן מיט די צוויי טויזנט מענטשן וועט זי דאַרפן פאַרברענען 42 טויזנט גאַלאָן הייץ־אייל. דאָס הייסט, די רייזע ביז צו די ארץ ישראל ברעגן וועט דויערן 7 טעג. אויב מיר פאַרמאָגן גענוג הייץ־מאַטעריאַל — איז גוט. אויב מיר האָבן צו ווייניק, וועט אַ טאַנקער אונדז ליפערן מער. אויב מיר האָבן צופיל — וועט מען דעם באַלאַנס אָפּשעפּן. מיר טאָרן נישט האָבן קיין איבעריקע זאַפּאַסן. עס איז גענוג שלעכט, אַז די ענגלענדער קאָנפיסקירן די געכאַפּטע שיף אָן מאַטעריאַלן. איבעריקע הייץ־מאַטעריאַל קען פאַרברויכט ווערן פאַר אַנדערע שיפן, וואָס זענען אין וועג.

דער קאַפּיטאַן איז נישט צופרידן מיט אַזאַ קאַלקולאַציע. ער איז זייער אָפּטימיסטיש און פאַרזיכערט, אַז די ענגלענדער וועלן נישט אָנרירן קיין זאַך אויף דער שיף. זיי וועלן אַפילו נישט האָבן קיין געלעגנהייט צו־צוקומען נאָענט. זיין קורס איז ביז חיפה, נישט ווינציקער, און ווי אַ קאַפּיטאַן וועט ער זיין שיף פירן צום אָנגעצייכנטן ברעג.

— ווייסט איר, קאַפּיטאַן, אַז די ענגלענדער האָבן אַ בלאָקאַדע אַרום ארץ ישראל? — פרעגט איינער פון די הגנה־פאָרשטייער.

— איך האָב געהערט — ענטפערט ער קורץ.

— זענט איר גרייט צו פארפירן א קאמף מיט זעקס „דעסטראָיערס"?
— האָט די פרוי אריינגעוואָרפן.

— מיך אַרט נישט וויפל „דעסטראָיערס" עס וועלן זיין. מיין שיף וועט זיך דורכגליטשן די בלאָקאדע.

— איר זייט זייער אָפּטימיסטיש, קאפּיטאן!

— דאָס איז דער ציל! — רעדט דער קאפּיטאן היציק און האסטיק — נישט צוליב דעם האָט מיין מאנשאפט פארלאָזט דאָס ציווילע לעבן ווער — א קאָלעדזש, ווער — א גוטע שטעלע, נישט צוליב דעם האָבן מיר אריינגעלייגט אזויפיל מי איינצוריכטן די שיף מיט אזוי פיל פערפעקציע, דערצו נאָך האָבן מיר דורכגעמאכט א שטורעם־רייזע איבערן אטלאנטיק — כדי דאָס אלץ שפּעטער איבערצוגעבן די ענגלענדער.

— אזוי איז ליידער די ווירקלעכקייט — זאָגט א צווייטער הגנה־מענטש מיר ברענגען אריין די מעפּילים און זיי, די ענגלענדער נעמען צו די שיפן.

— אזא לאגע מוז געענדערט ווערן! — באשטייט דער קאפּיטאן אויף דאָס זייניקע. — מען זאָגט מיר, אז ביי די ברעגן פון חיפה שטייט שוין א גאנצער פלאָט פון די פארכאפּטע שיפן. ווען עס ווענדט זיך אָן מיר, וואָלט איך געהייסן באפאלן דעם פלאָט און צוריקנעמען דעם רויב.

דעם יונגן קאפּיטאנס פעסטער טאָן, זיין אנטשלאָסנקייט, זיין קאמפּס־גרייטקייט אימפּאָנירט די הגנה־מענטשן. אָבער צווישן דעם קאפּיטאנס קאמפּס-לוסטיקייט און די בריטישע „דעסטראָיערס" שטייען אריבער צוויי טויזנט יידישע לעבנס. און מיר טאָרן נישט איינשטעלן קיין יידישע לע-בנס, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון די קאלך־אויוונס. אונדזער ציל איז צו פירן לעבעדיקע יידן קיין ארץ ישראל. דאָך קריגט דער קאפּיטאן א שטילע אָוואציע. מען פארטרינקט לחיים.

נאָכדעם ווי אלע דעטאלן פון דער וייטערדיקער רייזע זענען געוואָרן ארומגערעדט, נאָכדעם ווי די הגנה־מענטשן האָבן דערקלערט פאר וואָס מיר האָבן געמוזט אויסמיידן א סטראטעגישן אינדזל און זיך אָפּשטעלן דאָ אין דעם שטילן, איטאליעניש האפן — עס יאָגט אונדז דער שונא, ברי־טישע שפּיאָנען זענען אויף אונדזערע שפּורן — האָט די פרוי, וואָס דער־

מאַנט ווערא פינגער, געהייסן אַריינרופן די גאַנצע מאַנשאַפט און געמאַכט אַזאַ דערקלערונג:

— איר ווייסט אַלע, אַז אונדזער אַרבעט איז אַ קאָנספּיראַטיווע. און ווי קאָנספּיראַטאָרן מוזן מיר זיין שווייגערס. אַפילו אין אָט דעם שטילן פּאַרט, דרייען זיך אויך אַרום אַגענטן פונעם שונא. מיר האָבן אַ שטרענגן באַפעל נישט אַראָפּצולאָזן קיינעם אויפן ברעג. דאָס דאַרף דאָ איז אַ קליינס אָבער טומלערס האָבן די איינוווינער אַ סך, מיר קענען נישט נאָכקוקן ווער עס איז אַן אומשולדיקער פאַרבייגייער און ווער — אַ שפּיאָן. אונדזער אַרבעט פאָדערט הונדערט-פּראָצענטיקע דיסקרעציע. עס איז שטרענג פאַרווערט אַרויפצולאָזן פרעמדע מענטשן אויף דער שיף! עס איז פאַרווערט מיט זיי צו האַנדלען, אָדער אַרויסווייזן גאַסטפריינטלעכקייט. פאַרגעסט נישט אונדזער ספּעציפישע פּאָזיציע. האָט אין זינען די פאַראָרדענונגען!

אַלע זאָגן צו פּייערלעך אויסצופאָלגן די באַפעלן. די הגנה-פאַרשטייערין שאַצט אָפּ די לאָיאַליטעט מיט אַ שמייכל, וואָס אַנטהאַלט אַלץ: בטחון, אַנטשלאָסנקייט און טרויער.

איר מיליטערישער טאָן רופט אַרויס רעספּעקט ביי די מאַטראָזן. ביים פונאַנדערגיין זיך, דערלאַנגט איך דער פאַרשטייערין עטלעכע מיינע בריוו וואָס דאַרפן באַזאָרגט ווערן אויף דער פּאָסט. זי נעמט צו די בריוו, באַקוקט זיי גענוי, לייגט זיי אַריין אין טאַש און זאָגט:

— אייערע בריוו, אייערע באַשרייבונגען וועלן מיר מוזן אָנהייבן צענזורירן.

— צענזורירן? וווּנדער איך זיך.

— יאָ, מיר האָבן דערפאַרונגען מיט צייטונגס-מענטשן. דאָס זענען יידישע שרייבער אין ענגלישע צייטונגען, וואָס פאַרגעסן די מאָס פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זיי זענען געווען מיט אונדז, האָבן זיך צוגעקוקט צו אונדזער אַרבעט און ווען זיי זענען צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָבן זיי געשריבן אַזעלכע פאַנטאַסטישע זאַכן וועגן אונדז, אַז מיר זענען אַרומגעגאַנגען דערשטוינטע. קיין זאַך האָט נישט געשטימט. מיר זענען פּשוט רויט געוואָרן לייענענדיק די באַשרייבונגען.

— דאָס זענען מסתמא געווען סענסאַציע־געשיכטעס — האָב איך געזאָגט.

— אָבער דאָס האָבן דאָך געשריבן יידן! — האָט זי פּראָטעסטירט.

— יידן, אָבער נישט אונדזערע יידן — האָב איך געענטפערט — דאָס זענען יידן וואָס שרייבן אין א פרעמדן לשון, יידן וואָס טראָגן זיך אויף דער אויבערפלאַך און זעען — בלויז דאָס אויבערפלעכלעכע.

— איר אמעריקאַנער יאָגט זיך נאָך צופיל סענסאַציעס! — האָט זי ווידער אָנגעהויבן מיט פאַרוווּרף.

איך באַמי זיך צו דערקלערן פאַר איר, דעם אונטערשייד אין דעם אינטערעס, וואָס עס האָט א פאַרשטייער פון א יידישער צייטונג צו די מעפּילים־שיפן, און די נייגעריקייט, וואָס עס ווייזט ארויס א נישט־יידי־שע צייטונג. פאַר אונדז, איז עס א טיפער יידישער פּראָבלעם. א לעבנס־באַנעם, דער איינציקער וועג ווי אזוי צו ראַטעווען די שארית־ישראל פון אייראָפּע. און פאַר זיי איז די דערהויבענע דערשיינונג נישט מער ווי מאַ־טעריאַל פאַר שפּאַנענדיקע געשיכטעס. און דאָ וווּ עס איז א יאָגעניש נאָך שפּאַנענדיקייט און סענסאַציע — מוז זיין איבערטרייבונג. איך וויל איר דערקלערן נאָך דייטלעכער:

— אין אמעריקע רופט מען דאָס געשיכטעס פון מענטשלעכן אינטע־רעס. מיר זענען מחויב צו געבן א גענויע באַשרייבונג פון די מעפּילים, זייער וועג פון פּיין, זייער טרויער, זייער פרייד, זייערע דורכפאַלן און דערגרייכונגען.

זי האָט נאָכאַמאָל געקוקט אויף מיר דורכדרינגלעך, שאַרף און דער־נאָך אַנטשלאָסן א זאָג געטאָן:

— עס וועט זיין א צענזור אויף אייערע בריוו!

— ס'וועט יאָ זיין? — פרעג איך.

— יאָ. איר מוזט אויסמיידן אין אייערע באַריכטן צו דערמאָנען צו־פיל דעטאַלן. איר טאָרט נישט אָנגעבן די נעמען פון די פּלעצער וווּ איר פאַרט פאַרביי. האָט אין זינען, אז דאָס קען שטערן אונדזער ארבעט. איבע־ריקנס, אויב איר זייט אזוי זיכער, אז איר זענט אָפּגעהיטן און דיסקרעט,

טאַ וואָס אַרט אײַך, אַז מיר װעלן איבערקוקן די בריוו? איר געטרויט אונדז נישט?

— איך געטרוי אײַך.

כדי צו געווינען מער צוטרוי בײַ דער שטרענגער הגנה־פאָרשטייערין, האָב איך אַרויסגענומען דעם "פתק" — דאָס צעטל, וואָס איך פיר מיט זיך פון ניו־יאָרק פאַר אַ נויטווענדיקייט. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, אַ פּאַס־שיין, וואָס אַ הגנה־פאָרשטייער אין אַמעריקע האָט מיר געגעבן, איך זאָל זיך מיט דעם באַנוצן, ווען איך וועל דאַרפן קומען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט פאַרלעסלעכע און פאַראַנטוואָרטלעכע הגנה־מענטשן אין אייראָפּע.

זי האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט דעם „פתק". ווייזט אויס, אַז דאָס צעטל האָט געווירקט, אַז זי זאָל אַביסל נאָכלאָזן פון איר איבערטרי־בענער פאָרזיכטיקייט. זי האָט מיר צוריק דערלאַנגט דעם „פתק" און געזאָגט:

— דאָס זאָגט עפּעס. מיר וועלן אײַך דינען מיט אינפאָרמאַטיווע ידיעות, אויף וויפל דאָס וועט זײַן דערלאָזבאַר. שטייט נאָענט מיט דעם קאַפּיטאַן. מיר וועלן אײַך לאָזן רופן.

דער געוואונענער צוטרוי האָט געהייטערט. דאָס וועט עפענען די טירן פון די אונטערערדישע קאַמערן, ווו אונטערנעמונגען ווערן אויסגעפּלאַנט. ווען די הגנה־פאָרשטייערין האָט שפּעטער פאַרלאָזט די שיף, האָב איך צום ערשטן מאָל דורכגעלייענט דעם טעקסט פון דעם „פתק", וואָס איז מיר צו־ריקגעגעבן געוואָרן אָפן, אָן אַ פאַרזיגלטער קאָנווערט.

אין דעם „פתק", געשריבן אין העבראַיש, איז געשטאַנען:

„צו אונדזערע חברים, שלום!

דער באַזיצער פון דעם צעטל, ש. איזבאַן, דער פאָרשטייער פון „מאָרגן זשורנאַל". די יידישע צייטונג אין ניו־יאָרק, קומט צו אײַך כדי צו באַגלייטן די געיאָגטע און געפּלאָגטע (הנרדפים על צוארם) כדי זיך צו באַטייליקן אין זייער גוראַנגל און טיילן זייער גורל...

עס איז פאַראַן אַ באַזונדערע חשיבות אין דעם פאַקט, וואָס אַ מענטש פון דער יידי־שער פרעסע אין אַמעריקע, וועט זײַן אַן עדות פון דער מעפּילים־עליה און וועט איר געבן אויסדרוק. ווײַל ביז איצט — איז דאָס נאָך נישט געווען. דעריבער ווענדע איך זיך צו אײַך, אַז איר זאָלט טאָן אַלץ, וואָס איז אײַך דערלויבט, אַז ער זאָל קענען מיטגיין אויף איינער פון אונזערע גרויסע שיפן. פאַרשטייט זיך אַז מיר זענען נישט

געבונדן מיט וועלכע עס איז געלט־פארפליכטונגען. ער איז דער שליח פון „מארג־זשורנאל" און די פינאנציעלע זייט פאלט אויף דער צייטונג, וועלכע ער פארטרעט...

איך בין זיכער, אז איר וועט באנוצן אלץ אין אייער רשות, כדי אנטקעגן צו קו־מען זיינע פארלאנגען. פאר אונדז איז דער עניין זייער נויטיק, באזונדער אין דעם געראנגל אויף דער יידישער גאס. דאס וועט העלפן מאביליזירן הילף און שטיצע פאר אונדזערע אונטערנעמונגען...

(אונטערגעשריבן.)"

כ'האב געטראכט, אז דער „פתק" וועט פון איצט אן זיין פאר מיר דער שליסל, וואס וועט לויז מאכן שלעסער, עפענען פארזיגלטע טירן און אריינפירן אין לאבירינטן, ווו עס איז טעטיק דער יידישער אונטערגרונט.

דעם זעלבן נאכמיטאג, ווען איך בין ארויף אויפן דעק און זיך ארומ־געקוקט אויף דער סביבה, האבן פון די ארומיקע גרינע בערג, ווו עס איז געלעגן צעווארפן בלויז איין און איינציק דארף, גענומען זיך טראגן קליינע לאדקעס מיט נייגעריקע איטאליענער. עס האט נישט לאנג געדויערט און די לאדקעס האבן זיך שוין געהאט צוגעשיפלט צו דער „נאז" פון אונדזער שיף. עס איז געווארן א געליארעם. עלטערע איטאליענער, יינגערע אי־טאליענער, מיידלעך און יינגלעך אפילו קליינע קינדער — אלע זענען בא־פאלן אונדזער שיף מיט אויסגעשטרעקטע הענט און געבעטן שפייז, סי־גארעטן, שאקאלאד. די איטאליענער האבן געוווסט, אז די מאנשאפט איז אן אמעריקאנער. זיי האבן אויך געוווסט עפעס אנדערש, וואס זיי טארן נישט וויסן — אז דאס איז א שיף וואס גייט קיין ארץ ישראל. עס טראגן זיך געבעט־קולות: מיסטער! מיסטער! און אויף זייערע לאדקעס נעמט רעגענען מיט סיגארעטן, מיט קיי־גומי און שאקאלאד. די איטאליענער זענען דאנקבאר. די אויסגעשרייען ווערן שטארקער. זיי שיפלען זיך צוריק צו די ברעגן אנזאגן די שכנים, אז אמעריקאנער אורחים טיילן אויס מתנות.

די שיף געפינט זיך אין א כישוף־טייך, ארומגערינגלט מיט מעכטיקע בערג. בערג באדעקט מיט קאלטענעם גרינס. די געדיכטע פלאכטעס גרינס גלעטן דאס אויג ווי פליוש, ווי סאמעט־דיוואנען. דא און דארט שטארצן ארויס רויטע דעכער פון די דארפישע הייזלעך, ווי רויטע מאן־בלימעלעך.

אונדזער שיף האָט פֿאַראַנקערט אין מיטן וואַסער, אײן מײַל אָפּגערוקט פֿון די ברעגן. נאָענט פֿון די ברעגן, באַרג־אַרויף צו, זעט מען דײַטלעך אַ פּאָר הויכע צעשאָסענע הײַזער, בנינים וואָס האָבן געדינט אַלס קאַזאַר־מעס, אַלס באַפֿעסטיקטע פּלעצער פֿאַר די דײַטשן. אויך פֿוקס־לעכער און „פּילבאָקסעס״ זענען פֿאַרזײַט דאָ. אַרום דעם שטילן האַפֿן און אַרום אַנ־דערע אַזױנע האַפֿנס האָבן אַמעריקאַנער באָמבערס געהאַמערט טאָג און נאַכט, ביז זײ האָבן דעם שונא אויסגעוואָרצלט. דאָס וואַסער דאָ איז אַזױ שלווהדיק, דער האַפֿן אַזױ שטיל, גלײַך װי פּאַסאַזשירן־שיפֿן וואָלטן דאָ קײנמאָל נישט געאַנקערט בײַ די ברעגן.

אין די שפּעטע אָוונט־שעהן איז די שטילקײט נאָך טיפֿער. די האַלבע לבֿנה אין הימל, די זילבער־נעצן אין וואַסער, מאַכן אומרואיק די מאַנ־שאַפֿט, וואָס זוכט פֿאַרווײַלונג. אַלע מאַטראָזן פֿאַרזאַמלען זיך אינעם עס־צימער. אַ היציקער בחור האַלט אין אײן טוישן די פּלאַטן אויף דער הײזעריקער וויקטראָלאַ. ער שפּילט איצט די כּאַראַלע געזאַנגען, די פֿרײַ־הײטס־געזאַנגען פֿון די שפּאַנישע קעמפֿער, בעת דעם שפּאַנישן בירגער־קריג. טײל פֿון דער מאַנשאַפֿט האָבן אַמאָל באַלאַנגט צו דעם לינקאָלן־לע־גיאָן. דער קאַפּיטאַן אַלײן דערמאָנט עטלעכע מאָל, אַז די זינגערס פֿון די פּלאַטן זענען אַלע אומגעקומען אין די שלאַכטן אַרום באַרצעלאָנע און מאַדריד. אַ סך פֿון די אומגעקומענע זענען געװען זײַנע חבֿרים. דו שטײסט אַ װײַלע און דו גאַפֿסט: אַ שיף, וואָס דאַרף פֿירן מעפּילים, אַ מאַנשאַפֿט, וואָס גרײט זיך צו אַ קאַמף מיט די ענגלישע טאָמים, און וואָס טוען דאָ די שפּאַנישע געזאַנגען? די שירי־נכר?

אָבער דו ביסט מוחל די יונגע קעמפֿער־ענטוזיאַסטן. פֿרײַהײט איז זײער לאָזונג. דער דראַנג נאָך פֿרײַהײט האָט זײ צוזאַמענגעבראַכט אויף דער שיף. פֿרײַהײט טרײַבט זײ צו דער געוואַגטער אונטערנעמונג. און עס איז אין אײנקלאַנג מיט זײער מיסיע זײ זאָלן װעלן אויסשפּילן פֿרײַ־הײטס־לידער, װען אַפֿילו די מעלאָדיעס זענען פֿון אַנדערע פֿעלקער.

פּלוצים, אין מיטן שפּילן די שפּאַנישע פּלאַטן, קומט אַרײַן פֿון קיך אויגוסט לאַבאַטשעװסקי, דער פּױלישער קוכער. אויף זײַן קאָפּ טראָגט ער אַ ברוינע קעפּ, װי אַ פּאַפּאַכע. אַרום האַלדז — אַ רויט אַפּאַשן־טיכל

אין זיין גאַרטל שטעקט אַ פּיראַטן־מעסער. ביידע הענט ביז צו די עלנ־בויגנס זענען אויסטאַטויִרט מיט שלאַנגען, מעסערס און גן־עדן־ביימער. ער פּאַטשט ריטמיש מיט די הענט, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ, שטופּט אויס די קניען און די פיס — נישט קיין פיס נאָר שפּרינגפעדערס! — טאַנצן אויס אַ פּאָלקע, אַ קאַמאַרינסקאַ, אַ קאָזאַטשאָק. דער חברהמאַן איז געריבן אין אַלע זייטן. עס קוועלט פון אים אַרויס אַ זינגער, אַ טענצער, אַן אַקטיאָר. דער עולם אַרום איז באַגייסטערט, פּאַטשט, פייפט. דער געפילדער ווערט אַזוי שטאַרק, אַז דער קאַפּיטאַן קומט אַראָפּ און וואָרנט, אַז די מאַנשאַפט פון אַ מעפּילים־שיף, מוז זיך פירן ווי אַ באַנדע קאָנטראַבאַנדיסטן. שטיל און פאַרבאָרגן.

די וואָרענונג האָט איר ווירקונג. דאָס געזאַנג ווערט שטילער. די טענץ — איינגעהאַלטן. די מאַטראַזן צעגייען זיך. ווער עס גייט אַרבעטן אין דער מאַשינען־אָפּטיילונג, ווער עס גייט שלאָפן. די מאָטאָרן רוישן שטיל. די טרייב־מאַשינען ברומען און די טונקעלע ליכט פון דער שיף ווינקען אַריבער צו די דאָרפישע הייזלעך אויפן ברעג.

קאַפּיטל עלף

אויף אַ געהיימער באַראַטונג פון דער הגנה

אין אַ פאַרנעפּלטן נאָכמיטאָג, אַ פּאָר שעה איידער אונדזער שיף האָט געזאָלט אָפּשווימען אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג, כדי אויפצו־כאַפּן פון פאַרשידענע ברעגן טויזנטער מעפּילים, האָט אַ קליינע לאָדקע זיך צוגעשיפלט צום דעק. צוויי געוויקסיקע, אָפּגעברענטע בחורים פון דער הגנה זענען אַרויפגעקראָכן איבער דעם שטריק־לייטער גלייך צום אויבן און אויף דער שיף און אָפּגעזוכט דעם קאַפּיטאַן.

צוויי מינוט שפּעטער האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעקלאַפּט אין מיין פענצטער:

— מיר גייען אַראָפּ אויפן ברעג אָפּצוהאַלטן אַ קאָנפערענץ מיט די שו־שו־באָיעס... גרייט?

שו-שו-באָיעס — איז אַ פּאָפּולערער טערמין אויף אונדזער שיף. דאָס איז אַ פאַרשטעלטער נאָמען פאַר די מענטשן פון דעם אונטער־גרונט. דער טערמין קורסירט בלויז צווישן דער מאַנשאַפט. אויך פאַר „ארץ ישראל" איז פאַראַן אַ קאָד־וואָרט, אַ פאַרשטעלטער נאָמען. דאָס איז „אָקלאַהאָמאַ". קיין שום מאַטראָז וועט נישט זאָגן „איך גיי קיין ארץ ישראל". ער וועט לאָזן הערן: „איך פאָר קיין אָקלאַהאָמאַ". אָנשטאָט אָנצו-רופן די פּאַסאַזשירן מיטן נאָמען „פּליטים", „פּליכטלינגען", „עולים", אָדער „די פּי'ס" — באַנוצט מען זיך מיט דעם וואָרט „באַנאַנען". די סיבה? אונדזער שיף איז אין די פריערדיקע נאָרמאַלע צייטן געווען אַ לאַדונגס-שיף. מען האָט אויף איר געפירט טראַנספּאָרטן מיט באַנאַנען קיין אָקלאַהאָמאַ. פאַרשטייט זיך, אַז יעדע שיף איז אַ מלוכה פאַר זיך. יעדע שיף האָט אירע באַזונדערע רעגולאַציעס און ספּעציעלע קאָד־ווערטער.

דעם קאַפּיטאַנס איינלאַדונג צו באַטייליקן זיך אין דער געהיימער קאָנ-פערענץ, האָט מיך אָוועקגעטריבן פון דעם שרייבטיש, מיך אַרויסגעיאָגט פון דער קאַבינע. כ'האָב אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ מאַנטל, אויפן קאָפּ — אַ פּראָנצוויזישן בערעט. אויפן דעק האָט געוואַרט דער קאַפּיטאַן, באַגלייט פון דעם שעף אינזשעניער. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צוזאַמען מיט די הגנה-בחורים אין אַ שמאָלער לאָדקע און זיך צוגעשיפלט צום ברעג.

אויפן ברעג האָבן זיך געצויגן אָן אַ שיעור סטעזשקעס און הינטערוועגן וואָס פאַרפירן. די געבערגלטע ערד איז געווען פול מיט גרין־שטעכנדיקע קוסטעס. און דאָ וואו עס זענען נישט געווען קיין קוסטעס, זענען געווען צע־שטעלט מענגעס ביימער, געדיכט ווי וועלדער. דאָ און דאָרט האָט זיך אַרויס-געזען אַ דאָרפיש הייזל מיט אַ רויטן דאַך.

ווען נישט אונדזערע באַגלייטער פון דער הגנה, וואָלטן מיר פאַרבלאָנ־דזשעט אין דער געדיכטעניש. די ווילדע לאַנדשאַפט אַרום איז געווען איין שטיק דזשונגל. די אויפגעגראָבענע סטעזשקעס, וואָס האָבן זיך געשפּרייט ווי אָדערן איבער די גרינע בערג, האָבן פאַרפירעריש געצויגן, גערופן אין פאַרבאָרגענישן — צוגעזאָגט צו אַנטפּלעקן אַ געהיים לאַגער.

מיר זענען געגאַנגען שווייגנדיק. די הגנה־באַגלייטער, בטבע לוסטיקע יונגן, מונטערע סאָלדאַטן, זענען אין אונדזער אַנוועזנהייט קאַרג אויף לשון. יעדעס וואָרט — א רענדל. און אז מען רעדט שוין יאָ, זענען דאָס געציילטע ווערטער, אָפּגעהאַקטע זאַצן. קאָנספּיראַטאָרן פּלייצן נישט מיט קיין רייד. זיי זענען שטומע ציינגער. דאָס איז דער „א" און דער „ת" אין דער דיס־ציפּלין פון דער אונטערגרונט-אַרמיי.

אונדזער שעף־אינזשעניער קען נישט אָפּקומען מיט צופיל שווייגן. אַרום זיינע ליפּן קנייטשט זיך א גריבענער שמייכל. ער פרעגט דעם קאַפּיטאַן:

— ווי געפעלן דיר די גרינע בערג?

— ס'געפעלט מיר.

— וואָס דערמאָנט עס דיך קאַפּיטאַן?

— עס קוקט אויס, ווי דער סענטראַל פּאַרק וועסט אין ניו־יאָרק...

נאָך 15 מינוט גיין דורך די צעאָדערטע הינטער־וועגעלעך, האָבן מיר זיך געכאַפּט — נישט וויסנדיק אליין ווי אזוי דאָס איז געשען — אז מיר שטייען אויף א באַרג, עטלעכע הונדערט פיס העכער פון דער פלאַך. צופוסנס איז געלעגן דער ים א גלאַטער, א פאַרנעפּלטער, אָן קנייטש, אָן קאַרב, ווי א גלעזערנע דעקע.

אַן אויסגעפּלאַסטערטער שאָסיי האָט אונדז אריינגעפירט אין א באַ־לעבטן דאָרף. געפירט פון די הגנה־באַגלייטער, האָבן מיר אויסגעמיטן דעם הויפּט־וועג און געגאַנגען מיט זייטיקע געסלעך. עס איז שוין געווען פאַר־נאַכטלעך. א שאַרף ווינטל האָט געפּאַטשט די צווייגן פון די אוראַלטע ביי־מער. פונדעסטוועגן האָבן צוויי יונגע איטאַליענער אונדז אָפּגעוואַרט, ווען מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען א ליידיקן פּלאַץ און אָנגעבאָטן אונדז רע־וואָלווערן, האַנט־זייגערלעך, פאָטאָגראַפישע אפּאַראַטן. דער פּרייז פאַר זייער סחורה ווילן זיי נישט אין געלט, נאָר אין אַמעריקאַנער סיגאַרעטן. דאָס כישוף-וואָרט „אַמעריקאַנאַ" האָט ווי א פּסיכאָז, אַרומגעכאַפּט די דערפער אויפן ברעג, גלייך ווי אונדזער שיף האָט זיך באַוויזן אין זייערע וואַסערן. עס ציען זיך לאַדקעס שוין עטלעכע טעג. די עלטערע „פּייסאַנס" ווילן נדבות. מיידלעך פאַרלאַנגען שאָקאָלאַד און קיי-גומע. און אָרימע מאַמעס מיט קליינוואַרג בעטלען אויס טעפּ מיט געקעכטס.

די הגנה־באַגלייטער לאָזן אונדז נישט האָבן קיין מחזקות מיט די סוחרים אויפן וועג. מיר שפּאַנען אַריין אין אַ שמאָלן ליק. דאָ שטעלן מיר זיך אָפּ פאַר אַ צוויי שטאָקיק הויז מיט אַלטמאָדישע באַלקאָנען און פענצ־טער מיט קראַטעס. איבערן טויער פון הויז הענגט אַן אייזערן הענטל.

דאָס קלאַפּן מיטן אייזערנעם הענטל איבערן טויער באַלאַנגט צו די באַגלייטער. מיר גייען אַריין ווי נאָר די אייזערנע טיר עפנט זיך. אין טרעפּן-הויז איז שטאָק-פינצטער, אָבער די פיס טרעטן פון זיך אַליין, גייען דורך געהיימע טירן און הינטער־טירן. מיר קלעטערן אויף אַ היל־צערנער געדרייטער טרעפּ און אָט שטייען מיר שוין אין אַ טונקל-באַ־לויכטענעם צימער, וואָס זעט אויס ווי אַ לאַנגע, אָוואַלע קאַמער.

אין דעם צימער טרעף איך אַ באַקאַנט פּנים. דאָס איז די פרוי, די לייטערין פון דער הגנה, די וועלכע דערמאָנט אַזוי שטאַרק די רעוואָלו־ציאָנערן וויעראַ פיגנער. דאָ הייסט זי סעניאָריטאַ מאַריאַ. זי גייט אָנגע־טאָן אין די זעלבע שוואַרצע קליידער. אין די אויגן — דער זעלבער שמייכל פון בטחון און טרויער. זי לאַדט איין די אַריינגעקומענע צו אַ קיילעכדיקן טיש, אויף וועלכן עס ליגט אויסגעשפּרייט אַ גרויסע מאַפּע פון די לענדער אַרום מיטללענדישן ים. אַרום טיש זיצן דריי מענער. צוויי האָב איך שוין געזען פריער אויף אונדזער שיף. דער דריטער איז מיר אומבאַקאַנט.

אָבער אין די קרייזלעך פונעם יידישן אונטערגרונט מאַכט מען נישט קיין באַקאַנטשאַפטן לויטן אָנגענומענעם מנהג. מען קוקט זיך אָן. מען וואַרפט זיך איבער מיט פאַרטרויאונגס-בליקן און מען רעדט גלייך תוך־זאַכן.

סעניאָריטאַ מאַריאַ רוקט צו אַ פּאָר לאָמפּע בענקלעך פאַר אונדז. זי צינדט אָן איבערן טיש אַן עלעקטרישן קני-לאָמפּ, וואָס וואַרפט אַ קאַרגן שיין איבער דער מאַפּע און זאָגט:

— דער צוועק פון אונדזער באַגעגעניש דאָ איז צו באַשטימען דעם ווייטערדיקן קורס פון אייער שיף. אונדזערע פּלענער ווערן געביטן, נאָך איידער מיר באַשטימען זיי... עס איז נישט אונדזער שולד. דער שונא האָט פאַרשטאַרקט זיינע פּאַטרול־שיפן אויף אַ סך ימען. מיר האָבן געקראָגן אַ ידיעה, אַז אייער שיף וועט ווערן אָפּגעוואַרט אין יענעם פּאָרט, וווהין

איר האָט — לויטן אָריגינעלן פּלאַן — געדאַרפט אָנקומען. שפּיאָנען זע־נען טעטיק אויך אין די באַלקאַנישע וואַסערן. און דאָס וועט ברענגען צו א פאַרשפּעטיקונג באַם אַרויפנעמען די פּאַסאַזשירן אין פאַרשידענע פּאָרטן.

— הייסט עס, אַז איך וועל פירן די שיף אין אַן אַנדערער ריכטונג? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט.

— ניין. איר וועט אינגאַנצן אָפּלייגן די רייזע אויף צוויי טעג. מיר האָבן א נייעם פּלאַן. עס וועט זיין אַן איבעררעאַשונג פאַר די ענגלענדער. דער צוג וועט אויך זיין אַ געוואַגטער. אָבער אַן געוואַגטקייט וואָלטן מיר די ביז איצטיקע רעזולטאַטן אויך נישט דערגרייכט.

— דער פּלאַן איז פאַרטיק? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט.

— אויך דער באַשלוס איז פאַרטיק. — האָט סעניאָריטאַ מאַריאַ גע־ענטפערט — אַלע פּראָבעס ביז איצט האָבן באַוויזן, אַז איינצלנע שיפן זענען אַ גוטער פאַנג פאַר די בריטישע דעסטראָיערס. מיר וועלן איצט אָנהויבן צו שיקן צו עטלעכע שיפן מיטאַמאָל. אייער שיף וועט אַרויס־פּאָרן פון דעם האַפן צוויי טעג שפּעטער אין א פאַרקערטער ריכטונג. דאָס וועט די ענגלענדער לאָזן מיט א נאָז... אויפן וועג פאַר דעם נאָענטסטן פּאָרט, וועט זיך אָן אייך אָנשליסן נאָך א שיף, צוויי טעג שפּעטער וועט אייך באַגעגענען אַ דריטע שיף. זי וועט קומען פון די גריכישע וואַסערן. אויף יענע שיפן וועלן שוין זיין טויזנטער מעפּילים. איר וועט דאַרפן אייערע מעפּילים אויפכאַפּן אין וועג. דעם נאָמען פון דעם פּאָרט וועלן מיר אייך שיקן דורך אַ ראַדיאָ־מעלדונג.

סעניאָריטאַ מאַריאַ האָט מיט א בלייפעדער גענומען פירן איבער דער מאַפּע. די בלייפעדער אין איר האַנט האָט, ווי א כישוף־שטעקעלע, געמאַכט קפיצת-הדרך, געשפּרונגען פון איין פּאָרט צום אַנדערן, דורכגע־שניטן אָקעאַנען און געפּלאַסטערט א וועג פאַר די שיפן־קאַראַוואַנען, וואָס פירן צענדליקער טויזנטער פּליטים פונעם פאָלק ישראל — צו באַפרייאונג.

דער קאַפּיטאַן האָט נאָכגעפאָלגט די צונגן אויף דער מאַפּע. ער האָט אויסגעהערט אירע אויסטייטשונגען ווי א געהאָרכזאַמער שילער, אַליין געמאַכט דאָ א באַמערקונג, דאָרט — אַן אָנדייטונג, און אַז דער סטראַ־

טעגישער קורס איז געווען אויסגעלייגט מיט אַלע דעטאַלן, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין בענקל, אַן אומרואיקער געקוקט אויף אַלע ביייזיצנ־דיקע און זיך אָנגערופן:

— און איך האַלט זיך אַלץ ביי מיין אָריגינעלן פּלאַן. גיט מיר גאַז־מאַסקעס כאָטש בלויז פאַר דער מאַנשאַפט, זיי זאָלן זיך קענען באַשיצן קעגן די ענגלישע טרערן־גאַזן און ווייטער טרייבן די שיף, ווען דער קאַמף וועט אָנגיין... באַזאָרגט מיר רויך־טעפּ, איך זאָל קענען מאַכן אַ רויך־פאָרהאַנג נאָענט בא די ארץ ישראל־ברעגן און איר וועט זען, אַז איך וועל אַראָפּלאָזן אַלע פּאַסאַזשירן אין אַ דאָרטיקן האַפן און גלייך צוריקקומען קיין אייראָפּע נאָך אַ צווייטער לאַדונג.

סעניאָריטאַ מאַריאַ האָט ליב אונדזער קאַפּיטאַנס ענטוזיאַזם, אָבער זי קען זיין פאָדערונג נישט נאָכגעבן. קיין גאַז־מאַסקעס קעגן ענגלישע טרערן־גאַזן און רויך־טעפּ קעגן ענגלישער זעעווודיקייט קען מען אין די אייראָפּעאישע האַפנס נישט קריגן. אַזאַ אויסשטאַטונג דאַרף באַזאָרגט ווערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און דערנאָך ערשט מוז מען אויסרע־כענען, צי עס קען זיין אַ גלייכער פאַרמעסט? צי אַ קאַפּיטאַן פון אַ מעפּי־לים־שיף קען זיך פאַרגינען צו פאַרפירן אַ קאַמף מיט ענגלישע קריגס־שיפן?

סעניאָריטאַ מאַריאַ פאַרפעלט נישט אונטערצושטרייכן, אַז אונדזערע מעפּילים זיינען די געיאָגטסטע און געפּלאָגטסטע אונטער דער זון... מען טאָר נישט ריזיקירן מיט זייערע לעבנס. מען מוז זיי ברענגען לעבעדיקע קיין ארץ ישראל.

זי פאַרגעסט נישט צוצוגעבן:

— אונדזער בעסטער וואָפן איז וואַכזאַמקייט און פאָרזיכטיקייט. דער ענגלישער שפּיאָנאַזש־סיסטעם איז אַ מוסטערהאַפטער. און שלעכט איז וואָס זייער איינפלוס איז גרויס אויף אַנדערע לענדער. זיי האָבן באַ־פוילן פראַנקרייך זאָל נישט אַרויסלאָזן אונדזערע שיפן פון זייערע האַפנס. זיי האָבן געהייסן די איטאַליענער נישט דורכצולאָזן אונדז. זיי האָבן גע־שיקט נאָטעס צו יוגאָסלאַוויע, וואָרענונגען צו אַלבאַניע...

דער קאַפּיטאַן גיט אַ קלאַפּ מיט דער האַנט איבער דער מאַפּע:

— וואָס מיינען זיי, די ענגלענדער, זענען זיי? די באלעבאטים פון דער וועלט? זיי מיינען, אז אלע פעלקער וועלן פאר זיי זיין משרתים?

דער כעס פון דעם קאפיטאַן האָט זיך ערשט געטאָמעוועט, ווען איינער פון די הגנה־מענטשן האָט אונדז פארטרויט, אז די לעצטע נייעס פון ארץ ישראל איז, דאָס צוויי שיפן האָבן דורכגעבראָכן די בריטישע בלאָקאדע און די מעפּילים האָבן געלאַנדעט. צוויי אַנדערע שיפן זענען געפאַנגען געוואָרן און די פּאַסאַזשירן האָט מען דעפּאָרטירט קיין ציפּערן.

— דאָס וואָס איך רייד! — האָט דער קאפיטאַן א מונטערער גע־ליאַרעמט — מען דאַרף שיקן קאַראַוואַנען מיט שיפן. צוויי פון דריי וועלן שטענדיק קענען דורכרייסן זיך דורך דער בלאָקאדע.

לאַנג האָט מען געפּרוווט איבערצייגן דעם קאַפּיטאַן, אז אין דער הייליקער, אונטערערדישער ארבעט, וואָס די הגנה טוט, זענען אימפּולסן, היציקע אויסברוכן איין זאַך, און ניכטערע סטראַטעגיק איז א צווייטע זאַך. די יידישע אונטערגרונט־אַרמיי קלייבט תמיד אויס דאָס צווייטע. דער קאָפּ מוז קאָנטראָלירן דאָס האַרץ. און די רעזולטאַטן זענען פּאָזיטיווע.

עס איז שוין געווען שטאָק פינצטער, ווען מיר האָבן זיך געלאָזט צו־ריק צום ברעג. מיר האָבן זיך געשאַרט דורך די זעלבע הינטערוועגן, פאַר־בייגעגאַנגען געדיכטע ביימער־אַלייען און קאַלטונעוואַטע קוזשאַקעס. ביים ברעג, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט די הגנה־באַגלייטער און זענען אַריינגעשפּרונגען אין לאָדקע, כדי זיך צוצושיפלען צו אונדזער שיף, האָט דער קאַפּיטאַן א זאָג געטאָן:

— אַן אינטערעסאַנטע פרוי, די סעניאָריטאַ מאַריאַ. ווייסט איר עפּעס וועגן איר פאַרגאַנגענהייט?

איך האָב געוווסט, הגם איך האָב עס דעם קאַפּיטאַן נישט געטאָרט זאָגן. עס טאָר נישט געזאָגט ווערן אין דער עפנטלעכקייט קיין סך וועגן אָט דער פרוי, וואָס איז א מוסטער פון יידישער אצילות און יידישן העל־דנמוט. צוליב דער זיכערקייט פון דער ארבעט, פאַר וועלכער זי ווידמעט איר לעבן, טאָר זי נישט אידענטיפיצירט ווערן. זאָל זי בלייבן א מיס־טעריעזע.

עס איז אָבער א סאַטיספּאַקציע צו דערמאָנען, אז א יידישע פרוי,

אַ טאַכטער פונעם ישוב, וואָס פאַראַדירט ווי סעניאָריטאַ מאַריאַ, איז נישט בלויז די לייטערין פון דער הגנה אויף אַ באַשטימטן שטח אין אייראָפּע, זי איז נישט בלויז דער שעף-קאָמאַנדיר, וואָס באַפעלט צו זעגלען די שיפן מיט מעפּילים צו די ברעגן פון ארץ ישראל, נאָר זי איז אויך די פרוי פון אַ גבור בישראל, וואָס האָט געקעמפט ווי אַ העלד און איז אומגעקומען ווי אַ העלד. ער איז געווען יענער, וואָס האָט אין די קריטישסטע יאָרן פון קריג, ווען די יידן אין אייראָפּע זענען געגאַנגען צו בראַנד־פייער, אַרויס־געפירט גרויסע צאָלן פון זיי, אונטער דער נאָז פון די נאַצים. ער האָט זיי אַרויסגעפירט מיט עראָפּלאַנען, מיט סובמארינען, מיט שלעפּ-שיפן — דורך אַ סך ימען, ביז זיי האָבן דערגרייכט דאָס אויסגעבענקטע לאַנד. אויף איינער פון זיינע פלי-רייזעס האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אַ פּאַראַשו־טיסט ערגעץ אין אַ לאַנד, אָקופּירט פונעם דייטשן שונא. די נאַצים האָבן אים געכאַפּט און אומגעבראַכט.

זיין נאָמען, זיינע העלדנטאַטן זענען אַן און פאַר זיך אַ קאַפּיטל אין דער גבורים־געשיכטע פונעם נייעם יידישן ישוב. אָבער זיין אַרבעט, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן דורכן שונא איז נישט ליקווידירט געוואָרן. די אַרבעט איז איבערגענומען געוואָרן פון זיין פרוי „סעניאָריטאַ מאַריאַ", וואָס איז איצט דער קאָמאַנדיר פון די מעפּילים־שיפן, וועלכע ציען וואָך־איין, וואָך־אויס צו די ברעגן פון ארץ ישראל.

צוריקשיפלענדיק זיך מיט דער לאָדקע צו אונדזער שיף, האָבן מיר באַמערקט ווי אַ צאָל לאָדקעס אָנגעפּולט מיט איטאַליענישע ווייבער און קינדער באַלאַגערן אַלע עפענונגען פון דער שיף און וואַרטן מיט טעפּ אויף די איבערגעבליבענע געקעכטסן. אונדזער קוכער, דער גוטהאַרציקער אוי־גוסט, וואָס ווערט דורך די מאַטראָזן גערופן „דער דיוק", האָט אַרויסגע־בראַכט אויפן דעק צוויי פולע עמערס מיט זופּ, ביינער, גריננס, פּרוכטן און אָנגעהויבן אָנצופילן זייערע טעפּ. און ווען די איטאַליענערקעס האָבן פילדערנדיק גענומען דאַנקען מיט קולות, מיט די הענט, איז אונטערגע־קומען אַ מאַטראָז, אַ היציקער יונג, וואָס גייט אַרום טאָג און נאַכט און רעדט וועגן דיסקרימינאַציעס קעגן נעגערס, וועגן פאַשיסטן אין שפּאַניע

און א כאַפּ געטאָן אן עמער מיט זופּ און עס אריינגעגאָסן אין ים אריין. ער האָט געשריען:

— עסן אמעריקאנער שפּייז ווילן זיי? ווו זענען זיי געווען ווען מור־סאָליני האָט געהערשט? פאַרוואָס האָבן זיי דעמאָלט נישט געקעמפט קעגן אים? פרעסן ווילן זיי — מכות וועלן זיי קריגן!

— פון וואנען ווייסטו, אז זיי האָבן נישט געקעמפט? — האָט א צווייטער מאַטראָז זיך אָנגערופן — א סך איטאַליענער זענען געווען פּאַר־טיזאנען און געקעמפט קעגן די נאַצים!

— דאָס איז אומזין! — האָט דער היציקער מאַטראָז געענטפערט.

— זיי האָבן געהאָלפן די נאַצים! זיי האָבן אויך געהאָלפן די שפּאַנישע פאשיסטן מיט זייערע עראָפּלאַנען.

— ביסטו זיכער, אז די וואָס בעטלען דאָ שפּייז, האָבן געהאָלפן די פאשיסטן?

— כ'בין נישט זיכער. און ווייל איך בין נישט זיכער און קען נישט „אָפּטשעקען", וועל איך בעסער דאָס עסן ארויסוואַרפן און נישט שפּייזן די, וואָס זענען פאַרדעכטיק.

דער היציקער מאַטראָז, וואָס שפּילט יעדן אָוונט די פּלאַטן פון די שפּאַנישע פרייהייטס־קעמפער און טראָגט אלע קריוודעס פון דער וועלט אויף זיין קאָפּ, קוקט זיך איצט ארום, באַטראַכט דאָס רעדל, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אויפן דעק און שרייט:

— איך קעמף קעגן פאשיזם! איך בין נישט קיין ציוניסט! מיך גייט פּאַלעסטינע אָן פּונקט אזוי ווי שפּאַניע. דאָרט און דאָ קעמפט מען קעגן דעם זעלבן שונא — פאשיזם און אימפּעריאַליזם!

קאַפּיטל צוועלף

דער איינזאַמער שלאָס

דער האַפן געפינט זיך אין א לאַנד, ווו די ווייבער זענען בערג־קלע־טערער און די מענער זענען ביסטרע יעגערס. אין יענעם לאַנד זענען די איינוווינער גאַסטפריינטלעך צו באַזוכער און טוריסטן. זיי זענען אָבער

גרויזאַם צו שונאים — אַריינדרינגער, וואָס ווילן פאַרכאַפּן זייער ערד און באַהערשן זייער פאָלק.

איך בין געגאַנגען באַזוכן אַ פאַרלאָזענעם שלאָס, ווו עס האָבן מיט אַ יאָר צוריק זיך אויסבאַהאַלטן מחנות פּליטים פון די לאַגערן אויף זייער וועג צו די מעפּילים-שיפן. די פּליטים האָבן געשוואַרצט גרענעצן, אויפגעשטעלט אין וועג צייטווייליקע נעסטן און דאָ, אין דעם אַלטן שלאָס, וואָס באַלאַנגט צו אַ גרויסמוטיקן קריסטלעכן גוטבאַזיצער, האָבן זיי געפונען אַ סטאַנציע, ביז זיי האָבן זיך געקענט אַרויסלאָזן אין אַ האַפן, ווו עס האָבן אויף זיי געוואַרט שיפן.

דער וועג פונעם ים-ברעג ביז צום שלאָס איז אַ מהלך פון זיבן מייל. און איך האָב געדאַרפט צופאָרן מיט אַן אויטאָמאָביל. מיין באַגלייטער, אַ הגנה-מענטש האָט אַזוי צוגעגרייט די באַזוך-רייזע, אַז אונדזער פאָרן איז געבליבן אומבאַמערקט פאַר די אָרטיקע איינוווינער.

אונדזער שטענדיקע פאָרזיכטיקייט האָט די פולע באַרעכטיקונג. אין דעם האַפן, ווו אונדזער שיף פאַראַנקערט, טאָר מען וועגן אונדז נישט וויסן. אַרום די ברעגן, ווו מיר שיפן זיך פאַרביי, טאָרן די פּאָרט-באַאַמטע אונדז נישט זען און די ריכטונג צו וועלכער מיר יאָגן — בלייבט אַ סוד פאַר גאָט, פאַר דער מאַנשאַפט און פאַר די מעפּילים.

כ׳בין אָנגעקומען צום שלאָס פאַרנאַכט. דער בנין, געבויט ווי אַ פעסטונג, איז געשטאַנען אויפן שפּיץ פון אַ פעלדזן-באַרג. די לעצטע זונשטראַלן האָבן זיך געגליטשט איבער די קאַרניזן פון די דעכער-טורעמלעך, און דער שלאָס, אין זיין איינזאַמקייט, האָט דערמאָנט אַ פאַרלאָזענעם מאָנאַסטיר.

די סטעזשקע, וואָס האָט געפירט אַרויף צום שלאָס איז געווען אַ געדרייטע און אויסגעפלאַסטערט מיט שפּיציקע שטיינדלעך. מיין באַגלייטער, דער הגנה-מענטש, וואָס איז געניט אין קלעטערן אויף בערג, האָט מיר דערלאַנגט אַ הויכן, סענקעוואַטן שטעקן און מיך געלערנט שטעלן די ערשטע טריט. אליין האָט ער גענומען די הענט ווי פליגלען און געשטעלט ברייטע שפּייזן פאָרויס. איך האָב אים נאָכגעקלעטערט.

אויבן, אויפן שפּיץ פון פעלדזן-באַרג, האָט דער שלאָס פאַרלוירן

עטוואָס פון זיין רייץ. די פאַרביקע טיולן אין וועלכע דער בנין איז, דאכט זיך, געווען איינגעהילט, ווען מען האָט אויף אים געקוקט פון אונטן, ביים ברעג, זענען איצט אויסגערונען. די ווענט זענען געווען פון ציגל־רויט קאָליר און די זיילן פון ווייסן גיפּס, דורכגעגריזשעט פון שטויב און אַלטקייט.

אָבער די איבערראַשונג איז געקומען, ווען פאַר די געקאָוועטע טויערן ביים אריינגאַנג איז געשטאַנען אַן עלטערער מאַן מיט לאַנגע גרויע האָר, מיט א לענגלעכער ארומגעהאַקטער באָרד, וואָס דערמאָנט דאָס אָפּבילד פון דעם אָפּגאָט דגון. ער'ט געטראָגן א שוואַרצן אָנצוג מיט א ווייסער בלום אין לאַץ. דער קראַוואַט איז געווען פּעדאַנטיש אויסגעבונדן. די באַקן פרישע, רויטע, ווי מען וואָלט זיי נאָר וואָס אויסגעקנייפּט.

דאָס איז געווען דער אייגנטימער פונעם שלאָס. מיין באַגלייטער האָט וויספּערנדיק מיר איבערגעגעבן, אַז דאָס וואַרט ער אַזוי יעדן טאָג אין טויער אויף באַזוכער, וואָס ווילן אָנקוקן דעם שלאָס. ער איז גליקלעך זיי איבערצוגעבן די געשיכטע, וואָס האָט באַרימט געמאַכט זיין בנין.

דער מאַן אינעם שוואַרצן אָנצוג האָט זיך פאַרנויגט מיט א חניפה־שמייכל און אונדז באַגריסט קורץ מיט א ברום:

— ווילקאָמען! ווילקאָמען!

דער באַגלייטער האָט מיך א שלעפּ געטאָן פאַר אַן אָרעם, ווי א היי־מישער געעפנט דאָס טויער און מיר איינגערוימט:

— איר ווילט הנאה האָבן פון דעם וויזיט און אויסמיידן לאַנגוויי־ליקייט? רעדט נישט מיט דעם גוי. פון די זיבן שפּראַכן, וואָס ער פּלאַפּלט, וועט איר קיין איינע נישט פאַרשטיין, וואָס אונדז אינטערעסירט איז די יידישע זייט פון דעם שלאָס. און דאָס פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט.

כ'בין שוין געווען אינעווייניק, ווען דער באַגלייטער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך דאָס טויער. כ'האָב נישט געטראַכט וועגן דעם באַליידיקטן באַלעבאָס פון שלאָס, וואָס איז געבליבן אין דרויסן און בין געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען מיין וועג־ווייזער. ער האָט אָנגעצונדן א בליציקע טאַשן־לאָמפּ. דער שיין־וואַרפער האָט געוואָרפן ליכט איבער די ווענט ווי א פּראָ־זשעקטאָר — דער באַגלייטער האָט געזאָגט:

— באמערקט די אויפשריפטן אויף די ווענט. יעדע שורה דערציילט א בלעטל יידישע פּורעניות.

מיין וועג־ווייזער איז געווען גערעכט. כ'האָב זיך ארומגעקוקט און געזען, אז כ'געפין זיך אין אַ טונעל. דער טונעל האָט מיט אַ צייט צוריק געדינט נישט ווי א פּאסאזש פאר דורכוואנדערנדיקע עמיגראנטן, נאָר ווי אן אָפּרו־אָרט, ווי אַ מקום־מנוחה פאר פּליטים, וואָס האָבן זיך ארויס־געריסן פון די געפענגניש־לאגערן אין דייטשלאנד. דאָ האָט מען געווארט „עד יעבור זעם", דאָ האָט מען געווארט אויף דעם סיגנאל, אז מען קען זיך שוין לאָזן צו די ברעגן, ווו עס שטייען די ערשטע מעפּילים־שיפן.

און מען האָט זיך געלאָזט צו די ברעגן. אָבער איידער די וואנדערער האָבן פארלאָזט די נעסט, האָבן זיי אויסגעקריצט אויף די ווענט זייערע נעמען, זייערע אויפשריפטן, זייערע לעבנס־אָנשויאונגען. אין יעדער אויפ־שריפט איז פאראן די רעאקציע צו די נאָך־מלחמה־פּאסירונגען, דער פּראָ־טעסט קעגן דער גלייכגילטיקייט, וואָס עס האָבן ארויסגעוויזן פיניף באַ־פעלקערטע קאָנטינענטן צו דעם פארברעכן, וואָס איז באגאנגען געוואָרן קעגן דעם יידישן פאָלק.

דער קריסטלעכער באלעבאָס פון דעם מערקווירדיקן שלאָס, ווו עס געפינט זיך דער טונעל האָט א מאניע צו פּרעזערווירן די אויסקריצונגען און אויפשריפטן אויף זיינע ווענט. ער האלט דאָס פאר היסטאָריש־ווערט־פול. ער איז זיכער, אז מיט דער צייט, וועט די געביידע פארוואנדלט ווערן אין א מוזעאום, אין א הייליקייט, צו וועלכער עס וועלן ציען עולה־רגלני־קעס און דערפאר שטייט ער יעדן טאָג ביי די געקאָוועטע טויערן ווי א וועכטער און באגריסט יעדן באזוכער.

איך שטעל די טריט לענגאויס דער וואנט, וואָס גלימערט מיט רויט־לעכער ציגל־קאָליר. דאָס אויג פאלט אויף א קורצער אויפשריפט מיט רויטער פארב.

„דאָ האָבן פארביימארשירט די לעצטע לעגיאָנערן פון ווארשעווער געטאָ".

דער שיין־ווארפער אין דער האנט פון מיין באגלייטער, וואָס מאכט

די אויפשריפט עפעקטיווער, טראָגט זיך גלייך אריבער אויף א צווייטער אויפשריפט אויך מיט רויטער פארב.

„דער געטאָ־קאמף האט זיך נישט געענדיקט. ער גייט ווייטער אָן אויף די באריקאדן אין ציפּערן".

א דריטע ציטאט אויסגעקריצט מיט א נאָגל אויף א זייל לייענט זיך:

„אלע אנטשיידנדיקע קאמפן פון אונדזער פאָלק זענען אויסגעפאָכטן געוואָרן אויף ווענט. ווענט פון יריחו, ווענט פון יודיפת, ווענט פון בית"ר און ווענט פון ווארשעווער געטאָ".

ווייזט אויס, אז דער אָנדענק פון דער געטאָ־מלחמה איז געווען טיף איינגעבאקן אין די הערצער פון די מעפּילים, וואָס האָבן זיך דאָ אויפגע־האלטן אין דעם טונעל, ווייל זייער פיל אויפשריפטן אויף די ווענט רעדן מיט גוואלדיקער פּיעטעט און יראת־הכבוד וועגן די ווארשעווער שלאכטן, וואָס זענען געוואָרן א סטימול און סיגנאל צו רעוואָלט פאר צענדליקער טויזנטער לאגער־יידן, וועלכע האָבן באשלאָסן צו שוואַרצן אלע וועגן פון דער וועלט, כדי צו דערגרייכן די ברעגן פון פרייהייט.

אָט איז א כאראקטעריסטישער מיליטאנטישער זאָג:

„דער קאמף פון געטאָ דויערט. די ווענט זענען נישט געפאלן. זיי האָבן זיך פונאנדערגעשפּרייט ביז ציפּערן..."

כ'שטיי שוין טיף אינעם טונעל. די ווענט זענען פול מיט אויפשריפטן. אין די ווענט זענען איינגעקארבט קאמפס־לאָזונגען, ציטאטן פון די נבי־אים און פערזן פון נאציאָנאלע דיכטער. דאָ איז געווען א דעפילאדע פון נאָמענלאָזע לעגיאָנערן, וואָס האָבן געזוכט צו געבן אויסדרוק צו זייער געמיט־צושטאנד, ווען זיי האָבן דורכמארשירט דעם טונקעלן פּאסאזש צו פרייהייט.

מיט אמאָל שטוים איך זיך אָן אויף א זייל וואָס איז באדעקט נישט מיט א קורצער אויפשריפט אָדער קאמפס־לאָזונג, נאָר מיט א השתפכות־הנפש פון א יונגן מענטש, וואָס רעפּרעזענטירט דעם טראגישן וואנדערנ־דיקן יידישן דור. די דאָזיקע השתפכות־הנפש איז געשריבן אין העברע־איש מיט טינט אויף א מגילה, וואָס קוקט אויס ווי פּארמעט. די האנט פון דעם יונגן ייד האָט געהאט צייט אויסצוצירקלען דעם כתב מיט גרויס

פּעדאַנטישקייט. עס איז אַ שטיק גראַפישע קונסט. פון דעם „אני-מאמין" טראָגט זיך דער יידישער גוואַלד-געשריי, ווו אמונה איז גובר די פאַר-צווייפלונג און בטחון קומט ביי רעזיגנאַציע.

אָט וואָס עס האָט דער וועלט געהאַט צו זאָגן דער אַנאָנימער יונ-גער ייד.

„מיר האָבן זיך דאָ, אין דעם טונעל, פאַרזאַמלט פון אַלע עקן אייראָ-פּע. מיר זענען די רעשטלעך פון דעם מלחמה-שטורעם. מיר זענען דער איבערבלייב פון אַן אַלט און טראַגיש פאָלק. אין די טיפענישן פון אונדזערע נשמות לעבט נאָך דער אָנדענק פון דער גרויסער בראַנד, פון פּיין און יסורים. אין אונדזערע אויערן קלינגען נאָך די קולות פון באָמבעס-אויפ-רייסן און דער געוויש פון צעשמעטערטע שטעט.

„אונדזער קינדהייט איז פאַרפלייצט געוואָרן דורך אַ מבול פון פייער און שוועבל. עס יאָגט אונדז נאָך דער וויי-געשריי פון די פאַרברענטע און פאַרקאַלעכטע און לאָזט אונדז נישט צוריקקומען צו דער רו...

„ווער עס האָט דאָס נישט דורכגעלעבט — דער קאָן דאָס נישט פאַר-שטיין. ווער קאָן פילן וואָס דאָס הייסט צוריקמאַכן אַ מענטש פון אַ גע-קלאָגטער און געיאָגטער חיה? מיר ווילן, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט ווערן צוריק קיין נאָרמאַלע מענטשן-קינדער.

„מיר האָבן זיך דערשלאָגן ביז דאַנען דורך דער העפלעכער טשעכאָ-סלאָוואַקיע, דורך די סטעפּעס פון אונגאַרן, דורך די פאַרשנייטע אַלפּן-בערג און דורך דער זוניקער איטאַליע. מיר זענען דורכגעלאָפן גרענעצן און פאַרצוימונגען. מיר האָבן זיך געשיצט אין דער פינצטערניש פון נעכט. מיר האָבן געטוישט קליידער און זיך גרימירט ווי אַקטיאָרן. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אויסטערלישע מיטלען, ביז מיר זענען דערגאַנגען צום ים-ברעג, פונוואַנען מיר דאַרפן געבראַכט ווערן צום אויסגעבענקטן לאַנד.

„מיר ווייסן, אַז עס וועלן נאָך זיין לאַנגע טעג פון אַנטוישונגען, טעג פון וואַנדערונגען אין טומלדיקע פרעמדע האַפנס, ביז מיר וועלן זיך דער-וואַרטן אויף דעם געהאָפטן טאָג.

„מיר וועלן מסתמא אַרויפגיין אויף אַ קליינער שיף, איינע פון יענע שיפן, וועלכע שווימען איבער ימען אונטער פרעמדע נעמען און מיט גע-

באַרגטע פּאַנען. לאַנגע טעג וועלן מיר זיין צוזאַמענגעדריקט אונטערן דעק און מיר וועלן זיך שטיקן מיט עיפּושדיקע ריחות פון מייז און זאַלץ-וואַסער. מיר וועלן זיך מוזן היטן, אז די ענגלישע שטאָלענע רויב-פייגל זאָלן אונדז נישט דערזען פון אויבן. סוף-כל-סוף וועט קומען די שעה, ווען פונעם נעפּל אַרויס וועלן זיך אַרויסשלייען די ברעגן פון ארץ-ישראל. אונדזערע אויגן, וואָס וועלן זיין רויט פון א סך שלאָפלאָזע נעכט וועלן זיך אָנהענגען אויף די ווייטע ברעגן און אונדזערע הערצער וועלן קלאַפּן, ווי מיט האַמערס"...

די וויזיע פון דעם יונגן מעפּיל ענדיקט זיך נישט, ווען ער דערגרייכט די ברעגן פון ארץ-ישראל. זיין פאַרשטעלונגס-קראַפט אַרבעט ווייטער. ער זעט זאַכן, וואָס וועלן מיט אים און מיט זיינע חברים פּאַסירן שוין נאָכ-דעם ווי ער וועט האָבן דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום און ער וועט לאַנדן אין ארץ ישראל.

„און אָט וועלן מיר קומען, יונג אין יאָרן אָבער זקנים אין דערפאַרונג. מיר וועלן ווערן א לאַסט פאַר חברים און פאַר דערציערס. זיי, די מענטשן פון דעם רואיקן לעבן וועלן שאָקלען איבער אונדז מיט די קעפּ און זאָגן, אז מיר זענען א שווערער און קאָמפּליצירטער מאַטעריאַל...

„מיר ווייסן עס, די דערציאונגס-שיטות, וואָס מ'האָט גענוצט לגבי דער יוגנט אין אונדזער עלטער, וועט פאַר אונדז נישט טויגן. מען וועט מוזן געפינען א נייעם צוגאַנג און א נייע אויפפאַסונג. די אַרבעט פון אונדזערע דערציער וועט זיין א שווערע. זיי וועלן דאַרפן געפינען א וועג צו אונדזער האַרץ און אונדזער פּסיכיק, וועלכע איז גאַנץ אַנדערש, ווי פון א נאָרמאַלן מענטש, ווייל אין אונדזער געלויף איבער די וועגן פון דער וועלט האָבן מיר קיינעם נישט געגלויבט, צו קיין מענטש נישט געהאַט קיין צוטרוי...

„די פּשוטסטע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַכן האָבן ביז איצט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אונדזער דערקענטעניש ווי אין א קרומען שפּיגל. צו די קלאָרסטע זאַכן זענען מיר צוגעגאַנגען מיט חשד. יעדער מענטש האָט אין אונדז דערוועקט פאַרדאַכט און שנאה. מיר זענען געווען ווי קליינע רויב-חיות, וואָס זענען פאַרמאַכט געוואָרן אין א שטייג. מיר זענען

באַהערשט געוואָרן פון פּרימיטיווע אומגעצוימטע אינסטינקטן. מיר האָבן געליטן פון האַלוצינאַציעס און זכרונות־קאָשמאַרן..."

און די האַנט וואָס האָט געשריבן אויף דעם פּאַרמעט־בויגן אַזעלכע מעלאַנכאָלישע זאַצן, וואָס אָטעמען מיט אומצופרידנקייט צו דער דעגענערירטער וועלט, פאַרענדיקט מיט אַ פּאַראַגראַף:

„אָבער דאָרט אין ארץ ישראל וועלן מיר אָנהויבן צו וועבן אונדזער לעבנס־געוועב פון דאָס ניי. עס וועלן פאַרשווינדן די דעגענעראַטיווע דערשיינונגען פון אונדזער נשמה. עס וועט זיך אָפּשיילן די גלות־שאָל, אונדזער ווילן — האַרט ווי שטאָל — וועט בייקומען אַלע שטערונגען און שאַפן אַ „יש מאין".

„מיר זענען די יונגע וועג-פּלאַסטערער פאַר די, וועלכע וועלן קומען נאָך אונדז. דער עול פון אחריות וועט שטענדיק לאַסטן אויף אונדזערע אַקסלען".

דער אינהאַלט פון דעם דאָקומענט, דער אני־מאמין פון אַ יונגן ייד, וואָס באַלאַנגט צו דעם מאַידאַנעק-דור האָט לאַנג געבראָמט אין מיינע אויערן, נאָכדעם ווי איך בין שוין געווען אויף יענער זייט טויער פונעם שלאָס. דער גרויסמוטיקער גוי, דער אייגנטימער פון שלאָס, וואָס האָט מכניס אורח געווען מחנות וואַנדערנדיקע יידן אויף זייער וועג צו פריי־היט, האָט ווידער אַמאָל העפלעך מיט אַ חניפה־שמייכל באַגלייט מיך און מיין באַגלייטער, ווען מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דער געדרייטער אויסגעפּלאַסטערטער סטעזשקע.

צוריקקומענדיק אויף דער שיף, טראָגן מיר עטלעכע מאַטראָזן אונ־טער די נייעס, אַז אין דער צייט ווען כ'בין געווען אויפן ברעג, האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט געבראָכן ביי דער מאַנשאַפט די רוטינע מאָנאָטאָניע און די פּאַסירונג קען מיר דינען ווי מאַטעריאַל פאַר אַ פאַרצייכענונג.

כ'האָב אפילו נישט געפּרוווט זיך אָנצושטויסן. אַ גאַנצער מנין מאַ-טראָזן האָבן דערציילט פּה אחד, אַז איינער פון דער מאַנשאַפט האָט גע־קראָגן פון קאַפּיטאַן צוויי טעג שיף־טורמע. זיי האָבן אויך אַנערקענט פּה אחד, אַז די שטראָף איז אַ פאַרדינטע.

דער באַשטראָפטער איז דער פייערמאַן אויף דער שיף. ער איז יע-

נער, ווענען די קיבעצער רופן „דער מיסטיקער". ער לייענט שאָפּענהויער, שרייבט פּערזן און הערט זיך איין בלויז צו ראַכמאַנינאָווס מוזיק. טייל פון דער מאַנשאַפט פאַרגינען נישט אָדער פאַרטראָגן נישט זיין אַנדערש־קייט. ס'האָט גענומען פיר חדשים, זינט די שיף האָט פאַרלאָזט באַלטימאָר, ווי די הומאָר־הונגעריקע מאַנשאַפט האָט געזוכט אַ געלעגנהייט אונטערצושטעלן דעם פייערמאַן אַ פיסל. די געלעגנהייט איז געקומען. דער דעק־אָפיציר האָט באַפוילן אים צו טאָן אַן אַרבעט, וואָס איז אויסער זיינע טעגלעכע אינסטרוקציעס, וואָס ער דאַרף אָבער אויספירן צוליב דעם, ווייל עס פעלן הענט אין דער מאַנשאַפט און יעדער אַנדערער מאַטראָז נעמט אויף זיך אַ פּריווילעגיע אָמט, חוץ זיינע טעגלעכע אַכט שעה אַרבעט.

דער פייערמאַן האָט אָפּגעזאָגט. צוהילף זיין אַרגומענטאַציע האָט ער געבראַכט ציטאַטן פון שאָפּענהויערן. דער דעק־אָפיציר, וואָס איז אַ האַרטער רעאַליסט, האָט נישט פאַרטראָגן קיין פילאָזאָפישע אויסטייטשונגען און אים פאַרקלאָגט פאַר דעם קאַפּיטאַן.

דעם קאַפּיטאַנס אורטייל איז געווען אַ קורצער: צוויי טעג טורמע אויף ברויט און וואַסער. מען האָט אים אַריינגעפירט אין אַ צעל, וואָס זעט אויס ווי אַ קאַרצער נישט צו זיצן, נישט צו ליגן. דער אַרעסטאַנט האָט אויפגענומען דעם אורטייל מיט סטאָאישער רואיקייט, אַלץ וואָס ער האָט געבעטן איז מען זאָל אים געבן ניטשעס בוך: „עקצע האָמאָ".

אינעם ראַפּאָרט האָט דער קאַפּיטאַן פאַרצייכנט, אַז דער פאַרמשפּטער איז פאַראורטיילט געוואָרן פאַר פאַרפעלן דורכצופירן זיינע פליכטן.

לכבוד דעם ערשטן אַרעסטאַנט אויף זייער ערשטער מעפּילים־שיף, האָבן די מאַטראָזן באַשלאָסן צו פייערן די געשעעניש. זיי זענען אַראָפּ אין עס־צימער און געמאַכט אַ טרונק און אויסגעהאַפּקעט אַ טענצל.

נאָכן טרונק און נאָכן טענצל, האָט איין מאַטראָז געוואָלט דערגיין ווי גרויס איז די מאָס אָפּפערוויליקייט, וואָס מען דאַרף אַרויסווייזן, ביים באַטייליקן זיך אין אַ רייזע אויף אַ מעפּילים־שיף. אַ צווייטער האָט אַ פרעג געטאָן:

— וויפל שטח לאַנד פאַרנעמט ארץ ישראל?

— 250 מײל די לענג און 40 מײל די ברײט — האָט דער דעק-אָפּיציר געענטפערט.

— דאָס אַלץ? און צוליב דעם מאַכט מען אַן אַזאַ גערודער אויף דער וועלט? — האָט דער פֿרעגער געשטוינט.

— ס'איז גרעסער װי דאָס, װאָס רעדסטו? — האָט עמיצער אַרײנגעװאָרפֿן — און עבר־הירדן, די אָפּגעריסענע טײל ארץ־ישראל רעכנסטו נישט?

— יאָ, רעכנסט נישט? — האָט אַ דריטער אַרױסגעהאָלפֿן — און די שכנותדיקע לענדער װאָס באַלאַנגען צו אונדז לויט דער ביבל, סיריע, מצרים?

— אַ נײער למדן! װאָס פֿאַרא ביבל האָסטו געלערנט? רעדסט דאָך שוין װי אַ פֿאַרכאַפּער! װי אַן אַגרעסאָר!

ס'איז אַרײנגעקומען דער קאַפּיטאַן. זײנע אויערן האָבן אויפֿגעכאַפּט דעם שמועס, זײנע באַקן האָבן זיך צעשפּרײט אין אַ שמײכל און ער האָט אַ פּאַטש געטאָן אײן האַנט אָן דער צװײטער:

— גיט מיר די 250 מײל די לענג, און 40 מײל די ברײט. קײן אײן אינטש לאַנד מער װיל איך נישט! מוחל סיריע! מוחל עגיפּטן! 250 די לענג און 40 די ברײט! בלויז אַזױפֿיל שטרעקע זוכט מײן שיף!

קאַפּיטל דרײצן

ענגלענדער זוכן די פּליטים-שיף

שפּעט בײנאַכט האָט אונדזער ראַדיאָ־סיגנאַליסט אויפֿגעכאַפּט אַן אַלאַרמירנדיקע ידיעה, אַז די בריטישע פֿלאָט־קאָמאַנדירן האָבן אָרגאַניזירט אַ געיעג אויף אונדזער שיף. מיר זענען געװאָרן דער צענטער פֿון אויפֿמערקזאַמקײט בײ די ענגלישע אַדמיראַלן, װאָס האָבן אַ דעה אויף דעם מיטללענדישן ים. ענגלישע פּאַטרול-שיפֿן זענען אויף דער װאַך. ענגלישע אויסשפּיר-עראָפּלאַנען פֿליִען נידעריק און גיזוכען אַרום די ברעגן

פון די וויכטיקסטע אייראָפּעאישע פּאָרט־שטעט. די בריטישע „אינטעלי־דזשענט סוירוויס" האָט פאַרדרייפאַכט אירע שפּיאָנען און באַצאָלטע אינפאָרמירער. מען זוכט אונדז אין פראַנקרייך, מען זוכט אונדז אין פּאָר־טוגאַל, מען שפּירט אונדז נאָך אין קאָרסיקע, מען פאַרלויפט דעם וועג אין איטאַליע. מען כאַפּט אַ בליק אין די וואַסערן פון דעם בריטיש-באַפאַנצערטן אינדזל מאַלטאַ. עס זעט אויס, אַז אַלע אָפּטיילונגען פון „זיין מאַיעסטעטס קריגס-פלאָט" האָבן איצט נישט קיין אַנדערע זאָרג ווי זיך צו פאַרמעסטן אין אַ געיעג, ווער עס זאָל פריער קענען פאַנגען אונדזער וואַגלדיקע שיף, וואָס באַהאַלט זיך אויס אַזוי געשיקט ערגעץ ביי אַ שטילן פאַרלאָ־זענעם ברעג.

וואָס איז די סיבה פון דעם קאָנצענטרירטן געיעג אויף אונדז? וואָס האָט פּלוצים אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די בריטישע ים-באַלעבאַטים? זענען זיי אינפאָרמירט געוואָרן, אַז אונדזער שיף וועט נישט אָפּשווימען אַליין, נאָר וועט באַגלייט ווערן פון אַ גאַנצן מעפּילים-קאָנוואָי? דער קאָנ־וואָי וועט דורכברעכן די ענגלישע בלאָקאַדע, וועט אויסמיידן אַלע פאַר־צוימונגען און זיך אַריינגליטשן אין די ארץ־ישראל ברעגן?

די מאַטראָזן דיסקוטירן דאָס. דער קאַפּיטאַן פּרובירט טרעפן. דער שעף־אינזשעניער זאָגט אַרויס סברות. דער ענטפער איז ערשט געקומען צומאָרגנס אין דער פרי, געקומען פּלוצים. באַלד נאָכן אָנבייסן איז אויפן דעק געוואָרן אַ גערודער, ווייל אומגעריכט, אָן צו לאָזן וויסן פריער, איז פונעם ברעג אָנגעשוואומען אין אַ לאָדקע די שטרענגע הגנה־לייטערין סע־ניאָריטאַ מאַריאַ. זי האָט אַרויפגעקלעטערט איבער דעם שטריק-לייטער, ווי אַ געניטער מאַטראָז. בלויז איין באַגלייטער איז געווען מיט איר. זי איז גלייך אַריין אין דעם קאַפּיטאַנס קאַבינע און געהייסן רופן די גאַנצע מאַנשאַפט. זי וויל צו זיי רעדן.

ס'האָט געדויערט בלויז סעקונדן ווי די מאַנשאַפט איז געווען פאַר־זאַמלט אין עס-צימער. אַלע זענען געשטאַנען מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, פול וואַכזאַמקייט. זיי האָבן געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז קיין קאָמפּלימענטן פאַר זייער בראַווקייט וועלן זיי נישט הערן. דער פאַרדאַכט האָט זיי נישט

גענאַרט. סעניאָריטאַ מאַריאַ האָט זיך אָוועקגעשטעלט ווי אַ בייזע לערערין און גערעדט מיט כעס:

— מאַטראָזן! איר זייט באַגאַנגען אַ זאַך, וואָס שטעלט אין געפאַר אונדזער גאַנצע אַרבעט דאָ אין לאַנד. איר האָט צעטיילט אַמעריקאַנער סיגאַרעטן צו די דאָרפס־מענטשן, וואָס האָבן מיט לאַדקעס באַלאַגערט אייער שיף. איר האָט געמיינט, אַז איר טוט דאָס צוליב גוטהאַרציקייט. אָבער אייער גוטהאַרציקייט קען קאָסטן אייער פרייהייט... אייער אָנוועזנהייט האָט אַרויסגערופן צופיל אויפמערקזאַמקייט. נישטאָ קיין שטאָט, קיין דאָרף איבער דער גאַנצער לענג פון דעם ברעג וואָס ווייס נישט וועגן אייער שיף... און די צעטיילטע סיגאַרעטן זענען גוטע סימנים פאַרן בריטישן פּלאַט, וואָס זוכט אייך. איר זייט איצט אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע. דאָ צו בלייבן איז געפערלעך און אַרויספאָרן צו אַנדערע פּאָרטן איז שעדלעך, ווייל דער שונא לויערט אויף אייך. צענדליקער בריטישע פּאַטרול־שיפן זוכן אייך. איך בין שטאַרק צעטרייסלט פון דער פּאַסירונג. דאָס האָט נישט געטאָרט געשען! יעדע לייכטזיניקייט מוז ווערן אויסגעמיטן! איר זייט מאַטראָזן, וואָס גייען פירן יידן קיין ארץ ישראל!

סעניאָריטאַ מאַריאַ איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. אירע ברוינע מילדע אויגן האָבן געפלאַמט פון צאָרן. זי האָט געוואָלט קאָנטראָלירן איר כעס און נישט געקענט. אירע באַקן, אירע ליפּן זענען פול געווען מיט גרימאַסן. די פּאָרמעלע שטרענגקייט האָט בייגעקומען די ווייבלעכע מילדקייט. אירע ווערטער זענען געווען האַסטיקע, פול מיט פאָרוואָרף און מוראָ:

— מאַטראָזן! דיסציפּלין איז אַ זאַך, פון וועלכער איר קענט נישט אַנטלויפן! מיר האָבן אייך געוואָרנט נישט צוצולאָזן צו דער שיף קיינעם פון די איינוווינער אַרום. איר מוזט זיך קאָנצענטרירן אַרום אייער אַרבעט! אַ גרויסע אויפגאַבע האָט איר גענומען אויף זיך! איר מוזט אויספאָלגן באַפעלן און אָפּהיטן פאַראָרדענונגען! פאַרגעסט נישט, אַז מיר זענען אין קריג מיט אַ שטאַרקערן שונא... איך וועל מוזן שיקן אַ ראַפּאָרט וועגן אייער אויפפירונג קיין אַמעריקע! ווייזט אויס, איר זייט נישט גענוג צוגעגרייט געוואָרן צו אייער אויפגאַבע! איר פאַרשטייט נישט די ערנסטקייט פון

דער אונטערנעמונג! איר וועט ווייטער אפפארן און מיר וועלן בלייבן דא. מיר מוזן ווייטער אנגיין מיט אט דער קרבנותפולער ארבעט. אבער אייער אפנעטאנענע נאכלעסיקייט וועט א סך שטערן... מאטראזן! איך באדויער מיין שארפן מאן. אבער דאס האט געמוזט געזאגט ווערן! ס'האט געמוזט!

סעניאריטא מאריא האט גענענדיקט און איז פלינק ארויס פון עס-ציר מער. די מאטראזן זענען געבליבן פארשעמטע, פול מיט חרטה. זיי האבן שטומערהייט באדויערט זייער לייכטזיניקייט, אנגעקוקט איינער דעם אנדערן און נישט באנומען ווי אזא קליינינקייט — דאס אויסטיילן שאקא-לאד און סיגארעטן צו הונגעריקע איטאליענער — זאל פאראורזאכן אזוי פיל צרות, זאל שטעלן אויף די פיס דעם גאנצן בריטישן פלאט.

איך בין ארויפגעגאנגען צו זיך אין קאבינע. ס'האט זיך דערהערט א קלאפ אין טיר און אויף דער שוועל איז געשטאנען דער יונגער גלח פון באסטאן.

דער גלח פון באסטאן איז אן אויסטערלישע דערשיינונג אויף דער שיף. ער איז נישט קיין פאסאזשיר און ער איז נישט פון דער מאנשאפט. ער איז צומאל נישט קיין צייטונגס-מענטש, וועמען די אמביציע טרייבט דורכצומאכן אזא אונטערגרונט-עקסקורסיע. ער איז א גלח, אן אקטיווער טוער אין דעם „קריסטלעכן קאמיטעט פאר א יידישער ארץ ישראל". זיין אויפגאבע איז צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם מארש פון די מעפילים קיין ארץ ישראל, כדי דערנאך צו קענען דערציילן פאר דער קריסטלעכער וועלט וועגן דעם וועג פון פיין, אויף וועלכן עס גייען די רעשטלעך פון ישראל, וואס זענען נישט אויפגעגעסן געווארן פון די פייערן פון מאי-דאנעק און אשוויענטשים.

דער גלח האט ליב אונטערצושטרייכן זיין מיסיע. אין די צענדליקער שמועסן מיט מיר באמת ער זיך מיך צו איבערצייגן, אז דער דראנג צו ווערן אן אומלעגאלער פאסאזשיר פארפאלגט אים שוין איבער א יאר, זינט ער האט זיך דערוואוסט, אז די הגנה האט אנגעהויבן איר פארצווייגטע ים-באוועגונג. עס איז פאר אים א זכיה צו זיין אזא מין פילגרים, אזא עולה-רגל אין דעם הייליקן לאנד אריין.

דער גלח דראמאטיזירט אביסל זיין נסיעה. ער איז בטבע אן ענטו-

זיאסט. און אז מען קוקט זיך גוט איין אין אים, קומט מען צום אויספיר, אז ער איז נישט פריי פון שווישפילערישע פליטערלעך. ער חנדלט זיך צופיל מיט פראזן. ער מאַניפולירט מיט אָראַטאָרישע זאצן, ווי ער וואָלט נישט געזעסן און געשמועסט, נאָר ער וואָלט געשטאַנען אויף א פלאטפאָרם און אָראַפּגעקוקט אויף אַ ריזיקער אודיטאָריע.

דאָס נעמט אָבער נישט אַוועק דעם רייץ פון זיין פערזאָן. טראָץ די אויסגערעכנטע עפעקטן, וואָס ער האלט פארשטעקט אין די גלחישע בגדים, מוז מען אים גלויבן וואָס ער זאָגט. ער איז אויפריכטיק. ער איז ערלעך. דאָס אליין, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך דעם עול צו שפּילן אַן אויסגעוואָרצלטן מענטשן און זיך צו וואלגערן אויף פארשידענע שיפן און פארשידענע האפנס — רופט ארויס צו אים א היבשע מאָס רעספּעקט. דער גלח האָט שוין געטווישט אין וועג עטלעכע שיפן. אומעטום זוכט ער נייע איבערלעבונגען. א דאנק זיין קאָנטאקט מיט דעם יידישן אונטער־גרונט געלינגט אים צוצוקומען צו פלעצער און מענטשן, וווּ קיין אנדערער, מיט ווייניקער אַמביציע און אויסדויער, האָט נישט קיין צוטריט. שוין פינף חדשים ווי ער האָט פארלאָזט אמעריקע. ער האָט שוין אויסגעוואַנ־דערט אין די פליטים־לאַגערן פון האלב-אייראָפּע. זיינע נאָטיצן, וואָס ער גרייט צו פאר די לעקציעס, וואָס ער וועט האלטן אין די שטעט פון די פאראייניקטע שטאַטן, ליגן באהאלטן אין פראנקרייך. ער וויל נישט רי־זיקירן, טאָמער וועלן זיי נאָך אריינפאלן צו די ענגלענדער. און ער האלט נאָך אלץ ביים אָנהייב. ער האָט זיך נאָך אלץ נישט דערוואָרט אויף דעם גרויסן מאָמענט, ווען די שיף וועט שוין זיין אָנגעלאָדן מיט די טויזנטער מעפּילים.

איצט שטייט דער גלח אין מיין קאבינע. ער האָט — זאָגט ער — א נייעם פּלאַן און ער וויל אים מיר דערקלערן. ער הייבט גלייך אָן:

— וואָס האָט איר ווי א צייטונגס-מענטש באשלאָסן צו טאָן, ווען מיר וועלן דערגרייכן חיפה? זיך אויסגעבן? אָדער זיך לאָזן דעפּאָרטירן קיין ציפּערן?

— איך וועל גיין קיין ציפּערן — ענטפער איך.

— איך האָב אויך אזוי געטראכט פון אָנהייב — זאָגט דער גלח און

זיין יונג-רויטלעך פּנים קנייטשט זיך פון גרימאַסן — איצט זע איך אָבער איין, אַז ס׳וועט בעסער זיין, ווען כ׳וועל זיך אויסגעבן אין חיפה.. נאָך אַלעמען איז דאָך מיין שליחות פאַרענדיקט אין יענעם טאָג, ווען כ׳וועל האָבן באַגלייט די טויזנטער אויסגעוואָרצלטע אויף דער שיף. איך האָב שוין היינט גענוג מאַטעריאַל פאַר מיינע לעקציעס, וואָס כ׳וועל האַלטן. דער „קריסטלעכער קאָמיטעט פאַר ארץ ישראל״, וואָס האָט מיך באַפול-מעכטיקט צו פאָרן אויף אַזאַ רייזע, וועט האָבן די פולע סאַטיספאַקציע, ווען כ׳וועל איבער גאַנץ אַמעריקע אַרויסטרעטן מיט לעקציעס און אויפ-קלערן ווי אַ קריסט פאַר דער קריסטלעכער וועלט, ווי אַזוי ענגלאַנד באַ-גייט זיך מיט דעם פאָלק, וואָס האָט אונדז געגעבן די פּראָפעטן, די ציווי-ליזאַציע און די רעליגיע.

איך קוק אויף דעם יונגן צעפלאַמטן גלח, וואָס פאַלט אַריין אין מיטן שמועס אין אַן אָראַטאָרישן טאָן. ער איז בלאָנד, הויך און צעוואַקסן. זיין אָפּשטאַם איז אַ שוועדישער. ער האָט גענוג גבורה אין די פּלייצעס צו זיין אַ קוילן-גרעבער און גענוג געדולד צו זיין אַ קאָנדוקטאָר פון אַ ניו-יאָרקער אונטערערד-באַן. פונדעסטוועגן איז ער אַ גלח. און אַ גלח מיט אַ מיסיע. די מאַטראָזן לאַכן פון אים, טראַכטן, אַז ער איז אַביסל געררירט אויפן קאָפּ, ווייל וואָס פאַר אַ שגעון איז צו נעמען אויף זיך דעם עול פון יידישע צרות, ווען זיין פּאָזיציע אַלס קאַטוילישער מיניסטער קען אים געבן כבוד, געלט און אַ זאָרגלאָזע שטעלע?

דעם גלחס רעפּוטאַציע האָט נאָך מער געליטן דורכדעם, וואָס ער האָט פרייוויליק זיך אָנגעבאָטן צו אַרבעטן אין דער קיך. ער איז געוואָרן אַ טעלער-וואַשער און ער באַדינט די מאַנשאַפט בעת די מאָלצייטן. אָט דער זשעסט האָט נאָך געגעבן מער געלעגנהייט די מאַטראָזן, זיי זאָלן טרייבן חוזק אויף זיין חשבון.

אָבער דער אַמביציעזער גלח איגנאָרירט לשון הרע און ער איגנאָ-רירט פאָראורטיילן. וואָס אים אַרט איצט, איז דאָס געיעג פון די ענג-לענדער נאָך אונדזער שיף. ער קומט צום אויספיר:

— זיי וועלן דאָך אונדז עווענטועל כאַפּן. אויב נישט אין מיטן ים, וועט עס זיין אין חיפה. און וואָס דאַמאָלסט? די מערסטע נאָטיצן מיינע

האָב איך פארשטעקט אין פראַנקרייך. איך מוז אָבער מאכן נאָך פארציי־בענונגען. יעדן טאָג פּאַסירן נייע זאכן. די אויפטרייסלענדיקע איבער־לעבונגען זענען א קוואַל... ס'איז אומאויסשעפּבאר... וואָס האָט איר גע־טאָן מיט אייערע ארטיקלען?

— כ'האָב זיי אלע באזאָרגט דורך פּאָסט.

— איך וועל מיינע נאָטיצן פארשטעקן אין די שיך, אין דער וועש. כ'וועל זיך באנדאזשירן די הענט און זיי דאָרט פארבאהאלטן, אבי ארויס־צוראַטעווען זיי פון די הענט פון די ענגלענדער.

דער גלח האָט זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט פארדעכטיקט, אז עמעצער הערט זיך אונטער און שטיל געזאָגט:

— וואָס זאָגט איר צו דער שטרענגקייט פון די הגנה־מענטשן צו דער מאַנשאַפט? אביסל א צו הארטע באהאנדלונג. נישט אזוי? די צרה איז, וואָס ביידע צדדים פארשטייען זיך נישט. דער לעבנס־באַנעם פון די אייראָפּעער איז פרעמד אונדזערע באַיעס און פארקערט, די אַמעריקאַנער מאטראָזן פארשטייען נישט די אייביקע מורא, דעם שטענדיקן פחד, מיט וועלכן די הגנה־מענטשן אין אייראָפּע פירן דורך זייערע געוואגטע אונ־טערנעמונגען... כ'וואָלט עס אייגנטלעך נישט אָנגערופן מורא אָדער פחד... באוואָרעניש איז דאָס וואָרט פאר דעם. און אויב ס'איז אמת, אז די אויס־געטיילטע סיגארעטן האָבן פאראורזאַכט אזא טומל, פארדינען די מאַ־טראָזן דעם מוסר. זיי מיינען, אונדזערע באַיעס, אז זיי פאָרן נאָך אַלץ אויף די האַנדלס־פלאָט־שיפן, ווי יחסנים... זיי פארגעסן, אז די מעפּילים־שיפן מוזן זיך שלעפּן מיט פרעמדע נעמען און אונטער געבאָרגטע פאָנען.

דער גלח האָט געוואָלט ווייטער רעדן, אָבער דאָ איז אריינגעקומען דער קאַפּיטאַן. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט א שמייכלענדיקער, א שוויי־גנדיקער מיט א מינע, ווי ער וואָלט געוווען אן עדות צום שמועס.

— וואָס איז די לעצטע נייעס, קאַפּיטאַן? — האָט דער גלח געפרעגט.

— נישט קיין סך נייעס — האָט דער קאַפּיטאַן פלעגמאַטיש געזאָגט, — אויסער, וואָס אויפן וועג צום נאָענטסטן פּאָרט דאַרף איך עפּעס מיט־שלעפּן...

— מיטשלעפּן?

— יאָ, איינע פון די הגנה-שיפן איז מיט א צייט צוריק ארויפגע־שטופט געוואָרן אויף א זאמד. און אזוי ווי איך האָב אן איבעריקן טאָג לויט מיין צייט־פּלאַן, וועל איך זיך דאָרט אָפּשטעלן און אריינציען די שיף אין וואסער אריין, דערנאָך זי מיטשלעפּן צום נאָענטסטן פּאָרט. די שיף איז צו קאָסטבאר, מען זאָל זי לאָזן פארזשאווערט ווערן. זי קען ארויפ־נעמען א לאָדונג פון פיר טויזנט פּאסאזשירן...

— איז דאָס שוין באשטימט?

— קיין זאך איז נישט באשטימט. יעדע פּאָר שעה ווערט די סטראַ־טעגיע געביטן... מיינע קאָמאנדירן זענען די ראדיאָ-מעלדונגען... כ'וועל נישט זיין איבערראַשט, אויב א שעה שפּעטער וועט קומען א נייער באַ־פעל, וואָס וועט איבערדרייען דעם גאנצן צייט-פּלאַן.

עס האָט נישט גענומען קיין גאנצע שעה ווי דער צייט־פּלאַן איז אי־בערגעדרייט געוואָרן. און דער קאפּיטאַן איז אויך נישט געווען איבער־ראַשט, ווען אויפן דעק האָבן זיך באוויזן צוויי שליחים פון דער הגנה, כדי אונטערצוזאָגן מיר זאָלן וואָס גיכער ארויס אף די אָפענע ימען. נייגע־דיקע מאטראָזן האָבן גענאפּט. דער דעק־אָפיציר האָט געשטעלט דריי פראגן אויף איינמאָל:

— וואָס איז די סיבה? זענען פאָרגעקומען ענדערונגען? ווי איז די לאגע?

— די לאגע איז אזא, אז אייער שיף קען יעדע מינוט פארכאפּט ווערן. האפן-באאמטע און פּאָליציי פון דעם נאָענטסטן פּאָרט זוכן אייך ארום — האָט איינער פון די הגנה־שליחים געענטפערט.

— ווען מיר אָפּפאָרן?

— כ'גיב אייך דריי שעה צייט — איז געווען דער ענטפער — ווייל איך וויל מען זאָל אראָפּלאָדן פון דער שיף אלע איבעריקע מאטאָרן, אפּאַ־ראַטן און רערן, כדי דאָס ברוכווארג זאָל נישט אריינפאלן צו די ענגלענ־דער. כ'האָב מיט זיך עטלעכע איטאליענישע האפן־ארבעטער. אונטן ווארט א שלעפּ־דאמפער. די ארבעט מוז צוגיין פלינק, מיט טעמפּאָ.

חברה מאטראָזן האָבן זיך א לאָז געטאָן צו דער ארבעט מיט ברען. אין צוויי שעה צייט איז די לאָדונג שוין געווען אויפן שלעפּ־דאמפער.

דער חשבון האָט געוויזן, אַז מיטן אראָפּנעמען דאָס ברוכווארג האָט מען אָפּגעראַטעוועט פינף און זיבעציק טויזנט דאָלאר פון אריינצופאלן אין ענגלישע הענט.

ביידע הגנה־שליחים האָבן אויסגעקוקט צופרידן, אָבער אויך גע־שפּאַנט. איינער האָט אָפּגעזוכט דעם שעף־אינזשעניער און אים געפרעגט:

— ווי לאַנג קען דויערן, ביז איר וועט אָנווארעמען די מאָטאָרן?

— דריי פערטל שעה — האָט דער הויפּט־אינזשעניער געענטפערט.

— שניידט עס אויף אַ האַלבע שעה — האָט דער הגנה־שליח באַפוילן.

דער אינזשעניער האָט צוגעזאָגט. און ווי ער איז אראָפּ אונטן אין דער מאַשינען־אָפּטיילונג צו געבן אינסטרוקציעס, האָט דער צווייטער הגנה־שליח דערוויל פארזאמלט די איבעריקע מאַנשאַפט אינעם עס־צי־מער. ער האָט זיי אַ ווײַלע אָנגעקוקט שווייגנדיק. זיין פּנים איז געווען פארוואָלקנט. די געדיכטע ברעמען פארצויגן. דערנאָך האָט ער גערעדט אין אַ שטילן, אָנגעצויגענעם טאָן:

— מאַטראָזן! איר פאַרלאָזט איצט דעם האַפן, ווו איר זייט אומ־געווינטשטע געסט... די איטאַליענישע פּאָליציי אונטער דעם דרוק פון די ענגלענדער וויל פאַרנעמען אייער שיף. איילט ארויס פון דאַנען. דער קאַפּיטאַן וועט פירן אייער שיף אין ווייטערע פּאָרטן. אין דעם נאָענטסטן פּאָרט וועט איר אָנשעפּן וואַסער. הייץ־מאַטעריאַל האָט איר גענוג ביז צום ציל... נאָך היינט ביינאַכט וועט איר ארויפנעמען די פּאַסאַזשירן אויף דער שיף. זייט צו זיי גוט. דאָס זענען ליידנדיקע, טראַגישע מענטשן און דערפאַר — עמפּפינדלעך... ביים ארויפנעמען מוזן אַלע ליכט אויף דער שיף זיין פאַרלאָשן. פאַרגעסט נישט, אַז יענער פּאָרט איז נישט קיין מדבר. דער מינדעסטער גערודער קען אויפוועקן די איינוווינער. איר מוזט זיך אויפפירן ווי געהאָרכזאַמע סאָלדאַטן. רעדט נישט צווישן זיך, בעת דער אָפּעראַציע. אַרבעט שווייגנדיק. טוט אַלץ, אַז די אונטערנעמונג זאָל דורכגיין מיט דערפאָלג. איך ווינטש אייך אַ סך גליק און שלום!

— שלום! שלום! שלום! — האָט אָפּגעהילכט אַ כאָר פון קולות.

ביים אראָפּלאָזן זיך פונעם שטריק־לייטער צו דער לאָדקע, האָט דער

הגנה־שליח מיט מיר זיך געזעגנט און דערנאָך זיך אָנגערופן אין א טאָן, וואָס איז אי שטרענג, אי העפלעך:

— אייך קען איך קיין באפעלן נישט געבן. איר זייט א פּריווילעגיר־טער פּאסאזשיר. אָבער כ'בעט אייך, פארגעסט דאָס לאנד, וואָס איר וועט איצט פארלאָזן, פארגעסט די האפנס, וואָס איר האָט געזען און פארגעסט די מענטשן, וועלכע איר האָט באגעגנט. פארגעסט אויך מיין פּנים... א צוזאָג?

— זאָרגט נישט, קאָמאנדיר — האָב איך צוגעזאָגט — אלץ וועגן וואָס כ'וועל שרייבן, וועט זיין פארשטעלט.

— שלום!

— שלום וברכה!

פופצן מינוט שפּעטער האָט דער קוימען געריעוועט. דער אנקער איז ארויפגעצויגן געוואָרן. די מאָטאָרן האָבן גערוישט און די שיף מיט פולן אימפּעט האָט גענומען שניידן די וואסערן.

קאפּיטל פערצן

דער בונט פון די מאַטראָזן

די מיסיע פון פירן „אומלעגאלע" שיפן איז א גרויסע און פאראנט־וואָרטלעכע. די אנטשלאָסנקייט פון די מאטראָזן צו וואכן איבער די יידישע ים־קאראוואנען קען קיינמאָל נישט געבראָכן ווערן. עס זענען אָבער פאראַן מאָמענטן אינעם לעבן פון יעדן יחיד, ווען קליינע, עגאָאיסטישע איינגנשאפטן דאָמינירן איבער דעם קילן שכל און אייגנליבע נעמט גע־וועלטיקן איבער דעם בראוון יחיד, וואָס האָט גענומען אויף זיך אזא דער־הויבענע שליחות.

מאטראָזן פון די יידישע מעפּילים־שיפן זענען אויך נישט פריי פון אזעלכע אייגנשאפטן.

נאָך זעכצן טעג פון וואנדערונגען פון איין האפן צום אנדערן, פון

ארומשלעפן זיך פון ברעג צו ברעג, ווען עס איז געקומען דער אַנטגילטיקער באַפעל זיך צו לאָזן צו געוויסע פאַרוואָרפענע פּאָרטן און צונויפזאַמלען די קנאַפּע צוויי טויזנט פּליטים, האָבן צווישן די מאַטראָזן מיט אַמאָל זיך גענומען הערן קולות פון אומצופרידנקייט.

אין פּלוג זענען די טענות פון טייל מאַטראָזן געווען קליינע, מינדער-וויכטיקע.

איינער האָט זיך באַקלאָגט אויפן קאַפּיטאַן, אַז זיין איינטיילונג איז אַן אומגערעכטע. א צווייטער האָט געבראַכט טענות, אַז זיין אַרבעט ביים אַנקער איז די שווערסטע. א דריטער, אַז זיין בעט איז א האַרטע באַנק. א פערטער, אַז די נסיעה איז אָן א פּלאַן און אומענדלעך. צווישן די בעלי-טענות זענען געווען א קוכער, א דעק־מאַן, א מאָטאָר־פירער, א בריק־וועכטער.

נישט קיין קליינעם חלק האָט דאָ געשפּילט אייפערזוכט. ענג-האַר-ציקייט און נישט פאַרגינערייַ האָבן געהאַט א גוטן אָפּזאַץ צווישן די אומ־צופרידענע. אומוויכטיקע פּרעטענזיעס, נבזהלעך, זענען ארויסגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך. אין דער צעהיצטקייט פון די געמיטער האָבן די אומצופרידענע פאַרגעסן דעם ציל פון דער רייזע.

דער קאַפּיטאַן האָט אַן אָנגעכמורעטער אויסגעהערט די טענות און געזאָגט, אַז ווער עס וויל פאַרלאָזן די שיף, זאָל שוין אַראָפּגיין אין נאָ-ענטסטן האַפן. ער וועט קיינעם נישט צוריקהאַלטן.

דער ערשטער אָפיציר האָט פּראָטעסטירט. ער האָט מוסר געזאָגט דעם קאַפּיטאַן, געהייסן ער זאָל אָנווענדן א שטאַרקע האַנט, נישט דערלאָזן קיין אַנאַרכיע און אויסגערעדט דעם ערשטן בונטאָוושטשיק, דעם מאַ־טאָרמאַן:

— וואָס, האָסטו געמיינט, וועט די רייזע זיין? א פּיקניק?

— פּיקניק, צי נישט פּיקניק — האָט דער מאָטאָרמאַן געענטפערט

— אויב מיר מוזן דורכגיין שוועריקייטן, זאָל יעדער איינער קריגן זיין גלייכן חלק!

— כ'זע נישט דו זאָלסט עס האָבן אַזוי שווער!

— שווער גענוג און אָן באַקוועמלעכקייטן.

— ווער רעדט פון באַקוועמלעכקייטן אויף א לאַסט־שיף, וואָס האָט אַמאָל געפירט באַנאַנען?

— דו האָסט א ווייך בעט!

— איך שלאָף אויף א ברעטער־געלעגער אין דער דעק־קאַמער, וואָס מען האָט אויף גיך צונויפגעקלאַפּט אין פּאָרטוגאַל...

דער ערשטער אָפיציר האָט מער נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. זיין אַמט פון פירן א ווערטער־געפעכט האָט איבערגענומען דער שעף־אינזשעניער, וואָס איז גראַד אָנגעקומען. ער האָט אָפּגעשטעלט א צווייטן בונטאָווטשיק, דעם דעק־מאַן — א בלאָנדער, ברייטאַקסלדיקער יונג, באַוואַקסן ווי א בער.

— דו ווילסט אויך אַנטלויפן?

— עס וואָלט צייט געווען צוריק צו פאָרן. איך האָב א ווייב מיט א קינד אויסצוהאַלטן...

— ווייסטו, אַז ווער עס אַנטלויפט פון א שלאַכט ווערט באַטראַכט ווי א דעזערטיר? און אונדזער שיף ווערט צוגעגרייט פאַר א שלאַכט־פעלד?

— עס וועלן זיין גענוג קעמפער אָן מיר!

— דו ביסט דער דעק־מאַן. וועסט דאַרפן אויסשטעלן די ווידערשטאַנד־גרופּן אויף זייערע פּאָזיציעס, ווען די ענגלענדער וועלן אַטאַקירן. און וועלכער קאָמאַנדיר פאַרלאָזט זיינע באַטאַליאָנען אין דער שעה פון אַנטשיידונג?

אויף אזא אָנקלאַגע איז שווער געווען צו ענטפערן. דער שעף־אינזשעניער האָט דעם בונטאָווטשיק צוגעדריקט צו דער וואַנט. דער דעק־מאַן האָט אָפּגעצויגן. דער שעף־אינזשעניער האָט געזוכט נאָך א בעל־טענה, דעם בריק־וועכטער. ער האָט געוואָלט ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די בונטאָווטשטיקעס איינס ביי איינס. דער וועכטער, — א שמאָלער, קנאָכיקער מיט א באַרג געקרייזלטע האָר — איז גראַד דעמאָלט געשטאַנען אויפן קאַפּיטאַנס בריק און מיט די פעלד־גלעזער נאָכגעקוקט, צי עס באַווייזן זיך נישט קיין בריטישע אויסשפּיר־שיפן. דער שעף־אינזשעניער האָט אים געפרעגט:

— וואָס איז דיין מיינונג וועגן דער רייזע?

— זי דויערט צו לאַנג. מיר הרגענען צייט און פאַרברענען צופיל הייץ-מאַטעריאַל...

— קנאַפּע זאָרגן! — האָט דער שעף-אינזשעניער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט — הייץ-מאַטעריאַל האָבן מיר גרויסע זאַפּאַסן. און צייט — דיסטאַנץ איז, נאָך קאָלאָמבוסן, מער נישט קיין פּראָבלעם.

— אָבער פאַרצויגענע וואַנדערונגען זענען פאַר א טייל מאַטראָזן יאָ א פּראָבלעם. פאַרגעס נישט, אַז אונדזערע באַיעס האָבן אויך פאַרפליכ-טונגען...

דער שעף-אינזשעניער — מיט זיין מוסקולירט פּנים פול שמייכלען — בויגט זיך אריבער איבער דעם בריק-וועכטער, וואָס קוקט איצט אויס קינדיש און אומבאַהאָלפן, און פרעגט אים:

— וואָס באַאומרואיקט דיך, מאַטראָז? האָסט איבערגעלאָזט אין נאָרד-קאַראָלינא א האַרץ-וועיטיק?

— ווי דו ווייסט!

— א שוואַרצע? א רויט-האָריקע? א בלאָנדע?

— א בלאָנדע.

— שרייב איר, מאַטראָז, אַז דו האָסט א פּאָסטן אויף אַן אומלעגאַלער שיף. דו היטסט די בריק פונעם קאַפּיטאַן, וועלכער קען נישט דעם נאָמען פון זיין שיף און וויים נישט די קאָליר פון זיין פאָן... שרייב איר, אַז דו גיסט אכטונג, דעם פּיינטס אויסשפּיר-אעראָפּלאַנען זאָלן זיך נישט דער-נענטערן. דו האָסט א מיסיע, מאַטראָז... זי וועט דאָס פאַרשטיין! זי וועט דיר מוחל זיין! און אַז דו וועסט צוריקקומען קיין נאָרד-קאַראָלינא, וועט זי וואַרפן בלומען פאַר דיינע פיס....

דער שעף-אינזשעניער מאַכט אָנמעכטיק די שטילע מורדים. ער ציט ארויס די זעגלען פון זייערע מאַסטן, טיילמאָל מיט ווייכע רייד, טייל-מאָל מיט שאַרפע, טרעפלעכע ווערטער. די בונטאָווטשיקעס צעגייען זיך. זייי קווייגקלען זיך. דער באַשלוס צו פאַרלאָזן די שיף איז נישט דעפיניטיוו. כל זמן די שיף קען זיך נאָך אָפּשטעלן אין א פּאָרט אין אייראָפּע איז דער וועג פאַר דעזערטירן אָפן.

אָבער ווען דער קאַפּיטאַן איז געקומען דעם זעלבן טאָג צו זיין מאַנשאַפט מיט דעם לעצטן ראַדיאָ־באַפעל, אַז מען זאָל איילן צו צוויי איטאַליענישע האַפנס און אַרויפנעמען די מעפּילים, ווייל די ענגלענדער אַלאַרמירן אַלע אייראָפּעאישע לענדער זיי זאָלן גלייך אָפּשטעלן די יידישע ים־באַוועגונג — דעמאָלט זענען די אומצופרידענע מאַטראָזן געוואָרן שטילער ווי גראָז... אין אַנגעזיכט פון דער נויט־שעה זענען זייערע טענות אויסגערונען.

אונדזער מאַנשאַפט איז געווען אינפאָרמירט, אַז שוין חדשים ווי דאָס בריטישע אויסערן־מיניסטעריום האָט זיך אָנגעזעצט אויף דער פראַנצויזישער רעגירונג מיט דער באַשולדיקונג, אַז זי, די רעגירונג, ווייזט אַרוס צופיל געדולד צו דער טעטיקייט פון די ציוניסטישע אַקטיוויסטן אין פראַנקרייך. נאָך מיט א יאָר צוריק האָט דער ענגלישער „פאָרעין אָפּיס", וואָס וויל באַלעבאַטעווען איבער דער גאַנצער וועלט, געפאָדערט פון פראַנקרייך, אַז זי זאָל אָנדייטן געוויסע ציוניסטישע טוערס, אַז זייער אַנוועזנהייט אויף פראַנקרייכס ערד איז אומגעוווּנטשן. צום לויב פון פראַנקרייך מוז געזאָגט ווערן, אַז איר אָפיציעלער ענטפער איז געווען, דאָס עס איז נישטאָ קיין שום לעגאַלער גרונט צו באַלעסטיקן מענטשן, קעגן וועמען עס עקזיסטירן נישט קיין קלאַגעס.

נאָך דרינגענדער זענען געווען די בריטישע פאָדערונגען אין שייכות מיט דער מעפּילים־באַוועגונג אין פראַנקרייך. ענגלאַנד האָט געטענהט, אַז די „אומלעגאַלע אימיגראַנטן" קיין ארץ ישראל נוצן אויס די פראַנצויזישע האַפנס ווי דורכגענג־סטאַנציעס, ווי שמוגל־פּונקטן. די ענגלענדער האָבן אַפילו פּרובירט אָפּשרעקן די פראַנצויזן מיט דער וואָרענונג, אַז יידישע טעראָריסטן גרייטן צו גרויסע קרימינעלע אַקציעס אויפן פראַנצויזישן באָדן... פראַנקרייך האָט תמיד געגעבן איר קאָרעקטן ענטפער, אַז זי האָט נישט קיין באַווייזן וועגן אַזעלכע געפּלאַנטע טעראָריסטישע פאַרברעכנס.

די ענגלענדער זענען געפאַלן אויף א נייער המצאה און אָנגעהויבן העצן קעגן דעם דורכגאַנג פון די אויסגעוואָרצלטע יידן דורכן פראַנצויזישן אָקופּאַציע־געביט אין דייטשלאַנד. עס איז אַפילו פאָרגעקומען אין פּאַריז א באַראַטונג פון די פאָרשטייער פון ענגלאַנד, אַמעריקע און פראַנקרייך

וועגן די וואנדערונגען פון די אויסגעוואָרצלטע יידן פון איין זאָנע צו דער צווייטער.

דער „הבה נתחכמה" האָט טיילווייז געווירקט. פראַנקרייך — אונטערן דרוק פון ענגלאַנד — האָט אפילו באשלאָסן אויף דער הייסער מינוט אָנצווענדן שטרענגע מיטלען נישט צו דערלאָזן די „אומלעגאַלע" ים־באַוועגונג. די צרה איז אָבער, וואָס פראַנקרייך איז דאָס איינציקע לאַנד אין אייראָפּע, וואָס דינט ווי אַן ארויסגאַנג צו אַלע ווייטע ימען. אויב איינער האָט א וויזע קיין אמעריקע און ער וויל אָפּפאָרן פון א פראַנצויזישן פּאָרט, קען קיין לעגאַלע שטערונג נישט געמאַכט ווערן קעגן אזא פּאַסאַזשיר. אָבער קיין שום לעגאַלע שטערונג קען אויך נישט געמאַכט ווערן צו איינעם, וואָס האָט אַ וויזע קיין טשילע אָדער פּאַראַגוויי און דער פּאַסאַזשיר האָט גאָר נישט בדעה צו פאָרן אהין, נאָר וויל גאָר גיין קיין ארץ ישראל?

אזעלכע קאָמפּליקאַציעס שטייען ווי א ביין אין האַלדז די בריטישע ים־פאַרכאַפּערס. ווי אזוי קען פראַנקרייך האַלטן אַן אויג אויף א שיף וועמענס פּאַפּירן ווייזן, אַז זי פאָרט קיין בראַזיל און אין מיטן וועג איז זי זיך מישב און פאַרקערעוועט קיין מזרח?

די שיף גליטשט זיך שוין א שטיק אין דער נאַכט צווישן די אינדזלען פון איטאַליע. פון די לאַנד־ברעגן רופן לייכט־טורעמס, זיי ווינקען מיט כשוף־שריפט. דער בלאָנדער קאַפּיטאַן איז האָפּערדיק, זיין אָפּטימיזם וואַקסט. איצט איז ער זיכער, אַז ער וועט דורכברעכן די ענגלישע בלאָקאַדע. אַלץ וואָס אים פעלט איז גאַז־מאַסקעס קעגן די ענגלישע גאַז־באָמבעס, רויך־טעפּ צו מאַכן א רויך־פאָרהאַנג. אויב אין דער איצטיקער שיף פעלן איינריכטונגען וועט ער אָבער זאָרגן, אַז די שיף, פאַר זיין צווייטער מעפּילים־נסיעה, זאָל זיין די פולקאָמענהייט אַליין. ער לאָזט נישט ארויס פון חשבון אויף קיין איין רגע, אַז עס גייען דריי שיפן מיט אַמאָל. אויב צוויי וועלן געכאַפּט ווערן, וועט די דריטע זיך דורכגליטשן די ענגלישע בלאָקאַדע. און די דריטע וועט זיין — זיינע!

אונדזערע ראַדיאָ־סיגנאַליסטן האָבן זיך פאַרמאַכט אין זייער צימערל אויפצוכאַפּן די געהיימע אינסטרוקציעס. עס איז די שעה ווען מען דער־

וואַרט דעם באַפעל פון טאָג, די ענדגילטיקע אָנווייזונג אין וועלכן האַפן מיר זאָלן נאָך האַלבער נאַכט לאַנדן, כדי אויפצונעמען דעם ערשטן טראַנספּאָרט פּליטים.

נאָך צען מינוט האָט דער ראַדיאָ־אַפּעראַטאָר געמאָלדן דעם נאָמען פון האַפן. עס איז געווען „חרה". דאָס וואָרט האָט אַרויסגערופן אַ צע־מישעניש. דער קאַפּיטאַן האָט געזוכט אַזאַ האַפן אויף זיין מאַפּע און נישט געפונען. ער האָט גענישטערט אין אַלע לאַנד־קאַרטעס. ער האָט דורכגעבלעטערט דאָס בייביקע ים־בוך, וווּ עס זענען רעגיסטרירט אַלע — אפילו די קלענסטע — פּאָרטן אין דער וועלט. און פון אַזאַ נאָמען איז קיין זכר נישט געווען.

די קאָד־שפּראַך איז געווען אין העבעראיש. דער קאַפּיטאַן האָט מיך גערופן צו הילף. אַ האַלבע שעה האָב איך זיך געמאַטערט צו געפינען אַ פּירוש, וואָס מיינט חרה? איך האָב געמישט אין תנ"ך. דאָרט איז פאַראַן חרן. אָבער חרן איז דאָך אַ לאַנד־פּונקט, נישט קיין האַפן. איך האָב זיך באַמיט מצרף צו זיין אַן אות צו אַן אות. איך האָב פּרובירט שיפרירן גימטריאות און איך בין צו קיין טאָלק נישט דערגאַנגען.

עס איז שוין געווען נאַכט. איין שעה שפּעטער האָבן אונדזערע ראַדיאָ־סיגנאַליסטן געזאָלט רעדן אין דער קאָד־שפּראַך צו אַ סטאַנציע, ערגעץ אין דער וועלט. עס איז געווען אַ געלעגנהייט אָנצופרעגן און פאַר־לאַנגען אַן אויפקלערונג וועגן דעם האַפן. דערוויילל זענען מיר געפאָרן אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג. אָבער דער צייט־פּלאַן האָט געקלאַפּט ווי אַ זייגער. עס איז פאַרביי אַ שעה און דער טעות איז אויפגעקלערט געוואָרן. עס איז געווען אַ גרייז אין דעם אויסלייג פון נאָמען. צוויי שעה שפּעטער איז געקומען אַ צווייטער באַפעל ווו צו לאַנדן: ערגעץ אין צפון, צווישן צוויי ריזיקע פּאָרטן. דער ברעג איז אַ שטילער, אַרומגערינגלט מיט פעלזן. אַ פלאַמענדיקער לייכט־טורעם, ווי אַן עמוד־אש וועט אונדזער שיף אַריינ־רופן.

אויפן קאַפּיטאַנס בריק איז געשטאַנען אַ גרויער, קנאָכיקער מאַן דורכגעברענט פון זון און ים־ווינטן. דאָס איז געווען דער פּילאָט, וואָס האָט אונדז באַגלייט פון אַ דרום־פּאָרט אין איטאַליע. נישט דער קאַפּיטאַן, נאָר

ער האָט איצט געפירט די שיף. ער קען די ים־שטרעקעס פונקט ווי ער קען זיין היים־דאָרף. ער ווייס יעדן אינטש וואסער. ער קען באמערקן ווו עס ליגט פארזייט א מינע און ווו עס שווימט אויף דער אויבערפלאך א ברוך־שטיק פון א געזונקענער לאָדקע.

דער גרויער איטאַליענישער פּילאָט איז איצט דער וועג־ווייזער. אונ־טער זיין אויפזיכט וועט די שיף אויסמיידן געפארן און ארומקרייזן די שטרעקעס, וואָס זענען נאָך נישט אויסגערייניקט געוואָרן פון די פארזיי־טע מלחמה־מינעס.

מען האָט ארויפגעבראכט קאווע מיט סאנדוויטשן. דער פּילאָט האָט איבערגעגעבן דאָס ראָד דעם דעק־אָפיציר, געהייסן אים סטערעווען צו צפון און זיך געזעצט טרינקען די בריענדיקע קאווע. צווישן איין זופּ און צווייטן האָט ער געלאָזט פאלן:

— צופיל ענגלישע אגענטן ביי אונדז אין איטאַליע. אָן די שפּיאָנען וואָלטן די ענגלענדער זיך נישט דערוווסט אונדזערע פונקטן.

— פאראַן איטאַליענער וואָס ארבעטן פאר ענגלאַנד? — האָט דער דעק־אָפיציר געפרעגט.

— איטאַליע איז אָרעם. און די ענגלענדער געוועלטיקן שטענדיק אי־בער די אָרעמע.. די באצאָלטע אגענטן דרייען זיך ארום אין גענוא און אין מילאַן.

— די איטאַליענער קאָנטראָלירן זיי. אָבער די ענגלענדער באצאָלן די מוסרים... פאראַן איטאַליענער, וואָס דינען די ענגלענדער פאר געלט און פאראַן אויך איטאַליענער, וואָס ארבעטן קעגן דער אייגענער רעגירונג. עס זענען אָבער נאָך אַלץ דאָ מער איטאַליענער, וואָס העלפן די יידן... — האָט דער פּילאָט געשמייכלט.

צוליב כבוד־וועגן האָט דער דעק־אָפיציר טיטולירט דעם פּילאָט. ער האָט אים געפרעגט:

— קאפּיטאַן! ווען וועלן די ענגלענדער מער נישט זיין אין אונדזער וועג?

— ווען איר וועט פארפלייצן די ימען מיט שיפן..

— פארפלייצן די ימען?

דער פּילאָט האָט זיך געקאָכט:

— וואָס איז איין שיף א וואָך? פאַרוואָס נישט זיבן שיפן? צען שיפן א וואָך. אייער זאַך איז סיווי א געוואונענע. די שיפן פירן היימלאָזע פּאַ־סאַזשירן. עס איז פרידנסצייט. שיסן טאָרן די ענגלענדער נישט. און ווען זיי כאַפּן די שיפן פירט מען די פּאַסאַזשירן קיין ציפּערן. און ציפּערן איז א טרעפּ צו אייער לאַנד.

דער שעף־אינזשעניער האָט געשטראַלט. דער דעק־אָפיציר איז געווען באַגייסטערט. באַם קאַפּיטאַן האָבן די אויגן געלויכטן. דאָס איז דאָך זיין חלום. רויך־טעפּ פאַר א רויך־פאַרהאַנג. גאַז־מאַסקעס קעגן די טרערן־באָמ־בעס און אַרמאַדעס מיט שיפן איבער די ימען. אַזוי באַזיגט מען אַ שונא. אַזוי נעמט מען איין א לאַנד.

מיט אמאָל האָט דער פּילאָט האַסטיק אוועקגעשטעלט זיין קאַווע און איז צוגעגאַנגען צום בריק־פאַרענטש. ער האָט גענומען די פעלד־גלעזער, לאַנג געקוקט איבערן טונקעלן האָריזאָנט און דערנאָך צוגערופן דעם קאַ־פּיטאַן:

— זעסט פונדערווייטנס דאָס רויטע ליכט? דאָרט איז אונדזער סטאַנציע!

דער פּילאָט האָט צוריק איבערגענומען דאָס ראָד. אין יענער רגע איז ער געוואָרן אַ שותף צו דער מעפּילים־באַוועגונג. ער האָט נישט גע־טרויט קיין זייטיקן, אַליין געזאָרגט, אַז די שיף זאָל וואָס פלינקער אַריינ־פאָרן אין דעם זייטיקן ברעג־האַפן, וווּ עס וואַרטן מיט האַק און פּאַק טוי־זנטער אויסגעוואָרצלטע יידן.

קאַפּיטל פופצן

מען שמוגלט די פּליטים

עס איז געווען צוועלף בייַנאַכט. די נאַכט פון דער גרויסער קאָנטראַ־באַנדע. די נאַכט ווען מען האָט געדאַרפט אַרויסשמוגלען אויף אונדזער שיף דעם ערשטן טראַנספּאָרט פּליטים. דער הימל וואָס האָט געדאַרפט

אין אזא נאכט זיין טונקל, פארכמארעט, איז גאַר געווען גראנאט־ליכטיק און אויסגעפּאַקט מיט שטערן. די לבנה — נישט קיין רעפטל, נישט קיין האלבע, נאָר א פולע קיילעכדיקע — האָט באלויכטן דעם וועג.

אין א נאכט פון קאָנטראבאנדע זענען אזעלכע אומשטענדן געווען קעגן אונדז. די נאַכט איז געווען צו ליכטיק. די שפּיאָנען אויף די ברעגן — צו וואכזאַם. בלויז דער ים האָט זיך געבלעזלט אין א שטילן שטורעם.

אונדזער שיף, וואָס מאכט געוויינלעך ניין מייל אין זעכציק מינוט צייט, האָט איצט געשניטן מיט א טעמפּאָ, פון זיבעצן מייל א שעה. פון ביידע זייטן ים אויף א שפּאָרער ווייטקייט, האָבן זיך געצויגן בערג מיט לאַנד. ווייטע לייכט-טורעמס ווי קליינע שטערן האָבן געבלינקט און גערופן, אָבער נישט אונדז האָבן די לייכט־טורעמס געמיינט. מיר האָבן געוואַרט אויף דעם ריזיקן שיין־וואַרפער וואָס וועט אונדז אריינפירן אין א גע-היימען פּאָרט.

דער קאַפּיטאַן איז נישט אראָפּ פון דער בריק. דער פּילאָט האָט גע־הייסן פארשנעלערן דעם גאַנג פון דער שיף. דער דעק־אָפיציר האָט דעם באַפעל איבערגעגעבן דורך א רער-מיקראָפאָן אראָפּ צו די אינזשעניערן פון דער מאַשין־אָפּטיילונג, און די נאָז פון דער שיף האָט ווי מיט א שטעך-צאָן געביסן די גרויסע כוואַליעס.

וואָס פלינקער די שיף האָט זיך געגליטשט, אלץ מיט מער לאַנד זענען מיר געווען ארומגערינגלט. דאָס לאַנד — איטאַליעס ערד — האָט זיך געשפּרייט לענגאויס די ברעגן אין א וויסטן, רויען צושטאַנד, ארומגעצוימט מיט פעלזן. דאָס האָט זיך געצויגן דער איבעריקער פּאַרוואַרלאָזטער באָדן, וואָס יעדעס געזונטע פאָלק, וואָס זיצט אויף זיין ערד פאַרמאָגט.

צווישן דער מאַנשאַפט האָט געהערשט אַן אומרו. די צערודערטע מאַ־טראָזן האָבן זיך געטראָגן פון איין אָרט צום אנדערן. זיי האָבן געשעפּ-טשעט און געוואַרט אויפן קאַפּיטאַנס באַפעלן. דאָס איז געווען די שעה פון דערוואַרטונג. צוליב אָט דער שעה האָט מען פאַרלאָזט די היימען אין דזשאָרדזשיא, אין טעקסאַס, אין ווירדזשיניא. צוליב דער שעה האָט מען דורכגעשניטן דעם אטלאַנטיק, זיך געשלעפּט צו אזוי פיל האפנס און גע־בלאָנדזשעט איבער אומענדלעכע וואַסערן.

דער טעלער־וואשער פון קיך, א פרומער בחור פון בראנזוויל, א לא־כנדיקער חי וקים, א דיסציפלינירטער מאטראז איז ארויפגעקומען אויפן דעק מיט א נאסן האנטעך און זיך אויסגעמישט מיט א רעדל מאטראזן. ער האט גערעדט מיט פרייד:

— כ׳בין צופרידן וואס מיר האלטן שוין אזוי ווייט!

— דאס אלץ וואס דו ביסט צופרידן? — האט א צווייטער מאטראז אים איבערגעשלאגן, — איך פיבער אזש פון אויפרעגונג!

— ס׳וועט זיין וואס צו זען! — האט א דריטער א זאג געטאן.

— א גרויסער ספעקטאקל!

— באיעס, דראמאטיזירט נישט די זאך! איר זייט נישט קיין אקט־יארן. מיר האבן אן אויפגאבע און דאס דארף געטאן ווערן! — האט א ניכטערער מאטראז זיך אנגערופן.

— דאס ארויפנעמען די פאסאזשירן וועט מוזן צוגיין פלינק!

— די שיף טאר נישט לענגער בלייבן אין האפן, ווי ביז פארטאג!

— וועסט זיך דארפן א שאקל טאן, דזשאו!

— אייב, זאלסט נישט שלאפן ביים ארויפציען דעם אנקער!

— און דו, אל, מיין נישט, אז דאס איז וואשן טעלערס!

פונעם קאפיטאנס בריק איז איבער די טרעפ אראפגעלאפן דער דעק־אפיציר מיט אן אנגעצונדענעם שיין־ווארפער אין האנט. ער האט גע־קלאפט אויף דער טיר פון יעדער קאבינע:

— אויסלעשן דאס ליכט!

איינציקווייז האבן די לאמפן זיך געלאשן, נישט בלויז אינעווייניק אין די קאבינעס, נאר אויך אויפן הויפט־דעק, אויף דער פראמענאדע און אויף דעם קאפיטאנס בריק. ס׳איז געווארן פינצטער ווי אין א וואלד. בלויז דא און דארט האט געבלינקט דאס פייער פון א ברענענדיקן סי־גארעט.

מיטן אנגעצונדענעם שיין־ווארפער אין האנט האט דער דעק־אפיציר אויפגעזוכט אלע מאטראזן, חוץ יענע וואס ארבעטן אין דער מאשינען־אפטיילונג, און זיי אראפגערופן צו א באראטונג אונטן אין עס־צימער.

ווען די מאַנשאַפט האָט זיך אויסגעזעצט אַרום די טישן האָט דער דעק־אָפיציר, אַן ערנסטער אָנגעהויבן:

— מאַטראָזן, מיר וועלן דערגרייכן דעם פּאָרט אין אַ שעה אַרום! עס וועט נישט זיין קיין געוויינלעכע לאַנדונג. אונדזער שיף וועט פאַר־אַנקערן אַ הונדערט מעטער פון ברעג. די פּאַסאַזשירן וועלן אָנקומען אין פישער־שיפלעך. דאָס אַרויפנעמען זיי אויפן דעק וועט מוזן צוגיין פלינק. די נאַכט איז ליכטיק. אָבער דאָס וואַסער איז נישט גינסטיק. ס'מוז זיין פולע קאָנצענטראַציע און שנעלע האַנדלונג... פאַרגעסט נישט, אַז פון יעדן האַפן ווערן מיר אָבסערווירט. מיר האָבן אין איטאַליע פריינט. פאַראַן אָבער אויך מענטשן וואָס אַרבעטן קעגן אונדז... מאַטראָזן, זייט גרייט אַרויפצונעמען אַכט הונדערט פּאַסאַזשירן!

— און די איבעריקע? — האָט עמעצער געפרעגט.

— אַ נאַכט שפּעטער וועלן מיר פון אַ צווייטן ברעג אַרויפלאָדן נאָך זיבן הונדערט פּאַסאַזשירן. מעגלעך, אַז אינמיטן ים וועלן מיר פון אַ קליי־נער שיף איבערטראַנספּערירן נאָך פיר הונדערט פּאַסאַזשירן. דאָס וועט אָבער זיין נאָענט צו די ברעגן פון ארץ... היינט איז אונדזער ערשטער שאַנס. מאַטראָזן, ס'איז אַ גרויסער מאָמענט! מיר אַלע זענען באַהערשט פון די זעלבע געפילן. און דאָס האָבן מיר געוואָלט. יעדער וועט אין דער באַשטימטער צייט פאַרנעמען זיין פּלאַץ, אויבן צי אין די אונטערשטע דעקן. בעת דער אָפּעראַציע — קיין רויכערן און קיין רעדן! האָט אין זינען, אַז דאָס איז קאָנטראַבאַנדע! מאַטראָזן, הערט זיך איין אויפמערקזאַם! כ'וועל אויסרופן דעם נאָמען פון יעדן מאַטראָז און דעם פּאָסטן וואָס ער וועט פאַרנעמען.

נאָכדעם ווי דער דעק־אָפיציר האָט אַרויסגעלייענט פונעם פּאַפּיר־בויגן די נעמען פון דער מאַנשאַפט און איינגעטיילט די אַמטן בעת דער אויפלאָדונג, זענען די מאַטראָזן צוריק אַרויף אויפן אויבערשטעקן דעק.

די שיף האָט געשלונגען מײַלן. די ברעגן פון דער ווייט זענען געווען באַדעקט מיט טויזנטער ליכט. שיין־וואָרפערס, פּראָזשעקטאָרן, לײַכט־טורעמס האָבן געוואָרפן שטראַלן און זיך געקרייצט מיט זײַלן ליכט. אונ־

דזער שיף איז נישט נאָכגעגאַנגען די פּאַרפּורערישע ליכט. זי האָט גע־שניטן פאָראויס.

דער פּילאָט, דער גוטער איטאַליענער, וואָס האָלט דאָס שיף־ראָד אין האַנט איז איצט אָנגעשטאָפּט מיט ים־מעשיות. אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט הערט זיין צונג נישט אויף צו דערציילן וועגן בראַווע ים־עקס־פּעדיציעס. דער גרויער, קנאָכיקער פּילאָט איז אַ געניטער, אָבער ער באַ־וואונדערט נישט זיין לאַנדסמאַן קאָלאָמבוס. אים באַגייסטערט מער דער פּאָרטוגעזישער פישער מאַגאַליאַן, וואָס האָט אין יאָר 1519 געמאַכט אַ געוואַגטע עקספּעדיציע אין דינסט פון דעם שפּאַנישן קעניג.

בעת דער פּילאָט האָט דערציילט זיינע ים־געשיכטעס, האָט ער גע־האַלטן אין רייניקן אַ וועג דורך מינעס. ער האָט געקירעוועט דאָס שווימענ־דיקע געצעלט צום זיכערן פּאָרט. לעבן אים איז געשטאַנען דער קאַפּיטאַן וואָס האָט געצונדן איין סיגאַרעט נאָכן אַנדערן. ער האָט גערויכערט ווי אַ קוימען. דער ראַדיאָ־אָפּעראַטאָר האָט אויפגעכאַפּט סיגנאַלן פונעם ברעג.

דער לעצטער באַפעל איז געווען: אַריינקומען אין פּונקט! שיין־וואָר־פּערס וועלן געבן סימנים! אַ ליכט־טורעם וועט סיגנאַליזירן!

די שיף ציט זיך ווי אַ וואַל־פיש. נאָך אַ מייל און נאָך אַ מייל. עס דערנענטערן זיך די לאַנג־געזוכטע ברעגן. ס׳קומען אַקעגן די גרויסע רויע פעלזן. דער פּילאָט, אַן אומגעדולדיקער, הייסט נאָכאַנאַנד קירעווען צו צפון. ער דערלאַנגט די פעלד־גלעזער דעם קאַפּיטאַן. דער קאַפּיטאַן גיט זיי איבער די ביישטייענדיקע און ווייזט אָן:

— זעעסט דאָס גרויסע ליכט? דעם מגן דוד.

איך נעם די פעלד־גלעזער און איך קוק. פון דערווייטנס, פונעם ברעג אויף אַ סלופּ הענגט אַ ריזיק העלע ליכט אין דער פאָרם פון אַ מגן דוד. אינמיטן מגן דוד איז אַריינגעפּאַסט אַ גרויס בילד: דאָס פּנים פון הערצל. יעדער ווינקל פון דעם יידישן שטערן איז אויסגעזעצט מיט בלישטשענדי־קע לאָמפּן, ווי דימענטן.

דאָס ליכט שיינט ווי אַ זון. דאָס בילד שרייט מיט טויזנטער קולות.

א יידישער שטערן אויף א ברעג פון איטאַליע צייכנט אָן די יידישע סטאַנ־ציע. דאָס פּנים פון הערצל רופט אריין די מעפּילים-שיף.

דאָס בילד רופט ארויס א דערמאָנונג, א פארגלייך. אין א יידישער אינסטיטוציע, אין א ברעג־שטאָט פון פראנקרייך, האָב איך געזען הענגען דאָס בילד פון אן אנדער פארשטאָרבענעם פירער. א פירער פון ישוב — בערל קאצענעלסאָן, און הינטער זיין בילד — א שלאָג־וואָרט: „שפּאלט די ימען און נעמט אויף די צוריקקומענדיקע!" און דאָ אויף א ברעג פון איטאַליע, אונטער אן אויסגעשטערנטן הימל לויכט דאָס בילד פון הערצל ווי א פייער-זייל און רופט דירעקט אונדזער שיף:

— קומט אריין, מאטראָזן, און נעמט אויף די מעפּילים פון ישראל!

וואָס פאַר א מהלך פונעם ברעג פון פראנקרייך ביז צום ברעג פון איטאַליע. דאָרט איז געווען דער רוף און דאָ — די טאַט. דאָרט די לאָזונג, דאָ — די האנדלונג.

די שיף שניידט איצט האסטיקער און גייט אין דער ריכטונג פונעם לויכטנדיקן מגן דוד. די דערנענטערונג קומט שנעלער ווי מען דערוואַרט. טייל מאטראָזן שטייען גרייט אראָפּצולאָזן דעם אנקער. אנדערע שטייען גרייט צו באגעגענען די אָנקומענדיקע פישער-שיפלעך. די שיף מאכט א קרייז אויף רעכטס, א קרייז אויף לינקס. ס'הערט זיך דאָס קלימפּערייי פון די אראָפּפאלנדיקע אנקער-קייטן און אָט שטייען מיר שוין אין מיטן וואסער.

דער שטח צווישן דער שיף און דעם ברעג איז בלויז א הונדערט מעטער. ארום איז א פּאָרכטיקע שטילקייט. ריזיקע פעלזן זענען צעוואָרפן ארום די ברעגן. כ'נעם די פעלד־גלעזער און כ'קוק אין דער ריכטונג פון די פעלזן. איבערן לויכטנדיקן מגן־דוד הויבט זיך א בארג. אויפן בארג שטייט א בעפליגלט הויז. די פענצטער זענען באלויכטן, די טירן — אָפן. דאָרט איז די סטאַנציע, דער וואָקזאַל פאַר די אומגעדולדיקע מעפּילים.

די גאנצע מאנשאפט אויף דער אויסגעלאָשענער שיף איז אין דער־ווארטונג.

פּלוצים האָבן פון בארג גענומען בליצן שיין־ווארפערס. די שיין־ווארפערס זענען געקומען פון א סך פּאָזיציעס מיט אמאָל. זיי האָבן גע־

רעדט מיט פייער־שריפט. ס'האָט געדויערט בלויז מינוטן און ס'האָט זיך געהערט דאָס געדויש פון א מאַטאָר. עפּעס פאַרשלייערטס, גרויס ווי א טייך־לאָדקע, האָט גענומען זיך דערנענטערן. וואָס נענטער עס איז גע־קומען, אַלץ דייטלעכער האָט עס זיך אַרויסגעשיילט. ס'איז געווען אַ מאָטאָר־שיפל פון דער אומלעגאַלער סטאַנציע. אַ פאַרפּאַסטן, וואָס איז געקומען באַגריסן די שיף.

איינגעהאַלטענע קולות אויף איטאַליעניש און העברעאיש האָבן בא־גלייט דעם ריטמישן געדויש פונעם מאָטאָר־שיפל. און ווען דאָס שיפל איז געבליבן שטיין, האָבן באָרוועסע פישער־יונגען גענומען אַרויפקלעטערן אויף דער שיף. דאָס באַגריסן זיך איז צוגעגאַנגען שטיל מיט הענט־צייכנס. סיי די פישער־יונגען, סיי די מאַנשאַפט האָבן זיך פאַרשטאַנען אויף שטום־לשון.

די האַלבע שעה וואַרטן האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט.

איך האָב ווידער אַמאָל געקוקט צום ברעג. פונעם הויז אויפן באַרג האָט זיך אָנגעהויבן א באַוועגונג. די פעלד־גלעזער האָבן געוויזן קאָלאָנעס מיט מענטשן וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון באַרג. געשטאַלטן טונקעלע, אין גרויע קליידער, ווי מיליטערישע טרופּן, מיט רוקן־זעק אויף די אַקסלען — אַזוי האָבן זיי זיך געצויגן אַראָפּ צו די פעלזיקע ברעגן. די קאָלאָנעס האָבן זיך געצויגן לאַנג, ווי זיי וואָלטן געווען ענדלאָז. א שערענגע הינטער א שערענגע. א קאָלאָנע הינטער א קאָלאָנע.

פון ערגעץ האָט זיך פאַרטראָגן א פּלעסקעריי פון וואַסער.

און מיט אַמאָל האָבן פון אַלע זייטן גענומען שטראָמען קאַראַוואַנען מיט אָנגעלאָדענע פישער־שיפלעך. די שיפלעך זענען געקומען פון רעכטס, פון לינקס, געקומען אַרויס פון די פעלזן, אַרויס פון די קליפּס.

באָרוועסע איטאַליענער און יידן, געוואַגטע ים־מענטשן האָבן גע־שניטן מיט די רודערס, דאָס וואַסער האָט קוים אונטערגעשאָרכט. די שטערן זענען, דאַכט זיך, איינגעלאָפן. די לבנה איז, ווי מיט א כיוון, פאַר־קראָכן אונטער א וואָלקן — געוואָלט העלפן די קאָנספּיראַציע אויף אי־טאַליעס ערד.

מענטש, האַסטו געזען ווי א פאָלק — די רעשטלעך פון א פאָלק —

שמוגלען זיך ארויס פון א גאנצן קאָנטינענט? נישט פונעם קאָנטינענט פון פאַרקנעכטונג נאָר פון דעם קאָנטינענט פון פאַרטיליקונג?

א קברים־לאַנד איז דער קאָנטינענט געוואָרן פאַר דעם איבערבלייב פון ישראל. אַן ערד פון בית עלמינס. און פון די קברים, פון די בית עלמינס ראַטעווען זיך ארויס די דורך נס און דורך טעות ניצול געוואָרענע פּליטים. זיי שטראָמען צו געהיימע האַפנס. זיי ציען צו אומבאַקאַנטע ברעגן, ווו עס וואַרטן אויף זיי מעפּילים־שיפן כדי זיי צו פירן צו זיכערע ברעגן.

די קליינע פישער־שיפלעך האָבן געשניטן דאָס וואַסער מיט אַ שטילער שאַרכעריי. די פּליטים זענען געזעסן צענויפגעדריקטע, שטומע און אומבאַוועגלעכע ווי סטאַטועז. די קאָנספּיראַציע האָט געאַרבעט לויטן פּלאַן.

אויף יענער זייט לאַנד איז געשטאַנען אַן איטאַליענישע פּאָליציי־וואַך, אָבער נישט אָפּצושטעלן דעם שטראָם פון די מעפּילים צום ברעג, נאָר כדי אָפּצוהאַלטן די נייגעריקע צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג: די מוסרים, די אינפאָרמירער, וואָס ווילן שטערן די אויסוואַנדערונג פון די אויסגעוואָרצלטע יידן.

און פונעם ברעג האָט אַראָפּגעלויכטן דער פלאַמענדיקער מגן דוד. פון דעם מגן דוד האָט ארויסגעקוקט דער קאָפּ פון הערצל. ווי אַנדערש האָט דער חוזה זיך פאָרגעשטעלט דעם צוריקקער פון זיין פאָלק צו זיין לאַנד!

פּלוצים, אינמיטן דער שפּאַנונג, אינמיטן דער שטומקייט, אינמיטן די איינגעהאַלטענע אָטעמס, האָט זיך דערהערט פון אַ שיפל ארויס דאָס געוויין פון אַ קינד. דאָס געוויין איז געוואָרן שטאַרקער, העכער. דאָס האָט געוויינט אַ יידיש קינד אין מיטן ים.

דאָס קינדישע געוויין האָט נישט אויפגעהערט. אַזאַ געוויין האָט געקענט ברעכן די קאָנספּיראַציע. עס האָט געקענט ארויסרופן פון ערגעץ אַ לויערנדיקן עראָפּלאַן, אַ פיינטלעכע אויסשפּיר־שיף.

— וויין נישט, קליינער ישראל, וויין נישט! דו ביסט אַ מעפּילים־קינד וואָס גנבעט גרעניצן, כדי ארויפצוגיין אויף אַ שיף, וואָס וועט דיך פירן צו זיכערע ברעגן...

דאָס קינדישע קול איז אַלץ נישט שטיל געבליבן. עמיצער האָט אַ

כאפ געטאן דאס עופהלע אויף די הענט, געטוליעט עס, איינגעוויגט עס, ביז דאס געוויין האט זיך ביסלעכווייז אפגעשטעלט.

ווען די ערשטע לאדקע האט דערגרייכט די שיף, האט זיך אנגעהויבן די אויפלאדונג. די מאטראזן ביי די שיף-עפענונגען האבן געארבעט פלינק און טיכטיק. א הייב מיט די הענט, א צי ארויף דעם פאסאזשיר, און אט שטייט שוין א מעפיל אויפן דעק. א צווייטער מאטראז פירט אים צו אן אונטערשטן שטאק, צו זיין ארט.

די מאטראזן האבן געדענקט וואס א הגנה-פארשטייער האט ביים זע־גענען זיך זיי אנגעזאגט אין לעצטן האפן: „זייט גוט צו די מעפילים! זיי האבן א סך געליטן. זיי זענען קרבנות פון דער גרעסטער אכזריות". און מען באגייט זיך מיט די ארויפגעקומענע צערטלעך, פארזיכטיק, מען נעמט זיי ארויס פון די לאדקעס, פונקט ווי מען וואלט ארויסגעשלעפט טרינקענדיקע מענטשן פון וואסער.

צוערשט האבן די ארויפגעקומענע זיך ארומגעקוקט פארגאפטע, צע־טומלטע. אנגעטאן מיט קלומיקלעך, מיט רוקן־זעק — האבן זיי געווארפן בליקן פול אומצוטרוי, אבער ווען מען האט זיי אראפגעפירט צו די אונ־טערשטע ליכטיקע שטאקן און זיי באזארגט מיט א געלעגער, ווו זיי וועלן קענען די קעפ אוועקלייגן, איז די זיכערקייט צו זיי צוריקגעקומען, די זי־כערקייט פון זיין צווישן אייגענע.

אינמיטן טומל האבן מאמעס געזוכט זייערע עופהלעך, וואס פרעמדע הענט האבן געהאלטן אויף די קליינע שיפעלעך. קינדער האבן געווארט, אז זייערע עלטערן זאלן זיך באווייזן. משפחות האבן זיך פאראייניקט, נאענ־טע האבן זיך אפגעזוכט. מען האט זיך אפגעגעבן מזל טוב.

א פרוי אין די יארן, וואס האט זיך ארויסגעוויקלט פון א האלב טוץ טיכער, מאנטלען און סורדוטן, האט א צעשטראלטע זיך צעשריגן:

— איך האב אין זינען געהאט ארויפצושטעלן דעם רעכטן פוס... הלוואי זאל מען דערלעבן אראפצוגיין פון דער שיף מיטן רעכטן פוס!

די געטריבענע, די אויסגעווארצלטע, די וואגלדיקע האבן געשטראמט צו אלע דעקן. די מאטראזן האבן זיי באגלייט צו די פלעצער. עס זענען אפגעליידיקט געווארן די לעצטע פישער־ שיפלעך. דער קאפיטאן האט גע־

קוקט אויפן זייגער. ס'איז געווען אַ פערטל צו צוויי. ער האָט טריאומ־פירט. די אַרבעט האָט גענומען פונקט אַ שעה מיט פינף און פערציק מינוט.

די נייעס, אַז מען האָט אַרויפגעלאָדנט אַכט הונדערט פּאַסאַזשירן אין איין שעה מיט דריי פערטל האָט זיך געטראָגן ווי אַ גוטע בשורה פון מויל צו אויער. די נאַכט איז נאָך געווען ווייט פון אויסגיין. דער ים האָט זיך געשוועקנט אין דעם ווייסן לבנה־ליכט.

דער איטאַליענישער פּילאָט, דער גוטער באַגלייטער, האָט זיך געהיימן דערלאַנגען הייסע קאַווע. דער קאַפּיטאַן האָט אַריינגעקוקט אין זיין ים־מאַפּע. די דעק־מענטשן האָבן אויפגעהויבן דעם אַנקער. דער ראָד־מאַן האָט איבערגענומען דאָס ראָד.

צוויי און דרייסיק מאַטראָזן האָבן זיך צוריק געשטעלט אויף זייערע פּאָסטנס. די אויסגעלאָשענע שיף האָט בגנבה זיך אַרויסגעגליטשט פון דעם אומלעגאַלן פּאָרט.

קאַפּיטל זעכצן

פּאַרטיזאַנען, געטאָ־אויפשטענדלער און וועטעראַנען

דער גערודער, דער געפּילדער צווישן די נאָר וואָס אַרויפגעקומענע פּאַסאַזשירן אויף דער שיף האָט זיך געצויגן ביזן ווייסן טאָג אַריין.

דעם גרעסטן טומל האָט אָנגעמאַכט אַ רויטער ייד מיט אַ מלמדיש בערדל. ער איז געווען אַזוי באַגייסטערט, וואָס ער איז אַרומגערינגלט פון שוואָגערס, שוועסטערס, ברודערס, קוזינען, אַז ער האָט נישט אויפגעהערט זיך צו קושן מיט זיינע משפחה־מענטשן און שרייען:

— נו, ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן אויף אַזאַ באַגעגעניש? און אַלע אויף דער זעלבער שיף!

— וואָס פּאַרא באַגעגעניש, לאַנדסמאַן? — האָט אַ לוסטיקער יונג אין אַ פּאָר קאָזאַצקע שטיוול צו אים אַריבערגעשריגן.

— ס'הייסט, וואָס פּאַרא באַגעגעניש? — האָט דער רויטער געליא־

רעמט — דאָס זענען געפונענע לעבנס! איינער איז געווען אין איטאַליע, אַ צווייטער אין האָלאַנד, אַ דריטער אין דייטשלאַנד... און איצט? ס'איז אַזוי אויסגעקומען, אַז אַלע פאָרן אויף איין און דער זעלבער שיף!

אַ זשוואַווע ווייבל מיט אַ קינד ביי דער האַנט האָט אַוועקגעשטעלט איר וואַליזע, איר קלומיקל און באַטראַכטנדיק דאָס געלעגער אויסגערופן:

— ס'איז אַ סך בעסער, ווי כ'האָב מיר פאָרגעשטעלט! אַזאַ שיף וועט זיין אַ פריצטע אויפן ים! מען קען מיט איר פאָרן אַפילו דריי חדשים.

איילנדיק האָט געשפּריזט אַ ייד מיט אַ העלע צעשויבערטע באָרד. ער האָט נישט געלאָזט, אַז דער מאַטראָז זאָל אים באַגלייטן ביז צו זיין געלעגער. דאָס אָרעמע געפּעק האָט ער שוין געלאָזט הינטער זיך. ער האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך אַראָפּגעלאָזט צום דיל פון שיף און געקושט דעם קאַלטן שטיין.

— טאַטע אין הימל! כ'האָב עס דערלעבט! ווי גרויס איז דיין חסד, טאַטע אין הימל!

די פּאַסאַזשירן האָבן נאָך אַלץ מאַרשירט צו די אונטערשטע דעקן און אָפּגעזוכט זייערע געלעגערס. יונגען אין לעדערנע קורטקעס, אין שטיוול ווי קאָזאַקן, מיידלעך מיט פלאַקסענע קעפּ, פאַרבונדן מיט פויערישע טיכלעך, זקנים אין רבנישע קאַפּעליושן, חסידישע ווייבער אין שייטלען, גע־וויקסיקע בחורים מיט צעשויבערטע קעפּ, עלטערע פרויען אין שווערע ספּודניצעס.

אין אַ ווינקל, שטייענדיק פאַר זיינע צעעפנטע געפּעק, האָט אַן על־טערער ייד, ווייס ווי אַ טויב, אַראָפּגענומען פון זיך די אויבערשטע קאַ־פּאָטע, דערנאָך די וועסט. ער האָט אויסגעטאָן דעם קאַפּעליוש, איז געבליבן שטיין אין דער סאַמעטענער יאַרמעלקע און ווישנדיק זיך די רויטע אויגן געקרעכצט:

— פאַרוואָס בין איך אַליין דאָ געבליבן? רבונו דעלמא! פאַרוואָס אַזאַ זכות? רבקהשע, הארציקע! קינדער טייערע! פאַרוואָס זענט איר אַלע געגאַנגען צו די אויוונס, רבונו דעלמא, פאַרוואָס?

אין איין ווינקל פרייד, אין אַ צווייטן — טרויער. אין אַן אַנדערער זייט פון דעק איז געשטאַנען אַן איינזאַמער יינגל מיט אַן איינזאַמען פּעקל.

קיינער האָט זיך מיט אים נישט געפריים. קיינער האָט מיט אים נישט געטרויערט. קיינער האָט זיך מיט אים נישט אָנגעקערט.

דער בייזער טיוול, וועמען מענטשן פיינשמעקער רופן אָן חנעוודיק: „איראָניע" האָט דעם יונגן פּאַסאַזשיר אָפּגעטאָן אַזאַ דעמאָניש שפּיצל: ער איז געבוירן געוואָרן אין ארץ ישראל. ווי קומט אַ ילידֿ־הארץ צו זיין אַ מעפּיל? טאָ הערט! אין ניינצן פינף און צוואַנציק זענען זיינע עלטערן געקומען פון פּוילן קיין ארץ ישראל. אין ניינצן אַכט און צוואַנציק איז ער געקומען אויף דער ליכטיקער וועלט. אין ניינצן ניין און צוואַנציק איז אין ארץ ישראל געוואָרן אַ קריזיס. אָבער יידן, וואָס קענען אויסהאַלטן קריזיסן אין גלות־פּוילן, אין גלות־רומעניע, אין גלות־פראַנקרייך, האָבן נישט קיין צייט געהאַט איבערצוּוואַרטן דעם קריזיס אין ארץ ישראל און זענען אין איילעניש צוריקגעפאָרן אין מדינת־גראַבסקי.

אין ניינצן דריי און פערציק זענען די עלטערן געגאַנגען קיין טרעבלינקע. אין ניינצן זיבן און פערציק פאָרט דער יתום אָן קיינעם אויף דער וועלט קיין ארץ ישראל.

אויב כ'וועל נישט באַגעגענען אין פאַרלויף פון די טעג קיין גרעסערע דראַמע, וועט דאָס זיין דער טרויעריקסטער מעפּיל אויף דער שיף.

די ערשטע קורצע נאַכט איז פאַר די פּליטים געווען גענוג גרוים, אַז זיי זאָלן זיך פאַרוואַנדלען פון פרעמדע, זייטיקע פּאַסאַזשירן אין אייגענע מענטשן, וואָס ווילן ווערן שותפים צו דער אונטערנעמונג און העלפן טראָגן די זאָרגן פון דער וואַגלדיקער שיף.

גאָר פרי איז דער עולם שוין געווען אויף די פיס. פרויען זענען גרייט געווען צו וואַשן וועש פאַר דער מאַנשאַפט, יונגען, געוועזענע קעלנערס, אויסגעדינטע קוכערס אין דער אַרמיי, האָבן אָנגעבאָטן זייער הילף אין דער קיך. שלאָסערס און מעכאַניקערס האָבן געוואָלט אַרבעטן אין דער מאַשינען־אָפּטיילונג. סטאָליאַרעס האָבן געפרוווט זיך מאַכן נוצלעך ביים צעשטעלן אויפן דעק קאַמערן און וואַש־צימערלעך.

נישט אַלע הענט האָט מען געקענט אויסנוצן, אָבער די וואָס זענען

יאַ אַנגענומען געוואָרן, זענען געווען גליקלעך. איבער דער שיף האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג.

אין די גרופּירונגען פון די פּאַסאַזשירן, אין דעם פּרוּוו צו פאַרכאַפּן באַשטימטע דעק־פּלעצער האָט מען גלייך געקענט באַמערקן, אַז דאָס יידישע פאָלק מיט אַלע זיינע חילוקי־דעות האָט דאָ זיינע פאַרשטייער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַרטיי־וואַנדערונג פון איין דעק צום צווייטן. די גרופּירונגען זענען דווקא נוצלעך געווען פאַר דער אַרבעט פון דער מאַנשאַפט, ווייל יעדע גרופּע האָט געדאַרפט האָבן איר פאַרשטייער, איר מדריך, וואָס זאָל פאַרהאַנדלען מיט דעם קאַפּיטאַן, מיט דער קיך ביים אויסטיילן דאָס עסן און מיט די מלווים — די הגנה-באַגלייטער.

די דריי הגנה-באַגלייטער, די מלווים וואָס האָבן זיך באַוויזן אַ נאַכט פריער מיט דעם ערשטן טראַנספּאָרט מעפּילים האָבן פּאַקטיש איבערגענומען די פירונג פון דער שיף. דאָס קירעווען די שיף איבער די ימים באַלאַנגט טאַקע צום קאַפּיטאַן און זיינע מאַטראָזן, אָבער די אינערלעכע ווירטשאַפט, דאָס איינטיילן די שיף אין זאָנעס, דאָס שפּייז־פּראָבלעם, דאָס אַרויסגעבן אינסטרוקציעס, דאָס אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד, אויב די ענגלישע אַטאַקע וועט קומען — דאָס אַלץ ליגט אין די הענט פון די הגנה־באַגלייטער.

און די מלווים, ווי די שליחים פון ארץ ישראל נוצן אויס זייער פולמאַכט אין דער פולער מאָס. דאָס רופט אַרויס טיילמאָל לייכטע פאַרדרוסן ביים קאַפּיטאַן, וואָס וויל זיין דער איינציקער דעה־זאָגער אויף דער שיף און די הגנה־באַגלייטער, וועלכע זענען די פּאַקטישע באַלעבאַטים פון דער שיף, דאָס זענען אָבער נישטיקע קידער־ווידער־בלעזלעך, וואָס פּלאַצן אויף נאָך איידער זיי בלאָזן זיך רעכט פונאַנדער.

דער ערשטער טאָג שיף־לעבן ביי די מעפּילים האָט זיך אָנגעהויבן האַסטיק, מיט אַ געפּילדער.

אויפן אויבערשטן דעק האָבן זיך פאַרזאַמלט די אגודה־לייט אָפּצוריכטן דאָס ערשטע דאַווענען. אַז מען האָט אָנגעהויבן פאַרוואַרפן די טליתים איבער די קעפּ, איז געווען בלויז איין מנין, אָבער ווען דער בעל־תפילה האָט שוין געהאַלטן אין רעכטן מיטן, ביי דער ערשטער שמונה־

עשרה, האָבן זיך געהערט די קולות פון אַ זעקס מנינים. דאָס דאַווענען בציבור אויפן דעק אונטערן פרייען הימל, דאָס כאָראַלע געזאַנג, דאָס געפלאַטער פון צענדליקער טליתים מיט עטרות האָבן צוגעגעבן דער שיף אַ פייערלעכן אויסזען.

נישט ווייט פון די אגודה-פּאַסאַזשירן האָבן זיך גלייך פאַרזאַמלט מזרחי-פּאַסאַזשירן. אויך זיי האָבן זיך געשטעלט דאַווענען שחרית בציבור. די מזרחי־לייט זענען אָבער באַשטאַנען צומייינסטן פון יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אין צוויי גרויסע קיבוצים. דאָ האָבן שוין געפעלט די אַלטע פאַרגעלטע טליתים מיט די שווערע עטרות און עס האָבן זיך מער אַרויסגעזען די של ראש איבער די היטלעך, די רצועות איבער די נאַקעטע הענט און די קורצע טליתימלעך, ווי שאַליקלעך.

לאַנגע טליתים, קורצע טליתים אָבער די פרימאָרגן־תפילות זענען געוועזן אַ קאַלירפולע אַטראַקציע, וואָס האָט אַרויסגערופן די אויפמערקזאַמקייט פון די איבעריקע פּאַסאַזשירן און אָפּגעשטעלט אויף אַ צייט דעם פאַרקער אויפן אויבערשטן דעק.

דער פרישטיק איז אין ערשטן פרימאָרגן נישט געווען אין צייט. די צערודערונג, דער כאַאָס און דאָס, וואָס יעדע גרופּע, יעדער קיבוץ, האָט באַלד ביים אָנהייב געקעמפט פאַר אַ פּלאַץ אויפן דעק, האָבן נישט דערלאָזט צו קיין פּינקטלעכקייט ביים פאַרטיילן דעם ערשטן מאָלצייט. דאָס האָט געקענט שאַפן דעם איינדרוק, אַז עס וועט די פּאַסאַזשירן אויסקומען אונטערצוהונגערן, בעת אין דער אמתן זענען די שפּייז-זאַפּאַסן געווען גרויס.

דער מדריך פון די מזרחי, אַ רירעוודיקער יונגערמאַן מיט אַ דין בערדל איז אַרומגעלאָפן דאָ צום קאַפּיטאַן, דאָ צום הגנה-באַגלייטער, דאָ צום דעקאָפיציר און געהאַלטן אין איין סטראַשען, אַז ער וועט רעזיגנירן, אויב מען וועט אים נישט געבן דעם גאַר־אויבערשטן דעק, די פּראָמענאַדע פאַר זיינע מענטשן.

— ס׳וועט זיין אַ שיף אָן אַ רודער, זאָג איך אייך! — האָט ער געטענהט — כ׳האָב צוויי קיבוצים אונטער מיין אויפזיכט. אַריבער הונדערט און אַכציק פּאַרשוין, מיט משפחות, מיט קינדער און כ׳מוז זיי קאָנצענ-

טרירן אויף איין פלאץ. אויב זיי וועלן זיין צעווארפן איבער אלע ווינקלען,
— בין איך נישט פאראנטווארטלעך פאר דער ארדענונג!

— מיר זענען פאראנטווארטלעך! — האט דער הגנה־באגלייטער אנ־געוויזן אויף זיך.

— און ווער וועט זיי געבן אינסטרוקציעס? ווער וועט זיי איינטיילן די שפייז?

— דער מדריך.

— איך מוז האבן ארגאניזאציע! — האט דער מדריך פראטעסטירט
— אן צו האבן מיינע בײדע קיבוצים צוזאמען, קען איך נישט פירן!

— אז דו קענסט נישט פירן, וועט מען אויסקלייבן א צווייטן מדריך
— איז דער הגנה-באגלייטער געווארן שטרענגער.

— הייסט עס, אז כ׳קען שוין רעזיגנירן? — האט דער מדריך גע־פרעגט.

— ס׳איז ביי דיר די ברירה! און פארגעס נישט, אז דאס איז א מעפי־לים-שיף! היינט ביינאכט וועלן מיר אויפנעמען נאך זיבן הונדערט פא־סאזשירן, און ווי א מדריך דארפסטו וויסן, אז עס וועלן קומען טעג, ווען קיין איין לעבעדיקער נפש וועט זיך נישט טארן געפינען אויפן דעק. אלע וועלן זיין פארשטעקט אונטן.

די ווארנונג, די אנצוהערעניש האבן קענטיק איבערצייגט דעם פאר־עקשנטן מזרחי־מדריך און מיט דעם באוווסטזיין, אז דאס איז נישט קיין „קווין עליזאבעט", נאר אן אנגעפאקטע מעפילים-שיף, איז ער אוועק טאן זיינע פליכטן לויט די אומשטענדן.

די שטילסטע און באשיידנסטע פאסאזשירן האבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין די אגודה-יידן. כאטש זיי איז באשערט געווען צו קריגן די טונקלסטע ווינקלען אינעם בויך פון דער שיף, האבן זיי פונדעסטוועגן זיך נישט בא־קלאגט. זיי זענען געבליבן, ווו מען האט זיי אוועקגעזעצט. זיי האבן זיך אונטערגעווארפן אלע פאראָרדענונגען. זיי האבן זיך אפילו נישט באקלאגט, וואס עס וועט זיי אויסקומען אנצוהאלטן דורך דער רייזע א מאגערע, טרוקענע דיעטע צוליב זייער פרינציפ פון שטרענגער כשרות, כאטש זיי

האָבן באַקומען די פולע פאַרזיכערונג, אַז די געקויפטע שפייזן זענען גע־נומען פון יידישע פירמעס און גאַראַנטירט כשר.

אַקטיוו און אָנזעעוודיק פון דער ערשטער שעה אָן, זענען געווען די דריי קיבוצים פון השומר הצעיר. מוסטערהאַפט טרענירט, אויסגעצייכנט געשולט, שטאַנדהאַפטיק, גרייט צו באַגעגענען אַלע שטרויכלונגען, האָבן זיי שנעל זיך צוגעפּאַסט צו די אומשטענדן. נישט געווען קיין אונטער־שייד וועלכן ווינקל זיי פאַרנעמען. צוזאַמען אָדער פונאַנדערגעטיילט. זיי האָבן געוווסט, אַז זיי גייען קיין ארץ ישראל. דאָרט וואַרט אויף זיי דער ישוב. אָבער ביז צו די ברעגן פון ארץ ישראל ווילן זיי נישט בלייבן קיין זייטיקע צוקוקערס, קיין פּאַסיווע פּאַסאַזשירן, נאָר אַקטיווע מעפּילים.

זייער אָנטייל אין דער פירונג פון דער שיף האָט מען געקענט באַ־מערקן אויף טריט און שריט.

זייטיק און באַשיידן האָבן זיך געהאַלטן די בית"רניקעס, כאָטש זיי זענען געקומען אין אַ גרויסער צאָל, אַרום צוויי הונדערט און פופציק. זיי, די מיליטאַנטישע צווישן די רעוויזיאָניסטן, להוט נאָך רעקלאַמע, שרייענ־דיק ביי יעדער אונטערנעמונג זענען דאָ, אויף דער שיף געווען שווייגנדיק. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי מחותנים אויף אַ פרעמדער חתונה. צי דאָס איז געווען דאָס געפיל פון דערשלאָגנקייט, ווייל זיי פאָרן אויף אַ הגנה־שיף, אָבער זייער באַשיידנקייט איז געווען אויפפאַלנד און פאַרדעכטיק. ס'האָבן זיך אַפילו געפונען רכילות־טרייבער, וואָס האָבן געוואָלט האָבן, אַז זייער שטילקייט איז די שטילקייט פאַר אַן אויפרייס.

נישט בלויז פּאַרטייען און ריכטונגען האָבן זיך געלאָזט הערן אין דעם ריטמישן געפילדער אויף די שיף־דעקן, נאָר גלאַט יידן אָן שום אָנ־געהעריקייט צו וועלכער עס איז ליניע, פּראָגראַם אָדער פאַרב — האָבן פול געמאַכט די לופט מיט זייערע קולות.

עס האָבן זיך אַרומגעדרייט יידן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, פון אונגאַרן, פון בולגאַריע. עס האָבן אַרומגעשפּאַצירט יידן פון רוסלאַנד, פון רומעניע, פון עסטרייך, פון איטאַליע אָבער צוזאַמענסטן האָבן זיך אַרויסגעזען די יידן פון פּוילן, די רעשטלעך יידן פון יענעם לאַנד, וווּ די ערד איז פאַרזייט מיט די ביינער און אַש פון דעם אומגעקומענעם אייראָפּעאישן יידנטום.

אויך יונגע יידן אין קליידער פון קאזאקן, אין מונדירן פון אונגארי־שע סאלדאטן, אין אוניפארמען פון רומענער האבן זיך געוואָרפן אין די אויגן.

נישט ווייניק זענען געווען פארטיזאנען און וועטעראנען פון פוילן, וואס האבן געקעמפט אויף אלע שלאכטפעלדער קעגן די דייטשן. די פאר־טיזאנען האבן זיך געשלאגן מיט גבורה אין די וועלדער. זיי האבן אונ־טערגעצונדן בריקן, אויפגעריסן באנען, פארברענט צענדליקער עשאלאנען. די וועטעראנען האבן זיך געשלאגן ביי סטאלינגראד, ביי סעוואסטאפאל, ביים צוריקנעמען ווארשע. אויף די גופים פון די פארטיזאנען זענען גע־בליבן אומהיילבארע וווּנדן, ווי בראנדמארקן. די קערפערס ביי די וועטע־ראנען זענען פארקריפּלט. זיי טראגן פולע קעשענעס מיט מעדאלן און אויסצייכענונגען, די העכסטע אָרדענס פאר העלדן־טאטן. אבער קיין איינע פון די זיגרייכע לענדער, פאר וועמען זיי האבן געקעמפט, האט זיי נישט געקענט אנבאטן א זיכערע היים און זיי טראגן זיך איצט אויף דער אומ־לעגאלער שיף צו די ברעגן פון ארץ ישראל.

אבער די מאראל — ווי עס האבן ליב צו זאגן די געלאסענע היים־זיצערס, להוט נאך פראזן — איז ביי זיי נישט געבראכן. זיי זענען אנגע־שטעקט מיט הומאר. זיי האבן אפילו הנאה פון ווארפן א ווארט־פלירטל.

א יונג אין א זעלנערישער מארינארקע אן קנעפ, מיט א פלאקסענער קוטשמע האר, וואס האט פאר קיין פאל נישט קיין יידישע צורה — האט צונויפגעלייגט זיינע הענט, אוים פרייד וואס ער טראגט זיך אוועק פון דעם קאנטינענט פון פארניכטונג, און געזאגט:

— איין זאך בין איך צופרידן, וואס מען וועט מיט מיר מער נישט שטאלצירן, אז כ'באלאנג צו דער שארית הפליטה.

— וואס, דער נאמען געפעלט דיר נישט? — האט א צווייטער א פרעג געטאן.

— ניין, ס'איז א דרוק־פעלער — לאכט דער יונג מיט דער פלאקסע־נער קוטשמע האר — זיי רופן אונדזערע מענטשן שארית הפליטה, און איך רוף דאס שארית הפלייצע, ווייל אלע צרות ביז איצט האבן מיר אויסגע־טראגן אויף די אייגענע פלייצעס...

אָבער נאָך דעם הומאָר קומט די ערנסטקייט וואָס איז טראַגיש מיט איר וואָרהאַפטיקייט. די פּאַרטיזאַנען זענען דער שוידערלעכער מוסטער פון דער יידישער אויסגעוואָרצלטקייט. זייער בלוט האָט מען געצאַפּט פאַר פרעמדע מזבחות און דערנאָך זיי אָוועקגעשליידערט. אַקעגן דעם זאָג: „נישטאָ קיין אַטעאיסטן אין די פוקס-לעכער" קען מען אָוועקשטעלן ווי אַ קעגנזאַץ דעם שפּרוך: „אין די פּאַרטיזאַנען־גריבער ווערן געבוירן די מענטשן־לעסטערער".

עס קען נישט זיין קיין שטאַרקערע באַשולדיקונג קעגן דעם מין מענטש פאַר זיין גלייכגילטיקייט צו דער רשעות און רציחה אַרום, ווי די באַשול־דיקונג וואָס קומט פון די מיילער פון די יידישע פּאַרטיזאַנען. גאַליקע און ציניש באַמערקונגען אויף דעם ציוויליזירטן מענטש און זיין וועלט־אָר־דענונג הערן זיך אויף טריט און שריט. ווי אַ באַרעכטיקונג צו זייער פאַר־ביטערטקייט ברענגען די פּאַרטיזאַנען די אייגענע איבערלעבונגען, די גע־שיכטע פון זייערעליידן. אומצאָליקע מאָל האָבן זיי זיך געראַנגלט מיט דעם טויט. אַלע גהינום-כוחות זענען זיי בייגעקומען ביז זיי האָבן דער־גרייכט די ברעגן, וווּ עס האָט אויף זיי געוואַרט די רעטונגס-שיף. אַ באַ־שטעטיקונג זענען זייערע אָפּגעוויליקע פּרויען, וואָס האָבן זיך מיטגע־טראָגן איבער אַלע סטעפּעס און אַזוי מסירת־נפשדיק מיטגעלאָפן איבער פאַרבאָטענע לענדער. אַ באַשטעטיקונג זענען די קינדער, וואָס זענען גע־בוירן געוואָרן אין די וועלדער אונטערן גערויש פון די באָמבאַרדירונגען און אויף די גרעניץ־סטאַנציעס.

אָט די קינדער זענען אַן אויסטערלישע נאָך־מלחמה-דערשיינונג. זיי זע־נען נישט דערבאַקן, נישט דערנערט און דאָך איבערגעוואַקסן. אַ קינד פון זיבן יאָר האָט די וואָג פון דריי. אויפן פּנים די תמימות פון אַ זויג־קינד, אָבער אויף די ליפּן — די פּקחות, די לעבנס־חכמה פון אַ זקן.

יעדע פּאַרטיזאַנען־מאַמע באַטראַכט איר קינד ווי אַן אויסגעוויינטן קדיש וואָס האָט, דורך טויזנט ניסים, דורכגעבראָכן דאָס ליכט פון דער וועלט. חנה דאָס ווייב פון אלקנה, וואָס האָט אויסגעבעטן איר שמואל אין שילה לעבן אלי' הכהן, האָט נישט געקענט אַריינווייגען מער ליבשאַפט אין

איר ניי־געבוירענעם נביא, ווי די מאַמעס-פּאַרטיזאַנקעס טוען דאָס אין זייערע עופּהלעך.

אָבער פאַראַן מאַמעס צווישן די פּאַרטיזאַנקעס און פאַראַן ערב-מאַמעס. די ערב־מאַמעס זענען אַ פּראָבלעם פאַר יעדער מעפּילים־שיף. די רעגולאַציעס דערלויבן טראָגעדיקע פרויען אַלס פּאַסאַזשירקעס, אויב זיי זענען נישט שפּעטער ווי פינף חדשים אין זייער שוואַנגערשאַפט. צי די אונטערזוכונג פון די דאָקטוירים איז נישט קיין גענוג שטרענגע, צי די שוואַנגעריקע פרויען געלינגט צו ברעכן די רעגולאַציעס נאָך דער אונטערזוכונג — אָבער דער פאַקט איז, אַז איבער אַ העלפט פון די שוואַנגעריקע פרויען, וואָס קומען אַרויף אויף דער שיף זענען אַט, אַט אַ מינוט צום האָבן.

דאָס קען ברענגען צו קאָמפּליקאַציעס, ווייל נישט שטענדיק האָט די שיף גענוג אַקושערינס אָדער פרויען־דאָקטוירים, וואָס קענען זיך אָפּגעבן מיט געבורטן. חוץ דעם פּאַסירט שוין אַזוי כמעט תמיד, אַז די ניי־געבוירענע קינדער קומען אויף דער וועלט פּונקט דעמאָלט, ווען עס גייט אָן דער ווידערשטאַנדס-קאַמף פון די מעפּילים קעגן די ענגלישע קריגס־שיפן. די לעצטע געבורט־ווייען פון דער געווינערין פאַלן אוים אין יענעם מאָמענט ווען די אַטאַקירנדיקע בריטישע טרופּן וואַרפן זייערע גאַז־באָמבעס אויף די פּאַסאַזשירן.

אָבער די פּאַרטיזאַנישע ערב-מאַמעס גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון. לאַגיק גילט דאָ נישט און אויסרעכענונג האָט נישט קיין האַפּט. מען לויפט אַרויף אויף דער שיף, ווייל מען וויל נישט בלייבן קיין איין איבעריקן טאָג אינעם לאַגער, אָדער אין דער פּאָרט-שטאָט. דערצו גילט דאָ אַן אויסרעכענונג אויפן מאָרגן. אַ מאַמע וואָס טוט געבוירן איר קינד אויף דער שיף, האָט פון דער בריטישער מאַכט די פּריווילעגיע צו בלייבן מיט איר קינד און מאַן אין ארץ ישראל. זיי ווערן נישט פאַרשיקט קיין ציפּערן, און וואָס פאַרא פּרייז איז דען צו גרוים פאַר אַ מעפּילים-משפחה, אויב מען קען נאָר אָפּשרייען די גזירה פון גירוש?

קאַפּיטל זיבעצן

מעפּילים - שיפן קומען!...

דער ערשטער שיף־טאָג ביי די אומלעגאַלע פּאַסאַזשירן איז געווען פול מיט אויפטרייסלונג און ענטוזיאַזם. און אויפרעגונג, וואָס קומט פון צופיל פרייד, האָט אַלעמען באַהערשט. די נייגעריקע האָבן געלויערט אויף קוריאָזע פּאַסירונגען. די אומרואיקע האָבן געשנאַפּט נאָך פּאַרווײלונג. שונאים פון לאַנגווייליקייט האָבן געזוכט צייט־פאַרטרייב. אַ גאַנצן טאָג האָט מען זיך געיאָגט פון איין שפּאַנונג צו דער צווייטער.

פּאַרנאַכט האָט אויפן אונטערשטן דעק צווישן דער קיך און עס־צימער, וואָס איז באַשטימט בלויז פאַר דער מאַנשאַפט, זיך געצויגן אַ רייע מיט נייגעריקע פּאַסאַזשירן. דאָס האָט מען אָבסערווירט די פערציק זויג־קינדער, וואָס זענען געווען אויסגעזעצט אויף די שויסן פון זייערע מאַמעס און געוואַרט, מען זאָל זיי דערלאַנגען די דריטע טעגלעכע מילך־שפּייז.

די צוגרייטונגען אין קיך זענען געווען אַזוי לאַנג און די נייגעריקייט אַזוי גרויס, אַז דאָס איז געוואָרן די אַטראַקציע פון אָנהויב אָוונט.

דער שר־הטבחים, דער אויפזעער אין דער קיך, איזי, אַ בלאָנדער פעטלעכער בחור מיט רויטע באַקן, וואָס האָט נאָך אַליין נישט באַוויזן אָפּצווווינשן דער מאַמעס מילך פון זיינע ליפּן, האָט אַריינגעבראַכט אַ קאַסטן מיט פערציק זויג־פלעשלעך.

דער בלאָנדער, פעטער אַכצן־יאָריקער בחור איז געבוירן אין אַט־לאַנטאַ, דזשאָרדזשיא. ער איז אַן אוניווערזיטעט-סטודענט און אַקטיוו ביי די „הבונים". מיט מיידלעך האָט ער קיין צייט נישט געהאַט צו גיין. חתונה צו האָבן איז ער צו יונג. אָבער אין אויסטיילן די מילך פאַר די זויג־קינדער איז ער געניט, ווי אַ דערפאַרענע שוועסטער אין אַ קליניק פאַר געבורטן.

ער שטאָפּט אָן אַ ניפּל אויף יעדן פלעשל. פּרובירט אויס צי די מילך רינט, אויף זיין אייגענער האַנט, און שטופּט יעדעס פלעשל צו די ליפּן פונעם זויג־קינד. דער מאַמע פונעם קינד גיט ער אַ לעקציע, ווי אַזוי געננוי

צו האַלטן דאָס פלעשל און באַזאָרגט זי אויך מיט אָנווייזונגען, ווי אַליין דורכצופירן די מילך-באַשפּייזונג.

די מאַמעס,וועמענס קינדער זענען געבוירן געוואָרן אין די לאַגערן, הערן זיך איין געהאָרכזאַם צו די אינסטרוקציעס פון דעם גוטמוטיקן בחור. זיי דאַנקען איזין פאַר דער אויפמערקזאַמקייט און טוען ווי ער האָט זיי געהייסן.

איזי באַטראַכט „זיינע״ פּעריציק זויג-קינדער און שמייכלט ווי אַ גליקלעכער טאַטע.

אַ נידעריק-געוואַקסענער צוקוקער, קענטיק אַ טאַטע פון אַזאַ עופהלע, וואָס אָבסערווירט די מילך-סעודה, עפנט אַ פּאָר אויגן און רופט אוים מיט אַ ביטול:

— דאָס איז עס? אַזוי שפּייזט מען קינדער אין אַמעריקע?

— יאָ, אַזוי!

— און דאָס רופט מען אַמעריקאַנער טעכניק?

— יאָ.

— אויב דאָס רופט מען אַמעריקאַנער דערגרייכונג, איז אַמעריקע אַ הינטערשטעליק לאַנד! — פּסקנט דער אומצופרידענער טאַטע.

— באַליידיק נאָר נישט אַמעריקע! — מישט זיך אריין אַ צווייטער טאַטע.

— איך האַלט נישט פון אַזאַ טעכניק! — נעמט דער ערשטער טאַ־טע שטרייטן — איך בין אַן אַלטמאָדישער מענטש און באַשטיי, אַז אונ־דזערע באָבעס זענען געווען גערעכט. מען דאַרף שפּייזן קינדער אויף אַ נאַטירלעכן אופן.

— כ׳זע טאַקע וואָס פאַר אַ העלד דו ביסט אויסגעוואַקסן פון דער נאַטירלעכער שפּייז! — לאַכט פון אים דער צווייטער טאַטע.

ביידע טאַטעס לאָזן זיך אריין אין אַ וויכוח. דער ערשטער פאַר־טייטשט פאַרן צווייטן:

— ווייסטו וואָס מילך מיינט פאַר אַ קינד?

— כ׳ווייס.

— מילך מיינט די הויפּט־נאַרונג פֿאַר די ערשטע זעקס יאָר; מילך דאַרף אויפבויען דעם קערפּער. מילך דאַרף מאַכן וואַקסן די ביינער...

— כ'וויים אַלץ! — האַקט איבער דער צווייטער טאַטע — כ'בין אַזאַ למדן ווי דו!

— און דו ווילסט מיר איינשמועסן, אַז די מילך אין די פּלעשלעך האָט אַ האַפּט? ס'איז דאָך אימיטאַציע?

די לעצטע ווערטער באַליידיקן שוין דעם בלאָנדן איזי, אונטער וועמענס אויפזיכט די זויג־קינדער געפינען זיך. די אויסטייטשונג פון דעם קליין־געוויקסיקן טאַטע געפעלן אים נישט. אַנטקעגן אים, דעם צעוואַקסענעם איזי, איז יענער אַ שרימפּ, אַ מפּילע. איזי איז זיכער, אַז יענער האָט געזויגן פון דער מאַמעס ברוסט, בעת ער, איזי, האָט געטרונקען פון די פּלעשלעך. און ווער איז העלדישער?

איזי וואַרפט פלינק אַראָפּ פון זיך די לעדערנע קורטקע. ער שאַרצט אַרויף זיין רעכטן אַרבל, ער ציט אָן די מוסקולן ווי פּענכערס. ער שטופּט זיך צום קליינגעוויקסיקן טאַטע און שרייט:

— זעסט מיינע באַקן? זעסט מיינע פּלייצעס? זעסט מיינע מוסקולן? דאָס האָב איך געקראָגן פון טרינקען פיר יאָר צייט אימיטאַציע־מילך!

די צוקוקערס אַפּלאָדירן און האָבן הנאה פון דעם אַמעריקאַנער יונג. די יונגע מאַמעס בייזערן זיך אויף דעם ווידערשפּעניקן טאַטן, וואָס געפינט אין יעדער זאַך חסרונות.

פון דער רייע נייגעריקע צוקוקערס טרעט אַרויס אַן עלטערע פרוי אין אַ שייטל. זי פאַרריכט זיך דאָס קאָפּ־טיכל, ווישט זיך אָפּ די ליפּן אין פאַרלעגנהייט און זאָגט:

— בנאמנות, מען שאַצט גאָרנישט אָפּ, וואָס די אַמעריקאַנער יינגלעך טוען פאַר אונדז. ס'איז אַן עבירה צו האָבן טענות צו זיי!

— מען שאַצט גענוג אָפּ! מען שאַצט! — רופט זיך איינער אָן — וואָס ווילט איר, זאָל מען מיט זיי טאָן? טראָגן אויף די הענט?

— זיי פאַרדינען, מען זאָל זיי טראָגן אויף די הענט! — רעדט די עלטערע פרוי איינגעשפּאַרט — זיי גיבן דאָס לעבן פאַר אונדז! אַזעלכע טייערע קינדער! זיי באַזאָרגן שיפן און פירן אונדז קיין ארץ!

— און ווו זענען זיי געווען, ווען מען האָט אונדז געפירט אין די קאַ־צעטן? — הערט זיך אַ קול.

רעדסט דאָך טאַקע ווי אַ בהמה! — מישט זיך אַריין אַ צווייטער — זיי זענען געווען אין דער אַרמיי, זיי האָבן אויסגעקעמפט דעם זיג.

— אַז אָך און ווי צו אַזאַ זיג!

— זאָג נאָר, אַז דו רעדסט אַזוי שיין — וויל די עלטערע פרוי נישט פאַרשווייגן — כ'ווייס נישט, אַז ווען דו וואָלסט געווען אויף זייער אָרט, צי דו וואָלסט גרייט געווען צו פאַרלאָזן דעם רייכן טאַטנס היים, אַ גוטע שטעלע, און וואָלסט געגאַנגען אַרבעטן אויף אומלעגאַלע שיפן?

— כ'וואָלט געגאַנגען, ווען מען באַצאָלט מיר.

— זיי מעגן אויך עפּעס טאָן פאַר זייערע ברידער!

— זיי קריגן נישט באַצאָלט!

— שעמען מעגסטו זיך! — מוסרט אים אַן עלטערער פרומער ייד — ווען איך האָב צו זאָגן, שיק איך דיך באַלד אַראָפּ פון שיף! אַזאַ מרגל!

— כ'וואָלט נאָר וועלן וויסן — רופט זיך אָן אַ צווייטער — ווען דו פאָרסט אויף אַ גויאישער שיף, ווו ס'איז דאָ אַ גויאישער קאַפּיטאַן מיט גויאישע מאַטראָזן, צי דו וואָלסט אויך אַזוי גערעדט וועגן דער מאַנשאַפט?

דער איבעררייד, וואָס איז צוגעגאַנגען שטיל, כדי די פאַרביילויפּנ־דיקע מאַטראָזן זאָלן נישט אויפכאַפּן די באַליידיקנדיקע ווערטער, איז איצט אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן.

דעבאַטעס קומען פאָר אין יעדן ווינקל. וויכוחים הערן נישט אויף. יעדע דערשיינונג אויף דער שיף רופט אַרויס דיסקוסיעס. קיבעצערס און נישט פאַרגינערס האָבן הויפנס מיט טעמעס.

אַ יונג באַלעבעסל, אַ צוקונפטיקער טאַטע, נעמט אַרום זיין חבר אַ מזרחי, וועמענס ווייב איז אָט־אָט גרייט געלעגן צו ווערן און גראַטולירט אים אויפן קול:

— ברוך, כ'מוז מודה זיין, אַז דיר קומט קרעדיט!

— וואָס מיינסטו, שאול? — פרעגט ברוך תמעוואַטע.

— כ'מיין, אַז איידער די רייזע וועט זיך ענדיקן, וועסטו ווערן אַ טאַטע.

— דאָס איז ביי גאָט אין די הענט, שאול!

— כ'קען וועטן, אַז כ'בין גערעכט! — שטייט נישט אָפּ שאול.

— וועט עס זיין מיט מזל — שמייכלט ברוך, דער צוקונפטיקער בעל-שמחה.

— אַלץ הייסט מזל! ווייסטו וואָס דיר שטייט פאָר? דו וועדסט גלייך איינגעמאָלדן ווי אַן ארץ ישראלדיקער בירגער. דו, דיין ווייב און דיין קינד.

— נו?

— און דו מיידסט אויס גלות-ציפּערן. דו געווינסט אַ יאָר צייט!

ברוך איז צופרידן פון זיין חבר שאולס נבואה, פון זיינע הבטחות און שמייכלט. אָבער דאָ רוקט זיך אריין אַ דריטער בחור, אַ הויכער, אַ דינער, דער גרימאַס אויף זיין פּנים אַ זויערער, ווי ער וואָלט געווען פול מיט באַוואָרענישן. ער רופט זיך אָן:

— פונדעסטוועגן האַלט איך דאָס נישט פאַר קיין אויפטו. דו האָסט דיין פּרוי נישט געטאָרט לאָזן פאָרן אין אַזאַ צושטאַנד.

— פאַרוואָס נישט? פאַרגינסט אים נישט? — וואַרפט אריין אַ פאַר-בייגייער.

אַ פראַגע אַהין, אַ פראַגע אַהער און עס מאַכט זיך אַ רעדל. דער הוי-כער, דינער יונג לאָזט וויסן:

— ווייל מען קען נישט וויסן, וואָס עס מאַכט זיך אין וועג. שוין אָפּגערעדט פון די ענגלענדער. און דאָס וועטער?

— וואָס האָט דאָס צו טאָן מיטן וועטער? — פרעגט שאול.

— דו מיינסט, אַז שטענדיק וועט מען פאָרן אַזוי ווי אויף אַ טייך? מיינסט שטענדיק וועט די שיף אַזוי רואיק זיך וויגן? וואַרט, זאָל מען נאָר אַרויסקומען אויף די אָפענע וואַסערן, אויפן ים-התיכון, וועסט זען ווי עס וועט מיט אונדז וואַרפן...

— פּאַק איין, בעל דרשן! — צעשרייט זיך שאול — קיינער וויל נישט וויסן דיינע בויך-סברות! אַ נייער ים-רייזנדער!

דער בעל-דרשן האָט נאָך נישט איינגעפּאַקט. דאָס רעדל איז נאָך זיך נאָך נישט פונאַנדערגעגאַנגען, אָבער אין אַ צווייטן ווינקל פון שיף ביי די

אייזערנע באַריערעס האָבן זיך אויסגעזעצט עטלעכע רייען פּאַסאַזשירן מיט די אויגן צום ים.

די שיף איז געווען ווייט פון אַ ברעג. ס'האָט זיך נישט געזען קיין שפּור פון לאַנד. דער ים איז געלעגן אויסגעגאָסן ווי אַ גלעזערנע דעק. איבער די קעפּ — אַ טיף בלויער הימל און אונטן — גלאַטע פלעסקנדיקע סאַמעט־וועלן.

פאַרכאַפּט פון אַזאַ לויטערקייט, האָט עמיצער אָנגעהויבן צו זינגען יהודה הלוים ים־לידער. קולות האָבן אונטערגעכאַפּט און די מעלאָדיע האָט זיך געטראָגן ווי אַ מעכטיקער כאָראַלער הימן צו דעם תכלת־הימל, צו די בלויע וואַסערן:

כ'האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ'האָב פאַרלאָזן מיין אייגן הויז;
כ'האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן —
טראָג מיך, ים, צו מוטערס שויס!...

אָנגעברוגזט האָט דער ים זיך
און געקנייטשט זיך און געקרימט.
פּלוצים האָט ער זיך צעבייזערט
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

די קולות פון די מעפּילים ווערן העכער, מעכטיקער. דאַכט זיך, אַז דער הימל, דער ים, די פּלאַטערנדיקע וואַסער־פייגל, דער גאַנצער באַשאַף האָט אַ חלק אין דער שירה.

יהודה הלוים ליד, דאָס שטאַרקע פּאַטעטישע געזאַנג צום ים, וואָס ער האָט אויסגעזונגען בעת ער האָט זיך געשיפלט קיין ארץ ישראל מיט איבער אכט הונדערט יאָר צוריק — זעט וויזיעס, שאַפט זעאונגען:

און אָט לויפן שוין אַנטקעגן
ווילד און בייז מיט ווייסן שוים,
כוואַליעס לייבן, כוואַליעס שלאַנגען
אויסגעוואַקסן פון דעם תהום.

ש. איזבאן

אַט האָט זיך אַ טאָל געעפנט,
אַט שטייט אויף אַ הויכער בארג —
פלאַטער, זעגל, בייג זיך, מאַסבוים
דו, מיין האַרץ, בלייב פעסט און שטאַרק.

האָסט אַ גרויסן גאָט אין הימל,
ימים שפּאַלט ער מיט זיין האַנט;
אויף זיין פליגל מיט זיין שטורעם —
טראָגט ער דיך צום ליבן לאַנד.

אַז דער גלאָק האָט געקלונגען און גערופן צום אָונט-ברויט, האָבן די פּאַסאַזשירן זיך געלאָזט צו זייערע ערטער. ווער צו זיין קיבוץ, ווער צו זיין גרופּע. די מדריכים און די אַרויסהעלפער האָבן זיך געטראָגן טרעפּ־אַרויף, טרעפּ-אַראָפּ מיט גרויסע עמערס און קאָך־לעפל. דאָס אויסטיילן, דאָס געקעכץ איז צוגעגאַנגען בחפזונדיק. די פּאַסאַזשירן, אויסגעהונגערטע, האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די שפּייזן ווי צו מעדני־מלך. נאָך די ערשטע פּאָר לעפל האָט מען געריסן פון פלייש שטיקער. ברויט האָט מען געשלונגען נישט צעקייענדיק. פונעם קאָמפּאָט האָט מען געלעקט די פינגער. אויפ־געמונטערטע יונגען האָבן געלאָזט זיך הערן:

— אַ בחנמדיקע רייזע קיין ארץ ישראל און נאָך אַזאַ מיטאָג אַ צו־לייג. ווער דאַרף סערטיפיקאַטן, ווער?

— מיין נישט, אַז דו וועסט אייביק דאָ זיין אויף קעסט!

— אַ צוועלף טעג וועט מען פאָרן? וועט זיין צוועלף גוטע מיטאָגן!

— האָט אַ יונג זיך געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט — די לעצטע אַכט טעג האָט מען צוליבן וואַרטן אויף דער שיף קיין לעפל געקעכץ אין מויל נישט געהאַט.

— פונדעסטוועגן איבערעסן זיך קען מען נישט. כ׳האָב פיינט צו אי־בערטרייבן, חברה! — האָט אַ שווערער פאַרשוין, אַ קאַלטער לונג און לעבער, זיך אָנגערופן.



א יידישע שיף מיט 1577 „אומלעגאלע" יידן אין חיפהר פּאָרט

— זולל וסובא! ס'איז דיר שוין ווידער ווייניק? רעדסט דאָך נישט צו קיין אונררא־באַאמטן!

— כ'רעד צו דיר!

— צו מיר מעגסטו רעדן. עפן נאָר נישט דאָס מויל צו די הגנה־מענטשן. זיי קענען דיך באַלד צוריק טראַנספּאָרטירן פון וואַנען דו קומסט.

אינמיטן שמועס איז צוגעקומען אַ בלאָסער יונגערמאַן מיט אַ שראַם אויפן פּנים. ער האָט נישט גערעדט קיין יידיש, נישט גערעדט קיין העב־רעאיש. ער האָט אָבער געהאַט עפּעס צו זאָגן אין דעם שטרייט, האָט ער זיך אַרויסגעהאָלפן מיט אַקסל־צוקן און מיט האַנט־צייכנס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַן אונגאַרישער ייד. מען האָט געזוכט און גע־פונען פאַר אים אַן איבערזעצער.

אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן איז, אַז דאָס ברויט איז גוט, די זופּ געשמאַק און דאָס פלייש האָט טויזנט טעמים. וואָס פאַר אַ זינד איז דאָס פאַר מענטשן, וואָס קומען פון אַ ברויטלאָזן קאָנטינענט, אויסצורעדן אויף די שפּייזן! ער אַליין איז מיט ניסים אַרויף אויף דער שיף. און ווען מען זאָל אים צוזאָגן, אַז ער וועט דאַרפן הונגערן הורך דער גאַנצער ים־רייזע, וואָלט דאָס אים אויך נישט אָפּגעהאַלטן פון ווערן אַ מעפּיל. ער שווערט, ווי ער הייסט ענדרע פאַרדאַס.

ווי קומט ענדרע פאַרדאַס, דער אָפּגעפרעמדטער ייד, אויף אַן אומ־לעגאַלער שיף?

אויב פאַסירונגען קענען אָנגערופן ווערן בלויז יענע געשעענישן, וואָס זענען ווייט פון לאַנגווייליקייט, איז דאָס אַ פאַסירונג.

ענדרע פאַרדאַס איז דורכגעגאַנגען דריי קאָנצענטראַציע־לאַגערן און איז געבליבן ביים גוף און ביי דער נשמה. זיין פרוי און צוויי קינדער זע־נען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש דורך די אויוונס פון אָשוויענטשים. נאָך דער באַפרייאונג פון אונגאַרן איז ענדרע געוואָרן אַ מאָטאָרמאַן אויף אַ טראַמוויי אין בודאַפּעסט. ער האָט געטריבן די טראַמווייען איבער די גאַסן פון זיין באַפרייטער הויפּטשטאָט. איינמאָל האָט ער באַמערקט, ווי זיין טראַמוויי ווערט אָנגעפּאַקט מיט מענטשן — מענער און פרויען —

באַלאַדענע מיט רוקן־זעק און קלומיקעס. ער האָט אויס נייגעריקייט גע־פרעגט זיינע פּאַסאַזשירן:

— וווהין גייט איר?

— מיר פאָרן קיין ארץ!

— ווו ליגט ארץ?

— עטלעכע טויזנט מייל פון דאַנען.

— און איך וואָלט אויך געקענט גיין קיין ארץ?

— אַז דו וועסט וועלן, וועסטו אויך קענען גיין.

— וואָס דאַרף מען האָבן צו גיין קיין ארץ?

— אַ רוקן-זאַק מיט קליידונג.

— דאָס אַלץ?

— יאָ.

— וואַרט, איך וועל גיין מיט אייך!

ענדרע פאַרדאָס האָט אַראָפּגעלאָזט די פּאַסאַזשירן אויף דער באַ־שטימטער גאַס און געבעטן, מען זאָל אויף אים וואַרטן. דערנאָך האָט ער צוגעפירט זיין טראַמוויי צו דער ענדע-סטאַנציע פון בודאַפּעסט און זיך אָנגעשלאָסן אָן די מעפּילים. דעם זעלבן אָוונט איז ער אָפּגעפאָרן צום נאָענטסטן האַפן.

מיטן אָנקום פון דער נאַכט איז די שפּאַנונג ווידער געוואַקסן. מען האָט זיך געגרייט אויפצונעמען די איבעריקע זיבן הונדערט פּאַסאַזשירן. דאָס מאָל פון אַן אַנדערן פּאָרט. פון וועלכן? דער ראַדיאָ־אָפּעראַטאָר האָט געדאַרפט אויפכאַפּן אַ סיגנאַל.

דער ראַדיאָ-אָפּעראַטאָר האָט דעם סיגנאַל געקראָגן. דער קאַפּיטאַן איז געשלאָפן, איז דער סיגנאַל אָפּגעגעבן געוואָרן צו איינעם פון די הגנה־לייטער. אַז דער אַמביציעזער קאַפּיטאַן, וואָס האָט געוואָלט רויך-טעפּ פאַר אַ רויך-פאַרהאַנג, גאַז-מאַסקעס קעגן די גאַז־באָמבעס — האָט זיך דער־וווּסט, אַז מען האָט אים נישט געוואָלט אויפוועקן, כדי אים איבערצוגעבן דעם סיגנאַל, האָט ער געשריגן, אַז מען קאָנספּירירט קעגן אים, אַז וואָס פאַר אַ קאַפּיטאַן איז ער, ווען מען וויל אים אַפילו נישט געטרויען דעם

פארט, ווו ער דארף לאנדן. אלע טענות אים צו בארואיקן האבן נישט גע־האלפן.

שפעטער, ווען די שטערן האבן זיך געצונדן און לייכט־טורעמס פון די לאנד־ברעגן האבן גערופן אונדזער שיף און גערוימט פאר איר א וועג — דאן איז פאר דעם קאפיטאן געקומען די בארואיקונג.

עוולות זענען פארגעבן געווארן. פארדרוסן זענען איינגעשטילט גע־ווארן.

דאס ארויפלאדן די איבעריקע זיבן הונדערט פליטים איז צוגעגאנגען אונטערן רויש פון שטארקע ווינטן און אומרואיקע כמארעס.

ס'איז געווען די צווייטע נאכט פון דער קאנספיראציע. די מעפילים זענען אנגעקומען אויף גומענע לאדקעס. די לאדקעס האבן לאנגזאם זיך געבאמבלט אויף דער אויבערפלאך, ווי אנגעצויגענע באלאנען. ס'האט גע־הערשט א גרויס שווייגעניש. דער גאנצער באשאף האט געגעבן א האנט אין דער פארשווערונג. די לבנה האט זיך באהאלטן. די שטערן זענען געווען פארשטעקט. ווינטן און זאווערוכעס האבן געטריבן די כוואליעס, בעת די פארוואגלטע און פארשטויסענע פון ישראל האבן זיך געגנבעט צו דער שיף.

שפעטער, ווען אונדזער שיף, אנגעפאקט מיט אריבער פופצן הונ־דערט מעפילים, איז ארויס אויף די אפענע וואסערן, איז זי געשוווּמען א שטאלצע, א גראציעזע, ווי זי וואלט געווען די קעניגין פון די ימען.

א מעכטיק געזאנג האט אויסגעבראכן ביי דער באגייסטערטער מאנ־שאפט. דאס געזאנג האט זיך געטראגן צו די כוואליעס, צום הימל:

— רייניק אפ די ימען, בריטאניע, מעפילים-שיפן קומען!

קאפיטל אכצן

די געבורט פון ערשטן מעפילים-קינד

איך רעגיסטריר יעדע פאסירונג אויף דער שיף מיט דער זעלבער וואכזאמקייט ווי א באראמעטער פארצייכנט די וועטער־ענדערונגען, ווי א

סייסמאָגראַף כאַפּט אויף די קאַפּריזנע באַוועגונגען פונעם ערד־קוגל. פּלו־צימדיקע געשעענישן ברעכן די מאָנאָטאָניע, וואָס הענגט ווי אַ פּוילער געפּל איבער די דעקן. יעדער פּאַסאַזשיר איז אַ שונא דער מאָנאָטאָניע און אַן אָנהענגער פון איבערראַשנדיקע — אַפילו פאַנטאַסטישע — נייעס.

אין יאָגעניש נאָך צייט-פאַרטרייב געפינען זיך שוין אויף דער שיף רכילות־זעק, וואָס וואַרפן אַן אויפטרייסלענדיקע קלאַנגען. און דער פּאַ־סאַזשיר, וואָס זוכט שפּאַנונג, פאַרשפּרייט די קלאַנגען, כדי צו פאַרווײַלן זיך און אַמוזירן אַנדערע.

אַזוי האָבן אויפן דריטן טאָג פון דער רייזע זיך פאַרשפּרייט די נייעס, אַז די רעוויזיאָניסטן, וואָס שטעלן צונויף אַ גרויסע צאָל פּאַסאַזשירן, גרייטן זיך צו פאַרכאַפּן די שיף. די קלאַנגען האָבן געהאַלטן שעהן לאַנג געפּלעפּט פּופּצן הונדערט מעפּילים. ווי אַזוי קען אַ באַשטימטע צאָל פּאַסאַזשירן מאַכן אַ „פּוטש" אין מיטן ים און איבערנעמען אַ שיף, וואָס איז דאָס אייגנטום פון דער „הגנה" — איז געווען שווער צו פאַרשטיין.

עס איז געווען שווער צו פאַרשטיין פאַר עמך, פאַר די פּשוטע פּאַסאַ־זשירן, אָבער עס איז גאָרנישט געווען שווער פאַר די גריבלער, פאַר די אויפקלערער און האָר־שפּאַלטער צו פאַרוואַנדלען אַן אומגלויביקייט אין אַ רעאַליטעט.

די געפּלאַנטע פאַרכאַפּונג איז געווען דער שמועס פון טאָג. נישט געווען קיין ריכטונג אויף דער שיף, וואָס זאָל נישט וועלן אַרויסזאָגן איר מיינונג אָדער שטעלונג. רעדלעך, הייפלעך און קרייזלעך האָבן זיך פאַר־מירט אין יעדן ווינקל, ביי יעדן דורכגאַנג און געלאָזט הערן זייערע קו־לות. יידן למדנים פון דער אגודה און פון מזרחי, יידן מאַרקסיסטן פון די לינקע פּאַרטייען — אַלע האָבן אַזוי הויך דיסקוטירט דעם ענין, ווי דאָס וואָלט געווען די גרעסטע וועלט-געשעעניש נאָך דער אַטאָם־באָמבע.

— אומזין! הוילער אומזין! — האָט אַן אונגאַרישער ייד מיט אַ באָרד ווי ביי אַ קאַצאַפּ געליאַרעמט — זיי האָבן נישט די מינדסטע אויס־זיכטן צו געווינען.

— יאָ אויסזיכטן, נישט אויסזיכטן, פּרובירן מעגן זיי דאָך! — האָט אַ צווייטער ייד, אַן אָפּאָנענט זיך אָנגערופן.

— זאָלן זיי טאַקע פּרובירן! זיי וועלן זיך די פינגער אָפּבריען!

— אָפּבריען? זיי וועלן זיך די פינגער פאַרברענען!

א געוויקסיקער יונג מיט צווײ האַרטע בייטשן האָר אויפן קאָפּ, וואָס זענען אים אָפּגעשטאַנען ווי הערנער, האָט אַריינגעשריגן אין א רעדל:

— ווייסט איר, וואָס עס הייסט פאַר די רעוויזיאָניסטן אָנצוהייבן מיט דער הגנה? זיי וועלן דאָך אָפּגעווישט ווערן!

— מיינסט, עס קען אויסברעכן א ברודער־קריג אויף דער שיף?

— צי עס קען אויסברעכן? עס וועט אויסברעכן!

— דאָס איז די דאַנקבאַרקייט וואָס זיי ווייזן אַרויס פאַר אַרויפנעמען זיי אויף דער שיף?

— מען האָט זיי נישט געטאָרט אַרויפלאָזן!

— זאָלן זיי פאָרן אויף אייגענע שיפן!

א מיטליאָריקער ייִד איז צוגעקומען און אַרויסגעשטעלט אַלע צען פינגער:

— זאָגט מיר, ייִדן, איך בין א תם אין די זאַכן. ווי אַזוי גייט דאָס צו א פאַרשווערונג אויף א שיף?

— אַזוי ווי יעדע פאַרשווערונג! — איז געקומען דער קורצער ענטפער.

— און דער קאַפּיטאַן? ער האָט שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגן? — וווּנדערט זיך דער ייִד, דער תם.

— דעם קאַפּיטאַן שטעלט מען צו א רעוואָלווער צום קאָפּ.

— און די מאַנשאַפט?

— די מאַנשאַפט ווערט געפאַנגען.

— און דערנאָך?

— דערנאָך פאַרכאַפּן די פאַרשווערער אַלע פּאָסטנס און פירן די שיף אין דער ריכטונג, וווהין זיי ווילן.

דער ייִד, דער תם, קען אַליין דעם ענין נישט באַנעמען:

— זאָגט מיר, ייִדן, ווו איז דער שׂכל פון וועלן פאַרכאַפּן די שיף? יאָ רעוויזיאָניסטן, נישט רעוויזיאָניסטן. דער וועג איז דאָך פאַר אַלעמען דער זעלבער: ארץ ישראל.

— דער שכל איז, אַז די רעוויזיאָניסטן ווילן קריגן דעם קרעדיט פאַר אַריינברענגען אַ שיף מיט יידן קיין ארץ ישראל.

די לעצטע אויסטייטשונג האָט נישט אַריינגעבראַכט קיין דערלייכטע־רונג אין דער שפּאַנונג. די לאַגע האָט אויסגעקוקט שלעכט. דאָס צעמישעניש איז געוואַקסן. און אין דער היציקייט פון די שמועסן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דאָס בעסטע אונטער די אומשטענדן וואָלט געווען צו מאַכן אַ גרינטלעכע רעוויזיע אינעם לאַגער פון די רעוויזיאָניסטן, צונעמען יעדעס שטיקל וואָפן ביי זיי און אַזוי אַרום מאַכן זיי אומשעדלעך און אויסמיידן אַ געפאַר.

נאָך איידער דער פאָרשלאַג איז דערגאַנגען צו די אויערן פונעם קאַפּיטאַן איז די נייעס שוין געווען באַקאַנט צו דער אויבערשטער אינסטאַנץ. דער קאַפּיטאַן, וואָס איז גרייט געווען זיך אַן עצה צו געבן מיט די ענגלישע קריגס־שיפן, האָט זיך נישט געשראָקן פאַר די רעוויזיאָניסטישע קאָנספּיראַציע־פּלענער. פאַרשווערונגען האָבן נישט געהאַט קיין באַדייטונג. אָבער ווי דער טאַטע פון דער שיף האָט ער זיך געהאַלטן פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר זיינע פּאַסאַזשירן. אויב ס'איז אמת דער קלאַנג, אַז די רעוויזיאָניסטן באַזיצן געווער, האָט אים בלויז באַאומרואיקט דער געדאַנק, אַז טאָמער — און עס וועט חלילה געשען — אַז עס זאָל די ענגלענדער יאָ געלינגען ערגעץ צו באַפאַלן די שיף און אַ פּאָר פון די רעוויזיאָניסטן זאָלן באַנוצן זייערע רעוואָלווערן, וועט דאָס פּראָוואָצירן די ענגלענדער, זיי זאָלן עפענען אַ פייער און עס וועלן פאַלן יידישע קרבנות.

אַזאַ געפאַר, אַזאַ ריזיקע מוז אויסגעמיטן ווערן.

ווי נאָר דער קאַפּיטאַן האָט זיין פאַרדאַכט איבערגעגעבן די הגנה־באַגלייטער, איז גלייך געקומען די פאַרזיכערונג, אַז די שטרענגסטע פאַר־זיכטיקייטס־מיטלען זענען אָנגענומען געוואָרן אין דער האַפן־שטאָט.

די רעוויזיאָניסטישע פּאַסאַזשירן זענען דריי מאָל רעווידירט געוואָרן פאַרן אַרויפגיין אויף דער שיף.

פון דער פּראָמענאַדע האָבן זיך געטראָגן די קלאַנגען פון גיטאַרעס און מאַנדאָלינעס. אַ געפלאָכטענע ראָד פון געטאָ־קעמפער האָבן געזונגען

בטחון-לידער. און הינטער זיי האָבן אַ צוויי טויזנט ענטוזיאַסטן נישט מיר, נישט דיר — אין מיטן העלן טאָג אויסגעטאַנצט אַ האָרא.

הינטער דעם קאַפּיטאַנס בריק זענען געזעסן עטלעכע פרויען מיט זייערע קינדער. די פרויען האָבן זיך צוגעהערט צו די מעלאָדיעס פון די גיטאַרעס, פון די מאַנדאָלינעס, צום קלאַפּעריי פון דער האָרא און אליין האָבן זיי דערציילט וועגן דער טראַגישער פאַרגאַנגענהייט. די טונקעלע קאָשמאַרן פון דער פאַרגאַנגענהייט לאָזן נישט רוען אַפילו, ווען מען זיצט שוין אויף דער מעפּילים-שיף. עס וועט נישט גענוג זיין איין לעבן אויף איבערצודערציילן אַלץ, וואָס די אויסדערוויילטע צו פּלאָגענישן זענען דורכגעגאַנגען.

די טראַגישסטע דערשיינונג אין דעם לעבן פון די מעפּילים-משפּחות איז געווען די צעריסנקייט. דער טאַטע איז געגאַנגען אין די גאַז-קאַמערן; די מאַמע איז געבליבן אין קאַצעט און דאָס קינד, דאָס אויסגעוויינטע קינד, איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ גוטהאַרציקן גוי אויף דערציאונג, עד יעבור זעם...

דער גוטהאַרציקער גוי האָט איבער זיין אייגענעם קאָפּ נישט געקענט אַריבערשפּרינגען און ער האָט אויסגעהאָדעוועט אַ קינד אָן אָפּגעפרעמדט. דער גוטהאַרציקער גוי איז נישט געווען קיין פריידענקער, האָט ער דאָס קינד מיטגענומען אין דער קירך, און דער רעזולטאַט איז געווען פאַטאַל.

ווען די מאַמעס זענען געקומען אָפּנעמען זייערע קינדער, האָבן זיי געמוזט פירן אַ קאַמף פאַר זייער בלוט און פלייש. אַ קאַמף וואָס האָט געקאָסט ימען טרערן, אומאויפהערלעכע תחנונים און פאַנטאַסטישע סומען אויסקויף-געלט. און ווען די אויסגעקויפטע קינדער זענען שוין געווען אין דעם היים, האָט זיי געצויגן צו דער פרעמד, צום אַמבאָן אין דער קירך.

איין מאַמע גיט איבער, אַז ווען זי האָט נאָך דער באַפרייאונג איבערדערציילט פאַר אירע שכנים וועגן אירע טראַגישע איבערלעבונגען, וועגן דעם חורבן אין איר שטעטל, ווו מען האָט די יידן פאַרטריבן, די שולן — פאַרברענט, דעם רב — אויפגעהאַנגען און זי האָט זיך דערביי צעוויינט, האָט איר אָפּגעפרעמדט מיידעלע נישט געקענט באַנעמען דער מאַמעס טרערן און זיך אָנגערופן:

— מאַמע, וואָס ווייסטו איבערן רבֿ? דער קשאַנדז (גלח) איז דאָך געבליבן לעבן!

א צווייטע מאַמע דערציילט וועגן דעם לעצטן סדר, וואָס איז אָפּ־געריכט געוואָרן אין א לאַגער אין איטאַליע. די ערשטע פּסח־נאַכט איז געפּראַוועט געוואָרן מיט פּראַכט. פייערלעכקייט אויף די טישן. פייער־לעכקייט צווישן די געסט ביים טיש. דער ווייַן אין די פלעשער האָט גע־פינקלט. דאָס זילבערוואַרג האָט געשיינט. דאָס געשיר, די בלאַנקענדיקע טישטוכער, די קידוש-בעכערס, די דעקאָרירטע ווענט האָבן צוגעגעבן דעם סדר אומגעוויינלעכע יום-טובדיקייט.

פון אויבנאָן איז געזעסן דער חזן, וואָס האָט געדאַרפט אָפּריכטן דעם סדר. א הויכער, א שטראַלנדיקער. אויפן קאָפּ א הויכע סאַמעטענע יאַר־מולקע מיט א גאָלדענעם מגן דוד, א ווייסער קיטל מיט א זילבערנער עטרה.

דעמאָלט איז דאָס מיידעלע, דאָס אָפּגעפרעמדטע יידישע קינד גע־וואָרן אזוי באַגייסטערט פון דעם בילד ארום, אז זי האָט א זאָג געטאָן אויף פויליש צו די סדר־געסט לעבן זיך:

— ביי אונדז אין קאָשטשיאָל איז אויך געווען א גלח, אָבער דער איז א שענערער...

נאָך אַן אילוסטראַציע ווי עס האָבן געווירקט די פּאָר יאָר פרעמדע דערציאונג אויף דער אזוי טראַגיש־קליינער צאָל געבליבענע קינדער אין אייראָפּע קען ווייזן אזא פאַל:

אין א יידישער שטוב ביי אן אבל איז זיך צונויפגעקומען א מנין אין די שבעה-טעג. דאָרט האָט זיך אַרומגעדרייט א ניין-יעריק מיידעלע, אן אויסגעקויפט יידיש קינד. זי האָט געזען ווי די מתפּללים וויקלען זיך איין אין טליתים. א בעל־תפילה דאַוונט פאַרן עמוד. מען צעעפנט א ספר תורה און זי האָט געגאַפט. האָט עמיצער א זאָג געטאָן צום מיידעלע אויף פויליש:

— נו, האַנקאַ, פאַרוואָס דאַוונסטו אויך נישט?

— גיב מיר א גאָט, וועל איך צו אים דאַוונען — האָט דאָס מיי־דעלע געענטפערט.

האט מען איר דערלאנגט א קליינע סטאטוע פון הערצלן וואס איז גראד געשטאנען אויפן שרייבטיש.

און דאס מיידעלע האט ארייננענומען הערצלס סטאטוע אין אירע הענטעלעך און זי האט זיך אראפגעלאזט אויף אירע קניען און אנגעהויבן זאגן איר געבעט...

די אפגעפרעמדטע יידישע קינדער, די צוריקגעקומענע פון די גויאי־שע באטעס, פון די קלויסטערס, פון די שמד־קאמערן...

די שיף האט מיט אמאל זיך אנגעהויבן צו הוידען. כוואליעס האבן פארשפריצט די אויבערשטע דעקן. פארנאכט האט דער ים זיך שוין צע־ווינט מיט שטורעם. אין דער טיר פון דער קליניק האבן געקלאפט ים־קראנקע. דא און דארט האבן פאסאזשירן גענומען אויסברעכן זייער מי־טאג. די איבערגעשראקענע זענען אראפ אונטן און זיך געלייגט אויף זייערע געלעגערס. די דערפארענע, וואס פארן נישט דאס ערשטע מאל אויפן ים, האבן גענומען זיך יאגן ארויף און אראפ איבערן אויבערשטן דעק און געוואלט איינזאפן וואס מער פרישע לופט.

די צעוויגטע שיף און די צעברויזטע כוואליעס האבן אבער נישט גע־שטערט, אז אויף דער אנגעפאקטער דעק זאל אנגיין א גרויסער פארקער. אין דער בהלה האט מען נישט פארגעסן די סאניטארע פארשריפטן. די פאסאזשירן האבן זיך געזייפט און געוואשן ביי די אפענע קראנען, גע־נאסן אויף זיך צעבערס מיט וואסער און געמאכט טושן.

פאר קליינע שפיגעלעך אנגעהאנגען אויף קוימענס און רערן, האט מען זיך געגאלט. פרייוויליקע שערערס, מיד פון ארומגיין פועל־בטל, האבן אנ־געבאטן צו שערן די קעפ פון פאסאזשירן אן געלט.

אויף דעם קאפיטאנס בריק האט זיך געמאלדן אן אלטער גאליציא־נער שערער מיט א יחוס־בריוו, אז אין ווין, אין די אלטע צייטן פלעגן ביי אים זיך שערן אלע הויפלייט פון קייזער פראנץ יאזעף. ער האט פאר־געשלאגן זיין דינסט דער גאנצער מאנשאפט. ער האט פאקטיש געבעטן די פריווילעגיע צו קענען באנוצן זיינע כלים אויף די קעפ פון די מאטראזן.

ער האט דעם בכבודיקן אמט געקראגן. אין געציילטע מינוטן איז דער קליינער דעק אויפן קאפיטאנס בריק פארוואנדלט געווארן אין א פריזי־

דרײַ. דער ערשטער האָט זיך געלאָזט שערן דער שיף־אינזשעניער, נאָך אים — די איבעריקע.

דער קאַפּיטאַן האָט נישט צוגעלאָזט קיין שער צו זײַנע האָר, אויס מורא, דאָס מזל זאָל זיך פֿון אים נישט אָפּטאָן. אַבערגלויבן האָט געקראָגן די אויבערהאַנט. ער האָט אַ נדר געטאָן נישט אָפּצושערן זיך איידער די רייזע וועט זײַן אַריבער.

דער גאַליציאַנער פריזירער, וואָס האָט גענוצט זײַן שער אויף די קעפּ פֿון די ווינער הויף־ראַטן האָט, ווייזט אויס, גוט געקענט די מלאכה, ווײַל באַלד האָבן זיך באַוויזן עטלעכע קאַנדידאַטן פֿון צווישן די פּאַסאַזשירן מיט האַנטוכער אַרום די העלדזער, פּיקס און פּאַרטיק — אויך צו קריגן בײַ אים אַ שער־אָפּ.

דער פאַרהאָרעוועטער שערער האָט אָנגעקוקט די פּאַרשוינען מיט אַ מינע, ווי זיי וואָלטן געווען פֿון זינען גערירט און זיך אָנגעבייזערט:

— אײַער חוצפּה, חברה, איז גאָרנישט צו באַנעמען! אײַך, ווילט איר, זאָל איך שערן אויפֿן „קאַפּיטאַנסקי מאָסט"? (קאַפּיטאַנס בריק).

וואָס נעענטער ס'איז געקומען די נאַכט, אַלץ שטורעמדיקער איז דער ים געוואָרן. די כוואַליעס האָבן זיך געהויבן ווי ווענט, גערעגנט איבערן אויבערשטן דעק, פֿאַרשפּריצט די פּראָמענאַדע. און די מאַטראָזן האָבן נביאות געזאָגט, אַז ס'וועט זיך אָנרוקן אַ פּאַסקודנע נאַכט.

און אין מיטן דעם געפּילדער, אין מיטן דער ווינעניש פֿון דער שיף איז געקומען די נייעס, אַז אַ קינד, אַ ייִנגל איז געבוירן געוואָרן.

דאָס ערשטע געבוירענע קינד אויף דער פּליטים־שיף.

צווישן די פּאַסאַזשירן האָט מען געוווסט, אַז שוין דרײַ טעג ווי אַ געווינערין איז געגאַנגען צו קינד. מען האָט געוואוסט, אַז זי האָט שווערע געבורט-ווייען, אַז מען וועט אפשר מוזן מאַכן אַ קייזער-שניט. און דאָ איז מען אין מיטן ים, צווישן הימל און וואַסער, און מען ווייס נישט, צי מען קען דעם דאָקטאָר געטרויען.

די זאָרג פֿאַר דער געווינערין און דער אומצוטרוי צום דאָקטאָר איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווײַבער האָבן געבעטן גאָט, די געבורט זאָל ערשט פֿאָרקומען נאָך דער לאַנדונג.

איצט, אז דער בן־זכר איז געבוירן געוואָרן, איז די איבערראַשונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פרייד.

פרויען, וועמענס קינדער זענען געבוירן געוואָרן אין די וועלדער, ביים שווארצן גרענעצן, אונטערן געוויש פון באָמבאַרדירונגען, האָבן מקנא גע־ווען דער געווינערין. עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז אַ קינד, וואָס ווערט געבוירן אויף אַ שיף, איז געגליכן צו אַ פרינץ. אַלע גרענעצן זענען פאַר אים אָפן. אַלע לענדער זענען פאַר אים פריי. נישטאָ קיין באַגרענע־צונגען פאַר אַ מענטש, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויפן שוים פון ים. יעדע פאָן וועט אים שיצן. ער איז אַ בירגער פון דער וועלט.

אַלץ־ווייסערס האָבן אויסגערעכנט, אַז אַזוי ווי אונדזער שיף שווימט אונטער דער פאָן פון האָנדוראַס וועט דער ניי־געבוירענער ווערן אַ בירגער פון יענעם לאַנד. ער וועט אָבער אויך ווערן אַ בירגער פון ארץ ישראל, אי־טאַליע, פראַנקרייך, עגיפּטן און פון אַלע לענדער, וואָס שפּרייטן זיך ביי די ברעגן פונעם מיטללענדישן ים.

מאַמעס־פּאַרטיזאַנקעס, וואָס האָבן אויסגעטראָגן זייערע געווינסן אין די פוקס־לעכער, אין די טויט־היילן, האָבן נישט מקנא געווען, וואָס דער געווינערינס זון איז באַשערט אַזאַ גליק. זיי האָבן אָבער געליטן פון דעם, וואָס זייערע קינדער האָבן געהאַט אַזאַ ביטערע דאָליע. די ערשטע מילך, וואָס זיי האָבן נישט געזויגן, וועלן זיי שוין מער קיינמאָל נישט צוריק־קריגן. די ערשטע שפּייזן, וואָס האָט זיי געפעלט — קען זיי מער קיינמאָל נישט צוריקגעגעבן ווערן.

די נאַכט האָט אָפּגעווישט די קנאה. דער ברויזנדיקער ים האָט גע־מאַכט אויסרינען די פאַרדרוסן.

די שיף האָט זיך געהוידעט צווישן מעכטיקע כוואַליעס און שטורעם־ווינטן.

ש. איזבאַן

קאַפּיטל ניינצן

אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס

די נייגעריקייט און שפּאַנונג ביי די פּאַסאַזשירן צו וויסן אין וועל־כער פּאָזיציע די שיף געפינט זיך און אין וועלכער ריכטונג זי צילט — די נייגעריקייט האָט זיך אָנגעהויבן פונעם ערשטן טאָג אָן, זינט מיר זע־נען אַרויס פונעם עגעאישן ים, פונעם אַדריאַטישן ים און זיך געלאָזט אויף די ברייטע וואַסערן.

די שפּאַנונג איז געוואַקסן מיט יעדער שעה. וואָס ווייטער פון אַ שפּור פון לאַנד — אַלץ גרעסער די אויפרעגונג און די דערוואַרטונג. עס איז אָן איינגעשטעלטער אָפּמאַך צווישן די הגנה־לייטער און דער מאַנ־שאַפט, אַז קיין פּאַסאַזשיר טאָר נישט וויסן אין וועלכע טעריטאָריאַלע וואַסערן ער געפינט זיך, וויפל מייל ער איז פון אַ לאַנד־ברעג און אין וועלכן טאָג ער וועט לאַנדן. ער טאָר דאָס נישט אויסגעפינען, פּונקט ווי ער טאָר נישט אויסגעפינען, ווער עס איז דער קאַפּיטאַן און וואָס זענען די נעמען פון די מאַטראָזן.

די פּאַסאַזשירן טאָרן דאָס נישט אויסגעפינען צוליב זיכערקייט־טעמים, אָבער פּאַסאַזשירן — און מעפּילים־פּאַסאַזשירן דערצו — זענען אומגעדולדיק. יעדע זאַך וואָס קען פאַרטרייבן דעם לאַנגווייל און הרגענען די איינטאָניקייט — איז אַ גוטער צייט־פאַרטרייב.

און נאָך פינף טעג פון אויסדויער און פון צוימען די שפּאַנונג, האָבן הייפלעך זיך אויסגעשטעלט איבערן דעק און גענומען ספּעקולירן: ווו אין דער וועלט געפינט מען זיך? די שיף וועט דאָך מוזן אַמאָל ערגעץ זיך אָפּשטעלן. זי וועט מוזן ערגעץ דערגיין. טאָ אויף וועלכע וואַסער־שטרע־קעס טראָגט זי זיך?

אַ חסידישער ייד פון קראָקע, מיט אַ העלער צעשויבערטער באָרד און דאָפּלטע ברילן־גלעזער אויף דער נאָז איז געווען דער טומלדיקסטער דע־באַטאַנט צווישן די גרופּן. ער האָט אָנגענומען מיט דער האַנט זיין קאַל־טון־באָרד, ווי מען נעמט אָן אַ האַלדז־טיכל און געליאַרעמט צו די אַרומיקע.

— הערטס, יידן, מיר וועט מען נישט פאַרקויפן קיין קאַץ אין זאַק! איך ווייס, ברוך השם, ווו איך בין אין דער וועלט!

— טאַ לאָמיר הערן! — האָט עמיצער זיך אָנגערופן.

— וואָס אַרט אייך? ס'איז דאָך אַ מיליטערישער סוד! מען דאַרף שווייגן. אָבער כ'ווייס!

— אַז מען ווייסט, רעדט מען!

— פאַרלאָזט זיך אויף מיר! כ'קען אויך געאָגראַפיע... כ'האָב געוווּסט ווען מען האָט זיך דורכגעגליטשעט דורך מעסינאַ. כ'בין וואָך געווען יענע נאַכט, ווען מען איז פאַרבייגעגאַנגען קאָרסיקאַ. כ'בין אויך נישט געשלאָפן ביי די סאַרדינער-אינדזלען...

— אַז איר ווייסט אַזוי פיל און איר זענט אַזאַ למדן אין געאָגראַ-פיע — האָט אַ יונגער מזרחיסט זיך געהיצט, — טאַ ווו געפינען מיר זיך איצט?

— אַז מען וועט זען לאַנד, וועל איך דיר זאָגן.

— אָט איז דאָך לאַנד! — האָט עמיצער אָנגעוויזן מיט אַ פינגער.

דאָס רעדל האָט געגאַפט אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג. פון גאָר ווייט, פון אַ נעפּל אַרויס, אַז מען האָט קוים געקענט זען, האָבן זיך אַרויס־געשיילט די קאָנטורן פון בערג. דער קראָקעווער ייד האָט פאַרקוועטשט די אויגן. ער האָט אַראָפּגענומען די אויגן־גלעזער, אויסגעווישט זיי, ווידער אַמאָל זיי צוריקגעזעצט אויף דער נאָז, געקוקט, געשנאָפּט און צום סוף געצויגן מיט די אַקסלען:

— ס'איז אַ צו-ווייטער מהלך. כ'דאַרף האָבן די פעלד־גלעזער.

— איך דאַרף נישט קיין פעלד־גלעזער! — האָט שרייענדיק זיך אַרויסגערוקט אַן אויסגעמאָגערט מענטשל מיט אַ קאָפּ, נאַקעט ווי אַ קני — איך וועל אייך באַלד אויסרעכענען דאָס גענויע אָרט, ווו מיר געפינען זיך. דעם ווייפלסטן טאָג זענען מיר אויפן וואַסער? דעם זעקסטן? ווען זענען מיר אַרויס פון איטאַליע? מיט אַ וואָך צוריק? וואָס האָבן מיר היינט, פרייטיק?

זיין אויסרעכענונג האָט געדויערט עטלעכע היבשע ווײַלעס. ער האָט געקוקט אין הימל אַריין ווי אַ שטערן-זעער, כאָטש ס'איז געווען העלער

טאָג. ער האָט געמאָסטן דאָס וואַסער מיט פאַרזשמורעטע אויגן, ווי ער וואָלט וועלן אויסרעכענען דעם שפּאַן צווישן דער שיף און דעם ווייטן לאַנד און דערנאָך פייערלעך דערקלערט:

— מיר זענען אין דער געגנט פון גריכנלאַנד!

— און באַווייזן דאָס דאַרף מען נישט? — איז איינער ארויסגעשפּרונגען מיט אַ טענה.

דאָס אויסגעמאָגערטע מענטשל מיט דעם נאַקעטן קאָפּ האָט אָנגענומען זיין אָפּאָנענט פאַר אַ האַנט און שטיל אין אים אַריינגערעדט:

— זעסט יענעם פּאַס לאַנד? דאָס איז גריכנלאַנד! כ׳קען עס דערשמעקן מיילן ווייט! כ׳קען עס דערשנאַפּן איבער אַ גאַנצן אָקעאַן, ווי דו קוקסט מיך אָן האָב איך זיך דאָרט געשלאָגן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. כ׳בין געווען אַ דייטשער סאָלדאַט.

עמיצער האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. דאָס רעדל איז זיך נישט פונאַנדערגעפאַלן. ווער עס האָט געגלויבט איז געבליבן. ווער עס האָט געצווייפלט — האָט געמאַכט אַ פּאָר שפּרייז ווייטער.

איבערן דעק האָט זיך פאַרבייגעטראָגן דער אירלענדישער מאַטראָז מיגועל מעקדאָנאַלד אָדער מעק, אין אַ פּאָר בלויע הויזן מיט סאַנדאַלן. דער אויבערשטער טייל קערפּער — נאַקעט.

מעק איז שטאַרק ווי שמשון און רויט ווי אדום. מעק איז דער פּאָפּולערסטער מאַטראָז צווישן די פּאַסאַזשירן. ער לאַכט ווען ער דאַרף זיין ערנסט. ער שמייכלט ווען ער דאַרף זיין שטרענג. פון אים — איז מען זיכער — וועט מען קענען ארויסקריגן, אויב נישט פולע אינפאָרמאַציע, איז כאָטש אָן אָנדייט, אַן אָנצוהערעניש.

אַ שוואַרץ־האָריקער בחור פון קיבוץ „איחוד" האָט זיך געמאַכט האַרץ און אים אָפּגעשטעלט:

— זאָג אונדז מאַטראָז, ווו געפינען מיר זיך ערגעץ אויף גאָטס וועלט?

— כ׳ווייס נישט, — שמייכלט דער רויטער מאַטראָז.

— ווילסט מיר זאָגן, אַז מען באַהאַלט פון דיר אויס די ריכטונג פון דער שיף?

— מען באַהאַלט אויס!

— דו שפּאסט! יעדער מאַטראָז קען לייענען די מאַפּע, און יעדער ים-מענטש פאַרשטייט זיך אויף פּלענער.

— ריכטיק. אָבער ס'איז אין די אינטערעסן פון אונדזער אַרבעט צו קענען ווייניק און צו פאַרשטיין נאָך ווינציקער.

— ערן־וואָרט ווי ער איז גערעכט מיט זיינע ענטפערס, — צעשרייט זיך אַ פעסטער טשעכישער ייד, אַנגעטאָן שווער ווי אַ באַרג-קלעטערער, — וואָס גייט אייך אַזוי אין לעבן צו וויסן די פּאָזיציע פון דער שיף? וואָס גייט אייך אַזוי אין לעבן אַרונטערצוקוקן אונטער יענעמס טעפּל?

אַ צווייטער ייד אונטערשטיצט דעם פאַרוואורף.

— אַזוי איז דאָס! ווייניקער געפרעגט און ווייניקער געוווסט, — וועט זיין מער שאַנס צו לאַנדן!

— אָ, ווען מען זאָל זיכער זיין, אַז ס'וועט געלינגען צו לאַנדן! — האָט אַן עלטערער ייד אויפגעהויבןביידע הענט, ווי צו אַ געבעט.

— אונדזער שיף וועט לאַנדן! — האָט דער אירלענדישער מאַטראָז פאַרזיכערט דעם רעדל.

— און די ענגלישע בלאָקאַדע?

— ס'וועט נישט זיין קיין בלאָקאַדע!

— ס'וועט נישט זיין?

צוויי ווייבער, ביז איצט שטומע צוהערערינס צום שמועס, האָבן אָנגעטאָן האַניק־שמייכלען אויף זייערע ליפּן און געזאָגט:

— מיר מאַכן זיך נישט קיין אילוזיעס. מיר ווייסן, אַז מען וועט גיין קיין ציפּערן. און מען איז גרייט אויף דעם.

— הייסט עס, מען קען נישט אויסמיידן ציפּערן? — האָט איינער געפרעגט.

— מען קען נישט! ס'איז די זיבעטע גהינום־אָפּטיילונג, איידער מען גייט אַריין קיין ארץ!

ס'איז שוין געווען נאָכמיטאָג. אַ פּאָר שעה פאַר ליכט־צינדן און אין ווינקל פון די אגודה־יידן, פון די מזרחי־יידן האָט זיך גערודערט. די פאַרלעגנהייט איז געווען גרויס. די מצוה פון הדלקת הנרות איז אומבאַדינגט. אָבער ווי אַזוי פירט מען עס דורך?

אונטן, צווישן די גזשענדעס האַלץ, צווישן די ברעטער־געלעגערס טאָר מען קיין פייער נישט אָנצינדן. קיין איבעריקער אינטש פּלאַץ איז נישטאָ. דער וווּנדער איז געגנוג גרויס, אַז פון אַ קליינער לאַסט-שיף איז איבערנאַכט געוואָרן אַ פּאַסאַזשיר-שיף וואָס שלעפּט אַריבער פופצן הונ־דערט פּאַסאַזשירן. און זי שלעפּט עקשנותדיק. אויף לעגאַלע שיפן זענען פאַראַן רויכער־צימערן, זאַלן, קאָרטן-שטובן, קינאָ, אַפילו אַ שול מיט אַ ספר תורה איז פאַראַן. און דאָ, אויף דעם שווימענדיקן געצעלט פון ישראל?

אָבער אָפּהענטיק טאָר מען נישט ווערן. אין געציילטע מינוטן איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ דעלעגאַציע. צוויי פון מזרחי, צוויי פון דער אגודה. מען איז געגאַנגען אויסבעטן ביים קאַפּיטאַן אַ ווינקל, וווּ די יידי־שע פרויען זאָלן קענען ליכט בענטשן.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך דערשראָקן. די מורא פאַר אַ שׂרפה איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט גערופן אויף אַ באַראַטונג דעם שעף־אינזשעניער, וואָס איז דער ממונה איבער פייער, ליכט און וואַסער. עס האָבן זיך אַריינ־געמישט די הגנה-באַגלייטער. עס איז אָנגעקומען דער צייטונגס־מענטש, דער רעגיסטראַטאָר פון אַלע פּאַסירונגען אין פאַרלויף פון יעדער שעה אין מעת לעת.

דער צונופרייד איז געווען אַ קורצער. דער באַשלוס — גינסטיק. עס איז געגעבן געוואָרן די דערלויבעניש צו בענטשן ליכט מיט דעם באַדינג, אַז די מינדסטע געפאַר פון אַ שׂרפה-אויסברוך זאָל אויסגעמיטן ווערן.

צום דינסט איז געשטעלט געוואָרן דאָס עס-צימער פון דער מאַנ־שאַפט. יעדע פרוי וועלנדיק אָנצינדן ליכט, האָט געדאַרפט אָנשטויצן אַ האַלבע ליכט. עס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן איבער די לאַנגע טישן בלע־כענע פּרוכט-קענדלעך, אָנשטאָט די לייכטער, וואָס האָבן געפעלט. די גע־קאָוועטע טירן זענען פאַרהאַמערט געוואָרן. צוויי פרייוויליקע וועכטער האָבן זיך געשטעלט פון ביידע עקן טישן אַכטונג צו געבן דער ווינט זאָל נישט צעבלאָזן די ליכט און נישט אַריבערשלעפּן דאָס פייער אויף די הילצערנע ווענט.

איינציקווייז האָבן די יידישע פרויען זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום עס־צימער, כדי מקבל צו זיין דעם שבת.



אַן „אומלעגאלע" שיף אין חיפה, פון וועלכער די מעפּילים ווערן איבערגעפירט קיין ציפּערן

די פרייען זענען געקומען אין וואכעדיקע קופסעס, אין שטערנטיכלעך, אין [illegible] הייבלעך. זיי זענען געקומען אין שבתדיקע קליידער, אין געבלי־מ[illegible] שאלן. זיי האבן איינע נאך דער אנדערער אנגעצונדן די ליכט, פארכ־טיק [illegible]ארלייגט די הענט איבער די אויגן און מיט יראה האבן געמורמ[illegible]ן זייערע ליפן.

און ווען די שטיקלעך ליכט האבן זיך צעפלעמלט, האבן זיי נישט געברענט [illegible]וי קאפטשענדיקע קינדלעך, נאר געפלאקערט ווי מנורות, ווי פאקלפייער[illegible] וואס פירן אריין דעם שבת־קודש אין דעם אינגעווייד פון דער שיף.

א פערטל שעה שפעטער האבן אויפן אויבערשטן דעק זיך פארזאמלט [illegible] פאר הונדערט יידן כדי מקבל שבת צו זיין דורך דאווענען מעריב. עס [illegible] געקומען פרומע און פריידענקער, שטארק אפגעהיטענע און לייכטע [illegible]. מען האט געשטראמט איבער אלע טרעפ־לייטערס. עס איז געווע[illegible] א גרויסער דראנג צו דעמאנסטרירן דעם איבערגאנג פון די וואכעדיקע זע[illegible]ס טעג צום אויסדערוויילטן שבת. די מעלאדישע קולות פון לכו נרננה זענען אקאמפאנירט געווארן פון די פלעסקענדיקע ים־כוואליעס.

נאכן דאווענען איז דער בעל־תפילה ארויפגעגאנגען אויפן קאפיטאנס בריק און געדאנקט דעם טאטע פון דער שיף:

— יישר כוח, קאפיטאן, ווייסט איר וואס עס הייסט פאר יידישע פרויען צו בענטשן ליכט אויפן וועג קיין ארץ ישראל?

— כ'ווייס.

— קענגן אזא קבלת־שבת קען קיין בייזער כוח נישט ביישטיין, קאפיטאן, די מצוה איז גרויס!

— די מצוה איז גרויס, אבער די שיף איז איינגעשטעלט!

— אין דעם זכות וועט מען אויסמיידן די ענגלענדער, קאפיטאן!

— מען וועט!

די פייערלעכקייט פון פרייטיק־צו־נאכטס האט זיך נישט געענדיקט נאכן דאווענען. יעדער קיבוץ, יעדע גרופע האט זיך געטראגן צו אן אנדערן ווינקל פון שיף צו זוכן אטראקציע, צו געפינען פארוויילונג.

אויף דער פראמענאדע האט זיך געזאמלט דאס רירעוודיקע יונגווארג פון השומר הצעיר. עס איז פונקט אזוי אויסגעפאלן, אז דער דאזיקער

פּרייטיק האָט פאַרצייכנט דעם צווייטן יאָרטאָג נאָכן סוף פון דער מלחמה, וואָס האָט פאַרטיליקט מיליאָנען טהורים וקדושים. מען האָט זיך געגרייט צו פייערן דעם יאָרטאָג נאָך דעם זיג אויפן אָפענעם דעק פון דער פּליטים־שיף.

א ריזיקער מענטשן־ראָד געפלאָכטן דרייפאַכיק, פירפאַכיק, זעקספאַכיק, האָט זיך אויסגעזעצט אַרום די באַריערעס. איבער יעדע טרעפּ־זייטן האָבן געלויכטן רעפלעקטאָרן. איבער די קעפּ — א הימל מיט שטערן. און אין מיטן ראָד איז געשטאַנען אַן אויסגעצערטער מעפּיל און אויפגעוויקלט פאַר די צוהערער די דערמאָנונגען פון די יאָרן פון אומשלאָג־פּלעצער, יאָרן פון קאַלך־אויוונס, יאָרן פון סיסטעמאַטישער פאַרטיליקונג פון אידישן פאָלק.

דער אויסגעצערהטער מעפּיל האָט גענומען רעגיסטרירן. ער האָט גענומען א שוידערלעכן אינווענטאַר. ער האָט געוויגן און געמאָסטן די גרויס פון חורבן. ווי מוראדיק אומגלייך איז די איינטיילונג! הונדערטער אויף מעפּילים־שיפן — צו באַפרייאונג און דאָס אַש פון מיליאָנען צעזייט איבער פוסטע פעלדער און וועלדער!

זיין אזכרה איז געווען דער בלוט־לאָזער צינז וואָס עס האָבן געצאָלט די איבערגעבליבענע צו די אומגעקומענע. דאָס איז געווען דער קדיש פון די מעפּילים אויף די צעשפּרייטע בית־עלמינס אין אייראָפּע.

עס האָבן געשפּילט פידלען און עס האָבן געברומט גיטאַרעס. אין זייערע קלאַנגען זענען געווען די טענער פון די אבלי־ציון. אין דער טרויעריקער מוזיק איז געווען די אָנקלאַגע און די וואָרענונג, אַז עס וועט נישט פאַרגעסן ווערן און עס וועט נישט פאַרגעבן ווערן דאָס, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן צו דער יידישער אומה.

מיידלעך האָבן מיט מעלאַנכאָלישע קולות דעקלאַמירט לידער. דאָס זענען געווען פערזן אומעטיקע, מרה־שחורהדיקע. אין די פערזן האָט געפעלט די עלעמענטאַרסטע קראַפט פון שירה. קיין איינס פון די אויסגעשריגענע לידער האָט זיך נישט דערהויבן צו קיין פּאָעטישן ניוואָ. אָבער א סקרוך איז דורך איבערן לייב, ווען דיינע אויערן האָבן איינגעזאַפּט די טראַגישע זילבן.

„ס'איז שטיל אין אייראָפּע" — האָט זיך געזאָגט אין אַ ליד אין פּויליש, רעציטירט פון אַ יונגער מעפּילה. ס'איז שטיל אין אייראָפּע — האָט זיך איבערגעחזרט דער אומעטיקער רעפריין אויף די ליפּן פון דער בלאַסער דעקלאַמאַטאָרין, וואָס האָט אין יענעם אויפדערנאַכט אויסגעזען ווי די קליינע ביבלישע רחל, די וויינענדיקע מאַמע... ס'איז שטיל אין אייראָפּע... נישטאָ מער קיין יידן. נישטאָ קיין מאַרק-הענדלער, קיין בייגל-פּאַרקויפער, קיין הערינג-קרעמער... נישטאָ קיין וואַיאַזשאָרן, קיין פּאַברי־קאַנטן, קיין סטודענטן, קיין בני־תורה... ס'איז שטיל אין אייראָפּע. אוי, ווי מוראדיק שטיל!

אין אַן אַנדער ווינקל פון דער שיף האָט דער לאַגער פון די רעוויזיאָ־ניסטן זיך פאַרזאַמלט צו דערמאָנען די פייערונג, פונעם נאָר וואָס פאַר־גאַנגענעם ל"ג בעומר. אַ טייל רעוויזיאָניסטן האָבן אָנגעטאָן די אוני־פאָרמען פון בית"ר. די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן געוואָלט אַריינברענגען קאָ־ליר אין דער פייערונג און דערמאָנט געשיכטלעכע העלדן. בר־כוכבא, רבי עקיבא, דער אויפשטאַנד קעגן די רוימער.

אַ רעדנער האָט זיך אויפגעשטעלט. זיין רעדע איז געווען מיליטאַנ־טיש קעגן דעם ענגלישן אָקופּאַנט. זי איז אָבער — צו אַלעמענס איבער־ראַשונג — געווען אַפּיזעריש צו דער יידישער מחנה. קיין איין וואָרט פון טאַדלונג קעגן די קעגנערישע לאַגערן. דער רעדנער האָט גערופן צו אחדות אין דער גרויסער נויט־שעה קעגן דעם פרעמדן שונא, דערמאָנט אַז ברו־דער-מלחמות האָבן געבראַכט צו איין חורבן, צו אַ צווייטן חורבן. און דעם דריטן חורבן וויל דאָך בלויז דער שונא.

די מורא פאַרן חורבן האָט געבווירן אַ טיפע שטילקייט. די שטילקייט האָט אָנגעשטעקט די הונדערטער צוהערער. עס האָט אָנגעשטעקט די שטענדיק לוסטיקע מאַנשאַפט, וואָס איז געווען אַריינגעפלאָכטן צווישן די צוהערער. די שטילקייט האָט אָנגעשטעקט דעם ים, וואָס איז געוואָרן פלאַ־כער, פאַרשלונגען די אייגענע כוואַליעס און זיך געוויגט רואיק, ווי אַ טייך.

ש. איזבאַן

קאַפּיטל צוואַנציק

מען גרייט זיך צום ווידערשטאַנד

ס'איז שוין געווען דער דריטער טאָג, ווי אונדזער שיף איז געשווומען לענגאויס די ברעגן פון טערקיי און קיין פאַרדעכטיקע זאַך האָט זיך נישט אָנגעזען אויף די וואַסערן. קיין אויסשפּיר-עראָפּלאַנען זענען נישט אַנטקעגנגעקומען. די אָפּטימיסטן צווישן דער מאַנשאַפט זענען געווען האפערדיק. דער קאַפּיטאַן האָט געהויבן דעם דריטן כוס. די זיכערקייט, אַז זיין סטראַטעגיע איז דערפאָלגרייך, אַז דאָס, וואָס ער פירט די שיף אויף אומוועגן — דורך דער טערקישער הינטער־טיר — וועט אויסמיידן די ענגלישע בלאָקאַדע, די זיכערקייט האָט אים געשטויסן צו באַנייען זיינע רעוואָלוציאָנערע פּלענער וועגן די צוקונפטיקע ים־רייזעס.

ער האָט נישט פאַרגעסן צו אונטערשטרייכן זיין פאָדערונג צו די פירער פון דעם אומלעגאַלן פּלאַט: רויך־טעפּ פאַר אַ רויך־פאָרהאַנג, גאַזמאַסקעס קעגן די גאַז־באָמבעס און אייזערנע הערנער, וואָס זאָלן אָפּשטויסן ענגלישע קריגס-שיפן, אויב זיי וועלן זיך דערנענטערן.

דער קאַפּיטאַן איז געווען פול מיט ענטוזיאַזם. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט די דריי הגנה־באַגלייטער אָנצוהייבן זייערע צוגרייטונגען צום ווידערשטאַנד, אויב אַן ענגלישער אָנגריף זאָל זיין אומפאַרמיידלעך. קודם כל זענען אַלע צוגעשטעלטע איינריכטונגען אויף די דעקן פון דער שיף געוואָרן אַראָפּגעריסן. די פּראָוויזאָרישע טואַלעטן, די וואַש־צימערן, אַפילו די הילצערנע באַראַקן, וואָס זענען פול געווען מיט בעטלעך פאַר די מאַטראָזן, זענען צעשטערט געוואָרן. די פאַרניכטונגס-אַרבעט איז צוגעגאַנגען מיט אומגעוויינלעכן טעמפּאָ. העק האָבן זיך געהויבן, האַמערס האָבן געקלאַפּט. אין איין שעה צייט האָט די שיף באַקומען דעם אויסזען פון אַ געוויינלעכער לאַסט־שיף, וואָס וואָגלט איבער ימען.

די דיסטאַנץ צווישן די טערקישע ברעגן און חיפה איז נאָך געווען אַ לאַנגע. עס איז אויסגערעכנט געוואָרן, אַז די שיף וועט — אָן דער אינטערווענץ פון די ענגלישע קריגס־שיפן — קענען לאַנדן אין ארץ ישראל

אין צוויי טעג ארום. אויף די ארץ ישראלדיקע ברעגן גרייט מען זיך פי־בערהאפטיק צו אונדזער אנקום. די געהיימע ראדיא כאפט אויף איין סיגנאל נאכן צווייטן. דער קאנטאקט איז אומצערייסבאר. די אינסטרוק־ציעס קומען איצט יעדע שעה. און איבערן דעק זאמלען זיך שוין רעדלעך. די אפטימיסטן האבן דאס ווארט:

— איצט קומט עס!

— גאנץ ארץ ישראלווארט אויף אונדז!

— מיר זענען געווען יתומים אין די קאצעטן — האט א ייד זיך צע־רעדט — מיר זענען געווען שטיף־קינדער אין די לאגערן. אבער דא, נאענט צו די ברעגן, ווערן מיר א חלק פון ישוב.

א מאגערע פרוי מיט א צעקארבט פנים האט צוזאמענגעלייגט די הענט מיט א קרעכץ:

— זאל נאר די לאנדונג געלינגען!

— כ'ווייס נישט. כ'גלויב נישט אין „זאבאבאנעס" — האט אן אויפ־געהייטערטער פארשוין זיך אנגערופן — אבער דאס הארץ זאגט מיר עפעס, אז דאס מאל וועט עס געשען.

— פארוואס זאל עס נישט געשען? — האט דער צווייטער מיט א מינע פון א סודות־ווייסער אונטערגעהאלטן — קוק, דאס ערשטע מאל ווי א הגנה־שיף גייט אין א פארקערטער ריכטונג. ס'וועט די ענגלענדער אפילו נישט איינפאלן צו שנאפן אין דער געגנט.

— הלוואי! פון דיין מויל אין גאטס אויערן!

— וואס מיינסטו, מיר גייען אין א פארקערטער ריכטונג? — האט א צווייטער אונטערגעהאלטן.

דער סודות־ווייסער האט אנגענומען דעם פרעגער פאר אן ארעם און אים אנגעוויזן די ברעגן:

— זעסט דאס לאנד דא ארום?

— כ'זע.

— איצט מעג מען שוין אויסזאגן דעם סוד. מיר פארן אין די וואס־סערן פון טערקיי... אנשטאט צו מאכן דעם קורצן שניט פון איטאליע קיין חיפה, זענען מיר געשוווּמען דורך הינטערוועגן.

— נו? האָט געפרעגט דער תם.

— נו, האָבן מיר פאַרלוירן פינף איבעריקע טעג. אָבער דער וועג איז אַ זיכערער. מען זעט נישט קיין ענגלישע אויסשפיר־שיפן אין די וואַסערן.

דאָס רעדל האָט געגאַפּט אויף דעם סודות־ווייסער, ווי צו אים וואָלטן דערגאַנגען אַלע געהיימע ידיעות. דער ייד האָט זיך געפילט דערהויבן אין זיין פּאָזיציע און מיט אַ געהיימניספולער העויה ווייטער גערעדט:

— כ׳וויים נאָך עפּעס. כ׳וויים, אַז אויף די ברעגן פון תל־אביב און אויף די ברעגן פון חיפה און אפילו לענגאויס פון גאַנץ מפרץ־חיפה וואַרט די גאַנצע באַפעלקערונג אויף אונדז...

— ווי קען אַ גאַנצע באַפעלקערונג וואַרטן? — הערט זיך אַ קול.

דער סודות־ווייסער האָט גענומען צו הילף זיינע צוויי ביינערדיקע הענט, כדי צו דערקלערן דעם ענין ברייטער:

— איר פאַרשטייט ווי עס גייט צו אַ לאַנדונג? דער קאַפּיטאַן וואַרט אויף אַ באַפעל וווהין אַריינצוקומען... לאָמיר זאָגן, פון ארץ ישראל סיג־נאַליזירט מען, ער זאָל פאַרקירעווען די שיף קיין תל־אביב. דער טאָג איז גראַד שבת. דער ברעג איז געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס באָדן זיך... אַז אונדזער שיף פאַראַנקערט, לויפן מיר אַלע אַראָפּ אויפן ברעג, וואַרפן אַראָפּ פון זיך די קליידער און מישן זיך אויס מיט די באָדנדיקע... מענטשן אין באָד־קאָסטיומען איז שווער צו פונאַנדערשיידן איינעם פון צווייטן.

— און טאָמער קומט אונדז אויס צו לאַנדן ערגעץ אַנדערש? — פרעגט עמיצער.

— דעמאָלט וואַרט מען אויף אונדז מיט גרויסע לאַסט־אויטאָס. דער גאַנצער ישוב וואַרט אויף אונדז... אַ גאַנץ פאָלק וואַרט... מען פּאַקט אונדז אויף די אויטאָס, מען מאַכט פּליטה און מיר צעשפּרייטן זיך איבערן לאַנד.

— דאָס לייגט זיך מער אויפן שכל.

— זאָל נאָר קומען אַ לאַנדונג, זענען מיר די געווינער! — פּאַרזי־כערט דער סודות־ווייסער.

אין מיטן די היציקע שמועסן פון די רעדל־שטייערס, אין מיטן די

גביאות־זאגן וועגן דעם אופן פון דער לאנדונג זענען אנגעקומען הגנה־באַ־גלייטער און גענומען אָרגאַניזירן די ווידערשטאַנד־גרופּן.

די סטאַליאַרעס צווישן די פּליטים זענען געוואָרן באַשעפטיקט. די שלאָסערס זענען געוואָרן אַקטיוו. אינסטאַלאַטאָרן און מאַשיניסטן האָבן געקראָגן פולע הענט מיט אַרבעט. מען האָט אָנגעשלייפט פּרענטעס. מען האָט אָנגעשניצט העלצער. פון שטעקנס זענען געוואָרן קלאַבס. רערן און אייזערנע קראַטעס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שלאָג־געצייג, אין פאַר־טיידיקונגס־וואָפן קעגן שונא, וועלכער וויל פאַרכאַפּן אַ שיף, וואָס פירט די רעשטלעך פון ישראל צו די יידישע ברעגן.

פון דער מאַשינען־אָפּטיילונג זענען אַרויסגעקומען דער שעף־אינ־זשעניער מיט עטלעכע מאַטראָזן און אָנגעהויבן אויפצושטעלן באַריערעס און פאַרצווימונגען אַרום יעדע זייטן שיף. די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו די אונטערשטע שטאָקן זענען געוואָרן פאַרוויקלט מיט שטעכיקע דראָטן. די לייטערס צו דער פּראָמענאַדע, צום פּראָזשעקטאָר־טורעם און צום קאַ־פּיטאַנס בריק זענען געוואָרן אויסגעשמירט מיט פעטן אייל און מיט שמיר־גריז. עס זענען באַנוצט געוואָרן אַלע שטרויכלונגס־מיטלען, כדי צו שטערן די ענגלענדער, אָדער כאָטש צו פאַרלאַנגזאַמען זייער אַרויפקלעטערן אויף דער שיף, ווען אַן אָנגריף זאָל קומען.

אין אַלע ווינקלען פון דער שיף האָבן די ווידערשטאַנד־גרופּן אָנגע־הויבן זייערע פּראָבן. די הגנה־באַגלייטער, ווי קאָמאַנדירן, האָבן געגעבן אינסטרוקציעס, ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט וואָפן, ווען דער קאַמף וועט אָנהאַלטן. און די רעפּעטיציע איז אָנגעגאַנגען מיט דעם גאַנצן ברען.

די ווידערשטאַנד־גרופּן, פיל פון זיי פּאַרטיזאַנען, געטאָ־קעמפער, וועט־עראַנען פון סטאַלינגראַד, פון סעוואַסטאָפּאָל, פון וואַרשע, האָבן גע־קאָכט פון אויפרעגונג ביים בלויזן געדאַנק, אַז זיי וועלן דאַרפן באַגע־גענען די ענגלענדער. קולות זענען געפאַלן:

— לאָמיר שפּאַלטן זייערע קעפּ!

— מיר וועלן זיי אַראָפּשליידערן אין וואַסער אַריין!

— אַזעלכע ים־רויבערס!

— פּיראַטן!

אונטן, אין דער מאַטאָרן-אָפּטיילונג, זענען אַלע ווענט און אויך טייל מאַשינען באַדעקט געוואָרן מיט באַליידיקנדיקע אויפשריפטן קעגן די ענג־לענדער, מיט צאָרנדיקע פּראָטעסט-אויסרופן און מיט נאַציאָנאַלע לאָזונגען.

אַלץ איז צוגעגרייט געוואָרן אַזוי, אַז דער ווילקאָמען פאַר די ענגלישע אָנגרייפער זאָל זיין וואָס מער פיינלעכער און מער באַליידיקנדיקער.

צוזאַמען מיט די פּאַרטיידיקונגס-צוגרייטונגען זענען אַלע פּאַסאַזשירן באַפוילן געוואָרן אַראָפּצוגיין אין די אונטערשטע דעקן און דאָרט בלייבן ביז צו דער שעה פון דער לאַנדונג. צוליב דעם, וואָס אונטן האָט געהערשט אַ שטיקעניש, אַ מאַנגל אין לופט האָבן די פּאַסאַזשירן געקראָגן זייער קאָמפּענסאַציע. עס זענען אויסגעטיילט געוואָרן גאַנצע פּעק מיט סיגאַרעטן, מיט שאָקאָלאַד און קייַ־גומי.

אין אַזאַ שטימונג, אין אַזאַ צוגרייטונגס-פיבער צו באַגעגענען דעם שונא, איז די שיף רואיק געשוואומען לענגאויס די ברעגן פונעם טערקישן לאַנד. בערג מיט שממה און פּיראַמידעס זענען געווען איינגעהילט אין גרינע נעפּלען. דאָס האָט זיך געשפּרייט אַ ווייסט הינטערלאַנד אין אַ וועלט, ווו פעלקער פעכטן אוים מלחמות צוליב אַ שטח לאַנד.

די זעלבע נאַכט האָט דער ראַדיאָ-סיגנאַליסט אויפגעכאַפּט אַ באַפעל, וואָס איז געקומען פון אַ סטאַנציע אין ארץ ישראל. דער באַפעל האָט אַי־בערגעגעבן דעם נאָמען פאַר דער שיף. עס איז געווען: לאָרד דזשיימס באַלפור.

יעדע פליטים-שיף שווימט אונטער אַ פרעמדן נאָמען און אונטער אַ געבאָרגטער פאָן כמעט דעם גאַנצן וועג. אָבער עטלעכע טעג איידער זי דערנענטערט זיך צו די ארץ ישראל ברעגן, ווערט זי געיידישט. זי קריגט אַזאַ יידישן נאָמען, ווי עס ווערט באַשטימט פון דער הגנה אין ארץ יש־ראל. זי ציט אַרויף די יידישע פאָן און אַזוי שווימט זי צו די יידישע ברעגן.

דאָס מאָל האָט די שיף געקראָגן דעם נאָמען באַלפור.

כאָטש ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, האָט די נייעס בליץ־פלינק זיך פאַרשפּרייט צווישן אַלע וואַכנדיקע פּאַסאַזשירן.

צווישן דער מאַנשאַפט, צווישן די הגנה-באַגלייטער איז געווען אַן

אומצופרידנקייט. כמעט אלע האבן זיך באטייליקט אין דיספוט. פארוואס עפעס באלפור אויף דער יידישער שיף איצט, ווען די יורשים פון באלפור פארצוימען די ברעגן פון לאנד? איצט ווען זיי סאבאטירן די ירושה פון באלפור?

אריבער א שעה האט אנגעהאלטן דער וויכוח. פארוואס באלפור? נאך „שטרומא", נאך „פאטריא", פארוואס באלפור? נאך דעם „ווייסן פאפיר", נאך ציפערן, פארוואס באלפור?

אבער דער באפעל פון דער ארץ ישראלדיקער הויפט־קווארטיר איז א באפעל וואס מען דארף אויספאלגן. צוויי מאלער פון דער מאנשאפט זע־נען באפוילן געווארן צו מאלן צוויי באלפור־שילדן, כדי זיי אויפצוהענגען אויף דעם קאפיטאנס בריק.

אין דער זעלבער צייט האט א ראדיא־סיגנאל קיין ארץ ישראל אויס־געדריקט די אומצופרידנקייט פון דער מאנשאפט מיט דעם נאמען.

פלוצים זענען די שיף־דעקן אויפגעטרייסלט געווארן פון געשרייען. א פאר ווייבער זענען געלאפן און געבראכן הענט. די טירן פון דער גע־שלאסענער קליניק זענען געווארן אויפגעפראלט. פון דער מאטארן־אפ־טיילונג האט מען ארויפגעפירט א זעכצן יאריקן יינגל מיט אן אפגעהאקטן פינגער.

דער אומגליק־פאל איז געשען מיט א העלפער אין דער מאשינען־קאמער. די מעפילים, ווען זיי קומען ארויף אויף דער שיף, ווילן זיי זיך מאכן נוצלעך אומעטום. זיי גייען העלפן אין דער קיך, אויפן קאפיטאנס בריק, ביי די מאטארן, ביי דער באדינונג פון די פאסאזשירן.

אן אמביציעזער יינגל, לייבעלע, א יתום פון ווארשע, וואס האט צו־געהאלפן ביי די אייל־קעסלען, האט אריינגעדרייט א האנט אין א מאשין־ראד. די אומפארזיכטיקייט האט אים געקאסט א האלבער ווייז־פינגער, וואס האט זיך נאך געבאמבלט אויף א שטיקל ביין.

דער אלארמירטער דאקטאר האט געטאן אלץ אום אנצוהאלטן די אי־לוזיע ביים יינגל, אז ער וועט בלייבן ביים פינגער. ער האט אונטערגעלייגט א ברעטל, פארבאנדאזשירט די האנט און ווי א צולייג איבערגעלאזט א פאר אויפמונטערנדיקע ווערטער.

די אָפּעראַציע פון אַמפּוטירן דעם פינגער איז אָפּגעלייגט געוואָרן ביז חיפה.

עס איז געווען די אויפגאַבע פון דער גוטער קראַנקן-שוועסטער צו באַרואיקן דעם יונגן פּאַציענט. זי האָט געטוליעט זיין האַנט צו זיך. זי האָט געגלעט זיין שטערן, געקעמט זיינע צעשויבערטע האָר און אים גע־טרייסט.

דאָס גאַנצע ביסל רחמנות און צערטלעכקייט וואָס עס פּאַרמאָגט אַ ווייבלעך האַרץ האָט זי אַריינגעלייגט אין אירע טרייסט-ווערטער:

— וויין נישט, לייבעלע, האָסט בלויז אַ וווּנד. ביסט אַ סאָלדאַט און דו ביסט פאַרוווּנדעט געוואָרן...

— כ'וועל בלייבן אָן אַ פינגער, שוועסטער! — האָט לייבעלע גע־כליפּעט.

— בלויז אַ האַלבער פינגער, לייבעלע — האָט די רחמנות־שוועסטער נישט געלאָזט איבערטרייבן — מען וועט דיך דערפאַר נישט שיקן קיין ציפּערן... דו וועסט בלייבן אין ארץ...

דאָס יינגעלע האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען.

— וויינסט, לייבעלע? אַ מעפּיל וויינט? אַ חיל, וואָס גייט קיין ארץ ישראל וויינט?

מען האָט לייבעלען אַרויפגעלייגט אויפן בעטל. זי האָט זיך געזעצט נעבן אים ווי נעבן אַ יונגן ברודער און גערעדט:

— איז דען דיר נישט ווערט אָוועקצוגעבן אַ האַלבן פינגער זאָלסט קענען בלייבן אין ארץ? וואָס איז אַ פינגער, לייבעלע? איך וואָלט אָוועק־געגעבן אַ האַלבע האַנט... געדענקסט די שבועה, לייבעלע, אם אשכחך ירו־שלים תשכח ימיני?...

לייבעלע האָט אויפגעהערט צו וויינען.

קאפיטל איין און צוואנציק

באגעגעניש מיט ענגלישע קריגס-שיפן

נאך א טאג איז פארביי. אויפן צווייטן פרימארגן איז די שיף געווען אין די וואסערן פון לבנון. דאס בערגיקע לאנד האט געמיניעט מיט אירע קאלירן. קייטן מיט בערג ווי ריזיקע קעמל-הארבן, האבן זיך געצויגן אין דער אומענדלעכקייט אריין.

די קליינע לבנון-ערד האט מיט אמאל געוווּנען מאס און געקראגן עקספאנסיע. צי ווייל די שפאנונג, וואס מען זעט נישט דעם שונאס שיפן איז געשטיגן, צי ווייל יעדע שעה איז איצט פארוואנדלט געווארן אין אן אייביקייט. אזוי צי אזוי — די גאנצע מאנשאפט האט געלעבט צווישן זארג און דערווארטונג.

די מאטראזן זענען געשטאנען אויפן דעק און געגאפט צו די ברעגן.

פרוכטבארע ערד-פלאכן, געשניטן און געקעסטלט ווי א שאך-ברעט, האבן זיך געשפרייט צווישן קרייד-בערג און סעדער. אין די טאלן האבן פאסטוכער געפיטערט זייערע שאף. ווייסע הייזער און געצעלטן זענען געווען פארזייט אויף ווייטע שטרעקעס. איבער די שאסייען, וואס האבן זיך געשנירלט צווישן די בערג, זענען געלאפן אויטאמאבילן, אין דער גרויס פון מוראשקעס.

סיי די מאטראזן, סיי טייל פון די געוואגטע פאסאזשירן זענען געשטאנען גרייט אנגעטאן אין באד-הויזן, טאמער וועט מען דארפן, בעת דער לאנדונג, צושווימען א פאר מייל צום ברעג.

דער קאפיטאן און די הגנה-באגלייטער זענען נישט אפגעטראטן פונעם ראדיא. מען האט געווארט אויף אינסטרוקציעס פון די ארץ ישראל ברעגן.

ניין אזייגער איז געקומען א סיגנאל, אז דער נאמען פון דער שיף ווערט געביטן פון „באלפור" אויף „התקוה". די צוויי מאטראזן-מאלער האבן פלינק גענומען איבערמאלן די שילדן. מען האט די שילדן געהאלטן

גרייט, טאָמער וועט מען דאַרפֿן, וועט דער נייער נאָמען „התקוה" אַראָפּ־שרייען פֿון ביידע זייטן, פֿונעם קאַפּיטאַנס בריק.

דער דעק־אָפֿיציר, וואָס איז איצט געווען אויף דער וואַך און מיט די פֿעלד־גלעזער אָבסערווירט די וואַסערן און די הימלען, האָט מיט אַמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַ רוף געטאָן:

— אַן עראָפּלאַן.

די אויגן פֿון צוויי צענדליק מאַטראָזן האָבן געגאַפֿט צו די וואָלקנס.

ס'איז געווען אַן עראָפּלאַן, דער ערשטער ווייסטער בשורה־אָנזאָגער, אַז מען איז אויף אונדזערע שפּורן. דער עראָפּלאַן האָט זיך געטראָגן פֿון דרום־זייט זייער הויך. דאָס גערויש איז געווען שטיל, ווי דאָס זשומען פֿון אַ בין. און וואָס נעענטער דער שטאָלענער פֿויגל האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער בלויער לופֿט, אַלץ טומלדיקער איז געוואָרן דאָס זשומעריי, אַלץ פֿילדערנדיקער, ווי אַ קראָ וואָלט פֿאַרבייגעפֿלויגן.

איבערן קוימען פֿון דער שיף האָט דער עראָפּלאַן געמאַכט קרייזן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק. ער האָט מאַנעווורירט; געמאַכט אַן אויס־בייג צו רעכטס, דערנאָך אַן אויסבייג צו לינקס און האַסטיק איבערגע־דרייט זיך אין אַ קאָזשעליק.

די קונציקע שמד־שטיק פֿונעם עראָפּלאַן האָבן אַרויסגעבראַכט פֿון די כלים די מאַטראָזן, וואָס זענען געשטאַנען אויפֿן דעק מיט צונויפֿגע־בײַלטע פֿויסטן און אויסגעשריגן זייערע וואָרנונגען:

— פֿאַרדעטערישע ענגלענדער!

— אַלביאָנען!

— ס'וועט אייך גרינג נישט אָנקומען, פּיראַטן!

אינמיטן די ספּיראַלן און קרייזן פֿונעם פֿלינק־באַוועגלעכן עראָ־פּלאַן איז נישט שווער געווען צו דערקענען, אַז דער לופֿט־שליח איז אַן אַמעריקאַניש שטיקל אַרבעט. דער שניט, די פֿאָרם און די גראַציע פֿונעם שטאָלענעם פֿויגל האָבן אַרויסגעגעבן, אַז ס'איז אַ „בי־24".

די מאַטראָזן־וועטעראַנען פֿון דעם אַמעריקאַנער פֿלאָט האָבן זיך אי־בערגעקוקט:

— דו גלייבסט עס?

— ס'איז איינער פֿון אונדזערע!
— דער גוטער אָנקל סעם האָט געטיילט מתּנות...
— וואָפֿן פֿאַר ים־רויבערס!

דער עראָפּלאַן איז אָנגעגאַנגען מיט זיינע מאַנעווורעס לאַנגע מינוטן. ער האָט געזשומעט ווי אַ זלידנע פֿליג און דערנאָך אַפּגעפֿלויגן אין די וואָלקנס. צען מינוט שפּעטער איז ער צוריקגעקומען און אַרומגעקרייזט די שיף. ס'איז געווען קלאָר, אַז ער נעמט פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער צו זיין זיכער, אַז ער האָט זיין פֿאַנג. די מאַטראָזן האָבן זיך געטרייסט, אַז דער עראָפּלאַן קען אַמאָל די שיף צורו לאָזן. נישטאָ קיין סימן, וואָס זאָל אַרויסרופֿן ביי זיי אַ חשד. די דעקן זענען געווען אָפּגעראַמט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ שלעפּ־שיף.

די טרייסט־איינרעדענישן פֿון די מאַטראָזן האָבן אָפּגענאַרט. נאָך צוואַנציק מינוט פֿון אומאויפֿהערלעכע מאַנעווורעס איבער אונדזערע קעפּ איז דער עראָפּלאַן פֿאַרשוווּנדן. אָבער דער רעזולטאַט איז געקומען אַ האַלבע שעה שפּעטער. פֿון דרום־זייט צו די סירישע ברעגן האָט זיך באַוויזן די ערשטע בריטישע קריגס־שיף. זי האָט געשניטן דאָס וואַסער אַנטקעגן מיט אַזאַ איילעניש, ווי זי וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פֿאַרשפּעטיקן.

די מאַטראָזן זענען געווען איבערראַשט. אויך די ערשטע יאָג־שיף קעגן די מעפּילים איז געווען אַן אַמעריקאַנישע — געטריבן פֿון ענגלישע פּיראַטן. די מאַטראָזן, די ים־וועטעראַנען פֿון אָנקל סעם זענען איצט גע־ווען אין זייער הויט. זיי האָבן געקענט אָפּערירן מיט ציפֿערן. זיי האָבן געקענט אויסמעסטן די דיסטאַנץ, דעם וואַסער־שטח, וואָס יעדע קריגס־שיף קאָן מאַכן. ס'איז אויסגערעכנט געוואָרן, אַז אַזאַ קריגס־שיף שניידט דאָס וואַסער אויף אַ מהלך פֿון דרייסיק מייל אַ שעה. אַ פֿלינקער מחבל. זואָס פֿאַר אַן אומגלייכער פֿאַרמעסט! די העכסטע שנעלקייט פֿון אונדזער מעפּילים־שיף איז ביי זיבעצן מייל אַ שעה.

באַלד האָט הינטער זייער ערשטער קריגס־שיף זיך באַוויזן אַ צווייטע, אויך אין גרויס יאָגעניש. דערנאָך אַ דריטע, אַ פֿערטע, אַ פֿינפֿטע. מיר האָבן אָפּגעציילט ביז זעקס. די שיפֿן זענען געשווומען אין אָרדנונג ווי אַ קאָנוואָי. די געשפּאַנטקייט ביי די מאַטראָזן איז שיער נישט איבערגעגאַנגען

אין שטילער רעזיגנאַציע. קיין וואָרט־אויסטויש איז נישט פאָרגעקומען.
פראַגן און ענטפערס האָבן אין יענע מינוטן נישט געהאַט קיין זין. די הגנה־באַגלייטער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט דעם קאַפּיטאַן. דער קאַפּי־טאַן מיט די מאַטראָזן. אין די בליקן האָבן געשטעקט הימל־געשרייען. דער דעק־אָפיציר איז צוגעגאַנגען צום קאַפּיטאַן.

— אַרויפהענגען דעם נאָמען?

— נאָך צייט.

— אַרויפציען די פאָן?

— מיר וועלן וואַרטן.

מען האָט געוואַרט. די זעקס קריגס־שיפן האָבן אונדז אַרומגערינגלט ווי אין אַ ראָד. צוויי פון זיי זענען צוגעקומען גענוג נאָענט, אַז זיי זאָלן מיט פעלד-גלעזער קענען אונדז גוט אָבסערווירן. זייער מאַנשאַפט — פון דעם קיכער ביז צום קאַפּיטאַן — זענען געווען אויסגעשטעלט ווי אויף אַ פּאַראַד. זיי האָבן אויף אונדז געקוקט ווי מען קוקט אויף אַפריקאַנער זולוס.

אין יענע מינוטן האָט דער קאַפּיטאַן אַרויסגעגעבן זיינע פאַראָרדנונ־גען: מען זאָל יי ד י ש ן די שיף, מען זאָל אַרויפציען די יידישע פאָן.

אין געציילטע מינוטן האָט די פּליטים־שיף געקראָגן איר יידישן נאָ־מען „התקוה", וואָס האָט אַראָפּגעשריגן פון ביידע זייטן פונעם קאַפּיטאַנס בריק. די פאָן אויפן מאַסט האָט אָנגעזאָגט דעם יידן-לאַנד, אַז זי דער־נענטערט זיך צו אירע ברעגן.

פון די אונטערשטע שטאָקן, פון די באַהעלטענישן אַרויס, האָבן גע־נומען אַרויפשטראָמען אַריבער פופצן הונדערט מעפּילים. זיי האָבן פאַר־פלייצט אַלע דעקן.

די ערשטע קריגס־שיף פון רעכטס האָט געמאַכט נאָך אַ שפּרייז נענ־טער אין אונדזער ריכטונג. און פּלוצים האָט פון זייער דעק דערהערט זיך אַ קול. דער ערשטער רוף פונעם שונא — אַ קול דורך אַ מיקראָפאָן, וואָס האָט געקלונגען איבערן ים ווי אַ שלעכטע מעלאָדיע:

— אַכטונג! אַכטונג! מיר סימפּאַטיזירן מיט אייערע ליידן! אָבער קיין איינער פון אייך טאָר נישט אַריינקומען אין ארץ ישראל אומלעגאַל! איר מוזט דאָס פאַרשטיין...

די מעפּילים איבער די דעקן האָבן אָנגעשפּיצט זייערע אויערן. דער סימפּאַטיע־אויסדרוק האָט אַרויסגערופן חוזק. די וואָרנונג, אַז מען טאָר נישט, האָט אַרויסגערופן שווידער. דאָס קול דורכן מיקראָפאָן האָט גערעדט ענגליש. אָבער באַלד זענען די ווערטער איבערגעזאָגט געוואָרן אין פראַנצויזיש, דייטש, יידיש און העברעיש. ס'האָט נישט געדויערט קיין פינף מינוט און דורכן שונאס מיקראָפאָן האָט זיך געהערט אַ צווייטע וואָרנונג:

— אַכטונג! אַכטונג! מיר ווייסן דעם קורס פון אייער שיף. אָבער דער וועג אַהינצו וועט ווערן פאַרשפּאַרט!... מיר לאַדן איין די פרויען און קינדער אַרויפצוקומען אויף אונדזער שיף. קיין שלעכטס וועט זיי נישט געטאָן ווערן... מיר וועלן זיי ברענגען קיין ציפּערן... זיי וועלן באַקומען גוטע שפּייז, נייע קליידער און באַקוועמע היימען.

דער רוף פון די ענגלענדער, וואָס איז געווען האַלב איינלאַדונג און דריי פערטל וואָרנונג, איז אויפגענומען געוואָרן דורך דעם ריזיקן מעפּי־לים־עולם מיט ביטערן געלעכטער. דאָס האָט אָבער זיי נישט אָפּגעהאַלטן פון אַרומקרייזן אונדזער שיף און מאַכן אַ דריטע וואָרנונג:

— אַכטונג! אַכטונג! ווען אונדזערע טרופּן וועלן אַרויפקומען אויף אייער שיף, זאָלט איר זיך נישט קעגנשטעלן. יעדער ווידערשטאַנד וועט זיין נוצלאָז... עס וועלן בלויז ליידן אומשולדיקע מענטשן...

דאָס קול דורכן מיקראָפאָן האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגן.ביידע שיפן —אונדזער און זייער — האָבן שווימענדיק געהאַלטן איין שפּאַן, איין טעמפּאָ, איין ריטם.

אינמיטן ים האָט דאָס קול דורכן מיקראָפאָן אָנגענומען אַ פיינט־לעכן טאָן. דאָס קול האָט געוואָלט וויסן ווי לאַנג מיר פאָרן שוין איבער די ימען? ווער זענען די מאַטראָזן? ווו איז דער קאַפּיטאַן? מען וויל רעדן מיט דעם קאַפּיטאַן!

ווי לאַגיש זענען אין יענעם מאָמענט געווען די רייד אינעם מויל פון דעם פאַררעטערישן אַלביאָן! ס'איז דאָך נישט מער ווי רעכט, אַז ווען צוויי קאַפּיטאַנען טרעפן זיך אין מיטן ים, זאָלן זיי זיך דורכשמועסן...

אַ צוועלף־יעריקער בחור האָט אַ כאַפּ געטאָן אין די הענט אַריין אַ הילכער ווי אַ שופר. ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן קאַפּיטאַנס בריק,

זיך איבערגעבויגן איבערן פֿאַרענטש אין דער ריכטונג פֿון דער קריגס־שיף און אויסגערופֿן:

— איך בין דער קאַפּיטאַן! איך בין דער קאַפּיטאַן! רעד צו מיר!

ס'איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער צווישן די פּאַסאַזשירן. אָבער דאָס קול איבערן מיקראָפֿאָן האָט נישט איגנאָרירט דעם רוף פֿון דעם צוועלף־יעריקן מעפּיל. דאָס קול האָט ווייטער געזאָגט מיט איינגעהאַלטענעם פֿאַר־וווּרף:

— איך וויל רעדן מיט דעם אמתן קאַפּיטאַן!

דער אמתער קאַפּיטאַן אויף דער מעפּילים־שיף פֿון סוף חודש מאַי 1947 האָט מער נישט עקזיסטירט. די מאַנשאַפֿט האָט מער נישט עקזיס־טירט. עקזיסטירט האָבן בלויז פֿופֿצן הונדערט מעפּילים, וואָס זענען גע־ווען פֿול מיט אויסדויער, שטאַנדהאַפֿטיקייט און אַנטשלאָסנקייט צו דער־לאַנגען צו די ברעגן פֿון ארץ.

די שיף איז געשוווּמען לענגאויס די ברעגן פֿון לבנון. פֿון דער נאָענט האָבן זיך אַרויסגעזען די פּרוכטבאַרע ערד־פֿלאַכן, וואָס זענען געווען גע־שניטן און געקעסטלט ווי אַ שאַך־ברעט. ס'האָבן זיך אַרויסגעזען די קרייד־בערג און סעדער, די הייזלעך און ווייסע געצעלטן. ס'האָבן זיך אַרויסגעזען די גרינע טאָלן, ווו די פּאַסטוכער האָבן געפּיטערט זייערע שאָף.

די זעקס קריגס־שיפֿן זענען אונדז נאָכגעשוווּמען. פּלוצים האָט זיך געהערט אַ נייע וואָרנונג אין מיטן ים:

— אַכטונג! אַכטונג! אַלע מאַטראָזן אייערע און דער קאַפּיטאַן וועלן אַרעסטירט ווערן און אַריינגעזעצט ווערן אין טורמע! מיר קענען זיי אַלע! מיר האָבן זייערע בילדער! אייערע גוטע פֿריינט, די איטאַליענער האָבן אייך אַרויסגעגעבן!

דאָס איז געווען אַ ליגן און אַ פּראָוואָקאַציע. דאָס איז געווען אַ פּרוּוו אויפֿצוּוועקן דעפּיטיזם ביי די בראַווע מעפּילים. און ווען די פּראָ־וואָקאַציע האָט נישט געהאָלפֿן און די פֿופֿצן הונדערט פּאַסאַזשירן זענען נישט גרייט געווען אונטערצוגעבן זיך צוזאַמען מיט זייער שיף, דעמאָלט האָבן די ענגלענדער באַשלאָסן צו באַנוצן זיך מיט דעם נערוון־וואָפֿן, דורך טעראָריזירן די פּאַסאַזשירן און אַרויסרופֿן ביי זיי פּאַניק.

א מאמע מיט קליינע קינדער ווערט
געפירט צו דער דעפּאָרטאַציע־שיף.



א פארוואונדעטער ייד ווערט דורך די ענגלענדער
געפירט צו א דעפּאָרטאַציע־שיף.

א גאנצע נאכט האבן די קריגס־שיפן געווארפן ריזיקע שיין־וואר־פיירס אויף די מעפילים, וואס זענען צוליב דער גרויסער ענגשאפט אויך געשלאפן אויף די דעקן. די צעטומלטע פאסאזשירן האבן מיט די קאלד־רעס איבער די קעפ זיך גענומען טראגן אין אלע זייטן. דאס האט ארויס־גערופן פון די אונטערשטע שטאקן נאך הונדערטער פאסאזשירן, יונג און אלט, וואס האבן אין זייער צערודערטקייט געזוכט שוץ און באהעלטעניש אויפן אויבערשטן דעק.

אזא טומל, אזא בהלה האט געשטערט דעם באלאנס פון דער שיף און זי האט נישט איינמאל גענומען זיך אויסבייגן אויף א זייט. דאס האבן קענטיק די ענגלענדער געוואלט. די אויסרעכענונג איז געווען א ברוטאלע און טייוולאנישע: זאל די מעפילים־שיף מיט די פופצן הונדערט לעבנס זיך איבערדרייען און אנהייבן זינקען, וועלן די פאסאזשירן שרייען נאך הילף און דעמאלט וועט דער בריטישער אולטימאטום זיין:

אונטערגעבן זיך!

דער קאפיטאן, אן שלאף, איז ארומגעלאפן צווישן די דעקן. פופצן הונדערט לעבנס זענען אים אנפארטרויט געווארן. פופצן הונדערט לעבנס האט ער צוגעזאגט דורכצופירן דורך אלע געפארן, דורך אלע שטרויכלונ־גען, דורך ים־פיראטן און מיט זיי לאנדן אויף זיכערע ברעגן. איצט איז געקומען די פייער־פראבע. ס'איז געקומען די שעה פון אנטשיידונג. וועלן זיי אים אויסהאלטן?

דער קאפיטאן האט זיך געשטעלט אויף זיין בריק. ער איז געווען רו־איק און ניכטער. אין דער טונקלקייט האט ער גערעדט צו די איבערגע־שראקענע פאסאזשירן, וואס האבן אנגעלאדן אלע דעקן און האבן געקוקט אויף אים ווי אויף א טרייסטער.

ווי א קאפיטאן האט ער געדארפט געבן באפעלן. אבער זיינע רייד זענען געווען ווייכע, בעטנדיקע:

— כ'וויל, אז אלע פאסאזשירן זאלן רואיק גיין צו זייערע ערטער. ס'איז נישטא קיין געפאר. און איר דארפט זיך נישט שרעקן. האלט זיך רואיק, בלייבט בראוו, מעפילים!

די ווענדונג איז געווען ווי א טאניק פאר די צעטומלטע פאסאזשירן,

וואָס האָבן איצט גענהאַרכזאַמע זיך געלאָזט צו זייערע געלענערס. די ווערטער: „בלייבט בראַוו, מעפּילים!״ האָבן געוועקט די שטאַנדהאַפטי־קייט און אויפגעהאַלטן די ווידערשטאַנד-גרייטקייט ביי יענע הונדערטער מעפּילים, וואָס זענען געווען אַנטשלאָסן נישט אונטערצוגעבן די שיף אָן א קאַמף.

פּאַרטאָג האָבן מיר זיך שוין דערנענטערט צו די ברעגן פון סיריע. וואָס ווייטער אונדזער שיף האָט געשניטן צו דרום לענגאַוויס דעם פּאַר־ביקן לאַנד, אין דער ריכטונג פון ארץ ישראל, אַלץ הוצפּהדיקער זענען די ענגלישע קריגס-שיפן געוואָרן. זיי זענען מער נישט געווען קיין באַגליי־טער נאָר פאַרכאַפּער, וואָס לויערן, וואָס טשאַטעווען בלויז אויף דעם פּאַ־סיקן מאָמענט צו קענען אַטאַקירן אונדזער שיף.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

די שלאַכט צווישן יידן און ענגלענדער

די רויב-אַפּעטיטן זענען געוואַקסן מיט יעדן מייל פאָראויס. צוויי פון די זעקס קריגס־שיפן האָבן געמאַכט זייער וואַסער-מאַרש פון ביידע זייטן פּאַראַלעל מיט אונדזער שיף און נישט הינטערשטעליק געבליבן אויף א טראָט. די איבעריקע פיר זענען נאָכגעשוווּמען.

כאָטש די צוואַנג אַרום אונדז איז געוואָרן ענגער און ענגער, פונ־דעסטוועגן איז די מאַנשאַפט געווען לוסטיק. דער אַפּעטיט צו רייצן זיך מיט דעם שונא איז געשטיגן. אונדזער שיף האָט קונציק מאַנעווירט, מאַכנדיק קרייזן און ספּיראַלן. די קריגס־שיפן האָבן געמיינט, אַז מיר ציען זיך צוריק און זיך געישובט וועלכן קורס צו נעמען. לויט דער פּאָזיציע פון אונדזער שיף האָט עס אָפּטמאָל אויסגעזען, אַז די ענגלענדער זענען די געיאָגטע און מיר די יעגער.

אין דער צוגרייטונג פאַר דער שעה פון ווידערשטאַנד איז אָט דער שפּיל פאַר דער מאַנשאַפט געווען אויפמונטערונג און סאַטיספאַקציע.

די ענגלענדער האבן אריבערגעקוקט אויף אונדזער שיף. אויף די דעקן זענען געשטאנען די ווידערשטאנד־גרופן פאר די באריערעס, גרייט צו באגעגענען דעם שונא. מיר האבן אריבערגעקוקט אויף זייערע שיפן. אין פראנט פון אויבערשטן דעק, פאר די באריערעס זענען געווען אויסגע־שטעלט זייערע טרופן, באוואפנט פון קאפ ביז די פיס ווי זיי וואלטן זיך געגרייט צו א שווערער שלאכט.

אין דעם איבערקוקן זיך איז געווען פארמעסט. עס איז געווען אומ־דויער. עס איז געווען די העכסטע שטופע פון געשפאנטקייט.

פון דעם קאפיטאנס קאבינע האט זיך געטראגן א קאפטשענדיקער רויך. דאס האט מען אין איילעניש פארברענט די מאפעס, ים־קארטעס און סטראטעגישע פלענער.

צום ברייטן קוימען איז צוגעשטעלט געווארן א לייטער. א מאטראז האט דארט פלינק אויסגעמאלן צוויי סימבאלן. פון איין זייט — דעם בלויען מגן־דוד. פון דער צווייטער זייט — דעם נאציאנאלן עמבלעם פון אירלאנד — דעם גרינעם שאמראק.

דער דעק פון אונדזער שיף האט אויסגעזען ווי א שלאכטפעלד ערב דער אפעראציע. צוויי דאקטוירים זענען געשטאנען אין פראנט פון דער קליניק. א צוויי טוץ קראנקן־שוועסטער מיט רויטע מגן־דוד־בענדער אויף די ארעמס זענען צעשטעלט געווארן אויף אלע פאסטנס, וווּ עס איז געווען צו דערווארטן א קאמף.

א מאטראז האט אנגעהאנגען רויטע שפיטאל־שילדלעך אין אריינגאנג פון דער קליניק און אויף דער קאבינע־טיר פון דער קימפעטאריין — א ווארנונג, אז יענע קאבינעס זאלן נישט אטאקירט ווערן פון די אנגרייפער.

די שיף איז געשווומען לענגאויס דעם גרינעם סירישן לאנד. פון ווייטנס האט מען געזען ביירוט.

עס איז געווען איינס נאכמיטאג.

די שיף איז געווען 22 מייל פון די ארץ ישראל ברעגן.

אויבן אויף דעם קאפיטאנס בריק האט דער רודערער האסטיק גע־קערעוועט די שיף פאראויס צו דרום. ער האט געזוכט אן אויסוועג פון דעם קלעם. דער קאפיטאן אין זיין צימערל איז געשטאנען איבערגעבויגן איבער

זיינע ים־מאַפּעס. דער ראַדיאָ־אַפּעראַטאָר האָט אויפגעהערט צו געבן סיג־נאַלן. עס איז איבערגעשניטן געוואָרן די פאַרבינדונג מיט יעדן ברעג פון דער וועלט.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ רווישיקער וואַסער־שאָרך איבער די רואיקע וועלן.

די ענגלישע קריגס־שיפן פון ביידע זייטן האָבן זיך גענומען רוקן אויף אונדז ווי כמאַרעס. אַ האַסטיקער קלאַפּ אין די ווענט, אַ הילכיקער טראַסק אין די שוץ־באַריערעס און דער צוזאַמענשטויס איז געקומען. זייע־רע טרופּן האָבן פלינק גענומען קלעטערן צו די באַריערעס פון אונדזער שיף. זיי זענען געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס. שטאָלענע העלמען אויף די קעפּ. אייזערנע הענטשקעס ביז איבער די עלנבויגנס. ביקסן מיט באַ־נעגלטע שטעקנס און געלאָדענע שווערע פּיסטאָלן ביי די זייטן.

באַלד ביים אַרויפקלעטערן האָבן זיי גענומען נוצן די באַנעגלטע שטעקנס.

די ווידערשטאַנד־גרופּן האָבן געקלאַפּט מיט זייערע שטעקנס און מיט די אייזערנע רערן, נישט וועלנדיק אַרויפלאָזן די אַריינדרינגער. אַ טייל ענגלענדער זענען אַריבערגעשפּרונגען די באַריערן. אַ טייל זענען געפאַלן אין וואַסער. עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַלעריי. דאָס האָבן די ענגלענדער אויסגעשאָסן אין דער לופט.

די פאַרטיידיקער זענען אָפּגעטראָטן אויס שרעק, אַז מען שיסט אין המון אַריין, האָבן זיי גענומען שלאָגן די פאַרכאַפּער אָן רחמנות. צעשלאָ־גענע קעפּ, פאַרבלוטיקטע פּנימער האָבן זיך געזען פון ביידע זייטן. די צעטומלטע קראַנקן־שוועסטער האָבן אונטערגעהאַלטן דאָ אַ פאַרוווּנדעטן ענגלענדער, דאָ אַ צעשלאָגענעם פאַרטיידיקער. מען האָט זיי געפירט צו דער קליניק.

אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן פאַרחלשטע קולות, קוויטשערייען פון פרויען.

די ענגלענדער, באַזאָרגטע, אַז דער קאַמף וועט זיך פאַרציען, האָבן אָנגעהויבן וואַרפן די ערשטע גאַז־באָמבעס.

אַ ווייסער וואָלקן האָט זיך אויפגעהויבן און איינגעהילט אַלץ אין אַ

נעפל. אטעמס האבן זיך גענומען שטיקן. די הויט האט גענומען בייסן. און אויגן האבן פארלוירן די זע־קראפט. פליטים, וואס האבן זיך דערמאנט אן די גאז־קאמערן פון פוילן האבן גענומען שלאגן דעם שונא מיט מער אייפער.

עס האבן זיך געהערט געשרייען:

— אוי! כ'זע נישט מער!

— מיר ווערן בלינד!

— רייבט נישט די אויגן!

— לייגט צו נאסע טיכלעך!

— ארויס אויף דער לופט!

— אלע ארויס!

פון די אונטערשטע שטאקן האבן זיך גענומען טראגן ארויף פרויען און קינדער מיט נאסע האנטוכער איבער די אויגן. אלע האבן זיך גע־שפארט צו דער לופט, ווו די באמבעס ווערפן אויס פלינקער. דא און דארט איז א פארטיידיקער געלונגען צוריק צו ווארפן א גאז־באמבע אין א ענג־לענדערס פנים אריין. יענער ענגלענדער האט מער נישט געהויבן קיין הענט. ער איז געווארן אנמעכטיק, פונקט ווי זיין קרבן.

די ענגלענדער, אנקומענדיק רייע נאך רייע, האבן איינציקווייז גע־וונען טעריטאריע אויפן דעק. זיי האבן פארכאפט פונקטן אויף די דעכער און אנגעהויבן ארויפברענגען קליינע פולעמיאטן. די פולעמיאטן זענען צעשטעלט געווארן אויף סטראטעגישע פאזיציעס: אויפן דאך פון קאפי־טאנס בריק, אויף דער פראמענאדע.

אין אנבליק פון די אנקומענדיקע ענגלענדער האבן די קעמפער פאר־שטארקט זייער ווידערשטאנד. וואס מער עס איז געלונגען דעם שונא זיך צו באפעסטיקן אויפן דעק, אלץ מיט מער אייפער האבן די פארטיידיקער געקעמפט. יעדער שטוים פון א פויסט איז געפאלן ווי א האמער־קלאפ.

דער געפילדער איז געוואקסן. די ענגלענדער האבן באפעסטיקט זייע־רע פארכאפטע פאזיציעס און מיט די ביקסן־קאלבעס גענומען צעשמעטערן די הילצערנע דעכער. די גוואלדן פון פרויען און קינדער זענען געשטיגן

ביז צום הימל. די באַפעלן וואָס זענען געקומען פון אַלע זייטן האָבן אַרי-בערגעשריגן די גוואַלדן:

— לאָזט זיי נישט געווינען קיין שפּאַן!
— שטויסט זיי צוריק!
— פאַרגעסט נישט, זיי זענען די אָנגרייפער!
— אַלע פרויען און קינדער אַראָפּ אונטן!
— פאַרטיידיקט די שיף, מעפּילים!
— שלאָגט דעם שונא!
— מאַטראָזן פּאַראַוּים!
— פאַר חרות ישראל!
— מיר וועלן לאַנדן אין ארץ!

ווי אַן אייזערנעם מויער האָבן די ווידערשטעגדלער געשיצט די אױי-בערשטע קאַבינעס. די קעמפער — טייל פון זיי וועטעראַנען פון סטאַלינ-גראַד, פאַרטיידיקער פון מאָסקווע, אויפשטענדלער פון די געטאָס, האָבן מיט זייערע לייבער פאַרשטעלט די אַראָפּגאַנגען צו די אונטערשטע שטאָקן. עס איז פאַרשפּאַרט געוואָרן דער צוגאַנג צום קאַפּיטאַנס בריק און צו דער מאַטאָר-אָפּטיילונג.

די ווידערשטענדלער האָבן זיך געשלאָגן פאַר יעדן ווינקל אויפן דעק, ווי דאָס וואָלט נישט געווען אַ שיף, אַ שווימענדיקע געצעלט פון פּליטים, נאָר דאָס וואָלטן שוין געווען די שיצנדיקע ברעגן פון לאַנד. מיט אַזאַ אייפער האָבן זיך געמוזט שלאָגן די וועכטער פון יודפת, די גבורים פון מסדה, די פאַרטיידיקער פון בית״ר.

פון דעם אונטערשטן דעק איז אָנגעלאָפן אַ צעהיצטער דער אירלענ-דישער מאַטראָז מעק. ער איז געווען רויט ווי אדום און שטאַרק ווי שמשון. ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער פּראָמענאַדע און מיט די בלויזע הענט אונטערגעהויבן אַ דראָט-נעץ אויף וועלכער עס איז געשטאַנען אַ קליינער פּולעמיאָט. אין איין אויגנבליק האָט ער אַריינגעשליידערט אין ים אַריין דעם פּולעמיאָט מיט זיין ענגלישן שיסער.

דעם קאַפּיטאַנס בריק איז געוואָרן געשיצט פון אַ גרופּע פּאַרטיזאַ-

גען, אנגעפירט פון דעם מאטראַז דעם פּאַלאַס, וועמען מען האָט גערופן: „דיוק".

דער „דיוק" האָט מיט אַ ברעט געקלאַפּט איבער די העלמען-קעפּ פון די ענגלענדער, נישט צולאָזנדיק די אָנגרייפער. איין כמאַל, אַ צווייטער כמאַל און יעדער אָנגרייפער איז צוגעשטופּט געוואָרן צו די באַריערעס. דאָרט האָבן אים איבערגענומען די פּאַרטיזאַנען, וואָס האָבן אים מיט רוגזה אַריינגעשטויסן אין וואַסער אַריין.

פון פאַרשידענע זייטן האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן גאַז-באָמבעס. און ווען דער „דיוק" האָט געכאַפּט אַזאַ באָמבע-וואַרפער האָט ער אים אָפּגע-צאָלט מכות-רצח. עס האָבן אים צוגעהאָלפן מאַטראָזן, צעשלאָגענע, פאַר-באַנדאַזשירטע. זיי האָבן געשריגן:

— לייג אין אים אַריין, דיוק!

— מאַך פון אים אַן אונגאַרישן גולאַש!

— מיט מאַסטאַרד. גיב אים, דעם ממזר!

— שלאָג דעם לויזיקן „ליימי"!

— שלאָג דעם פּיראַט!

— זאָלן זיי וויסן ווי צו באַפאַלן פּליטים-שיפן!

דער „דיוק" האָט געטאָן דאָס זייניקע. עס איז אָנגעקומען דער איר-לענדישער מאַטראָז מעק און געטיילט די פּאַרטיידיקער נייע שטעקנס און דערן. יידישע קראַנקן-שוועסטער האָבן באַנדאַזשירט די פאַרוווּנדעטע פון ביידע זייטן.

די ענגלענדער זענען געלאָפן ווי אונטער אַ קאַנאָנאַדע. זיי האָבן גע-זוכט די לייטער-טרעפּ וואָס האָבן געפירט צו דער מאַטאָר-אָפּטיילונג און זיך געפּלאָנטערט צווישן בייגל מיט שטעכיקע דראָטן. פּלוצים האָבן גע-נומען פאַלן פון אַלע זייטן גאַז-באָמבעס. אַ געדיכטער וואָלקן האָט זיך אויפגעהויבן און איינגעוויקלט די בריק, די קוימענס, די ווידערשטענדלער. די פּאַרטיידיקער זענען צעטומלטע געלאָפן אין אַלע זייטן, זיך געריבן די ברענענדיקע אויגן און געזוכט שוץ פון די גאַזן.

די קראַנקן-שוועסטער האָבן געאיילט מיט עמערס וואַסער און האַנ-טוכער.

ווען דער וואָלקן איז זיך צעגאַנגען און די פופצן הונדערט פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן קומען צו זיך — איז דער ווידערשטאַנד געווען געבראָכן.

די שיף איז נאָך געווען אויסער די טעריטאָריעלע וואַסערן. ענגלענדער מיט געווער זענען געווען אויסגעשטעלט אויף ביידע זייטן דעק. דעם קאַפּיטאַנס בריק איז געווען באַזעצט. די פּראָמענאַדע איז געווען פאַרכאַפּט. א פּאָר אָפיצירן האָבן, לויפנדיק צווישן די באַזיגטע פּאַסאַזשירן, געזוכט דעם אריינגאַנג צו דער מאָטאָרן-אָפּטיילונג און נישט געקענט געפינען.

די שיף מיט די פופצן הונדערט מעפילים איז געווען געפאַנגען. א יונגע קראַנקן-שוועסטער, א „השומר הצעירניצע", מיט א האַלב אראָפּגעריסענעם אָרעם-באַנד, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלן א רויטער מגן-דוד, איז ארומגעלאָפן איבערן דעק, כאָטש יעדער טראָט איז געווען פאַרשפּאַרט פון א שווער-באַוואָפנטן ענגלענדער. זי האָט זיך דורכגעריסן דורך אַלע וואַכן און אריינגעשריגן יעדן ענגלענדער אין פּנים אריין די געציילטע ענגלישע ווערטער, וואָס זי האָט געקענט:

— איך האָב אייך פּיינט! איך האָב אייך פּיינט!

עס זענען געווען די ערשטע מינוטן נאָכן ענגלישן זיג. די וואַך-טרופּן, וואָס זענען נישט זיכער געווען צי זיי פאַרדינען פאַראַכטונג, צי זיי פאַרדינען שנאה פון אָט דער יונגער בת ישראל, האָבן געשוויגן און ווייטער געהאַלטן אָנגעשטעלט זייערע געלאָדענע רעוואָלווערן אנטקעגן די געפאַנגענע פּאַסאַזשירן. א טייל האָבן אָנגעקוקט דאָס מיידל מיט פאַרדרוס. אַנדערע האָבן געשמייכלט, ווי מען שמייכלט איבער דער חכמה פון א קינד.

איינער פון די פאַרוואונדעטע ווידערשטענדלער, א צעשויבערטער, דערשוויצטער יונגערמאַן וואָס האָט זיך נישט געלאָזט צולייגן קיין באַנדאַזשן אויף זיין פאַרבלוטיקטן שטערן, איז געשטאַנען קעגנאיבער דעם אריינגאַנג צו דער קליניק. דאָרט איז ער געכאַפּט געוואָרן אין דער רגע, ווען דער ווידערשטאַנד איז געבראָכן געוואָרן און דאָרט איז ער געהיט

געוואָרן פון דעם ענגלענדער, וואָס האָט געהאַלטן זיין רעוואָלווער אויס-געשטרעקט צו זיין בויך.

דער פאַרוואונדעטער ווידערשטענדלער האָט נישט געזען די רער פון רעוואָלווער, נישט געזען די געפאַר. זיין פּנים איז געווען פאַרקרימט פון יסורים און ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען צו זיין וועכטער:

— דו האָסט אַ היים? זאָג מיר, דו האָסט אַ היים?

דער בייזער ענגלענדער האָט נישט געענטפערט און נענטער גערוקט דעם רעוואָלווער צו זיין געפאַנגענעם. דער יונגערמאַן האָט געליאַרעמט:

— דו האָסט אַ היים? זאָג מיר, האָסט אַ היים?

— יאָ, — האָט בייז אַ ברום געטאָן דער באוואפנטער ענגלענדער.

— טאָ פאַרוואָס טאָר איך נישט האָבן קיין היים? פאַרוואָס קען מיין פאָלק נישט האָבן קיין היים?

די איינפאַכע מענטשלעכע פראַגע, וואָס האָט אונטער יענע אומ-שטענדן נישט געדאַרפט קריגן קיין ענטפער, האָט אַן ענטפער יאָ געקראָגן. דער טעמפּער ענגלישער וועכטער האָט אַ ווילע אָנגעקוקט דעם פרעגער און דערנאָך מיט רציחה אַ זאָג געטאָן:

— דו פאַרדינסט יאָ אַ היים! פינף פוס אונטער דער ערד...

נישט ווייט פון אים איז געשטאַנען אַ צווייטער באוואפנטער ענג-לענדער. ער האָט אריינגערעדט אין אַן אַנדערן געפאַנגענעם פּאַסאַזשיר, וואָס האָט געוואָלט וויסן, וואָס איז די מאָראַלישע באַרעכטיקונג פון פאַר-כאַפּן אַ שיף מיט אומגליקלעכע פּליטים.

דער ענגלענדער איז געווען ווייט פון טעמפּקייט. אַ נאָכגעביקער, אַ מענטש פון קאָמפּראָמיסן. זיין פּנים ווייך. ער האָט גערעדט צו זיין מיט-שמועסער:

— איך זע דו ביסט אַ קולטורעלער מענטש. דו ביסט אַ ייד, אָבער דו מוזט פאַרשטיין די פּאָזיציע פון ענגלאַנד, אויב זי זאָל דערלאָזן צו אַ יידישע ארץ ישראל.

— און די באַלפור-דעקלאַראַציע? — האָט דער ייד געמאָנט.

— די באַלפור-דעקלאַראַציע איז געגעבן געוואָרן מיט דרייסיק יאָר צוריק... היינט זענען דאָ פּאָליטישע קאָמפּליקאַציעס...

צווישן די פּאַסאַזשירן זענען אַרומגעלאָפן עטלעכע ענגלישע אָפּי־צירן און כמעט בעטנדיק זיך געפרעגט:

— ווו איז די מאָטאָרן־אָפּטיילונג? ווייסט איר דעם אַריינגאַנג צו די מאָטאָרן?

די ים־מענטשן פון „זיין מאַיעסטעטס" פלאָט האָבן געפאַנגען די שיף. זיי האָבן אָבער נישט געקענט באַזעצן די מאָטאָרן־אָפּטיילונג, ווייל די אויפשריפטן אויף די טירן זענען געווען פּאַרפּירערישע. אונדזערע מאַט־ראָזן, אונדזערע אינזשעניערן האָבן זיך געהאַט פאַרהעמערט אינעווייניק צווישן די מאַשינען און דאָרט געטאָן זייער צעשטערונגס־אַרבעט. די מאָ־טאָרן זענען פאַרקריפּלט געוואָרן. די מאַשינען זענען צעהאַקט געוואָרן. די הייץ־קעסלען זענען באַשעדיקט געוואָרן. נאָכדעם האָט מען דאָס עלעק־טרישע ליכט איבערגעשניטן. דעם וואַסער־רעזערוואַר פאַרניכטעט. אין דעם חורבן איז געווען די גרעסטע מאָס נקמה און סאַטיספאַקציע.

נישט קיין איינגעריכטעטע פּאַסאַזשירן־שיף זאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון די פאַרכאַפּערס, נאָר אַ שיף אָן אָטעם פון לעבן. אַ שיף אָן ליכט און וואַסער. אַ טויטע שיף, אַ קאָלעקציע פון ברוכוואַרג.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

די געפאַנגענע יידן־שיף אין חיפה

אַריבער צוויי שעה צייט זענען די מאַטראָזן־אינזשעניערן געבליבן אין דער פאַרהעמערטער מאַשין־אָפּטיילונג. ווען די שלאַכט איז אָנגעגאַנגען אויפן אָפענעם דעק און לאַנג נאָכדעם, זענען זיי נאָך געזעסן אין דער היץ און שטיקעניש פון די חרובע מאָטאָרן און הייץ־קעסלען און נישט דערלאָזט, אַז די ענגלענדער זאָלן איבערנעמען די רעדער פון דער שיף. און אַז ס'איז אַוועק אַ צייט און די פאַרכאַפּער האָבן אַלץ נישט געקענט אויפברעכן די שלעסער, האָבן די מאַטראָזן אַליין אויפגעפּראַלט די פאַר־העמערטע טירן.

איבער אונדזער געפאַנגענער שיף איז פאַרוואָרפן געוואָרן אַ שטריק און אַן ענגלישע קריגס־שיף האָט זי געשלעפּט — געשלעפּט איר רויב־זאַק — אין דער ריכטונג פון חיפה.

דער ים איז געווען שטיל. די קאָליר — לויטער בלוי. די רואיקע פּאַ־לעם האָבן זיך געשפּרייזט ווי פאַרגליווערטע גלאָז־דעקן. די שווימענדיקע קריגס־שיפן זענען שוין פאַרביי די סירישע גרענעץ. ס'האָבן זיך גענומען שפּרייטן די צפון־ברעגן פון לאַנד פון ישראל.

אין דער אויפגעוועקטער שפּאַנונג ביי די געפאַנגענע מעפּילים, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד געגאַפט צו די ברעגן, האָט מען איצט נישט באַמערקט, ווי די דאָקטוירים פירן צו דער קליניק אַ פּאָר שווער פאַרוווּנדעטע אויף באַ־האַנדלונג.

אָנגעשפּאַרט אויף די אָרעמס פון צוויי קראַנקן־שוועסטער איז פאַר־בייגעגאַנגען מייקל, דער ברוינער, ברייטבייניקער מאַטראָז. מייקל איז אַ מלחמה־וועטעראַן. מייקל האָט געקעמפט פאַר דער ענגלישער אימפּעריע. ער האָט זיך געשלאָגן ביי סינגאַפּור און בורמאַ. ער איז פאַרוווּנדעט גע־וואָרן דעמאָלט אין קאָפּ און ס'איז אים אריינגעזעצט געוואָרן אין מוח אַ זילבערנע פּלאַטע. אין דער שלאַכט אויף דער מעפּילים־שיף איז מייקל דורך די ענגלענדער פאַרוווּנדעט געוואָרן אין מוח. פון זיין קאָפּ האָט גע־רינען בלוט, דאָס זעלבע בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסן ביים שיצן די סטאַנציעס פון דער בריטישער אימפּעריע.

צוויי ענגלישע מאַטראָזן האָבן אויף אַ טראָג־בעטל אריינגעטראָגן אין דער קליניק אַ בריטישן אָפיציר. ער איז געווען שווער פאַרוווּנדעט און זיך גענייטיקט אין אַ בלוט־טראַנספוזיע. דאָס בלוט האָט געגעבן אַן ענג־לישער מאַטראָז און דער דאָקטאָר, וואָס האָט געדאַרפט אריינשפּריצן די דאָזע בלוט אין דעם קראַנקן קערפּער, איז אויך געווען אַן ענגלענדער. מען האָט אים גערופן פון דער בריטישער קריגס־שיף, אָבער דער בריטישער דאָקטאָר איז נישט פעאיק געווען צו טאָן זיין פליכט. ער איז געווען שיכור ווי לוט און מען האָט געמוזט אָנקומען צו דער געשיקטער האַנט פון דעם יידישן דאָקטאָר, דעם פּליט.

די אָנגעצויגענע שטימונג צווישן די ענגלענדער און זייערע געפאַנ־

גענע האָט נאָכגעלאָזט. דער ערשטער אומצוטרוי איז אַוועק און ס'איז געקומען די זיכערקייט. צווישן די ענגלישע וועכטער האָט געהערשט אַ דערלייכטערונג. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט די ביקסן און אַריינגעשטופּט די רעוואָלווערן אין די שיידלעך.

אינעם שטילשטאַנד האָב איך זיך אַרומגעקוקט איבער דער שיף, ווו אַלע דעקן זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט די געפאַנגענע פּאַסאַזשירן. איך האָב געקוקט אויף דער פּראָמענאַדע, ווו עס זענען געזעסן מאַטראָזן און דאָס אויג איז געפאַלן אויף דעם „דיוק", דעם פּאַליאַק, וואָס האָט געשטויסן איין ענגלענדער נאָכן צווייטן אין וואַסער אַריין און אַזוי העלדיש פאַר־טיידיקט די שיף פון ישראל. „דיוק" איז איצט געווען טרויעריק.

כ'האָב געזען מעקן, דעם פרייוויליקן אירלענדער, דעם בראַוון מאַט־ראָז אין פּלאַט פון ישראל, וואָס האָט בעתן ווידערשטאַנד אַריינגעשליי־דערט אין ים אַריין אַן ענגלישן פּולעמיאָט מיט זיין שיסער. אויך ער איז געווען אומעטיק.

די העלדישע מאַטראָזן, די מוטיקע ים־וועכטער זענען געווען גע־פאַנגען!

אין געדרענג האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף די אויגן פון אונדזער קאַפּיטאַן. ער איז געשטאַנען ווי אַן אבל, פון זיין דערשלאָגנקייט, פון זיין אומעט האָט געוויינט מיט ימען פיין. כ'האָב לאַנג געקוקט אויף אים, נישט געקענט זיך באַפרייען פון זיין אויסדרוק פון פאַרצווייפלונג — און אין זכרון האָט אויפגעטויכט היינעס אַן אַלט ליד.

היינריך היינע, דער יידישסטער צווישן די אָפּגעפרעמדטע וועלט־פּאָעטן, האָט אַמאָל אויסגעזונגען אַ ליד וועגן צוויי גרענאַדירן. דאָס זענען געווען צוויי פראַנצויזישע גרענאַדירן, די לעצטע פון נאַפּאָלעאָנס צעשלאָ־גענע חיילות אין רוסלאַנד, וועלכע האָבן אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע און הונגעריקע זיך געשלעפּט אויפן גרויסן שליאַך צוריק. קיין זאַך איז זיי נישט אָנגעגאַנגען. קיין פּאַסירונג האָט זיי נישט דערשיטערט. אויף די חרובע וועגן פון רוסלאַנד איז זייער וועלט אונטערגעגאַנגען.

„וואָס אַרט מיך ס'ווייב? — זינגען די לעצטע גרענאַדירן — וואָס

אַרט מיך ס׳קינד? זאָלן זיי בעטלען גיין, ווען זיי הונגעריק זינד... מיין קייזער, מיין קייזער געפאַנגען!"

אין אַזאַ דערשיטערנדיקער שטימונג האָט דעמאָלט אויסגעזען אונ־דזער קאַפּיטאַן, דער באַזיגטער, דער געשלאָגענער.

זיין שיף, זיין שיף איז געפאַנגען!

ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט. הונדערטער פּאַסאַזשירן זענען געשטאַ־נען מיט די פּנימער צו די ברעגן. די שיף איז פאַרבייגעשווומען די שטיי־נערנע שטאָט עכו. די אַלטע שטאָט מיט דער תפיסה, ווי אַ פעסטונג, איז געווען פאַרגאָסן פון די פלאַמען פון זון־פאַרגאַנג. צו אונדזער שיף איז צוגעשווומען אַ קליינער געפּוצטער דאַמפער אָנגעלאָדן מיט כל־טוב, מיט גוטע שפּייזן. דאָס האָט מען אָנגעבאָטן עסן פאַר די הונגעריקע פּאַסאַ־זשירן. ס׳איז געווען אַ גענוג, אַז די ענגלענדער זאָלן זיך אָנשטויסן מיט די בליקן פון די געפאַנגענע — אַז דאָס שיפל זאָל זיך אָפּטראָגן צוריק, פון וואַנען עס איז געקומען.

דער שפּייז־אָנבאָט איז געמאַכט געוואָרן נאָך אַמאָל, איין שעה שפּע־טער, און די הונגעריקע פּאַסאַזשירן האָבן אָפּגעזאָגט. ס׳איז צעשטערט געוואָרן דער קוואַל פון וואַסער און די דורשטיקע מעפּילים האָבן נישט געבעטן קיין טרונק. ס׳איז צעשמעטערט געוואָרן די באַלייכטונג און זיי האָבן אויסגעקליבן צו בלייבן אין דער פינצטער.

דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן די אויפגעלייגטע צווישן די ענגלישע מאַטראָזן, אַז זיי זאָלן אַרומגיין צווישן פרויען און קינדער און אָנבאָטן שאָקאָלאַד, סיגאַרעטן, ביסקוויטן.

אַ יונגער מאַטראָז איז צוגעגאַנגען צו אַ קליין יידיש מיידעלע און איר דערלאַנגט אַ בלאָק שאָקאָלאַד.

דאָס מיידעלע האָט גענומען דעם שאָקאָלאַד, מיט חידוש באַטראַכט דאָס קאָלירטע פּאַק־פּאַפּיר, וואָס איז געווען באַדעקט מיט דער העברעאי־שער אויפשריפט פון דער ארץ ישראל פאַבריק „עלית". דערנאָך האָט זי איבערגעטראָגן איר גרויסע, תמימותדיקע אויגן אויף דעם פריינטלעכן ענג־לענדער און ראַפּטום אַ שליידער געטאָן דעם שאָקאָלאַד אין זיין פּנים אַריין:

— כ'נעם נישט קיין מתנות פון ים־רויבער!

אין דער שטימונג פון דערלייכטערונג, וואָס האָט געהערשט אויפן דעק, האָט אַ ייד אַ זקן זיך געפּאַרעט איבער זיין געפּעק. ער האָט גע־עפנט אַ קופערט, לאַנג געגנישטערט צווישן שטיקער וועש און לייוונט, ביז ער האָט ארויסגענומען צוויי ספר-תורהס, וואָס ער האָט געפירט פאַר זיינע זין אין ארץ ישראל.

דער זקן האָט צוגערופן אַ פּאָר ענגלישע מאַטראָזן צו זיין קופערט און מיט פרייד אָנגעוויזן אויף די ספר-תורהס:

— די רייניקייטן האָב איך געראַטעוועט פון בוכענוואַלד.

פונעם דעק־שפּיטאָל איז אָנגעלאָפן די אַקושערין מיט אַ בשורה, אַז די צווייטע קימפּעטאָרין האָט שוין געווונען. נאָך אַ זכר פון ישראל איז געבוירן געוואָרן.

ס'איז געוואָרן טונקעלער. די שיף האָט זיך געגליטשט איבער די גלאַטע סאַמעט־וועלן. פון די ברעגן האָבן גערופן די פייערן פונעם ליכט-טורעם. הונדערטער פּאַסאַזשירן האָבן אויסגעשטרעקט די הענט אין דער ריכטונג פון דער שטאָט חיפה, וואָס האָט זיך גענומען צינדן מיט טויזנ־טער אויפגייענדיקע ליכט.

צווישן די פּאַסאַזשירן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטופּעניש. עס האָבן זיך געהערט אויסרופן:

— זע נאָר חיפה, אַ שטאָט!

— אַ שטאָט איז דאָס? אַן אימפּעריע!

— ווען האָט זיך געחלומט, אַז מיר האַלטן שוין אַזוי וויט?

אַ ייד מיט אַ שווערע געקרייזלטע באָרד האָט זיך געדרייט פון איין הייפל צום צווייטן און געשעפּט נחת.

— כ'זע, מען גרייט פאַר אונדז צו אַ גאַנץ פיינעם קבלת־פנים!

— דער גאַנצער ענגלישער פלאָט שטייט דאָרט אויסגעשטעלט! — האָט אַ צווייטער אויסגערופן.

— קיין אַנדערע דאגות האָבן זיי שוין נישט?

— מסתמא זענען מיר אַ וויכטיקער כוח, אַז די ענגלענדער האָבן

זייער גאַנצע אימפּעריע געלאָזט אָן א זייט און אַלע מאַטראָזן אַריבערגע-פירט אַהער!

עמיצער האָט אָנגעוויזן מיט א האַנט:

— וואָס זענען דאָס דאָרט פאַר א שיפן?

— ווו זעסטו שיפן?

— דאָרט! פיר שיפן ווי פעסטונגען.

— דאָס זענען דאָך דעפּאָרטאַציע-שיפן!

— אַוועקצופירן אונדז קיין ציפּערן?

— וווהין דען וועלן זיי דיך פירן? קיין אופיר? — האָט א פריילע-כער יונג אויסגערופן.

— און א פיינע קאַבינע וועל איך כאַטש קריגן?

א בחור אין א פאָר הויכע שטיוול און א לעדערנער קורטקע האָט א שטויס געטאָן דעם פרעגער:

— כ'זע, דו ביזט גוט אויפגעליינגט!

— וואָס פעלט מיר? א פרייע יאַזדע וועלן די ענגלענדער מיר געבן? אַזוי פיל מיילן אויפן ים אויסגעפּאַרן, וועל איך נאָך א פאָר מייל זיך שלעפּן.

— ביי מיר איז ציפּערן ארץ ישראל! — האָט איינער אויסגערופן — איך האַלט, אַז דאָס איז א קאָרידאָר צו ארץ ישראל.

— דו וועסט אין דעם קאָרידאָר מוזן שטיין א גאַנץ יאָר! — האָט דער פריילעכער יונג אים געטרייסט.

— אָבער צוריקגיין אין די דייטשישע לאַגערן וועל איך נישט?

— ניין.

— איז מיר ווערט דאָס וואַרטן!

מאָטל, א לוסטיקער בחור פון רומעניע, א טענצער, א זינגער, וואָס פלעגט שפּילן יעדע נאַכט אויף זיין האַרמאָניע ציגיינער-ראָמאַנסן און ראַפּסאָדיעס, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פעקל בעבעכעס ביים אריינ-גאַנג פון שפּיטאָל-קליניק. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גענומען קרעכצן:

— וואָס איז דיר? — האָט אַ פאַרבייגייענדיק ווייבל אים געפרעגט.
— פילסט זיך נישט גוט?

— כ'פיל אַ מינוט צום טויט — האָט דער בחור געזאָגט, פאַרגלאָצנדיק די אויגן.

— דער קאָפּ? — האָט דאָס ווייבל צוגעלייגט אַ האַנט צום שטערן.

— דער מאָגן, דער בויך, די בלינדע קישקע, אַלץ! — האָט מאָטל געקרעכצט.

דאָס ווייבל האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר לאַכנדיקע אויגן און געזאָגט:

— שפּילסט טעאַטער, מאָטעלע? וועמען גייסטו דאָ איינרעדן אַ קרענק? ביסט געזונט ווי אַ פערד!

— שוויַיג, יידענע! — האָט מאָטעלע איר פאַרמאַכט דאָס מויל מיט דער האַנט — שוויַיג. כ'וויל אַראָפּגיין אין חיפה...

— טאָ וואָס זיצסטו דאָ ווי אַ געליימטער? גיי אַריין אין דער קאַבינע. לייג זיך אויף אַ בעטל.

— וועסט נישט מסרן? האָט מאָטל געוואָלט ביי איר אַ פאַרזיכערונג.

— מסרן פאַר די ענגלענדער? אַז נישט דערלעבן זאָלן מיינע שונאים! — האָט דאָס ווייבל זיך געשווירן — עלעהיי זאָל נאָך איין ייד אַרפּגיין אין ארץ ישראל.

מאָטל איז אַריין אין אַ ליידיקער קאַבינע און זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל.

אַ פּוילישער ייד, מיט אַן אויסגעריבן קאַנטיק זעלנעריש היטל, האָט זיך אַריינגעשטופּט אין אַ רעדל און גערעדט שטיל, ווי עס וואָלט געווען אַ סוד:

— מען זאָגט, אַז די דעפּאָרטאַציע־שיפן, וואָס וואַרטן אויף אונדז, זענען אַלטע, צעפּאַרענע קאַטערינקעס...

— זאָרגט זיך נישט, ר' קרוב — האָט עמיצער געענטפערט — זיי האָבן אַ גוטן אָנקל, די ענגלענדער. ער וועט זיי באַזאָרגן נייע שיפן.

— מיינסטו אָנקל סעם?

— וועמען דען מיין איך?

ענגלענדער רעווידירן די פארהאלטענע עולים



די דעפּאָרטירונג פון די מעפּילים

— פאַרוואָס זאָל דער אָנקל נישט שיקן קיין שיפן פאַר די פּליטים?

— פרעגט אַ ייד, אַ תם.

— ווער ביסטו, אַז אַמעריקע זאָל פאַר דיר שיקן שיפן? אַן הײמלאָזער? אַן אויסגעוואָרצלטער פאַרשוין? מיט ענגלאַנד, אַ גביר, רעכנט מען זיך!

— ער איז דאָך אָבער אַן אָנזעצער, דער ענגלענדער! ער האָט נאָך נישט באַצאָלט אַמעריקע די חובות פונעם ערשטן וועלט־קריג.

— אַפילו אַ גביר אַן אָנזעצער קריגט אויך קרעדיט!

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. מיט אַ פּאָר שפּיציקע עלנבויגנס האָט אַ ייד, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, זיך אַרויסגערוקט. ער האָט צו קיינעם נישט גערעדט. ער האָט בלויז געקוקט אַן ענגלישן מאַטראָז אין פּנים אַריין און בשעת מעשה אויסגעציילט פאַר זיך אויף יידיש איין טענה נאָך דער צווייטער:

— און מיט די שיפן, וואָס זיי קריגן פון אַמעריקע, יאָגן זיי זיך נאָך אונדזער שיף איבער אַלע ימען!

— און מיט די עראָפּלאַנען, וואָס זיי קריגן געשאָנקען, שפּירן זיי אונדז נאָך!

— אוי, ס'אַ וועלטל! טאַטע אין הימל! איז דאָס אַ וועלטל!

די שיף האָט זיך געגליטשט נעענטער צום חיפהר האַפן. טויזנטער ליכט האָבן זיך געצונדן איבער דער ריזיקער באַרג־שטאָט. די געפאַנגענע פּאַסאַזשירן האָבן אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געזאַנג.

די באַוואָפנטע ענגלענדער, וואָס זענען געשטאַנען אויף זייערע וואַך־פּאָסטנס, האָבן געגאַפט: אַזוי זינגען אסירי ציון? אַזוי זינגען געפאַנגענע פון ישראל? ניין! אַזוי האָבן פופצן הונדערט מעפּילים באַגריסט דעם אַריינפאָר אין זייער היימלאַנד.

פּלוצים האָבן די קוימענס פון די זעקס קריגס־שיפן הילכיק זיך צעפייפט. דאָס האָבן די בריטישע ים־פאַרכאַפּערס אָנגעזאָגט, אַז זי פירן אין פּאָרט אַריין אַ געפאַנגענע שיף מיט יידן.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

אויפן וועג קיין ציפּערן

די שיף, אַ פאַרקריפּלטע, אָן אָטעם, אירע מאָטאָרן ווי טויטע געדערים, אויסגעלאָשענע — איז געשלעפּט געוואָרן מיט אַ שטריק צוגעבונדן צו אַ קריגס־שיף, דורך זעקס שעה צייט. אַכט אַזייגער אין אָוונט איז זי אַ באַלויכטענע פון ריזיקע שיין־וואַרפערס אַריינגעפירט געוואָרן אין האַפן פון חיפה.

חיפה, אַ צעוואָרפענע איבערן כרמל, אַ צעשפּרייטע איבערן הדר, האָט געוווּנקען מיט טויזנטער ליכט, געבלענדט און גערופן די פּליטים פון ישראל צו אירע ברעגן. די ליכט האָבן גערעדט מיט אַ פייער־שריפט. און די מעפּילים, ווי זיי וואָלטן אויפגעכאַפּט די פייער־רופן, האָבן אויסגעבראָכן אין אַ ספּאָנטאַנער שבועה: „אם אשכחך ירושלים — **תשכח ימיני**" — „אויב כ'וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים, זאָל פאַרגעסן ווערן מיין רעכטע האַנט". די קייטן האָבן צוגעקאָוועט די שיף צו דער ברייטער הילצערנער בריק פון פּאָרט. מעכטיקע קולות פון פופצן הונדערט העלדזער האָבן געזונגען דעם נאַציאָנאַלן הימן.

די געזאַנגען האָבן זיך איינציקווייז איינגעשטילט. די פּאַסאַזשירן מיט האַק און פּאַק אויף די פּלייצעס, גרייט צו לאַנדן, האָבן אָנגעפילט דעם דעק און געגאַפט צו דער באַלויכטענער האַפן־שטאָט.

די גאַנצע לענג פון פּאָרט איז געווען באַזעצט מיט בריטישע סאָלדאַטן, מאַטראָזן און פּאָרט־אינספּעקטאָרן. די מיליטערלייט פון דער לופט־דיוויזיע אין זייערע רויטע בערעטן האָבן אין די טויזנטער באַוואַכט די בנינים און אַלע צוגאַנגען פון די אינעווייניקסטע טיילן שטאָט צום פּאָרט. דאָך האָבן פון דער ווייטנס פון פאַרשטעקטע ווינקלען זיך געזען איינצלנע פלאַטערנדיקע טיכלעך, פאַכנדיקע הענט. דאָס האָבן געוואַגטע קינדער פון ישוב דורכגעבראָכן די פּאַטרולן און באַגריסט די מעפּילים.

אויף דער פּאָרט־בריק, נעבן דער וואַך, האָבן זיך באַוויזן פאַרשטייער פון דער העברעאישער פּרעסע מיט נאָטיץ־ביכער און פאָטאָגראַפישע אַפּאַ־

ראַטן. באַלד האָבן אויפגעבליצט רעפלעקטאָרן־ליכט און די אַפּאַראַטן האָבן אַראָפּגענומען בילדער.

די אַרבעט פון אַראָפּפירן די פּאַסאַזשירן האָט זיך אָנגעהויבן.

איבער די צוגעשטעלטע טרעפּ־לייטערס האָבן אַרויפגעקלעטערט מי־ליטערלייט מיט רויטע בערעטן. ווען זיי האָבן פאַרנומען פּאָסטנס אין פאַרשידענע ווינקלען, זענען די ערשטע טרופּן, וואָס האָבן געהאַט פאַר־כאַפּט די שיף, אַראָפּגעגאַנגען. די וואַכן האָבן זיך געטוישט.

מינוטן שפּעטער האָבן זיך באַוויזן צוויי ענגלישע דאָקטוירים. עס האָבן זיך באַוויזן סאַניטאַרן מיט טראָג־בעטלעך, גרייט אַראָפּצופירן קראַנקע.

די סאַניטאַרן זענען געווען העפלעך און אַרטיק. זיי האָבן געקלאַפּט פון איין קאַבינע אין דער צווייטער און געזוכט פּאַציענטן. ס'איז אָנגע־קומען די קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט געדינט ווי א הייבאַם. ס'איז אָנ־געקומען דער דאָקטאָר, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַן אַקושאָר. מען האָט אָנגעוויזן די טירן. ס'זענען אַראָפּגעטראָגן געוואָרן קראַנקע מיט שוואַכע הערצער. ס'זענען אַראָפּגעטראָגן געוואָרן די צוויי קימפּעטאָרינס. עס איז אויך אַראָפּגעטראָגן געוואָרן לייבעלע, דאָס בחורל מיטן אָפּגעהאַקטן פינ־גער. די קראַנקע, די פאַרוווּנדעטע, די געווינערינס — אויף זיי איז נישט חל די ציפּערן־גזירה. זיי געניסן פון דער פּריווילעגיע צו גיין אין שפּיטאָל אַריין און צו בלייבן אין לאַנד.

איבער דעם שיף־בריקל האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין די ערשטע פּאַ־סאַזשירן. די געפּעק זענען ביי זיי צוגענומען געוואָרן אין מיטן גאַנג און אַריבערגעוואָרפן געוואָרן צו א הייפל זעלנער, וואָס האָבן דורכגעפירט א ווילדע רעוויזיע. די פּאַסאַזשירן, פאַר ווּעמען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד איז געוואָרן א פאַרבאָטן לאַנד, האָבן געטראָטן אויף דער ארץ ישראל ערד, ביז צום פּלאַץ, ווו עס זענען געווען פאַראַנקערט די פיר דעפּאָרטאַציע־שיפן. די שיפן באַשטימט צו טרייבן יידן אין נייעם גלות אַריין האָבן געטראָגן פיר געהויבענע אימפּעריאַלע נעמען: „עמפּייר לאַיפּגאַרד", „עמפּייר שעל־טער", „עמפּייר קאָמפּאָרט", „עמפּייר רעסט".

פונעם אויבערשטן דעק, פון דער פּראָמענאַדע אַראָפּ האָבן מעפּילים

אַראָפּגעשריגן צו די ציימונגס-מענטשן, געזוכט פאַרבינדונג מיט זייערע קרובים:

— איך זוך מיין קרוב זלמן בינדער!

— אַ ברודער מיינער, חיים תמרי, געפינט זיך אין עתלית. לאָזט אים זויסן!

— מיין פעטער ישראל פינקעלשטיין האָט נישט געוווסט, אַז איך פאָר מיט די מעפּילים... גריסט אים! כ׳וועל וואַרטן אין ציפּערן!

בריטישע וועכטער האָבן געשטופּט די ציימונגסלייט אויף דער אַנדערער זייט און געשטערט דעם איבעררייד מיט די פּאַסאַזשירן. אונטן איז יעדער איינער באַזוכט געוואָרן אין די קעשענעס. נאָך דער קעשענע-אונטערזוכונג האָבן די פּאַסאַזשירן געצויגן דורך די מיליטערישע דעזינפעקציע-געצעלטן, ווו מען האָט אויף זיי געשפּריצט דע־דע־טע פּולווער. פון דאָרט האָט דער וועג געפירט צו די דעפּאָרטאַציע-שיפן.

צוזאַמען מיט די מעפּילים האָב איך זיך דורכגעגליטשט די קאָנטראָל פון די ענגלענדער. די איינציקע וואַליזע אין מיין האַנט האָט געשוווערט, האָט געבריט. די ענגלישע וועכטער האָבן די וואַליזע אַ קאָפּ געטאָן. כ׳בין האַסטיק פאַרבייגעגאַנגען דאָס אָרט, ווו די פאָרשטייער פון דער פּרעסע זענען געשטאַנען. בלויז אַ נידעריקער פּאַרקאַן פון שטעכיקע דראָטן האָט אונדז אָפּגעטיילט. ס׳איז געווען אַזוי שווער אין יענער רגע צו שווייגן און אַזוי געפערלעך צו רעדן. כ׳האָב דערקענט באַקאַנטע פּנימער. עמיצער האָט געטייטלט אויף מיר מיט אַ האַנט. הינטער מיר האָבן עטלעכע פּאַסאַזשירן געשאָקלט מיט די קעפּ צו די ציימונגס-מענטשן, וואָס זענען די צייכנס? ווער ווייזט מיט דער האַנט? צו וואָס דאָס שאָקלען מיט די קעפּ? איין אומפּאָרזיכטיקער פּיפּס און כ׳בין אַ געפאַנגענער ביי די ענגלענדער. ס׳איז גוט וואָס מיינע נאָטיצן זענען פאַרשטעקט און מיינע דאָקומענטן באַהאַלטן ביי פרעמדע מענטשן.

מיט אַ געשפּאַנטן אָטעם האָב איך זיך גערוקט פאָראויס. הינטער מיר — פּאַסאַזשירן. פאַר מיר — פּאַסאַזשירן. נאָך אַ שריט און נאָך אַ שריט און אָט שטייען מיר שוין פאַר דער צווייטער שיף „עמפּייר שעל-

טער". די ערשטע דעפאָרטאַציע־שיף איז שוין פול. די צווייטע ווערט אָנ־געפאַקט.

אין זייער פאַרצווייגטער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די ענגלענדער פירן אין דער וועלט קעגן דער יידישער ים־וואַנדערונג, וואַרפן זיי פאָר, אַז יידן פירן זייערע פּליטים־שיפן אין אומסאַניטאַרע באַדינגונגען. עס איז גענוג געווען אַריינצוקוקן אין דער „עמפּייר שעלטער", כדי צו קענען צוריק־וואַרפן די ענגלענדער אין פּנים אַריין דעם פאָרוווּרף. אויב שווינדלע־רייען און ליגנס זענען די קליינע דימענטן אין דער קרוין פון דער בריטי־שער אימפּעריע, איז היפּאָקריטסטווע די קרוין אַליין. ווי קעלבער האָט מען די פּליטים אַריינגעשטופּט אין דער שיף. מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט. זקנים, שוואַכע, מינדעריעריקע — אַלע זענען געשטאַנען צונויפ־געדריקט אין קעמערלעך, וואָס זענען געווען אָפּגעטיילט איינס פון דער אַנדערער מיט דראָטענע ווענטלעך. די קעמערלעך האָבן אויסגעזען ווי שטייגן פאַר חיות.

דאָס שטיקעניש איז געווען גרויס. די לופט — ענג. און ביי יעדער קאַמער איז געשטאַנען אַן ענגלישער זעלנער, אויף זיין קאָפּ — אַ העלם, ווי אַ קופּאָל. אַ באַוואָפנטער, אַ באַפּאַנצערטער. דער זעלנער, דער טאָמי, האָט געשוויצט ווי אַ ביבער, אָבער זיין פּנים איז געווען האַרט — אַ שטאָלענע מאַסקע. ער באַקלאָגט זיך נישט. ער איז אַ קליינער קנעכט פון זיין מאַיעסטעטס רעגירונג. וואָס וויל מען פון אים? ער טוט זיין פונקציע ווי אַ ראָבאָט.

אָבער די פּליטים באַקלאָגן זיך יאָ. זיי זענען מורדים אומעטום. זיי בונטעווען זיך אין די לאַגערן, אויף די באַנען, אין די שיפן. פיר יונגען אין אָפּגענוצטע גרויע מונדירן, שטאַרקע ווי קאָזאַקן, רייסן זיך אַרויס פונעם געדרענג, כדי צו לאָזן הערן זייערע פּראָטעסטן. און זייערע פּראָטעסט־קולות זענען איינגעוויקלט אין חוזק־טיולן, אין גאַלגן־הומאָר. איינער פון די יונגען ווייזט אָן אויף די דראָטענע ווענטלעך און פרעגט:

— וואָס זאָגסטו צו די שטייגן?

— און אַזוי דאַרף מען זיך שלעפּן פערצן שעה צייט? — פרעגט אַ שוואַנגעריקע פרוי.

— מיר שלעפּן זיך נישט, מיר מאַכן אַ לוסטרייזע צום צוגעזאָגטן אינדזל — פּאַלט אַ קול מיט אַ קיילעכדיק געלעכטער.

— אין פאַרגלייך מיט דער פּאַסטקע איז דאָך די „התקוה" געווען אַ יאַכט־שיף!

— מעגסט עס נאָך אַמאָל זאָגן! מען האָט דאָרט געלעבט ווי אין אַ פּאַלאַץ!

— די דעפּאָרטאַציע־שיף איז אָפּגעפּוצט פון דרויסן, אָבער אַ חזיר־שטאַל פון אינעווייניק...

— אַ קלאָג צו ענגלאַנד און אַ בראָך צו דער אימפּעריע, אַז דאָס איז זייער פאַרמעגן! — האָט עמיצער געלאָזט פאַלן אַ קרעכץ פאַר בריטאַניע.

זעלנער אָנשטאָט סטיואַרדס זענען געגאַנגען פון איין שטייג צו דער צווייטער און דערלאַנגט די פּאַסאַזשירן טעפּלעך טיי מיט טרוקענע סוכאַ־רעס. ס'איז געווען דער ערשטער מאָלצייט אויפן חשבון פון די בריטישע קעסט. די פּאַסאַזשירן האָבן געזופּט דעם טיי, געביסן די סוכאַרעס שטו־מערהייט. עס איז געווען שטיל, די שטילקייט וואָס קומט פון גלייכגילטי־קייט, פון אַפּאַטיע, פון שלום מאַכן מיט דער רשעות. נאָכן טיי האָבן טייל פּליטים איינגעדרימלט שטייענדיקערהייט. די, וואָס האָבן געהאַט זיץ־ערטער, זענען געשלאָפן ווי קיסרים, געשפּונען חלומות און פאַרגעסן, אַז זיי ווערן פאַרטריבן אויף אַן אומבאַקאַנטן גלות־אינדזל.

די נאַכט איז געווען אויסגעפּאַקט מיט שטערן. איבערן ים — שטאָק פינצטער. אַפילו די לייכט־טורעמס, וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבער די לאַנד־ברעגן, האָבן אויפגעהערט צו ווינקן. די שיף האָט זיך פלינק גע־גליטשט. די מאַטראָרן האָבן גערוישט. נאָך אַ ים־מייל און נאָך אַ וואַסער־כוואַליע איינגענומען. צווישן די פּאַסאַזשירן איז געווען רואיק.

ווי שטיל זענען איצט די פאַרטריבענע פון ציון! עס הערן זיך נישט מער די ים־לידער פון יהודה הלוי. עס הילכן נישט די אָדעס פון די פּיטנים.

וואָס גיכער די נאָז פון דער שיף שניידט דאָס וואַסער, וואָס פלינקער זי שלינגט דעם שוימיקן ים־שטח, אַלץ שטאַרקער טויכן אויף אין זכרון מאָמענטן פון יידישער געשיכטע, וואָס דערציילן וועגן דעם פאַרצייטיקן אינדזל קפריסין (ציפּערן).

די יידישע מאָמענטן, ווי בליצן, ליכטן אויף און מאָנען, מען זאָל וועגן זיי דערציילן. ציפּערן ווי אַ גלות-אינדזל איז נישט קיין צופאַל אין תולדות-ישראל, ס'איז נישט קיין אַנטדעקונג פון די בריטישע אוזורפּאַ־טאָרן. ציפּערן איז אַ דאַטע אין דער יידישער געשיכטע. ציפּערן איז געווען אַ קאַמפּספעלד פאַר יידישע אויפשטענדלער נאָכן צווייטן חורבן.

ציפּערן איז דער דריטער גרעסטער אינדזל אויפן מיטללענדישן ים. דער אינדזל געפינט זיך זעכציק מייל אויף דער מערב-זייט פון לבנון און סיריע און צוויי הונדערט מייל צפון פון עגיפּטן. דער שטח פון אינדזל איז אַרום דריי מיט אַ האַלבן טויזנט סקווער מייל.

די ברעגן פון אינדזל זענען צומיינסטן פעלדזיקע. צעוואָרפענע בערג רינגלען אַרום די האַפנס פון דעם אינדזל. און צווישן די בערג ציען זיך געדיכטע וועלדלעך מיט טראָפּישע פּרוכטן-ביימער.

די דריי וויכטיקסטע האַפנס זענען פאַמאַגוסטאַ, לאַרנאַקאַ און לימאַ־סאָל. די הויפּטשטאָט איז ניקאָסיאַ. די אָזערעס וואָס געפינען זיך אין לאַ־רנאַקאַ זענען געזאַלצן און טויגן נישט צום טרינקען. אין פאַמאַגוסטאַ, וווּ עס געפינען זיך די הויפּט-לאַגערן פון די מעפּילים, איז פאַראַן אַן אָזערע מיט פרישׁ וואַסער, וואָס טריקנט אויס אין זומער און פליצט איבער די ברעגן אין ווינטער. די טראַנספּאָרטאַציע און קאָמוניקאַציע-וועגן ווערן געדעקט דורך באַנען און אויטאָמאָבילן. די באַפעלקערונג באַשטייט צום מיינסטן פון גריכן, טערקן און אַנדערע מאַכמעדאַנער. די דריי אומגאַנגס־שפּראַכן זענען ענגליש, גריכיש און טערקיש.

כדי צו דערגיין ווי אַזוי אָט דער פּרוכטבאַרער אינדזל איז אַריינגע־פאַלן אונטער דער בריטישער הערשאַפט, איז נויטיק אַריינצובליקן אין אַ פּאָר געשיכטלעכע דאַטעס, ווייל דער אינדזל ציפּערן האָט אַ גאָר גרויסע קרובהשאַפט מיט דעם יידישן פאָלק, אין דער צייט פון נאָכן חורבן, ווען ארץ ישראל האָט פאַרלוירן די אומאָפּהענגיקייט און די רוימישע אימפּעַ־ריע האָט געטאָן שאַלטן און וואַלטן איבער אַלע לענדער פון מזרח.

אין יאָר 1450 פאַר דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג איז ציפּערן פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ פאַרצייטיקן הערשער טוטמאָסים דעם דריטן. די פעניציאַנער — אַמאָליקע סיריער — און גריכן, וואָס האָבן באַוווינט דעם

אינדזל, זענען געוואָרן באַזיגט. אין פאַרלויף פון די קומענדיקע 900 יאָר האָבן די פעניציער, עגיפּטער און אַסיריער פּרובירט אַריינצוקריגן אין באַזיץ דעם אינדזל, אָבער אָן דערפאָלג. ערשט אַרום 500 יאָר פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג איז געלונגען אַן עגיפּטישן קעניג פּרעה אמאזיס צו צעשטערן די באַפעסטיקונגען אויפן אינדזל. אָבער צען יאָר שפּעטער האָט אַ פּערסישער הערשער — דורך מלחמה — אַנעקסירט ציפּערן צו פּערסיע.

אַ סך בלוטיקע שלאַכטן זענען געפירט געוואָרן צוליב דעם אינדזל. זיגער און באַזיגטע האָבן געטוישט הענט. עס האָבן זיך געשלאָגן צוליב ציפּערן מלכים און פירשטן, קליינע מלוכות און גרויסע אימפּעריעס. דער אינדזל איז אַפילו אַריינגעפאַלן אין דעם רויב־זאַק פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן. ערשט נאָענט צום אָנהויב פון דער איצטיקער צייט־רעכענונג, איז ציפּערן געוואָרן אַ רוימישע פּראָווינץ. סערגיוס פּאַאולוס איז געווען דער ערשטער פּאָרשער אויפן אינדזל. דער באַרימטער פילאָזאָף זענאָן איז געבוירן געוואָרן אין ציפּערן מיט פינף און צוואַנציק הונדערט יאָר צוריק און דער גרויסער רוימישער אָראַטאָר ציצעראָ איז אַ צייט געווען גובערנאַטאָר אין ציפּערן און דאָרט אַרויסגעגעבן גוטע געזעצן.

די געשיכטלעכע כראָניק דערציילט, אַז אין יאָר 115 לויט דער איצטיקער צייט־רעכענונג, זענען די גוט־באַוואפנטע יידן, איינוווינער פון ציפּערן, אַרויס אין אַן אויפשטאַנד קעגן די רוימער. די אויפשטענדלער האָבן צעשמעטערט די שטאָט סאַלאמוס און אומגעבראַכט 250 טויזנט רוימישע טרופּן אין פאַרלויף פון צוויי יאָר צייט. עס האָט די רוימער גענומען זייער לאַנג, ביז ס'איז זיי געלונגען צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד. נאָכדעם איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ דעקרעט פונעם סענאַט, וואָס האָט פאַרווערט אַ ייד צו וווינען אויפן אינדזל. די נקמה פון די געשלאָגענע רוימער איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען זיי האָבן געפינען אַ לעבעדיקן ייד אין ציפּערן, האָבן זיי אים אויף אַן אכזריותדיקן אופן פאַרברענט. יידן האָבן דורך לאַנגע דורות אויסגעמיטן צו וווינען אויפן אינדזל. ערשט אַזוי שפּעט ווי אין יאָר 1911 האָט די סטאַטיסטיק דאָרט געוויזן בלויז 200 יידן.

אָבער ציפּערן איז נישט געבליבן ביי די רוימער. דער אינדזל איז איבערגעגאַנגען צו פאַרשידענע ביזאַנטישע הערשער.

אין יאר 1184 האט אין ציפערן זיך באוויזן א סירישער הערשער איזאק קאמענאס און זיך פראקלאמירט אלס קיסר. אראבישע אינוואזיעס זענען פארגעקומען פיל מאל. איין אינוואזיע איז אנגעפירט געווארן פון דעם קאליף הארון אל ראשיר. שפעטער איז ציפערן באפרייט געווארן און ס'איז געווען רואיק א צייט.

אין יאר 1191 האט דער קעניג פון ענגלאנד ריכארד דער לייב — דער קעניג מיט דעם הארץ פון א לייב — געלאנדעט אין ציפערן. זיין לאנדונג האט געטראגן מער דעם כאראקטער פון א פערזענלעכער אוואנטורע, איידער א מיליטערישע אונטערנעמונג. ער איז געקומען אויפן אינדזל, כדי צו ראטעווען זיין כלה בערענגאריא פון נאווארע און אויך זיין שוועסטער דזשואנער, די קעניגין פון איטאליע, וואס איז געווען געפאנגען ביי איזאק קאמענאס. ריכארד האט געשלאגן זיין שונא. נאכן זיג האט ער חתונה געהאט און געקרוינט זיין כלה אין דער שטאט לימאסאל אלס די קעניגין פון ענגלאנד. ריכארד האט נישט ארויסגעוויזן קיין גרויסן אינטערעס פאר ציפערן, ווייל ער האט א יאר שפעטער פארקויפט דעם אינדזל צו אן איטאליענישן פירשט, וואס האט זיך טיטולירט „דער קעניג פון ירושלים". דער לעצטער אפשטאם פון יענעם פירשט, די קעניגין קאטערינא קארנארא האט געשאנקען דעם אינדזל צו איר לאנד ווענעציע.

די ווענעציאנער האבן געהערשט דארט ביזן יאר 1571, ווען ציפערן איז געווארן א טערקישע פראווינץ.

די בריטישע פאן איז אויפגעהויבן געווארן איבער ציפערן דעם 12טן יולי 1878 אלס א רעזולטאט פון אן אפמאך צווישן טערקיי און ענגלאנד. דער אפמאך האט פאראורדנט די בריטישע טרופן צו באוואכן ציפערן, כדי צו נוצן דעם אינדזל ווי א שפרונג־ברעט צו באשיצן טערקיי, אין פאל פון א קריג מיט רוסלאנד. ווען די אטאמאנישע אימפעריע, אונטער דער הערשאפט פונעם סולטאן איז ארויסגעטראטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אויף דער זייט פון דייטשלאנד — איז ציפערן אנעקסירט געווארן צו די בריטישע דאמיניעס. איצט איז דאס א בריטישע קרוין־קאלאניע,

רעגירט דורך אַ גובערנאַטאָר און אַסיסטירט דורך אַ ראַט, וואָס באַשטייט פון צוועלף מיטגלידער, דערווײלט אויף פינף יאָר.

ציפּערן איז אַ לאַנגע צײַט געווען אַ פאַרגעסענער פּונקט אויף דער מאַפּע. אָבער אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט האָבן יידישע פּיאָנערן געמאַכט פאַרזוכן פון יידישער קאָלאָניזאַציע. זיי זענען געגאַנגען אויפ־אַקערן פרעמדע ערד, וואָס ליגט נאָענט צו ארץ ישראל. נאָך היינט קען מען זען צייכנס פון יענע פאַרזוכן. עס זענען געבליבן שפּורן פון די דע־מאָלטיקע יידן, די דורכגעפאַלענע קאָלאָניזאַטאָרן. עס זענען אויך געבליבן די רעשטלעך פון אַמאָליקע יידישע פּרדסים, די פאַרשפּילטע פּראַצע פון יידישע פּלאַנטאַטאָרן, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן קענען האָבן אַן אָנהאַלט אויף געבאָרגטער ערד.

דוד טריטש, דער בעל־חלומות צווישן די האַרטע רעאַליסטן אין דער ציוניסטישער פירערשאַפט, האָט נאָך מיט יאָרן צוריק זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן אוטאָפּיע וועגן אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין ציפּערן. צי ער האָט אינטואיטיוו פאַרגעזען, צי ער האָט פאַרמאָגט אַ געהויבענע פּאָעטישע פאַרשטעלונגס־קראַפט — אָבער שוין מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָט ער געהאַט אַ גרויסן ווונטש, אַז דער אינדזל ציפּערן זאָל ווערן אַן אַזיל פאַר יידן אויפן וועג קיין ארץ ישראל.

זיין ווונטש — אין אַ פאַרקריפּלטער אויסטייטשונג, אין אַ ברוטאַלער רעאַליזירונגס־פאָרם — איז מקוים געוואָרן.

דער אינדזל ציפּערן איז צוריק אַרויף אויף דער טאָג־אָרדנונג, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע באַוועגונג פון די יידישע שיפן אויף די ימען און די ענגלישע רעגירונג האָט גענומען דעפּאָרטירן די מעפּילים צו די גלות־לאַגערן אויף יענעם אינדזל.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

אויפן תפיסה-אינדזל

צומאָרגנס אַרום צען אינדערפרי זענען די פיר דעפּאָרטאַציע-שיפן אָנגעקומען אין פּאָרט פאַמאַגוסטא. ס'איז געווען אַ זוניקער טאָג. דער הימל — לויטער. די לופט — ווינטלדיק. די פּאַסאַזשירן, צעבראָכענע, מידע נאָך אַ גאַנצער נאַכט זיך שלעפּן אין די שמוציקע שטייגן, האָבן גענומען אַראָפּגיין, לויט אַ קאָמאַנדע, אין מיליטערישער אָרדנונג. אין האַפן האָבן שוין געוואַרט צענדליקער מיליטערישע לאַסט-אויטאָס אַריבערצופירן די מעפּילים אין די לאַגערן.

אויך דאָ האָט דער פּאָרט אויסגעזען ווי אַ פּאַראַד פון דעם בריטישן פלאָט. ענגלישע ים־וועכטער פון פאַרשידענע ראַנגען. טרופּן אין מונדירן פון פאַרשידענע קאַלירן — אַלץ איז געוואָרן מיט פּאָמפּע דעמאָנסטרירט פאַר די פּופּצן הונדערט וואָגלערס. דאָס אַראָפּגיין פון די שיפן און דאָס אַרויפשטייגן אויף די לאַסט-אויטאָס איז צוגעגאַנגען מיט אַזאַ פלינקייט, ווי מען וואָלט מורא געהאַט, די פּאַסאַזשירן זאָלן נישט אַריינשפּאַצירן אין דער שטאָט און זיך אויסמישן מיט די איינוווינער.

די לאַסט-אויטאָס זענען געלאָפן אויף ברייטע שליאַכן. פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך געצויגן פּרדסים. די ביימער מיט פולע קנופּן פּאָמער־ראַנצן האָבן אַראָפּגעהאַנגען און זיך געבויגן פון רייפקייט. דאָ און דאָרט זענען געווען צעוואָרפן גריכישע אַרבעטער מיט לאָפּעטעס, מיט העק. דער־זעענדיק די פאַרבייפאָרנדיקע לאַסט-אויטאָמאָבילן, האָבן זיי געהויבן די הענט און באַגריסט די מעפּילים מיט אויסגעשרייען: שלום!

דער אויסגעשריי „שלום", די פּאָכנדיקע הענט, די שמייכלענדיקע פּנימער אויפן פרעמדן אינדזל האָבן אויפגעהייטערט די געפאַנגענע יידן.

פאַר אַ שווערן טויער, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער אַריינגאַנג צו אַ פעסטונג, האָבן די לאַסט-אויטאָמאָבילן איינציקווייז זיך אָפּגעשטעלט. דאָס טויער איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ דאָפּלטער צוים פון שטעכיקן דראָט. אויף יעדע פּופּציק מעטער האָט זיך אַרויסגעזען אַ טורעמל, ווו עס

איז געשטאַנען אַ בריטישער וועכטער. צווישן איין טורעם און צווייטן זע־נען געווען צעשטעלט באַוואָפנטע זעלנער פונעם „קעניגס רעגימענט“.

די אָנגעקומענע מעפּילים האָבן געצויגן מיט די אַקסלען, געחוזקט און נישט באַנומען וואָס די לייב-גוואַרדיע פונעם „קעניגס מאַיעסטעט“ דאַרף פאַרנעמען אַזאַ מינדערוויכטיקן פּאָסטן, ווי היטן די פּליטים.

דורכן גרויסן שווערן טויער האָבן די פּליטים גענומען שטראָמען גלייך צו די מיליטערישע געצעלטן. די געצעלטן ווייסע, לאַנגע האָבן אײַנגענומען צו אַכט און צו צען מענטשן. צווישן די געצעלטן איז דאָ און דאָרט געשטאַנען אַ באַראַק מיט אַ קיך. אינעווייניק, אין די קיכן, זענען געשטאַ־נען, נאַפט-אויוונס, צוליב מאַנגל אין האָלץ. מיט נאַפט, אייל — דאָס שמאַלץ פון איבן סאַאודס מדינה — באַהייצט מען קיך-אויוונס אין צי־פּערן. פון די קיך אויוונס האָבן זיך געטראָגן וואָלקנס מיט שוואַרצן רויך. דער רויך האָט זיך געלייגט איבער די געצעלטן, איבער די האַלב-נאַקעטע פּליטים, וואָס זענען געלעגן און זיך געוואַרעמט אויף דער זון.

ביים אָנקומען פון די נייע מחנות פּליטים זענען אַ סך „אײַנגעזעסע־נע“ זיי אַנטקעגן געגאַנגען. זיי האָבן אָפּגעגעבן אַ ברוך הבא, געזוכט נאָענטע און געפונען קרובים.

די וואָגלערס, וואָס זענען דורכגעלאָפן לענדער, געשוואַרצט גרענעצן און דורכגעשניטן ימען, האָבן זיך איצט געפונען אויפן פּלאַץ, ווו עס ציען זיך די אַכט לאַגערן, די גלות-קוואַרטירן פון די ציפּערן-פּליטים. זיי האָבן אויפגענומען דעם נייעם אַזיל-אָרט מיט גלייכגילטיקייט. באַלד ביים אַראָפּ־גיין פון די לאַסט-אויטאָס האָבן זיך געהערט שטימען:

— דאָ וועט מען איצט קענען אויסרוען די ביינער! — האָט עמי־צער געלאָזט פאַלן.

— און נאָך ווי רוען! פאַר זעקס חדשים גאַראַנטיר איך! — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן.

— וועסט האָבן מזל, אַז דו וועסט דאָ בלויז זיצן אַכט חדשים!

— אַזוי לאַנג וועל איך נישט וואַרטן. מיין רייזע-פּלאַן איז נישט געווען ציפּערן. כ'בין געפאָרן קיין ארץ.

— וואָס קענסטו טאָן? וועסט די ענגלענדער רופן צו אַ דין-תורה?

— מען וועט מאַכן אַן אויפשטאַנד!

א ברייט־ביייניקער ייד, אַ גאַליציאַנער מזרחיסט, וועמען קיין זאַך קען נישט באַגייסטערן אָדער דערשלאָגן, האָט זיך גערוקט מיט זיין זאַפטן גאַנג צום הייפל און געערדט מיושבדיק:

— מיך אַרט נישט, אַז כ'וועל דאָ זיצן אפילו אַ יאָר. כל זמן, כ'ווייס, אַז דאָס איז די לעצטע סטאַנציע. צוריקשיקן אין די לאַגערן וועט מען מיך נישט. וואָס האָב איך דאָ צו פאַרלירן? פון דאַנען איז בלויז אַ קאַצן־שפרונג קיין ארץ...

צום מייסטן אויפגעהייטערט איז געווען דאָס יונגוואַרג. זיי, וואָס האָבן געזונגען, ווען די ענגלישע צעשטערער־שיפן האָבן זיך געיאָגט נאָך דער פליטים־שיף אין מיטן ים, זיי וואָס האָבן געזונגען ווען די זעלבע שיף אַ פאַרקריפּלטע, אַ צוגעבונדענע מיט אַ שטריק איז אריינגעשלעפּט געוואָרן אין חיפהר האַפן — זיי האָבן אויך איצט נישט אויפגעגעבן דעם געזאַנג, ווען מען האָט זיי אריינגעפירט אין דעם לאַגער „קאַראַאולוס".

די ענגלישע באַוואַפנטע זעלנער, וואָס האָבן באַוואַכט די לאַגערן פון דרויסן, אויף יענער זייט פון די שטעכיקע דראָטן, האָבן נישט באַנומען דעם געמיט־צושטאַנד פון די פריילעכע געפאַנגענע. דאָס געזאַנג האָט אָנ־געהאַלטן ביז די מעפּילים האָבן זיך אריינגערוקט אין די אָנגעוויזענע פּאַ־לאַטקעס, אינעם לאַגער „קאַראַאולוס".

דער דאָזיקער לאַגער איז דער גרעסטער צווישן די אַכט לאַגערן אַרום פאַמאַגוסטאַ. דאָ געפינען זיך אַריבער פיר טויזנט פליטים. מען לעבט אין קיבוצים, אין גרופּעס. מען לעבט משפחהווייז. די צאָל פון אַלע פליטים ביי אונדזער אָנקום איז געווען אין אַלע לאַגערן אַרום זעכצן טויזנט. צווישן זיי — צוויי טויזנט און פיר הונדערט קינדער און יוגנטלעכע. זעקס הונ־דערט שוואַנגערע פרויען. הונדערט און פופציק זויג־קינדער. אָבער דער טומלדיקסטער און אַקטיווסטער לאַגער איז „קאַראַאולוס". דאָרט קומען פאָר אָפטע בונטן, אויסברוכן און פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס קעגן דעם ענגלישן רעזשים. די בריטאַניער קענען זיך קיין עצה געבן מיט די מורדים. זיי זוכן צו בייטן די פּאָזיציעס פון די בונטאָווטשיקעס, איבערשיקן גרופּן פון איין לאַגער צום אַנדערן. אָבער די רעזולטאַטן זענען די זעלבע. ווי נאָר

די נייע פּליטים טרעטן אַריבער דעם לאַגער „קאַראַולוס" ווערן זיי אָנ־געשטעקט מיט דעם גייסט פון מרידה.

כ'האָב זיך געלאָזט אויף אַ גרינטלעכן שפּאַציר צווישן די געצעלטן. אַ שמועס דאָ און אַן איבעררייד דאָרט און די עלטערע מעפּילים, „תוש־בים" אויפן גלות־אינדזל האָבן מיר דערלאַנגט אַ סך אינפאָרמאַטיווע איינצלהייטן.

אויף ווי ווייט דער לאַגער „קאַראַולוס" איז באַזעצט מיט בונטאָוו־שטשיקעס קען ווייזן דאָס אויסערלעכע אויסזען פון אָט דער מחנה־ישראל. כמעט אַלע פּאַלאַטקעס, די מיליטערישע געצעלטן, זענען צעריסן. מען רייסט פון די פּאַלאַטקעס פּאַסנווייז, ווייל מען נוצט דאָס לייוונט אויף צו פאַרריכטן די אַלטע קליידער. דאָס ביסל אָרעמע בגדים, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון די דייטשישע לאַגערן ביז צום נייעם גלות זענען אויפן קורצן וועג פון חיפה קיין ציפּערן אָדער אויסגערויבט געוואָרן, אָדער פאַרפאַלן געוואָרן. און דאָס, וואָס איז געבליבן איז צעדריוולט און אָפּגע־נוצט געוואָרן. די פאַרביטערטע פּליטים, דערשלאָגן פון זיצן לאַנגע חדשים אויפן אינדזל, דערשלאָגן פון דער בריטישער באַהאַנדלונג, דריקן אויס זייער צאָרן דורך דעמאָלירן די ענגלישע מיליטערישע איינריכטונגען.

אָבער פאַראַן טיפערע סיבות פאַרוואָס די פּליטים זענען אין שטענ־דיקן צאָרן אויף די ענגלישע פאַרזאָרגער. ווען די בריטישע צעשטערער־שיפן האָבן זיך געיאָגט אויפן אָפענעם ים נאָך די פּליטים־שיפן, האָבן זיי תמיד געלאָזט די וואַנדערער מיט די חניפהדיקע אויסרופן דורך זייערע הילכערס:

— גיט זיך אונטער! מיר וועלן אייך ברענגען קיין ציפּערן. מיר וועלן אייך געבן גוטע שפּייז, גוטע קליידער און שיינע היימען!

קיין ציפּערן האָט מען די פּליטים געבראַכט. אָבער קיין קליידער האָט מען זיי נישט געגעבן און מיט קיין גוטע שפּייזן נישט באַזאָרגט. די פּלי־טים באַקלאָגן זיך אויף די שפּייזן נישט בלויז דערפאַר, ווייל עס פעלן די גענוגנדע צאָל קאַלאָריעס, נאָר אויך דערפאַר, וואָס דער פּראָוויאַנט איז פון שלעכטער קוואַליטעט און זייער פאַרעלטערט. די ענגלישע מאַכט איז קאַרג ביז פאַרברעכערישקייט. זי ליפערט אין די לאַגערן קאָנסערוון־פוש־

קעס, וואָס טראָגן די אויפשריפט: „גילטיק ביז 1943״ און די דאָזיקע פאַרעלטערטע, אפשר פאַרגיפטעטע שפּייז־פּאָרציעס ווערן אויסגעטיילט די פּליטים אין יאָר 1947.

דאָ, אין אַ סיטואַציע פון בריטישן שאַנטאַזש און אומגערעכטער שפּייז־פאַרטיילונג, טרעט אַריין דער „דזשאָינט״. אָט די דאָזיקע גרויסע יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציע שטייט אין די נויט־מאָמענטן אויף דער הויך פון איר אויפגאַבע. דער „דזשאָינט״ נעמט זיך אונטער צו דערגאַנצן דאָס, וואָס די בריטישע מאַכט פאַרפעלט בכיוון.

דער „דזשאָינט״ גיט אַ צוגאָב־שפּייז פון הונדערט און דרייסיק גראַם ברויט און פיר הונדערט גראַם קאַרטאָפל אַ טאָג פאַר יעדן פּליט, דאָס הייסט אַרום 500 קאַלאָריעס אַ טאָג. חוץ דעם — קראַנקע, שוואַנגערע פרויען, קינדער, לאַגער־אַרבעטער באַקומען נאָך אַ באַזונדערן שפּייז־צוגאָב.

כדי קלאָרער צו מאַכן דאָס בילד ווי אַזוי די ענגלענדער נאַרן אָפּ מיט זייער אומגערעכטער איינטיילונג פון שפּייז, דאַרפן פאַרצייכנט ווערן פאַקטן און ציפערן.

מענער קריגן צוויי טויזנט מיט צוויי הונדערט און זעכציק קאַלאָריעס אַ טאָג, פרויען קריגן צוויי טויזנט מיט הונדערט קאַלאָריעס. יוגנט־לעכע פון 12 ביז 20 יאָר קריגן צוויי טויזנט פינף הונדערט קאַלאָריעס. קינדער, לויט זייער פאַרשידענעם עלטער, פון טויזנט מיט פיר הונדערט ביז צוויי טויזנט קאַלאָריעס.

אַזאַ שפּייז־צושטעלונג איז, לויט דער מעדיצינישער פעסטשטעלונג, ווייניקער ווי מינימום. ווייל אַפילו אַ מענטש וואָס טוט קיין שום אַרבעט נישט און געפינט זיך אַ גאַנצן מעת־לעת אין צושטאַנד פון אַבסאָלוטער רו, פאַרברויכט אַ טאָג פון צוויי טויזנט מיט הונדערט ביז צוויי טויזנט מיט צוויי הונדערט קאַלאָריעס. אָבער מענטשן וואָס זענען אַקטיוו, באַ־וועגן זיך, מאַרשירן, טוען געוויסע מלאכות — ווי דאָס איז דער פאַל אין די לאַגערן — דאַרפן באַנוצן צוויי טויזנט מיט פינף הונדערט קאַלאָריעס, אָפּהענגיק פון דער שווערקייט פון דער מלאכה.

די נייע פּליטים, וואָס האָבן דורכגעשניטן די וועגן פון דער וועלט, וואָס זענען פּילבאַר אויפן וועטער, פּילבאַר אויף מאכלים, האָבן גלייך

דערשנאפט די שלעכטע שפייז-סיטואציע אין די לאגערן. ווי נאר מען האט אפגעווישט דעם שטויב פון וועג, אוועקגעלייגט דאס געפעק און זיך איינגע-שטעלט — ווער אין א משפחה, ווער אין א קיבוץ — האט מען זיך שוין געזאמלט אין רעדלעך און אין הייפלעך.

נישט בלויז דער פאליטישער וועטער, נאר אויך טאג-טעגלעכע פראָ־בלעמען, וואכעדיקע זארגן, מינדערוועדטיקע דאגות ווערן אויסגעדריקט אין די קורצע, אפגעהאקטע שמועסן פון די פליטים.

איינער א בחור מיט פלאקסענע האר, דער וועטעראן פון סטאלינ-גראד, וואס טראגט זיך ארום מיט פולע קעשענעס מעדאלן, האט באטראכט די צעריסענע פאלאטקעס און אנגעוויזן מיט ביטול:

— וואס איז דאס? א קאנצענטראציע־לאגער? א מיליטערישע קא-זארמע?

ער האט נישט דערווארט, אז עמיצער זאל אים ענטפערן און גלייך אליין געגעבן די תשובה:

— ס'איז נישט קיין קאנצענטראציע־לאגער. ס'איז נישט קיין מי־ליטערישע קאזארמע און ס'איז נישט קיין מחנה פאר מעפילים!

— און דא אהער האבן זיי אונדז איינגעלאדן, די אימפעריאליסטן!

— האט א העל, דיק מיידל, נישט אן שנאה, זיך אנגערופן.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט א מאגערער בחור, א יונגער אגודהניק מיט ברייטע, צעפלינלטע פיאות און געקלאפטע ווערטער, הארטע ווי נים:

— איך בין צופרידן! ס'איז מיר וווילער ווי מיט א יאר צוריק. און ס'איז מיר וווילער אפילו ווי מיט א חודש צוריק! איצט ווייס איך: אט דאס איז עס! דער לעצטער גלות-עטאפ.

דער ברייט-ביייניקער ייד, דער גאליציאנער מזרחיסט מיט זיין זאכטן גאנג און מיושבדיקע רייד, וואס האט באלד ביים אנקומען אזוי געלאסן מסביר געווען זיין שטעלונג צו ציפערן, האט איצט זיך ארייננעלאזט אין א למדנישער אויסטייטשונג:

— אז יידן האבן אין מדבר געבענקט נאך מצרים איז אפילו געווען וואס עס זאל זיי צוריקרופן. פרעה האט געהאט מיט וואס זיי צו לאקן...



דער צענטראלער מעפּילים־לאגער אויפן אינדזל ציפּערן

דער סיר הבשר, די פיש, ווי עס שטייט: „זכרנו את הדגה"... מיט וואס
קען אונדז ענגלאנד לאקן, אז מיר זאלן גיין קיין ציפערן?

— ענגלאנד לאקט נישט! זי באשווינדלט! — האט דאס העלע דיקע
מיידל שארף א זאג געטאן.

— אויף דעם האלט זיך די אימפעריע! — האט א צווייטער אריינ־
געווארפן.

ס'איז נישט געווען קיין דגה און ס'איז נישט געווען סיר הבשר. עס
האט גענומען בלויז א קורצע צייט און די נייע מעפּילים, איינגעשטעלטע
לויט קיבוצים, לויט משפחות, האבן געגעסן זייער מאגערן מיטאג, וואס
איז באשטאנען פון הערינגלעך, פארעלטערטע זופּ און איבערגעשטאנענע
גרינסן. צווישן די פּארטייען, צווישן די שיכטן איז געווען א שטילער
פרידנס־אפמאך. די אגודה־מענטשן האבן געלאסן געשמועסט מיט די אי־
חוד־מענטשן. די מזרחי־חברים האבן זיך איבערגערעדט מיט די מיטגלי־
דער פון „השומר הצעיר".

איך, וואס האב נאך אויף דער שיף, צוליב פּארמעלע טעמים, גע־
דארפט זיך אנשליסן אין איינעם פון די קיבוצים און צוליב מיין קווינק־
לעניש געבליבן פון דרויסן — האב איצט ווי א נייטראלער באאבאכטער
ארומשפּאצירט צווישן די פּלאטקעס, וווּ עס ווינען די אלטע גולים. איך
האב געזוכט פארשטייער פון די קאמיטעטן, וואס פארהאנדלען מיט דער
ענגלישער מאכט.

די קאמיטעט־פארשטייער האבן דערציילט, אז מיט צוויי חדשים צו־
ריק איז די לאגע געווען א גינסטיקע. די בריטישע מאכט האט זיך באצויגן
פּארמעל, אבער מיט איינזען, טיילמאל אפילו מילד. אבער זינט עס איז
אויפגעריסן געווארן די דעפּארטאציע־שיף „אאושען ווויגאר" אין האפן
פון פאמאגוסטא, זענען פארערגערט געווארן די באציאונגען צווישן דער
מאכט און די פּליטים־קאמיטעטן.

דער בריטישער רעזשים אין ציפערן האט אנגענומען די טאקטיק פון
קאלעקטיווער נקמה פאר טעראר־אקטן אדער גוואלד־טאטן פון יחידים. מיט
א צייט צוריק, ווען ס'איז אויסגעבראכן דער בונט פון די פּליטים צוליב
דער שלעכטער באהאנדלונג, האבן די בריטישע זעלנער פארניכטעט דאס

לאַגער־פּאַרמעגן. זיי האָבן באַנוצט הייסן וואַפּן קעגן די פּליטים און עס איז אַפילו געפאַלן אַ קרבן. דאָס האָט אויך געפירט צו קאָלעקטיווער שטראָף פאַר אַלע לאַגער־איינוווינער. מען האָט נישט צוגעלאָזט קיין באַזוכער. מען האָט נישט אָפּגעגעבן קיין בריוו. מען האָט איבערגעריסן דעם מינדעסטן קאָנטאַקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט.

יענע רעפּרעסיעס האָבן געפירט צו אַ גוואַלדיקער אויפרעגונג אין אַלע אַכט לאַגערן. און די פּליטים האָבן באַשלאָסן זיך צו ווענדן מיט אַ מעמאָראַנדום צום אינטערנאַציאָנאַלן „רויטן קרייץ" און פאָדערן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אויספאָרשן די לאַגע.

דער מעמאָראַנדום פון די פאַרביטערטע פּליטים איז געווען בלאַס און באַשיידן. דער טעקסט איז געווען אַ מוסטער פון תמימות, אַ מוסטער פון אומבאַהאָלפנקייט, וואָס באַהערשט מענטשן אין זייער דערשלאָגנקייט און שפלות.

דער מעמאָראַנדום האָט אַפּעלירט צו דער וועלט, „וואָס דאַרף זיך דערוויסן ווי מען באַציט זיך צו די קרבנות פון דער מלחמה..."

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

די ראַנגלענישן פון זעכצן טויזנט מעפּילים

אין אַ וועלט פון שנאה אָדער גלייכגילטיקייט צום גורל פון דעם אויסגעוואָרצלטן יידישן מענטש, וואָלט געווען אַן עוולה נישט אונטערצושטרייכן דעם פאַקט, אַז די באַציאונג פון דער גריכישער באַפעלקערונג אין ציפערן צו די פּליטים איז אַ גינסטיקע. אויסדרוקן פון קעגנערשאַפט צום בריטישן רעזשים און סאָלידאַריטעט מיט די מעפּילים ווערן דעמאָנסטרירט ביי יעדער געלעגנהייט.

ווי אַ מוסטער פון סאָלידאַרער באַציאונג דאַרף דערמאָנט ווערן דער פאַל, אַז דעם ערשטן מאַי פון דעם יאָר האָט די סאָציאַליסטישע אַרבעטערפּאַרטיי אין ציפערן געשיקט אַ וואַרעמע אויפמונטערנדיקע באַגריסונג צו

די פליטים אין די לאגערן, ווו עס איז אונטערגעשטראכן געווארן די סימפאטיע פארן יידישן פאלק און פאר די מעפילים. די באגריסונג האט אויך אויסגעדריקט די האפנונג, אז דער ציל פון די מעפילים און די אספיראציעס פונעם יידישן פאלק בנוגע ארץ ישראל וועלן פולשטענדיק רעאליזירט ווערן. מיט אט דער עפנטלעכער דערקלערונג האט די סאציאליסטישע פארטיי אין ציפערן דעמאנסטרירט איר אפענע קעגנערשאפט צו בעווינס רעזשים.

אבער סימפאטיע־דערקלערונגען און דעמאנסטראציעס פון סאלידאריטעט קענען נישט פארבעסערן די דערשלאגענע שטימונג אין די לאגערן. דער געמיט-צושטאנד ביי די אייגעזעסענע פליטים איז א פארצווייפלטער. דער ערשטער ענטוזיאזם ביים אנקומען אויפן אינדזל, איז שוין לאנג פאריבער. טייל פון די פליטים זענען אזוי דערשלאגן, אז זיי זענען זיכער, דאס די מיליטערישע ביידלעך זענען פאר זיי געווארן א פערמאנענטע היים. זיי גלויבן, אז אויב די עליה-נארמע וועט נישט אויסגעברייטערט ווערן, זענען זיי פארמשפט צו זיצן אריבער א יאר צייט אויפן גלות-אינדזל.

די באפולמעכטיקטע אינסטאנצן טוען אלץ אום צו פארלייכטערן די לאגע פון יענע מעפילים, וועמען עס וועט אויסקומען א לאנגע צייט צו זיין אין ציפערן. בכדי אריינצוברענגען א געוויסע סטאביליטעט אין זייער לעבן, בכדי צו נארמאליזירן די סיטואציע, אויפהייבן זייער זעלבסט-חשיבות, בייקומען דעם שפלות-קאמפלעקס איז נויטיק באלד דורכצופירן א מעדיצינישע אונטערזוכונג פון אלע פליטים אין די לאגערן. מען דארף פארגרעסערן די צאל אמבולאטאריעס און קליניקעס, מען דארף פארמערן די צאל דאקטוירים און קראנקן־שוועסטער.

און נישט בלויז דארף מען לייגן אכט אויף די מעדיצינישע באדינגונגען, נאר אויך דער גייסטיקער מצב פאדערט א געוויסע אויפריכטונג. אויף דעם געביט הערשט א גוואלדיקע נאכלעסיקייט. די ישיבת ארעי, דאס צייטווייליקע זיצן אויפן אינדזל, האט נישט געוועקט ביי די איניציאטארן די אמביציע פון איינריכטן ביבליאטעקן און לייען־זאלן. עס פעלן ביכער אויף צו לערנען און לייענען. עס פעלן אפטמאל ביולעטינען און צייטונ־

גען מיט די לעצטע נייעס פון ארץ ישראל. עס פעלן אפילו מכשירים און ארבעטס־געצייג פאַר מענטשן, וואָס ווילן און דאַרפן דורכשטופן די גלות־צייט מיט נוצלעכער אַרבעט.

די איינציקע, וואָס ווייזן אַרויס גרויס אָפּפערוויליקייט און איבער־געגעבנקייט פאַר די מעפּילים זענען די שליחים פון ארץ ישראל און די פאַרשטייער פון „דזשאָינט". די מעפּילים אין ציפּערן ווערן באַטראַכט פאַר אַ פּאָטענציעלן טייל פון ישוב און די זאָרג פון ישוב איז גרויס פאַר אָט די גולים. עס הערשט אויך אַ מוסטערהאַפטע קאָאָרדינאַציע צווישן די ארץ ישראל שליחים און דעם „דזשאָינט", אָבער מער הילף איז נויטיק.

אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין אָנקום אין ציפּערן האָב איך אין פרי־מאָרגן דורך לאַנגע שעהן זיך געדרייט צווישן די געפּאַקטע לאַגערן. שפּאַ־צירנדיק פון איין ביידל צום צווייטן, האָב איך מיט אַמאָל פון דער ווייטנס דערזען אַ שילד, וואָס איז געהאָנגען איבערן אַריינגאַנג פון אַ געצעלט, און דערציילט וועגן אַן אויסשטעלונג. כ׳בין געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער שילד. דאָס איז געווען אַ געצעלט פון „השומר הצעיר". אינעווייניק, אויף די לייוונטענע ווענט זענען געהאַנגען עקספּאָנאַטן, אויסאַרבעטונגען פון מעטאַלן, מיט וועלכע די ערד פון ציפּערן איז רייך. אויסקריצונגען אויף שטיין, האַנט־גראַווירונגען אויף קופּער, סקולפּטור־שטיק, סטאַטועס, מאַרמאָר־פיגורן און דינע גאַבעלין־אַרבעטן. עס זענען אויך געהאַנגען מאָ־דעלן פון גריכישע הייזער אין ציפּערן און מיניאַטור־מוסטערן פון יידישע וווינונגען אין ארץ ישראל.

די פלייסיקע הענט פון די בחורים און מיידלעך פון „השומר הצעיר" האָבן אָט די שעפערישע אַרבעט געטון מיט גרויס התמדה בעת זייער גי־רוש־פעריאָד אויפן אינדזל.

ס׳איז ערשט געווען אַכט אַזייגער. דער פרימאָרגן איז געווען פאַר־נעפּלט. די לופט פול מיט שאַרפע ווינטעלעך און פון הינטערווייַלעכץ האָב איך אויפגעכאַפּט כאָראַלע קולות פון הייסע תפילות. דאָס האָבן איצט געדאַוונט די ערשטע מנינים שחרית, סיי מתפללים פון דער אגודה, סיי פון די מזרחי־קיבוצים. די טליתים מיט די עטרות פאַרוואָרפן איבער די קעפּ, די גופים צעשאָקלט. די קולות — פאַרדבקהט — אַזוי האָבן די יידן

אָפּגעריכט די צווייטע מאָרגן־תּפילה אין גלות־ציפּערן. די פייערלעכע גע־זאַנגען זענען פּאָרכטיק אַרויפגעגאַנגען צו די טויערן פון הימל.

אָן אַ זייט, ווייט אָפּגערוקט פון די דאַוונערס, איז געזעסן אַ טונקל־הויטיקער ייד מיט אַ קאַלטון־באָרד און שטיל געמורמלט אַ געבעט. פאַר זיך האָט ער געהאַט איינגעגראָבן אַן איבערגעדרייט פעסל. אויפן פעסל איז געלעגן אַן אָפן ספר און פון דער ווייטנס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז דאָס איז אַ נזיר, וואָס אַנטלויפט פון מענטשן, פון דער וועלט און האָט ליב צו דאַוונען ביחידות.. דער ייד איז געבליבן זיצן אין זיין ווינקל שוין לאַנג נאָך דעם, ווי דאָס דאַוונען איז געווען געענדיקט. מיין נייגעריקייט האָט מיך געשטויסן צום נזיר און צו זיין פעסל. איז דאָס אַ דיאַגנעס?

איין בליק אויף זיין טונקל־באַוואַקסן פּנים, אַ צווייטער בליק אין ספר און דאָס אויסדרוכטעניש איז אַוועק. דאָרט איז געזעסן איינער פון די אסירי ציון, וואָס האָט פייערלעך נאָכגעזונגען די הייסע ציון־לידער פון דעם באַגייסטערטן און עקזאַלטירטן פּאָעט יהודה הלוי. די לידער, ווי פייערדיקע פּסוקים פון תּהילים, האָבן געקלונגען פאָרכטיק־פאַרבענקט און אומעטיק.

„ווער וועט מיר פליגלען געבן און איך וועל צו דיר אַוועקפליען און וועל די שטיקער פון מיין האַרץ לאָזן זיך צאַפּלען צווישן דיינע בערג?... מיר וועט זיס זיין צו גיין באָרוועס און נאַקעט אויף די וויסטע חורבות, וואָס זענען געווען דיינע פּאַלאַצן... צו גיין אויפן אָרט פון דיין ארון, וואָס איז פאַרבאָרגן, צו גיין אויפן אָרט פון דיינע כּרובים, וואָס האָבן גערוט אין די באַהעלטענישן פון דיינע חדרים...

„ווי קען מיר זיס זיין דאָס עסן און טרינקען, ווען איך זע ווי הינט שלעפּן דיינע לעמפּערטן?... אָדער דאָס ליכט פון טאָג — ווי קען דאָס ליכט אין מיינע אויגן לייכטן, ווען איך זע שוין די מיילער פון די ראָבן, די פּגרים פון דיינע אָדלערס?...

„ווער וועט מיר אָדלער־פליגלען געבן און איך וועל דיין ערד אָנזאַפּן מיט מיינע טרערן. איך וועל די שטיינער דיינע קושן און האַלזן און דער טעם פון דיינע ליים־שטיקער וועט מיר פון האָניק זיסער זיין!... מיין

האַרץ איז אין מזרח און איך בין אין עק מערב. ווי זאָל מיר שמעקן וואָס איך עס און ווי זאָל עס זיס זיין?...״

יהודה הלוי, דער דיכטער פון טאָלעדאָ האָט נישט בלויז אויסגעזונגען דאָס פלאַמיקע ליד פון ציון, נאָר איז אויך געגאַנגען אהין אין יאָר 1140, אינעם בלוטיקן יאָר פון די קרייץ־פאָרער. ער איז געגאַנגען דורך אַלע וועגן פון סכנה און איינשטעלענישן. ער האָט מער נישט געקענט בלייבן אין עק מערב. ער האָט איבערגעלאָזט זיין טאָכטער, זיין אייניקל, איבער־געלאָזט זיינע תלמידים, זיין ישיבה און געגאַנגען צו די חורבות פון ירושלים, פון וואַנען ער איז מער נישט צוריקגעקומען.

אריבער אכט הונדערט יאָר שפּעטער זיצט אַ ייד, אַ נזיר, אויף דעם אינדזל ציפּערן, זינגט נאָך די לידער פון דעם טאָלעדאָר דיכטער און וואַרט אויפן טאָג, ווען ער וועט קענען אריינגיין אין די טויערן פון דער צוריק אויפגעבויטער ירושלים.

אַ פּאָר טריט פון דעם זינגענדיקן נזיר איז געשטאַנען אַ רעדל און קאָמענטירט די לעצטע פּאַסירונגען. עס איז געווען נאָך פרישטיק. עמיצער האָט געלאָזט וויסן, אז עס איז געלונגען אריינצושמוגלען אין לאַגער אַ קליינע ראַדיאָ. קיינער האָט די נייעס נישט געקענט באַשטעטיקן. אָבער אויב עס וועט זיך ארויסווייזן פאַר אמת, וועלן זעכצן טויזנט מעפּילים קענען דערגיין יעדן טאָג די אַקטועלע וועלט־געשעענישן. מען וועט אַפילו קענען זיך איינהאָרכן צו די סענסאַציאָנעלע, אויפגעבלאָזטע ראַדיאָ־נייעס פון דער בריטישער בי. בי. סי.

די רעדל־שמועסער זענען געווען פאַרביטערט אויף דער לאָנדאָנער ראַדיאָ־סטאַנציע, וואָס פאַרשפּרייט רכילות אויפן ישוב. יעדע מינדער־ווערטיקע פּאַסירונג קריגט איבערטריבענע רעקלאַמע. יעדע דריט־ראַנגיקע געשעעניש ווערט פאַלסיפיצירט. די אויסרעכענונג איז צו פאַרמסרן דעם ישוב אין די אויגן פון דער „אַנשטענדיקער״ נישט־יידישער וועלט. ווען ס׳איז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געכאַפּט און באַשטראָפט געוואָרן אַ לאָנ־דאָנער ייד פאַר וועלן אריינשמוגלען זייגערלעך קיין ארץ ישראל, האָט די בי. בי. סי. ראַדיאָ געליאַרעמט וועגן דעם פאַרפאַל טעג און נעכט. אָבער ווען אין עגיפּטן ווערן איצט כמעט טאָג־טעגלעך אַנטדעקט אונטער־

געלייגטע באַמבעס, ווען עס קומען פּאָר אויפרייסן אין הייזער, אין אַמ-באַסאַדעס און פּאַלאַצן פון די איבערגעבליבענע בריטאַניער אויף מצרימס ערד — וועגן דעם שווייגט די עמפּינדלעכע לאָנדאָנער ראַדיאָ, כאָטש די פּרעסע אין אַלע עקן וועלט באַקט אויס יעדע שעה אין טאָג נייע אויפ-רייסנדיקע צייטונגס-קעפּ וועגן די בריטישע קרבנות.

אין איחודניק, אַ השומר הצעירניק, אַ מפּא"י-מענטש, אַ דרורניק — אַלע האָבן געהאַט אַ וואָרט:

— די צרה איז, וואָס די ענגלענדער באַלעבאַטעווען נאָך איבער אונדז.

— פון מצרים האָט מען זיי שוין פאַרטריבן!

— קיין איין ענגלענדער איז דאָרט נישט פאַרבליבן!

— דערפאַר שווייגן זיי, אַפילו ווען זיי קריגן דאָרט קלעפּ?

— יאָ.

— און וועגן סודאַן שווייגן זיי אויך?

— פון דאָרט וועלן זיי זיך נישט אַרויסרוקן.

— זיי וועלן זיך אַרויסרוקן! מיט גרויס כבוד וועלן זיי זיך אַרויס-רוקן!

— סודאַן איז אַ טויער צו דער אימפּעריע!

— וועט זיין נאָך איין טויער ווייניקער...

— די טויערן וועט מען אַרויסנעמען. די פענצטער וועט מען אויפ-רייסן, די דעכער — צעברעכן. ביי וואָס וועט די אימפּעריע בלייבן? ביי די הוילע ווענט?

אינמיטן דער פּאַרביטערטקייט, אינמיטן דעם גאַליקן הומאָר פון די רעדל-שמועסער האָבן דאָ און דאָרט זיך אַרויסגעזען גרופּעס פון נייע מעפּילים, וואָס האָבן שפּאַצירט צווישן די מחנות, צווישן די געצעלטן. סיי מענער, סיי פרויען זענען נתפּעל געוואָרן פון די גרויסע לאַגערן. זיי האָבן געשעפּט נחת פון דער וואַקסנדיקער צאָל פּליטים און עס האָבן אָנגע-הויבן פאַלן פאַרשלאָגן.

אַ בייכיקער ייד האָט געציילט די געצעלטן מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט אויפגענומען דעם אינווענטאַר און געגעבן אַנצוהערן:

— לאָמיר דאָ קאָלאָניזירן אַ יידישן ישוב!

— וואָס, דו זוכסט שוין אויסשפּרייטונג? ווייניק צרות האָבן מיר געליטן פון דעם בלבול, אַז מיר זענען אַ צעוואָרפן וועלט-פאָלק? — האָט איינער איבערגעריסן.

— אַ נייער קאָלאָניזאַטאָר! פון איין גלות אַרויס, אין אַ צווייטן אַריין!

— וועלט-פאָלק! גלות! באַלד קומען די דרשנים מיט זייערע „זאַגראַ-ניטשנע” ווערטער (פרעמד־ווערטער) — לאָזט זיך דער בייכיקער ייד נישט שפּייען אין דער קאַשע — איך זאָג, אַז עס אַרט מיך נישט, אויב ס׳וועלן אין ציפּערן זיך קאָלאָניזירן אַ הונדערט טויזנט יידן.

— צוליב וואָס דאַרפסטו אין ציפּערן הונדערט טויזנט יידן?

— כ׳דאַרף אַ רעזערוו! — האָט דער ייד זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין — ווייסטו, וואָס עס הייסט אַ רעזערוו? אַ רעזערוו פאַר דעם ישוב! אַז מיר זענען אַרומגערינגלט פון אַזוי פיל אַראַבישע לענדער, וועט זיין גוט צו געדענקען, אַז אויף יענער זייט טיר איז אויך דאָ אַ יידישער ישוב!

— ער איז גערעכט! — האָט אַ צווייטער אונטערגעהאַלטן — אויב עס זאָל קומען צו אַ חלוקה, וועט מען אוודאי דאַרפן אַן אינדזל, אַ סטאַנ-ציע... ס׳וועט אונדז ווערן ענג און מיר וועלן מוזן האָבן אַ שטיקל איבע-ריקן שטח, ווו מען וועט זיך קענען אַ רוק טאָן הינטערוויילעכץ און צע-פירן די הענט...

— אַ נייער טעריטאָריאַליסט! — האָט עמיצער מיט ביטול אַ בלאָז געטאָן.

די גרופּע נייע פּליטים האָבן זיך גערוקט פון געצעלט צו געצעלט, גע-לאָזט הערן זייערע אני מאמינס, אויסגעלאָדן פון זיך פאַרשלאָגן און גע-שלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט די איינגעזעסענע. און ווען ס׳איז געקומען די צייט פון נאַכט-עסן, האָבן זיי אַליין זיך שוין דערשפּירט ווי אַלטע תושבים.

אין אָוונט האָבן די לאַגערן אויפגעלעבט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נאַכט-לעבן. די פּלייסיקע, די געמיטלעכע זענען געגאַנגען צו אָוונט-קורסן, ווו מען לערנט העברעאיש, יידישע געשיכטע און צייכענען. די היציקע, די דעבאַטאַנטן, זענען געגאַנגען צו מיטינגען, ווו מען דיסקוטירט ווירט-שאַפטלעכע פּראָבלעמען. ביי אָנגעצונדענע נאַפט-לעמפּלעך, אין די עפּע-

נונגען פון די געצעלטן האָבן הבל־הבלימניקעס געשפּילט שאַך און דאַמי־נאָ. פון פאַרשידענע ווינקלען האָבן זיך געטראָגן די רוישיקע טענער פון פידלען און האַרמאָניעס.

צי די פאַרשטעלונגס־קראַפט ביי די פאַרביטערטע פּליטים האָט אַזוי געאַרבעט, צי בייזע צינגער האָבן דאָס אויסגעטראַכט, אָבער עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז אין די לאַגערן, אין די צעריסענע געצעלטן, צווישן די געפּלאָגטע פּליטים, צווישן די בראַנד און פייער־יידן האָבן זיך אויך אַריינגעכאַפּט הענדלער פון שוואַרצן מאַרק. מען טוישט וואַליוטע, מען האַנדלט מיט אַמעריקאַנער סיגאַרעטן, מען שאַבערט מיט צירונג.

ווייט, הינטער דיביידלעך, האָבן יונגוואַרג אַנגעשלעפּט צעפּאַרענע פּעסער און ברעטער. מען האָט אָנגעצונדן פייערן. פלאַמען האָבן געשפּיגן צו די הימלען. ריזיקע מענטשן־רעדער האָבן אַרומגערינגלט די פלאַקערנ־דיקע פייערן און די האָרא — דער טאַנץ פון כל עצמותי תאמרנה — האָט אָפּגעהילכט אין צפון, אין דרום, אין מזרח און מערב.

שפּעט אין דער נאַכט האָבן די ליכט גענומען צאַנקען. די פייערן האָבן זיך געלאָשן. עס איז אויסגעגאַנגען נאָך אַ מעת־לעת אויף דעם אינדזל פון די פאַרטריבענע.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

מתנות פּליטים פאַרלאָזן ציפּערן

אין פאַרשידענע ווינקלען פון דעם גרויסן לאַגער „קאַראַולוס" קאָכט זיך שוין פון זון־אויפגאַנג אָן. אין די עפענונגען פון פיל געצעלטן גייען אָן פיבערהאַפטע צוגרייטונגען: מען פּאַקט איבער זאַכן, מען שטופּט אָן די רוקן־זעק, מען פּולט אָן וואַליזעס. ס'איז דער טאָג ווען קנאַפּע צוועלף הונדערט מעפּילים דאַרפן פאַרלאָזן דעם אינדזל אויפן וועג צוריק קיין ארץ ישראל. עס איז די לעצטע נסיעה. אַזאַ טאָג ווערט דאַטירט ווי „יציאת ציפּערן".

די צרה איז, וואָס דער בריטישער לאַגער־אַדמיניסטראַטאָר איז דער

שר איבער דער קוואָטע. זיין בוכהאַלטעריע איז צופיל דעטאַליזירט. ביים אויסטיילן די סערטיפיקאַטן ווייזט ער אַרויס אַזוי פיל קאַרגשאַפט און אויסגערעכנטקייט, ווי אַ ביטערער גביר ביים אויסציילן רענדלעך. ער רעכנט אָראָפּ פון סערטיפיקאַט יעדן אימיגראַנט, וועמען ס'איז געלונגען צו־צושווימען צו די ברעגן פונעם יידישן לאַנד און האָט געהאַט דאָס גוטע מזל אויסצומיידן די בריטישע וועכטער.

לויט דעם אומגערעכטן חשבון פון דעם אומגעזעצלעכן „ווייסן פּאַפּיר" דאַרפן פּופצן הונדערט מעפּילים צוריקגיין קיין ארץ ישראל. דאָס איז די קוואָטע באַשטימט פאַר ציפערן פאַר די לעצטע צוויי חדשים. אַזוי אָבער ווי די בריטישע אַדמיניסטראַציע האָט — דורך מוסרים — אויסגעפונען, אַז 375 מעפּילים האָבן באַוויזן צו לאַנדן אין ארץ ישראל פון דער שיף „שושנה", ווערט אַזאַ צאָל סערטיפיקאַטן אַראָפּגערעכנט און עס גייען בלויז אין לאַנד אַריין עלף הונדערט מיט פינף און צוואַנציק. דער זעלבער אַדמיניסטראַטאָר האָט געגנוג העזה צו דערקלערן, אַז די קוואָטע־צאָל קען נאָך מער מינימיזירט ווערן, אויב אין צווישנצייט וועט עס נאָך מעפּילים געלינגען זיך אַריינצוכאַפּן קיין ארץ ישראל אָן סערטיפיקאַטן.

די אימיגראַנטן וואָס גייען צוריק אין לאַנד אַריין זענען כמעט אַלע מעפּילים פון דער שיף „לאַטרון". זיי לאַכן פון די בריטישע אימיגראַציע־געזעצן. פאַראַן אַזאַ גלויבן און פאַראַן אַזאַ אַנטשלאָסנקייט ביי די מעפּי־לים, וואָס ברעכט אַלע באַגרענעצונגען. מיט פרייד ווערט איבערגעגעבן דער שטייגענדיקער געבורט-צוּוואוקס אין די לאַגערן. אין אַנזיכט פון דער טראַגיש-קליינער צאָל איבערגעבליבענע יידישע קינדער אין אייראָפּע — איז דאָס אַ דערפרייענדיקע בשורה. אין די געבורט-קליניקעס געפינען זיך הונדערט און דרייסיק נייגעבוירענע קינדער.

דער דעקינאַ-לאַגער, ווו עס געפינען זיך אַרום צוויי טויזנט יידישע קינדער אין עלטער פון דריי ביז אַכצן יאָר, איז איצט דאָס גרעסטע קאָנ־צענטראַציע-אָרט פון יידישע קינדער אין דער וועלט. דער דאָזיקער קינ־דער-לאַגער וועט צוקריגן 25 נייע לערער פון ארץ ישראל אין צוגאָב צו די 150 לערער און אינסטרוקטאָרן, וואָס געפינען זיך צווישן די מעפּילים גופא. די מעדיציניש הילף ווערט אָנגעפירט דורך פיר ארץ ישראלדיקע

דאָקטוירים און פינף און צוואנציק דאָקטוירים פון צווישן די פּליטים, און אויך פון זיבן דענטיסטן און צוויי און פופציק קראַנקן־שוועסטער.

דער מיליטערישער שפּיטאָל אין דער הויפּטשטאָט ניקאָסיא האָט צו־געבויט א פליגל מיט נאָך 200 בעטלעך פאַר די פּליטים. איצט געפינען זיך דאָרט 120 פּאַציענטן, וואָס ווערן געפלעגט דורך 27 קראַנקן־שוועס־טער. עס באַטייליקן זיך אויך אין דער מעדיצינישער הילף ענגלישע אר־מיי־דאָקטוירים.

אָבער די עלעמענטאַרסטע רעכט און פאָדערונגען פון די געזונטע מעפּילים ווערן דורך די בריטישע אויטאָריטעטן פאַרברעכעריש איגנאָ־רירט. ווי א צוגאָב־אילוסטראַציע צו דער צביעות און אויטאָקראַטישער בריטישער הערשאַפט אין די לאַגערן, קען דינען דער פאַקט, אז צוליב „זי־כערקייטס־טעמים" — אַך, די בריטישע היטער פון וועלט־זיכערקייט! — דערלויבן נישט די ענגלענדער איינצוריכטן דאָרט קיין ארבעטס־וואַר־שטאַטן. אויך ראַדיאָ־אַפּאַראַטן טאָרן נישט אריינגעבראַכט ווערן אין די געצעלטן אוים מורא, טאָמער וועלן די מעפּילים זיך צוהערן צו „אומלע־לאַגע" אוידיציעס.

איך זאַמל די כראָניק אויף דעם אינדזל ציפּערן מיט גרוים פליים. כ'בין דער סטאַטיסטיקער וואָס נאָטירט די עוולהס פון דעם בריטישן רע־זשים. כ'פאַרצייכן די דעטאַלן פון אַלע גזירות און רעפּרעסיעס. ארום האַלבן טאָג, ווען כ'בין פאַרטיק געוואָרן מיטן רעגיסטרירן די טעגלעכע קריוודעס און אומרעכטן, בין איך אַוועק אויפזוכן דעם מעפּיל, ביי וועמען כ'האָב געהאַט באַהאַלטן מיינע דאָקומענטן. עס האָט געזאָלט היימן אזא טעגלעכער „טשעק־אָפּ", א פעסטשטעלונג אז מיין אַמעריקאַנער פּאַס־פּאָרט, מיין פּרעסע־קאַרטע, מיינע אידענטיפיקאַציע־פּאַפּירן זענען גוט פּרעזערווירט און דער אייגנטימער אין וועמעס הענט כ'האָב דאָס אַלע פּאַרטרויט — עקזיסטירט. ווען כ'האָב געפונען דעם מעפּיל אויף דער שוועל פון זיין באַראַק, איז ער מיר אַקעגנגעגאַנגען א פאַרזאָרגטער. זיין שטערן איז געווען פאַרוואָלקנט. זיינע אויגן — אומרואיק. ער האָט געזאָגט:

— דאַכט זיך, מען זוכט אייך.

— ווער זוכט?

— אונדזערע פריינט...

דער מעפּיל האָט זיין פאַרדאַכט באַגרינדעט אין קורצע ווערטער. מען האָט אים איבערגעגעבן, אַז אַן עראָפּלאַן האָט היינט פרי געבראַכט קיין ציפּערן די ארץ ישראלדיקע צייטונגען. דאָרט איז געווען געשריבן, אַז איך, דער שליח פון „מאָרגן זשורנאַל", בין מיטגעגאַנגען מיט די מעפּילים פון „התקוה" ביז ציפּערן. די ענגלישע אימיגראַציע-באַאַמטע זענען אויפמערקזאַמע לייענער פון דער העברעאישער פּרעסע. אַז זיי ווילן נישט קיין אויסגעוואָרצלטע מענטשן אין ארץ ישראל און אין ציפּערן, קענען זיי זיך אוודאי באַגיין אָן אַמעריקאַנער טוריסטן אָדער צייטונגס-מענטשן, בפרט ווען טייל אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענטן גיבן מיט זייערע באַריכטן אַ טויט-קלאַפּ דער ענגלישער פּראָפּאַגאַנדע. דער מעפּיל, דער טרעגער פון מיינע דאָקומענטן, האָט מורא געהאַט אַז מען וועט קומען אויף מיינע שפּורן, ווייל די ענגלענדער וועלן מסתמא אָנהויבן אַ זוכונג אין אַלע לאַגערן.

די נייעס איז געווען גענוג שלעכט, אַז מיין מונטערקייט זאָל אַביסל אָראָפּפאַלן. דער פּלאַן איז געווען צו בלייבן אויפן אינדזל עטלעכע טעג. די מעפּילים, וועמען איך האָב געהאָלפן אַרויפשמוגלען אויף אונדזער שיף און זיי באַגלייט איבער ימען לענגאויס ברעגן, לענגאויס אומצאָליקע פּאָרטן, זענען שוין איצט געווען איינקוואַרטירט אויף דער ציפּערן-סטאַנציע. דאָס איז געווען זייער „ישיבת ארעי", זייער צייטווייליק זיץ-אָרט. דער אינדזל — אַ מדבר צום דורכגיין, די געצעלטן — צייטווייליקע סוכות. און איך האָב געדאַרפט צוריקגיין. מיין מעפּילים-רייזע איז געענדיקט. די אומלעגאַלע שליחות — דורכגעפירט. אָבער פאַרן צוריקגיין האָבן איך נאָך געוואָלט דורכשניידן דעם אינדזל אין דער לענג און אין דער ברייט. און דאָ — ענגלישע רעוויזאָרן אויף דיר!

ווי איך בין געשטאַנען אַ פאַרזאָרגטער און געזוכט פּלענער ווי צו געווינען צייט, האָב איך באַמערקט ווי דורך דעם דאָפּלטן טויער פונעם קאַראָולוס-לאַגער שיטן זיך אריין אַ גרופּע באַזוכער. זייער פלינקייט און נייגעריקייט האָט דערציילט, אַז דאָס זענען טוריסטן. מענער אין גרויע ספּאָרט-אַנצוגן מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, פרויען אין קאָסטיומען און קאָלירטע זומער-קליידער און אין ברייטע שטרוי-היט. די טוריסטן האָבן

גענומען שנאַפּן אַרום די געצעלטן, אויסגעמישט זיך מיט טייל מעפּילים און געבעטן ביי די ענגלישע וואַך־זעלנער, זיי זאָלן דערלויבן זיי אַראָפּצו־כאַפּן בילדער.

אין איין אויגנבליק איז מיר איינגעפאַלן, אַז כ'זאָל זיך אויסמישן מיט די טוריסטן. מיין פּריוואַטקייט וועט פון איצט און אַזוי לאַנג דויערן, ביז מען וועט אַנטדעקן מיינע דאָקומענטן. מיט מיינע קליידער, וואָס האָבן די גאַנ־צע צייט מיך פאַרראַטן, אַז כ'בין נישט קיין פולער אויסגעוואָרצלטער — וועל איך זיך קענען גוט אַריינפּאַסן אין דער טוריסטן־גרופּע.

כ'האָב אויפגעזוכט דעם גרופּע־פירער. ער איז געווען אַ סודאַנער, וואָס האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון „באַקשיש". די עקסקורסיע איז גע־ווען אַן עגיפּטישע. מיר האָט געפעלט אַ וויזע קיין ציפּערן. אָבער פאַר עטלעכע פונט איז דער סודאַנער ווילּיק געווען איינצוגלידערן מיך אין זיין עקסקורסיע און איבערקויפן צוויי ענגלישע וועכטער.

ווי נאָר דער וויזיט אין די לאַגערן איז געווען געענדיקט, זענען אויך די פאַרמאַליטעט־ענינים צווישן מיר און דעם סודאַנער וועג־וויזער געווען געענדיקט. מיר זענען אַרויף אויף אַ גלאַנציק־געפאַרבטן טוריסטן־אויטאָ־בוס, וואָס האָט זיך געלאָזט לויפן אין שטאָט אַריין, אין פאַמאַגוסטאַ.

דער דורכפאָר איבער פאַמאַגוסטאַ איז געווען קורץ, אָבער אין קיין שטאָט האָב איך נאָך נישט געהאַט באַמערקט אַזוי פיל מעטשעטן און קירכן ווי אין אָט דער גריכישער רעזידענץ. דאָס רוב פון די געבעט־היי־זער זענען פאַרעלטערט און אָפּגעשוינדן. אָבער דער בעסט־פּרעזערווירטער איז אַ גרויסער מאַכמעדאַנישער מעטשעט. די קופּאָלן, די קאַפּיטאַלע ווענט, דער גאַנצער מאַסיווער געבוי האָבן אַ שטאַרקע ענלעכקייט צום גרויסן מעטשעט „אָמאַר" אין ירושלים. די גאַסן פון דער אַלטער טייל שטאָט זענען אַלטמאָדישע. די הייזער — אַ געמיש פון גריכישע טעראַסעס, גריי־כישע זיילן מיט רוימישע פאַסאַדן און אַרקאַדן.

נאָכן אָפּעסן מיטאָג זענען מיר — אויסמיידנדיק די נייע קוואַרטאַלן — אַריינגעפאָרן אינעם פאָרט ווו די מויערן זענען צוואַנציק פוס דיק.

אינמיטן שטאָט, שטייט ווי אַ מאָנומענט דער לעגענדאַרישער אָטע־לאָ־טויער, ווו דעסדעמאָנאַ האָט געהאַט איר טראַגישן סוף. דער וועג־

ווייזער האָט געשענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט דער אַטעלאַ-דראַמע, וואָס איז, ווי אַ פּיעסע, געבליבן קלאַסיש אינעם טעאַטער־רעפּערטואַר פון דער וועלט. די מענער צווישן די טוריסטן האָבן אָראָפּגעכאַפּט בילדער. און צום מייסטן דעטאַלן וועגן דעם שווארצן אַטעלאָס ליבע און אייפערזוכט האָבן געוואָלט דערגיין די פרויען.

פון פאַמאגוסטא זענען מיר געפאָרן קיין סאַלאַמיס, די פּאַרציייטיקע קאָנסטאַנציאַ, וואָס האָט זיך צו באַרימען מיט איר רואינירטן פאָרום. די שטאָט ליגט בלויז צוואַנציק מייל צו צפון פון פאַמאגוסטאַ און ווייזט נישט אַרויס קיין צייכן פון אָריגינאַליטעט. ניקאָסיאַ, וואָס איז אָפּגערוקט צוויי און פופציק מייל, איז פילדערנדיקער און אַמוזאַנטער.

ניקאָסיאַ איז די הויפּטשטאָט אויפן אינדזל ציפּערן. דאָ איז רוישיק און טומלדיק, אָבער עס איז דער רויש און קאָך, וואָס איז אַנדערש ווי דער קאָך און רויש אין מערב. דער טומל פאַרוויגט. אין דעם געפילדער איז פאַראַן אַ סינטעז צווישן דעם מערבדיקן טעמפּאָ און דער מזרחדיקער שלע־פערדיקייט. אויך דאָ שטייט אַ ריזיקער מינאַרעט, אַרומגערינגלט פון האַלב-אויסגערונדיקטע ווענט, וואָס זענען באַוואַכט פון עלף באַסטיאָנען, וועלכע טראָגן די נעמען פון אַלטע אַדל־פאַמיליעס אין ווענעציע.

עס וואַרפן זיך אין די אויגן פאַרשידענע קאַטעדראַלן מיט ווענט באַ־דעקט פון פאַרביקע פרעסקאָס, וואָס ווייזן דעם קבר פון הייליקן בערנאַר־דאָס פון ציפּערן. דאָ זעט מען טרומנעס פון פאַרשידענע קרייץ־פאָרערס, וועלכע זענען באַהאַלטן אין אַן אַרמענישער קירך. דאָ זענען אויך געבליבן פראַגמענטן פון גרויסן אַראַבישן מעטשעט — אַכמעד. דער מוזעאום אַנט־האַלט ריזיקע סטאַטועס פון בראָנז און גאָלד, כלים און אָרנאַמענטן, גע־נאָסן פון פאַרשידענע מעטאַלן. אין דעם מוזעאום געפינט זיך אויך די בראָנזענע סטאַטוע פון דעם סיריש־רוימישן אימפּעראַטאָר סעפּטימוס סע־ווערוס, וועלכער האָט דערטרונקען אין בלוט דעם אויפשטאַנד אין יהודה.

אַ וויטערדיקע סטאַנציע איז געווען דאָס אָרט פלאַטערס. דאָס איז אַ זומער-אָרט, וואָס ליגט דריי טויזנט מיט זיבן הונדערט פוס העכער פון ים און ווערט שטאַרק באַזוכט פון עגיפּטער, וואָס פאַרטראָגן נישט זייער היים־קלימאַט. די גאַנצע לאַנדשאַפט אַרום דערמאָנט עטוואָס אָן די שוויי־

צארישע אלפן — וואס העכער מען שטייגט אויף די בערג, אלץ ווארעמער מוזן זיין די קליידער וואס מען טראגט.

טרודאס שפרייט זיך אוים פינף טויזנט מיט פינף הונדערט פוס העכער פונעם ים אויפן פארצייטיקן בארג אלימפוס. זומער-צייט געפינט זיך דא די הויפט-קוואטיר פון דער רעגירונג און דער גארניזאן. טרודאס איז באדעקט מיט וועלדער. פון די בערג-שפיצן ביז אראפ צו די טאלן ציען זיך וויין-סעדער. דער סעזאן איז פון יוני ביז אקטאבער. פון חודש נאוועמבער ביז מאי איז טרודאס באדעקט מיט שניי. דאס ארט ווערט באטראכט פאר דער סאנאטאריע פונעם נאענטן מזרח.

דער קלימאט איז גוט פאר טובערקולאזע און כראנישע מאלאריע-קראנקע און אויך פאר מענטשן וואס ליידן פון שטענדיקן בראנכיטים און אנעמיע. דאס קור-ארט איז אבער שעדלעך פאר הארץ-חולאים און נירן-ליידנדיקע.

דאס העכסטע דארף אין ציפערן איז פראדראמאס. פיר טויזנט מיט זעקס הונדערט פוס איבער דער ים-פלאך. דאס ארט איז פאסיק פאר אלע מיני חולאתן אויסער פאר הארץ-קראנקע. די צאל פון דער באפעלקערונג איז בלויז פינף הונדערט און זעכציק. דאס דארף שטעלט צו א שפע פון ווייַנטרויבן, קארשן, עפעל, בארנעס און פלוימען.

אן ארט וואס איז בארימט מיט אירע הייל-וואסערן איז קאלא-פא-נאיאטים. דארט קומען זיך קורירן פאראליטיקער, רעאומאטיזם-ליידנדיקע און קראנקע אויף גאל-שטיינער.

דאס שטעטל קירעניא איז א קליינער חנעוודיקער פארט, אינגאנצן זעכצן מייל פון ניקאסיא. פיר מייל צו מזרח-זייט שטייט די „אבי פון בעלא פעים“. דאס איז א מוסטער פון גאטישער ארכיטעקטור אין נאענטן מזרח. דער דאזיקער מעכטיקער בנין איז געבויט געווארן אין יאר 1324. אויף א שפיץ בארג, צוויי טויזנט מיט צוויי הונדערט פוס איבער קירעניא שטייט די פעסטונג פון הילאריאן. אריינצוקומען אין הילאריאן מוז מען אנקומען נאך דעם שליסל צום קאמיסאר פון קירעניא, אדער צום פאליציי-קאמענדאנט אין ניקאסיא. די באפעלקערונג באטרעפט אריבער ניינצן

הונדערט איינוווינער. עס זענען דאָרט פאַראַן פיינע באָד-פּלעצער און מוס־טערהאַפטע ספּאָרט־סטאַדיאָנען.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין פּאָרט לאַרנאַקאַ. דאָס איז אַן אַלט־פעניצישע שטאָט. טומלדיק און ברויזנדיק. נאָענט צו דער געזאַלצענער אָזערע שטייט אַ מצבה אויפן קבר פון סיט אָם האַראַם, די מומע פון דעם אַראַבישן נביא מאַכמעד. די שטאָט לאַר־נאַקאַ איז פאַרכאַפּט און באַהערשט געוואָרן פון אַראַבער אין יאָר 632, לויט דער איצטיקער צייט-רעכענונג.

אין דעם נייעם שטאָט־טייל שטייט אַ גרויסע קירך. אָבער קירכן און הייליקטימער זענען אויפן אינדזל ציפּערן אָפט געוואָרן פאַרניכטעט, באַ־זונדער אין די צייטן פון אינוואַזיעס און פעלקער-מלחמות. אפילו אזוי שפּעט ווי אין יאָר 1921 איז די גרויסע סטאַטוע פון זענאָן דעם סטאָאי־קער, אַ געבוירענער פון לאַרנאַקאַ, צעשטערט געוואָרן.

די באַפעלקערונג פון לאַרנאַקאַ ציילט צען טויזנט.

דער סודאַנער וועג־ווייזער פון דער עקסקורסיע האָט נישט געוואָלט אויסמיידן צו ווייזן פאַר זיינע טוריסטן קיין איין וויכטיקן פּונקט דורך די דריי-פערטל טאָג, וואָס דער אויטאָבוס האָט אונדז געפירט איבער די בערג און טאָלן פון ציפּערן. ס'איז שוין געווען שטאָק פינצטער. אַ האַלבע שעה איידער מיר זענען צוגעקומען צום האָטעל, זענען מיר נאָך אָפּגעטראָטן אין פּאַפאָס, צו זען דאָס געבורט-אָרט פון דער גריכישער אַפראָדיטע, די גע־טין פון ליבע. די שטאָט הייסט פּאַפאָס אויפן נאָמען פונעם זון פון פּיגמאַליאָן.

די גריכישע לעגענדע דערציילט, אַז פּיגמאַליאָן, אַ סקולפּטאָר, האָט אויסגעקנאָטן פון ליים אַ וואונדער-שיינע פרוי. דערזעענדיק די שיינקייט פון זיין ווערק, האָט ער געבעטן ביי ווענוס, אַז זי זאָל אַריינבלאָזן אין זיין שאַפונג דעם אָטעם פון לעבן. ווענוס האָט אים צוליב־געטאָן און די סטאַטוע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראַכטפולער פרוי. דער באַ־גייסטערטער פּיגמאַליאָן האָט מיט איר חתונה געהאַט און עס איז גע־בוירן געוואָרן אַ זון פּאַפאָס.

די שטאָט פּאַפּאָס ווייסט צו פאַרצייכענען נאָך דאָטעם וואָס דאַרפן, זוי אָרנאַמענטן, באַצירן די ארייַנפאַר־טויערן.

, סערגיוס פּאולוס, דער רוימישער גובערנאַטאָר, איז דאָ אָפּגעטויפט געוואָרן אויף אַ קריסט דורך די צוויי שמד־פּאַטערס סעינט פּאול און סעינט באַרנאַבאַס. די קריסטלעכע לעגענדע וויל אויך דערציילן, אַז אי־מאַס, וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן די צוויי קריסטן, איז בלינד געוואָרן. אין שטאָט ווייזט מען אויך דעם זייל, צו וועלכן סעינט פּאָול איז צו־געבינדן געוואָרן דורך די איינוווינער.

עס שמעקט דאָ מיט געצנדינסט און מיט קריסטלעכן ווייַרויך. נישטאָ קיין געדעכעניש פון אַ ייד אויף מייַלן. עס ווילט זיך צוריקגיין צו די לאַ־גערן פון פאַמאַגוסטאַ, צו די אָפּגעשונדענע געצעלטן, ארום וועלכע עס פלאַקערן די פייַערן פון דער „האַראַ״. ס'ווילט זיך צוריקגיין צו די בונ־טאַרן פון ציון, כאָטש דאָרט — ווייס איך — לויערן אויף מיר די ברי־טאַניער, די אָקופּאַנטן פון יהודה.

מיר זענען געבליבן נעכטיקן אין פּאַפּאָס.

קאַפּיטל אכט און צוואַנציק

אַ געפאַנגענער אויף דעם אינדזל פון פאַרטריבענע

די ענגלענדער האָבן אויף מיר געלויערט.

דאָס אומפאַרמיידלעכע איז געקומען אַ סך פריער, ווי כ'האָב דער־וואַרט. די בריטאַניער, וואָס זענען פלעגמאַטיש ביים דורכפירן אינטער־נאַציאָנאַלע פאַרפליכטונגען, וואָס זענען נאַכלעסיק ביים אָפּשטעלן די אַראַבישע אריינדרינגער פון עבר הירדן — די זעלבע בריטאַניער זענען געווען איבעררואשנדיק פלינק אין זייער גייעג נאָך אַ יידישן צייטונגס־מענטש, אַן „אומלעגאַלן״ אימיגראַנט.

דעם זעלבן פרימאָרגן, ווען כ'האָב זיך צעשיידט פון די טוריסטן אין פּאַפּאָס און בין צוריקגעקומען קיין פאַמאַגוסטאַ, אין לאַגער „קאַראַר

לום״, האָט אויף מיר שוין געוואָרט דער שומר פון מיינע דאָקומענטן. ער האָט מיר אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, קורץ ווי אַן אורטייל:

— אייערע דאָקומענטן זענען ביי די ענגלענדער.

— זיי האָבן אייך רעווידירט?

— זיי האָבן רעווידירט פיר לאַגערן. אַ גאַנצן טאָג זענען זיי געווען באַשעפטיקט מיט די זוכונגען. כ׳האָב געשטופּט די דאָקומענטן פון איין לאַגער אין צווייטן, פון איין האַנט אין דער אַנדערער... פאַרנאַכט האָבן זיי דאָס געפונען.

— הייסט עס, כ׳דאַרף זיך ריכטן יעדע רגע?

— פאַרלאָזט זיך אויף די ענגלענדער! — האָט מיין דאָקומענטן־שומר אַ שמייכל געטאָן — זיי ווייסן אַפילו, אַז איר זענט אַוועק מיט די טוריסטן. זיי האָבן מער שפּיאָנען ווי סאָלדאַטן... נו, ווען מיר זיך באַלד דאַרפן געזעגענען?

— פאַרוואָס?

זיין ווען אייך דעפּאָרטירן...

כ׳האָב געוווּסט, פּונקט ווי מיין גוטער לאַגער־ייד, מיין דאָקומענטן־שומר, אַז מיין פרייהייט גילט נישט מער, אַז דער אורטייל וועט זיין דעפּאָרטאַציע. פונדעסטוועגן האָט דאָס, וואָס דאַרף קומען, ביי מיר אַרויס־גערופן — אויסער אומרו — אויך שפּאַנונג.

אַרום מיר האָט זיך געזאַמלט אַ רעדל. טייל האָבן מיך פּרובירט טרייסטן, אַז מיר, אַ זשורנאַליסט, קענען זיי גאָרנישט טאָן. אַנדערע האָבן אַפילו נישט אַרויסגעוויזן קיין נייגונג מיך צו באַרואיקן, פאַרקערט, זיי האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז נאָך די לעצטע געשעענישן אין ארץ ישראל, באַזונדער נאָך דעם אויפרייס פון דער עכּוער תפיסה, ווען אַריבער צוויי הונדערט אַרעסטאַנטן — סיי יידן, סיי אַראַבער — זענען אַנטלאָפן, האָבן די ענגלענדער אָנגענומען די שטרענגסטע מיטלען קעגן אַלע יידן, אָן אונטערשייד וואָס פאַר אַ „פאַרברעכן״ זיי באַגייען.

אַן אַלטער לאַגער־תושב, אַן איבערגעוואַקסענער יונג מיט אַ טאָלס־טאָי־באָרד, האָט מיט ביטול צו מיר אַ מאַך געטאָן:

— איר וועט נישט געניסן קיין פּריווילעגיעס... זיי וועלן אייך גלייך צוריקשיקן.

— פון ווען אַן ביסטו דאָס אזא בקי אין אימיגראַציע-געזעצן? — האָט מיין דאָקומענטן־שומר אים געפרעגט.

— כ'דאַרף נישט זיין קיין בקי — האָט דער איבערגעוואַקסענער טאָלסטאָיעץ געענטפערט ענערגיש, אָנווייזנדיק אויף מיר — ביי מיר איז ער א כשרער ייד... אָבער לויט די איינוואַנדערונגס-געזעצן איז ער באַגאַנגען דאָס, וואָס די ענגלענדער רופן „אָפענד". דערצו האָט ער נישט קיין ארץ ישראל־וויזע, וועלן זיי אים דעפּאָרטירן.

— כ'זע נישט, מען זאָל דעפּאָרטירן די חורנער, די אומלעגאַלע אראַבער, וואָס לויפן אריבער די בריק פון עבר־הירדן און בלייבן אין לאַנד...

— דו מיינסט די אראַבישע „מעפּילים"? — האָט עמיצער זיך צעלאַכט.

— יאָ.

— נו, וועסטו זיי רופן קנאַקניסל! — האָט דער טאָלסטאָיעץ קאַלט א זאָג געטאָן.

דאָס רעדל אַרום מיר האָט זיך געשפּאָלטן אין צוויי לאַגערן. איין לאַגער האָט געזאָגט, אַז מען וועט מיט מיר מקיל זיין, זיך באַגיין מיט מידת הרחמים. דער צווייטער לאַגער האָט פאַרזיכערט, אַז די ענגלענדער וועלן אָנווענדן קעגן מיר די מידת הדין.

כ'האָב אויסגעהערט די וואָרענונגען און — מערקווירדיק! — זיי האָבן מיך נישט געשראָקן. אָבער פּונקט ווי יעדע אומפאַרמיידלעכע פּאַסירונג, וואָס מען האַלט אין דערוואַרטן, אַזוי האָב איך שוין געוואָלט, אַז די באַגעגעניש מיט די בריטישע אימיגראַציע-זשאַנדאַרמען זאָל וואָס גיכער אריבער. און ווי מען וואָלט געוווסט, אַז דאָס זענען די לעצטע שעהן אויף דעם אינדזל ציפּערן, האָבן עטלעכע פּלמ"ח־בחורים מיר געבראַכט א פּאָר קליינע מתנות מיטצונעמען אין וועג: א בראָנזענעם אָרנאַמענט אויסגעאַרבעט פון די ציפּערן-מעפּילים, א פּאָר אָרטיקע מטבעות און א קפּריסין־עמבלעם, אויסגעפאָרמט ווי א מגן־דוד. דער עמבלעם, פון ניקל, האָט געהאַט אַן אויסגראַווירטן ציפער 13, די אויפשריפט קפּריסין און די דאַטע

1947. דער דאָזיקער עמבלעם ווערט געגעבן בלויז די פּלמ״ח-מיטגלידער, וואָס באַזוכן ציפּערן.

איך האָב דעם בראָנזענעם אָרנאַמענט באַהאַלטן אין דער וואַליזע, די מטבעות אַריינגעלייגט אין קעשענע און דעם עמבלעם פאַרשטעקט, אַז אַ בריטישער רעוויזאָר זאָל דאָס נישט געפינען.

איך האָב געוואַרט אויף אַ בריטישן רעוויזאָר. כ'האָב געוואַרט אויף מיין ערשטן פאַרהער. כ'האָב געוואַרט אויף דעפּאָרטאַציע, אָבער דאָרט אינעם צווייטן עק לאַגער האָט מען דערווייל געבויט אַ בינע. פּלייסיקע סטאָליאַר-הענט האָבן אַרויפגעשטעלט ברעטער, אַריינגעקלאַפּט טשוועקעס. אַרויפגעצויגן ווענט.

צוליב וואָס האָט מען געבויט אַ בינע? דאָס האָבן די מעפּילים זיך געגרייט צו פייערן דעם צענטן יאָרטאָג פון דעם דאָרף מסדה, וואָס ליגט אין עמק-הירדן. די מעפּילים זענען נאָך געזעסן אין גלות-ציפּערן, אָבער דעם יובל פון אַ יידיש דאָרף האָט מען געהאַט אין זינען. יעדער פּונקט איז אַ קינד פון ישוב און ציפּערן איז אַ חלק פון ישוב. קיין געשעעניש טאָר נישט פאַרזען ווערן. קיין דאַטע טאָר נישט פאַרגעסן ווערן. די הויפּט-מחותנים זענען דאָרט געווען די מענטשן פון „גורדוניה״.

בחורים און מיידלעך, פאַרשוויצטע, האָבן צוגעלייגט הענט. מען האָט געזאָרגט, אַז די בינע זאָל פאַרטיק ווערן ביזן אָוונט. מען האָט איינגעלאַדן וואָס מער מענטשן און אין מיטן דער האַוועניש, אין מיטן דעם געלויף האָט מען דערווייל איבערגעגעבן בחפזונדיק די געשיכטע פון דעם יונגן דאָרף מסדה.

מיט צען יאָר צוריק זענען יונגע, געוואַגטע גורדוניה-מענטשן אַרויף אויף אַ שטיק וויסטער קרן-קימת-ערד. ס'איז געווען אַ שעת-חירום, דאָס יאָר 1937, אין מיטן די אַראַבישע טעראָר-איבערפאַלן, ווען מען האָט אויסגעהאַקט וועלדער, אונטערגעצונדן פעלדער, יידישע פּראַצע איז אַוועק מיטן רויך און דער ישוב האָט פּראַקטיצירט „הבלגה״.

דעמאָלט, אין פּולן ברען פון די מהומות, האָבן די יידישע קאָלאָני-זאַטאָרן געמאַכט „בליץ-קריג״ ביים אויפשטעלן חומה ומגדל — מויער און טורעם. אין מיטן דער נאַכט האָבן געצויגן קאַראַוואַנען און אָבאַזן איבער

די וועגן. שווערע לאסט-אויטאמאבילן מיט פארטיקע ווענט, מיט דעכער, מיט לייכט-טורעמס. ס'זענען נאכגעפארן טראקטארן, פעלד-געצייג, וואַ־כער-רערן. די ארבעט האט זיך אנגעהויבן ביים אויפגיין פון מארגנשטערן און דעם זעלבן פרימארגן ביים ערשטן מאלצייט איז שוין געווען אויפ־געשטעלט א נייער פונקט.

און מיטאג-צייט זענען בעדואינער פון שכנותדיקע דערפער געקומען באגריסן די נייע תושבים.

אזוי זענען אויפגעשטעלט געווארן פונקטן אין משמר הירדן, אין עמק־חפר, אין בית שאן. אזוי איז אויך אויפגעשטעלט געווארן מסדה.

נישט אלע איבערזידלער זענען בייגעקומען די ערשטע שווערע נסיו־נות אין מסדה. איינער איז אוועק קיין נהריים. א צווייטער — קיין סדום. א דריטער — אין גדעון. אבער מסדה איז געבליבן. מסדה איז געוואקסן. מסדה האט געשלאגן ווארצלען.

צוליב מסדה, דאס דארף, וואס ציילט איצט 350 נפשות, פארמאגט 800 דונאם תבואה, 190 דונאם וואלד —

צוליב מסדה, וואס האט 105 רינדער, 2.200 עופות, 16 בהמות, א מאשינען-אינווענטאר, טראקטארן, א קאמבאין, אגריקולטור-מאשינען —

צוליב מסדה, וואס שטעלט צו דורכן יאר דריי הונדערט טויזנט אייער, צוויי הונדערט טויזנט ליטער מילך, צוויי הונדערט און צוואנציק טאן באנאנעס, זעבציק טאן טרויבן, זעבציק טאן גרינס, דרייסיק טאן פיש —

צוליב מסדה, דעם פרוכטבארן פונקט, צוליב מסדה, דאס יידישע וואכזאמע אויג אין עמק-הירדן, וועט ציפערן היינט האבן א פייערונג!

איך האב נישט אראפגעלאזט קיין אויג פון דעם זשוואווען יונגווארג, וואס האט געהאוועט ביים אויפשטעלן די בינע און בין געבליבן ווארטן פאר מיין געצעלט. נאך א האלבע שעה איז צוגעפארן א קליינער מיליטע־רישער אויטא און ס'איז פון דארט ארויסגעשפרונגען אן ענגלישער זעלנער. ער האט מיך געפרעגט מיין נאמען, געהייסן כ'זאל נעמען מיינע זאכן, ווייל ער נייט מיך אפפירן אין דער הויפט-קווארטיר.

אז כ'בין ארויסגעקומען מיט מיין וואליזע, האבן מעפילים פון די גע־

צעלטן מיך באַגלייט מיט שטומע בליקן, ווי מען באַגלייט אַ פּאַסאַזשיר צו אַ ווייטער נסיעה.

דער אויטאָ איז אַרויס דורכן לאַגער־טויער און פלינק זיך געטראָגן לענגאויס די צוימען מיט די שטעכיקע דראָטן. פאַרבייפאָרנדיק, האָב איך געזען, ווי נאָענט ביים פאַרקאַן שטייען די געפאַנגענע מאַטראָזן פון מיין מעפּילים־שיף. כ'האָבן געזען, ווי עס שטייט מיין קאַפּיטאַן. די העלדישע מאַנשאַפט, דער בראַווער קאָמאַנדיר, די פירער פון אונדזער מעפּילים־שיף — אַלע זענען זיי איצט געווען גאָמענלאָז, אויסגעמישט מיט די לאַגער־יידן.

די בריטישע הויפּט־קוואַרטיר, וווּ דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז געווען אַ ווייסער בנין, אַרומגערינגלט פון פּאַלמען־ביימער. אין אַריינגאַנג זענען געווען גריכישע קאָלאָנעס און פאַר די קאָלאָנעס — אַ שטרענגע בריטישע וואַך.

אינעווייניק, אין דער גרויסער קאַנצעלאַריע, האָבן שוין אויף מיר געוואַרט אַן ענגלישער מאַיאָר, אַ סערזשאַנט און אַ זעלנער. באַוואָפנט זענען זיי געווען, אַלע דריי. אָבער דער זעלנער האָט געטראָגן אויף זיך אַ גאַנצן אַרסענאַל. דער ברייטער שרייבטיש, באַלויכטן פון אַ גרינעם קניי־לאָמפּ, איז געווען פאַרלייגט מיט שטויסן פּאַפּירן, ראַפּאָרטן און בויגנס מיט פינגער־אָפּדרוקן. ס'האָבן אויך נישט געפעלט קיין פאָטאָגראַפישע בילדער פון פאַרדעכטיקע און אויסגעפילטע פאָרמולאַרן. דאָס זענען די בערג מיט „פיילס", וואָס מען טרעפט היינט צו טאָג אין יעדער ענגלישער קאַנצעלאַריע — דער געשוואָלענער קאָפּ־ווייטיק פון דער בריטישער קאָלאָניאַל־אַדמיניסטראַציע.

כ'האָב באַמערקט אויפן שרייבטיש ליגן מיין פּאַספּאָרט מיט מיין פרעסע־קאַרטע. כ'האָב אויך באַמערקט ליגן אַן אָפן בוך פון רידיאַרד קיפּלינג.

דער מאַיאָר, אַן איבערגעבויגענער, מיט אַ קנאָכיק פּנים ווי ביים קעניג דזשאָרדזש דעם פינפטן, האָט געמאַכט איין שפּאַן אַרויף, איין שפּאַן — אַראָפּ. ער האָט פאַררויכערט זיין ברוינע פּיפּקע. געבעטן מיך זיצן און

העפלעך זיך געווענדט צו מיר אין אַ טאָן, ווי נאָך אַן איבערגעריסענעם שמועס:

— אייער פּאַספּאָרט איז אַמעריקאַניש. אייער פּראָפעסיע — אַ זשורנאַליסט.

— ריכטיק.

— און מיט די צוויי פּאַרצוגן זענט איר אַרויף אויף אַן אומלעגאַלער שיף?

— יאָ.

— צוליב וואָס האָט איר דאָס געטאָן? נייגעריקייט?

— ס'איז געווען מער נייגעריקייט... שפּאַנונג.

— שפּאַנונג צוליב וואָס? צו קענען דערציילן אייערע לייענער אַן אויסערגעוויינלעכע געשיכטע? די געוויינלעכע זענען שוין פיל מאָל דערציילט געוואָרן...

— זייער טרעפלעך.

— איר ווייסט, אַז מיט אייער אַרויפגיין אויף אַזאַ פליכטלינג־שיף, טוט איר אומדירעקט העלפן די אומלעגאַלע איינוואַנדערונגען?

— כ'ווייס.

— און איר טוט די אומלעגאַלע אימיגראַנטן דערמוטיקן?

— כ'ווייס.

— און דאָס איז שוין נישט די אויפגאַבע פון אַ זשורנאַליסט.

דער מאַיאָר האָט אַ ווײַלע געשוויגן. איך האָב זיך אָנגערופן:

— איר רופט די איינוואַנדערונג אומלעגאַל?

— אַזוי לאַנג ווי פליכטלינג־שיפן זענען אויסער די ראַמען פון נעזעץ, איז עס אומלעגאַל! — האָט דער מאַיאָר שאַרף געענטפערט.

— דאָס איז בלויז אַ וואָרט־שפּיל, מאַיאָר!

— דאָס איז געזעץ!

— איר געדענקט, מאַיאָר, דאָס יאָר 1940?

— ס'איז בלויז זיבן יאָר און איך האָב אַ גוטן זכרון...

— איר געדענקט, ווען די ענגלענדער האָבן געקעמפט מיט דעם רוקן צו דער וואַנט?

— כ׳גערענק.

— איר געדענקט דונקערק?

— ווי אַן ענגלענדער, וועל איך דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

— די פליכטלינגען-שיפן, דאָס איז די יידישע דונקערק — האָב איך געזאָגט.

— דאָס איז אַ פּראָזע! — האָט דער מאַיאָר פּראָטעסטירט — און ס׳איז נישט רעאַליסטיש.

— דאָס, וואָס קומט פאָר אין די האַפנס פון איירָאָפּע איז אַ ברוטאַלע רעאַליטעט — האָב איך געזאָגט — און רעאַל גענומען, זענען די קאַראַוואַנען מיט פליכטלינגען-שיפן צען מאָל טראַגישער, ווי ס׳איז געווען דונקערק.

— דאָס זענען סענטימענטן! — האָט דער מאַיאָר איבערגעהאַקט — און מיר דיסקוטירן איצט געזעץ.

— וואָס רופט איר געזעץ? — האָב איך פּלוצים אומגעריכט אַ פרעג געטאָן.

— געזעץ רוף איך איינגעשטעלטע סיסטעמען צו פאַרזערווירן אָרדנונג — האָט דער מאַיאָר קורץ פאָרמולירט — פאַרוואָס אַזאַ פראַגע? זענט איר אַן אַנאַרכיסט?

— ניין.

— און איר, ווי אַן אַמעריקאַנער, רעספּעקטירט איר דאָס געזעץ?

— אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דאָס געזעץ פאַרטיידיקט די רעכט פונעם מענטש. די אַמעריקאַנער געזעצן זענען אויף דער זייט פון דעם גערעכטן.

— די בריטישע געזעצן האָבן נאָך דערוייל נישט ברוטאַליזירט די רעכט פון קיין יחיד.

— יאָ, אָבער די בריטישע ים-געזעצן צווינגען, אַז די פליכטלינגען-שיפן זאָלן פאָרן אויף פרעמדע נעמען און אונטער געבאָרגטע פאָנען.

— כ׳האָב עס שוין פריער געזאָגט. די פליכטלינגען-שיפן זענען אויסער געזעץ...

— איר פאַרגעסט, מאַיאָר, מען פירט נישט גלאַט פליכטלינגען-שיפן. מען ראַטעוועט די רעשטלעך פון אַ פאָלק...

דאָס געווייסן פון אַן ענגלישן מאַיאָר, וואָס האַלט אויף זיין שרייב-טיש דאָס בוך פון קיפּלינגן, וואָלט אפשר אַנגענומען אַזאַ קאָנצעפּציע. אָבער עס איז שווער פאַר אַ בריטישן מאַיאָר, וואָס האַלט אַן אַמט פון אַן אויספאָרשער אין ציפּערן, צו בייטן זיין סאָלדאַטסקע שפּראַך אויף גריבלענישן וועגן שלעכטע געזעצן און גוטע געזעצן.

ער האָט געשוויגן. שווייגן איז אָפט אַ באַקוועמער אויסוועג, ווען מען אַנטלויפט פון אַ געוויסן-פּלאָגעניש. נאָך עטלעכע מינוט האָט ער געלאָסן געפרעגט:

— אויב איר האָט נישט קיין פּאַראיבל, וועל איך אייך שטעלן אַ פּאָר פראַגן.

— מיט פאַרגעניגן.

— אין וועמענס שליחות זענט איר געפאָרן אויף דער אומלעגאַלער שיף?

— אין שליחות פון מיין צייטונג.

— באַלאַנגט איר אויך צו אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע?

— ניין.

— זענט איר אַ מיטגליד פון דער הגנה? איר דאַרפט וויסן, אַז מיר זענען נישט קיין קעגנער פון דער יידישער הגנה... מיר מיינען הגנה — פאַר שוץ, לויט דער איינפאַכער דעפיניציע פונעם נאָמען... מיר האָבן טאָ־לערירט אַ סך פון זייערע אַקטיוויטעטן. אין קריגס-צייט האָבן מיר אָנער־קענט זייער קוראַזש...

איך האָב אָנגעקוקט דעם מאַיאָר. ער האָט, ווייזט אויס, נישט געהאַט בדעה צו וואַרטן אויף קיין ענטפער, ווייל ער האָט גלייך געשטעלט אַ צווייטע פראַגע.

— אייער שליחות, איז דאָס געווען אַ שנעלע מיסיע?

— יאָ.

— און איר האָט געזען געגנוג?

— גענוג צו דערציילן פאַר פינף קאָנטינענטן, וואָס עס איז געוואָרן

פון דעם פאָלק, ביי וועמען די מלחמה האָט די ערשטע צוגענומען מיליאָנען אומשולדיקע לעבנס... כ'האָב געזען די אומגליקלעכסטע צווישן די מענטשן, די געפּלאָגטסטע, די דערנידעריקסטע.

דער מאַיאָר איז געווען גרייט צו פאַרענדיקן דעם שמועס. ער האָט אויפמערקזאַם דורכגעבלעטערט דעם פּאַספּאָרט. מיט א רויטן בליי־פעדער געמאַכט א צייכן און מיר געזאָגט:

— איר זענט אַן אַמעריקאַנער בירגער. אָבער אייער רייזע און אייער לאַנדונג זענען געווען אומלעגאַל. אין א שעה אַרום גייט אָפּ א שיף קיין חיפה. איר וועט ווערן טראַנספּאָרטירט צום חיפהער אימיגראַציע־אינספּעקטאָר. איר וועט קענען דיסקוטירן אייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען מיט די דאָרטיקע אינסטאַנצן.

ס'איז פאַרביי א שעה, צוויי שעה, דריי שעה און מען האָט מיך צו דער שיף נישט געפירט. פאָרמעל בין איך געווען אונטער אַרעסט פון „זיין מאַיעסטעטס רעגירונג", אָבער צו זיין גערעכט צו יענעם קווייקלענדיקן בריטישן מאַיאָר אין ציפּערן, מוז געזאָגט ווערן, אַז אין די ערשטע שעהן בין איך אונטער זיין אויפזיכט נישט באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַן אַרעסטאַנט. מען האָט מיר געגעבן צו רויכערן, געבראַכט קאַווע מיט סאַנדוויטשן און דערנאָך מיך אַריינגעפירט אין דער קליינער ביבליאָטעק־אָפּטיילונג.

צי ווייל דער אינדזל ציפּערן איז נישט געשטראָפט מיט דעם קאַמפּלעקס פון „נאַציאָנאַלער היים" און די ענגלישע אַדמיניסטראַציע דאַרף נישט פּראַקטיצירן ברוטאַליטעט קעגן דער דאָרטיקער גריכישער באַפעלקערונג, צי ווייל יענער סענסיטיווער מאַיאָר האָט נישט געהאַט קיין רוקנביין און באַשלאָסן איבערצוגעבן מיך אין די הענט פון די חיפהער משוגאָוניקעס. אַזוי צי אַנדערש — פאַרוואָס מיין דעפּאָרטאַציע איז נישט דורכגעפירט געוואָרן גלייך פון ציפּערן אַרויס, איז מיר ערשט קלאָר געוואָרן שפּעטער, ווען כ'האָב פאַרזוכט די גאַסטפריינטלעכקייט פון דער ענגלישער טורמע.

אין דער קליינער ביבליאָטעק־אָפּטיילונג פון דער בריטישער הויפּטקוואַרטיר האָב איך אַראָפּגענומען פון דער פּאָליצע א בוך „די רייזעס פון

מאַרקאָ פּאָלאָ", דאָס איז אַ בוך וועגן די נסיעות פון דעם ווענעציאַנישן אַוואַנטוריסט פון 13טן יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך ארומגעשלעפּט איבער ווייטע אומבאַקאַנטע לענדער. כ'האָב דאָס בוך דורכגעבלעטערט און אויפגעמישט אַ זייט, ווו עס איז געווען געשריבן, אַז ווען מאַרקאָ פּאָלאָ איז דורך אַלע אומלעגאַלע וועגן פון דער וועלט — פון גענוא דורך די פּערסישע מדבריות — אָנגעקומען ביז פּעקין, האָט אים דער דעמאָלטיקער גרויזאַמער גרויסהערשטער קובלאַי כאַן אויפגענומען מיט אַ סך פריינטלעכקייט. ער האָט אים באַשטימט פאַר זיין פּאַרטרויאונגס־שליח, געגעבן אים אויסצייכענונגען און אים אפילו געהאַלטן דורך דריי יאָר צייט אַלס גובערנאַטאָר אין דער שטאָט יאַנג טשאַו.

אין שעהן פון פאַרלעגנהייט, אין שעהן פון אומבאַשטימטע דערוואַרטונגען אַרבעט די פאַרשטעלונגס־קראַפט. שפּאַנונג קריגט פליגלען. ביים אויפגעמישטן בלאַט פון מאַרקאָ פּאָלאָ איז מיר איינגעפאַלן זיך אַליין צו פרעגן, וואָס פאַר אַן אויסצייכנונג וואָלטן די בריטישע אַדמיניסטראַטאָרן אין חיפה געדאַרפט צוגרייטן פאַר אַ זשורנאַליסט, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער איז דורכגעלאָפן אַ סך לענדער, דורכגעשניטן אַ סך ימען דורך אומלעגאַלע וועגן, אויף אומלעגאַלע שיפן און מיט אומלעגאַלע יידן?

אַ וואַך־זעלנער איז אָנגעקומען, כדי מיך אַרויסצובאַגלייטן צו דער שיף.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

די ערשטע נאַכט אין דער חיפהר פּאָרט־תּפיסה

נאָך דריי טעג אָפּזיין אין ציפּערן בין איך אונטער אַ שטרענגער וואַך צוריק אָפּגעשיקט געוואָרן קיין חיפה. ס'איז געווען שפּעט ביינאַכט. דער פּאַרקער אין האַפן איז געווען איינגעשטילט. בלויז דאָ און דאָרט האָט אַ לייכט־טורעם געבלינקט. צעוואָרפענע שיין־וואָרפערס האָבן סיגנאַליזירט.

ווי נאָר כ׳בין אראָפּגעשטיגן אויף דער פּאָרט-בריק, בין איך איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דער אימיגראַציע-אינספּעקציע.

דער בריטישער אינספּעקטאָר, דער וועכטער פון די ארץ ישראל-ברעגן, וואָס פאַרשפּאַרט יעדן טריט לאַנד פאַר אַ יידישן פוס, האָט מיך אריינגע־פירט אין זיין פּאָליצייאישן הויפּט-קוואַרטיר מיט אזא רציחה, ווי ער וואָלט דאָ געכאַפּט אַ טעראָריסט, וואָס האָט נאָר וואָס אויפגעריסן אַ פּאָליציי-סטאַנציע אָדער צעשמעטערט אַ באַן מיט בריטיש מיליטער.

ער איז געווען אַ הויך-געוויקסיקער פאַרשוין מיט דריי זילבערנע שטערן אויף זיינע עפּאָלעטן. זיין אָנגעפּרעסן, רויטלעך פּנים מיט די פאַר־לאָפּענע אויגן האָבן געזאָטן, ווען ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי זיין שרייבטיש. ער האָט געוואָרפן גרינלעכע שנאה-בליקן אין מיין זייט און סיי פון צאָרן, סיי פון צרות האָט ער געקרעכצט.

— אזוי נאַרן זיי זיך אריין אין לאַנד...

נעבן אים האָט זיך באַוויזן אַן אדיוטאַנט. אַ שטייפער, געהאָרכזאַ־מער סערזשאַנט, וואָס איז גרייט געווען צו באַשטעטיקן אַלע זיינע אָנ־קלאַגעס. דער בייזער אינספּעקטאָר האָט זיך געגרייט צו דער אויספאָר־שונג, ווי צו אַ פאָרשטעלונג. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין אדיוטאַנט, דערנאָך אויף מיר. ער האָט געמישט די בלעטלעך פון מיין פּאַספּאָרט און געפרעגט:

— איר זענט אַן אַמעריקאַנער בירגער?

— יאָ.

— און דאָס, מיינט איר, גיט אייך אַ רעכט צו קומען אויף אַן אומ־לעגאַלער שיף?

— דאָס רעכט צו קומען אויף אזא שיף האָט מיר געגעבן מיין יידישע אָנגעהעריקייט און מיין זשורנאַליסטישע פּראָפעסיע.

דער ענגלישער אינספּעקטאָר איז געווען ווייט פון העפלעכקייט. אין זיינע גרינלעכע אויגן האָבן געברענט טייוולאָנימלעך. ער האָט באַטראַכט מיין פּרעסע-קאַרטע און ווידעראַמאָל געבלעטערט מיין פּאַספּאָרט:

— איר האָט קיין וויזע אויך נישט?

— ניין.

— דאָס מיינט, אַז נישט בלויז זענט איר געפאָרן אויף אַן אומלע־גאַלער שיף, נאָר איר זענט אויך אריינגעקומען אין לאַנד אריין אומלעגאַל.

— אזוי מיינט עס?

כ'האָב געוווסט, אַז מיט מיין אַקעגן רעדן, וועל איך קיין קאָנצעסיעס פאַר זיך נישט אויסדינגען. אָבער איינמאָל אָנגענומען אַזא טאָן, וועל איך שוין דאָס ציען ווייטער. צי די זיכערקייט מיט דעם אמעריקאַנער פּאַס־פּאָרט און מיט דער פרעסע־קאַרטע, צי די איבערצייגונג, אַז דער בריטי־שער סאַטראַפּ קען מיר קיין סך שלעכטס נישט טאָן, האָבן געוועקט מיין חוצפּה — אָבער די צו להכעיס ווערטער האָבן זיך געריסן פון מיין האַלדז.

דער בריטאַניער האָט נישט פאַרטראָגן מיין אראָגאַנץ:

— איך מאַך אייך אויפמערקזאַם, אַז אייער האַלטונג וועט אייך קיין גוטס נישט טאָן. דאָ איז נישט די פאַראייניקטע שטאַטן... דאָ הערשן בריטישע רעגולאַציעס.

— כ'ווייס.

— און מען מוז די רעגולאַציעס אויספאָלגן! — האָט ער האַסטיק צוגעגעבן.

— אויך אַ פרעמדער בירגער? — האָב איך געפרעגט.

— אין דעם לאַנד און אונטער די אומשטענדן — יאָ!

ער האָט מיך אָנגעקוקט דורכדרינגלעך און געזאָגט:

— אז איר האָט געוואָלט קומען קיין פּאַלעסטינע, צוליב וואָס זענט איר געקומען קיין ציפערן?

— אויס נייגעריקייט...

— אָן ציפערן וואָלט אייער אונטערנעמונג נישט געווען קאָמפּלעט?

— איך האָב באַגלייט די פּליטים איבער אַלע וועגן ביז צו די ברעגן פון לאַנד, האָב איך אויך געוואָלט מיטגיין מיט זיין אויף דעם אינדזל, וווהין זיי ווערן פאַרטריבן.

— באַלאַנגט איר צו אַן אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע?

כ'האָב זיך געכאַפּט, אַז ס'איז די צייט צו געבן דעם טעמפּן בריטאַ־ניער אַ שטיקל אויפקלערונג וועגן מיין שליחות און געזאָגט:

— איך בין אויסשליסלעך אַ צייטונגס־מענטש, סער. מיין צייטונג

האָט מיך באַפּולמעכטיקט צו פאָרן אויף איינער פון די פּליטים־שיפן און באַגלייטן די אומגליקלעכע אויף זייערע וואַנדערונגען. איך האָב די שליחות אָנגענומען.

— און איר וועט באַשרייבן די רייזע?

— יאָ.

— עס עקזיסטירן אָבער אַזעלכע פאַקטאָרן, וואָס אפילו צייטונגס־מענטשן טאָרן נישט איגנאָרירן... פּרעסע־מענטשן האַלטן זיך פאַר פּריווי־לעגירטע פּערזאָנען. זיי פאַרגעסן אָבער, אַז עס זענען פאַראַן זאַכן, וואָס אפילו זיי אַליין מוזן רעספּעקטירן. דאָס איז ערע און לאָיאַליטעט צו הערשנדיקע געזעצן.

— וועלכע געזעצן? די, וואָס פאַרווערן אַריינצוקומען יידן אין לאַנד אַריין?

דער בריטאַניער האָט ווידער מיר געשאָנקען דעם שנאהדיקן בלישטש פון זיינע גרינע אויגן און שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— נישט איר זענט די אויטאָריטעט צו ענדערן בריטישע געזעצן.

דורך דער גאַנצער צייט, וואָס דער סופּער־בריטאַניער, דער פּאַקטישער באַלעבאָס איבער דעם חיפהר פּאָרט האָט זיך אויפגערעגט איבער מיר, איז דער אַדיוטאַנט געשטאַנען קעגנאיבער אים מיט קנעכטישער גע־האָרכזאַמקייט, גרייט מיט עפּעס צו דינען אים, כדי צו דערלייכטערן זיין נערוועזיטעט. דער אינספּעקטאָר האָט מיר באַפוילן:

— ליידיקט אויס אייערע קעשענעס! אַלץ וואָס איר פאַרמאָגט, לייגט אַרויס אויפן טיש!

בעת כ'האָב אָנגעהויבן אויסצוליידיקן מיינע טאַשן, איז דער אומגע־דולד ביי מיין רעוויזאָר געוואַקסן. עס האָט האַסטיק באַטאַפּט מיין מאַנטל, מיין ראָק, די הויזן, דעם הוט. די אונטערזוכונג איז געווען אַזוי גרינטלעך, אַז ער האָט מיר געהייסן אויסטאָן די שיך מיט די זאָקן. באַלד איז דער שרייבטיש פול געווען מיט מיינע פּריוואַטע אָנגעהעריקייטן. כ'בין גע־וואָרן פריי פון מיינע דאָקומענטן, געלט־בייטעלע און אַדרעסן־ביכל. כ'בין געוואָרן פריי פון מיינע נאָטיץ־ביכער, מיינע פעדערס און האַנט־זייגערל. מיינע פּאַרטיקע נאָטיצן האָב איך געהאַלטן פאַרשטעקט אין אַ גאַרטל אַרום

מיינע לענדן. דער געניטער ענגלישער רעוויזאָר האָט מיך באַפרייט פון דער משא. אַרויסוואַרפנדיק די געדיכט־באַשריבענע בייגעלעך, איז אים געוואָרן ליכטיק אין די אויגן, ווי ער וואָלט געפונען אַן אבן-טוב. ער האָט געקוקט אויף דער יידישער שריפט, ווי אַ האָן אין בני-אדם און געזאָגט:

— איר מוזט, ווייזט אויס, קענען גוט היברו?

— יעס, סער!

אויסליידיקנדיק מיינע קעשענעס ביז צום דנאָ, האָט ער געעפנט מיין וואַליזע. דאָ האָט אויף אים געוואָרט אַ וועלט מיט אַרבעט. דער ציניקער אין אים האָט גענומען געוועלטיקן. און ער האָט גענישטערט אין זאַכן, וואָס האָבן מיט פּאָרמעלע רעוויזיעס קיין שייכות נישט. יעדעס שטיקל וועש איז געוואָרן אויסגעשאָקלט ווי אַ לולב. ער האָט איבערגעדרייט אַלע קראַוואַטן, אַריינגעקוקט אין דעם געווערק פון מיין זייגער. ביידע פּול־פּעדערס האָט ער צענומען און צעגלידערט און געזוכט דאָרט אויפרייס־שטאָף. די פּעקלעך אַמעריקאַנער סיגאַרעטן האָט ער געעפנט. אַפילו די שטיקלעך קיי־גומי האָט ער אויסגעוויקלט פון די זילבער־פּאַפּירלעך און זיי געוואָרפן איבערן טיש איינציקווייז. קוקנדיק אויף דעם רעוויזאָר, איז מיר געוואָרן ביטער אין מויל, כ'האָב אָנגעוויזן אויף די קיי־גומי.

— קען איך נעמען איינס?

— נעמט בלויז פון די איבערגעבליבענע! — האָט ער שטרענג אַ ברום געטאָן.

איך האָב געקייט הויך. דאָס זאַפטיקע קלעפּעכץ האָט דערפרישט מיין גומען און ער האָט מיט געמאַכטן חידוש אַ פרעג געטאָן:

— אַנטהאַלט די קיי-גומי דאָופּ?

אַנשטאָט אַן ענטפער האָב איך אים געשאָנקען אַ פאַראַכטנדיקן בליק. פאַר מיר איז נישט געשטאַנען אַ געהאַרבזאַמער בריטאַניער, וואָס דערפילט זיינע אַמטלעכע פונקציעס. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ קאָלאָניאַלער אינטריגאַנט, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך אַלע פאָרמען פון פאַרדאָרבנ־קייט — סאַדיזם אַריינגערעכנט. זיינע פּנים־שטריכן זענען געוואָרן שטייפער, באַרמלאָזער. פון דעם אוניפאָרם־ראָק איז געוואָרן אַ פאַנצער־שילד. פון דעם געלאָדענעם רעוואָלווער — אַ שפּיז. דער ברייטער פּראָפּן-הוט

איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רוימישן העלמעט. אַזוי האָט געמוזט אויסזען אַ פאַרצייטיקער הערשער אין איינעם פון די אָקופּירטע ארץ ישראל דיסטריקטן. אַזוי האָט געמוזט אויסזען אַ רוימישער פּראָקוראַטאָר אין יהודה.

דער רעוויזאָר איז נאָך נישט פאַרטיק געוואָרן מיט מיר. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מיין בינטל שליסלען און גענומען זיי איבערקלייבן איינס באיינס:

— וואָס פאַר אַ שליסל איז דאָס?

— פון מיין וואַליזע.

— און דאָס?

— פון מיין ניו־יאָרקער היים.

— און דאָס?

— פון מיין פּאָסט־קעסטל.

— און די איבעריקע פינף שליסלען?

— פון די שופלאָדן אין מיין שרייבטיש.

דער רעוויזאָר האָט געברומט:

— עס דאַרף נישט זיין שווער זיין פאַר אייך צו באַגרייפן אונדזער אָפּגעהיטנקייט... נאָך דעם פּאַרפּאַל אין עכוער טורמע איז קיין אונטערזוכונגס־מיטל פאַר אונדז נישט צו שטרענג.

אַלע געמיינקייטן ווערן צוגעשריבן צום אויפרייס אין עכוער טורמע, נאָך דעם ווי פערציק יידן און הונדערט און זעכציק אַראַבער זענען אַנטלאָפן. די ענגלישע ברוטאַליטעט און איגנאָראַנץ ווערט פאַרענטפערט ווי אַ רעזולטאַט נאָך יענעם שטוינענדיקן פּאַרפּאַל. די מעשה־עכו איז געוואָרן אַ תירוץ פאַר אַ נייער כוואַליע פון שיקאַנירונגען און רעפּרעסיעס קעגן גאַנצן ישוב. אַרעסטן אין די הונדערטער, בלויז אויפן סמך פון אומבאַגרינדעטן פאַרדאַכט, איז געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג.

איך האָב געקוקט אויף דעם פּאָרט־אינספּעקטאָר. פאַר מיינע אויגן האָט זיך געשטעלט אַ נעפּל. די דיסטאַנץ איז זיך צעוואַקסן. צווישן מיר און דעם בריטישן אינספּעקטאָר האָבן איצט פאַרביימאַרשירט שערענגעס מעפּילים, שערענגעס מיט געפאַנגענע יידן. דאָס האָבן זיי געצויגן צו די

דעפּאָרטאציע־שיפן. די הילצערנע פּאָרט־בריק איז געווען געפּאַקט מיט באוואפנט מיליטער, וואָס האָט געטריבן די אסירי־ציון. דער צער פון דער וועלט איז געלעגן אויף זייערע פּנימער. דער טרויער פון אַלע חורבנות האָט אויסגעקוקט פון זייערע אויגן. זיי זענען געהאַרכזאם געגאנגען די געיאָגטע און געפּלאָגטע... זיי האָבן פּאַלגעוודיק מארשירט, די אויסגע־וואָרצלטע, די הנרדפים על צוואכם...

דער עלנט פון דער וועלט, דער עלנט פון אַלע וואָגלדיקע מענטשן פון ששת ימי בראשית אָן האָט באַגלייט די באַזיגטע מעפּילים, ווען זיי האָבן גענומען קלעטערן אויף די לייטערס פון די שטייגן-שיפן, וואָס האָבן זיי געשלעפּט צום גלות-אינדזל ציפּערן.

צען מינוט שפּעטער האָט מיין רעוויזאָר ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין פּאַספּאָרט, אויף דער פּרעסע־קאַרטע און אויף אַלע אידענטיפיקאציע־פּאַפּירן. ער האָט פארכאַפּט פינף הונדערט בלאַנקע בויגנס שרייבפּאַפּיר און הונדערט אמעריקאַנער לופט־פּאָסט קאָנווערטן אויפן פּאָרדאכט, אַז זיי זענען באַדעקט מיט אַ געהיימער וואסער־שריפט... ער האָט קאָנפיס־קירט אַלע נאָטיצן, ענגלישע מאגאזינען, צוויי פון מיינע אייגענע ביכער ארץ ישראל דערציילונגען און אַ בוך אין ענגליש וועגן נאַצי־טעראָר. דאָס מאַטעריאַל האָט ער צוגעזאָגט צו נעמען אויף אַן אויספאָרשונג.

כ'האָב אים אויפמערקזאם געמאכט, אַז מיינע ביכער זענען געדרוקט געוואָרן מיט יאָרן צוריק. איין בוך „אויף רושטאָוואַניעס" אין יאָר 1936 און דאָס צווייטע „צווישן הונדערט טויערן" אין יאָר 1942. און די ביכער זענען בעלעטריסטיק. זיי האָבן נישט קיין שייכות מיט דער איצטיקער בריטישער אוואַנטורע אין ארץ ישראל. דער אינספּעקטאָר האָט גע־ענטפערט:

— איך פּערזענלעך בין נישט פּאראינטערעסירט אין דעם אינהאַלט פון די ביכער. כ'וועל זיי איבערגעבן צו דער אויספאָרשונג אין ירושלים...

קענטיק, אַז דער רעוויזאָר איז שוין געווען פאַרטיק מיט מיר, ווייל ער האָט איינגערוימט זיין שווייגנדיקן אדיוטאַנט:

— ער האָט געזוכט איבערלעבונגען און האָט זיי אויך געפונען. איך וועל אים געבן אַ „גוד־טאָים"...

ער האָט זיך געווענדעט צו מיר:

— אייער שטראָף וועט זיין דעפּאָרטאַציע און ביז צום טאָג פון אייער אָפּפאָר וועט איר זיין אונדזער אַרעסטאַנט. די רייזע־קאָסטן און אַלע אויס־גאַבן וועט איר מוזן אַליין באַצאָלן. מיט וועלכן וועג ווילט איר צוריק־פאָרן קיין אַמעריקע? מיט אַן עראָפּלאַן, אָדער מיט אַ שיף?

— דאָס וועל איך ערשט באַשליסן — האָב איך געענטפערט — אָבער וואָס איר זאָלט נישט טאָן מיט מיר, וויל איך זיך תיכף שטעלן אין קאָנ־טאַקט מיט דעם אַמעריקאַנער קאָנסול און מיט דער יידישער אַגענטור. כ׳וויל אויך טעלעגראַפירן מיין צייטונג אין ניו־יאָרק, ווו איך געפין זיך.

— מיינט איר, אַז דאָס וועט מיך אָפּשרעקן? — האָט דער אינספּעק־טאָר ציניש געשמייכלט.

— כ׳בין דער שליח פון דעם ניו־יאָרקער „מאָרגן זשורנאַל" און די צייטונג דאַרף וויסן וועגן דער סיטואַציע.

— זיי דאַרפן אויך זיין באַזאָרגט וועגן אייך — האָט דער ענגלענדער זיך גערייצט.

— איך וויל די דערלויבעניש גלייך צו טעלעגראַפירן — האָב איך באַשטאַנען אויף מיינס.

— כ׳וועל אייך קיין דערלויבעניש נישט געבן. ביי מיר זענט איר בלויז אַן אַרעסטאַנט און איר וועט באַהאַנדלט ווערן לויט די טורמע־רע־גולאַציעס.

— אַפילו ווי אַן אַרעסטאַנט האָב איך מיינע רעכט און ווי אַן אויס־לענדישער בירגער, מיינע פּריווילעגיעס.

דער ענגלענדער האָט אויסגעמיטן זיך איינצוהערן צו מיין פאָדערונג און געזאָגט:

— מיר וועלן לאָזן וויסן דעם אַמעריקאַנער קאָנסול וועגן אייער אַנ־וועזנהייט.

— איך אַליין וויל זיין אין קאָנטאַקט מיט אים!

— וועלכע רעכט גיבן אייך אַזאַ פּריווילעגיע?

— די רעכט פון זיין אַן אַמעריקאַנער בירגער. איר האָט פריער זאָרג־פעלטיק געבלעטערט מיין פּאַספּאָרט און מסתמא באַמערקט אַ פּונקט, וואָס

זאגט, אז בעת א צרה אין א פרעמד לאנד, מוז יעדער אמעריקאנער זיך גלייך שטעלן אין פארבינדונג מיט זיין קאנסול. די פריווילעגיע איז א קליינער דעטאל אין דעם אמעריקאנער קאדעקס פון בירגער-שוץ.

דער אינספעקטאר איז געווען אין א פארלעגנהייט. מען האט געקענט זען, ווי די קוויינקלעניש וואקסט. נישט נאכגעבן — וועט עס נישט שטימען אפילו מיט זיין הארטער געזעץ-שטרענגקייט. יא נאכגעבן — וועט עס הייסן ווייכהארציקייט, אן אפנויג פון זיין שטעלונג. ער האט געפרווט רעדן אביסל ווייכער:

— איצט איז נאכט, מען קען גארנישט טאן. דער אמעריקאנער קאנסול וועט אויטאמאטיש אינפארמירט ווערן וועגן אייך.

— איך וויל שוין טעלעפאנירן צום קאנסול! — האב איך נישט געטרויט מיין רעוויזאר — און איך באשטיי דארויף!

ער האט מיך אריינגעפירט צו דער פראנט-קאנצעלאריע, ווו ס'האבן זיך געפונען אן ענגלישער סערזשאנט און אפשר א טוץ אראבישע פאליציאנטן. די ווענט זענען געווען באהאנגען מיט שווער-רעריקע ביקסן. דער סערזשאנט האט איבערגעציילט מיינע פארכאפטע רייזע-טשעקן, מיין ביסל מזומנים אין פראנצויזישער און איטאליענישער וואליוטע. ער האט אריינגעשריבן די סומע אין די ביכער. דאס געלט האט ער אריינגעלייגט אין „סייף" און מיר געהייסן אונטערשרייבן.

איך האב מיט קולות איבערגעחזרט מיין פאדערונג צו שטעלן זיך אין קאנטאקט מיט די געהעריקע אינסטאנצן. מיינע געשרייען זענען געפאלן אין טויבע אויערן. כ'האב זיך געפונען צווישן דיקע מויערן און פארקראטעטע טויערן. דער אינספעקטאר האט מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון זיין אדיוטאנט און ארויסגייענדיק געזאגט:

— פירט אים אריין אין צעל. איר דארפט מער ביי אים נישט זוכן. אלץ וואס ער פארמאגט איז א פען.

אז די אייזערנע טיר פון דער פינצטערער צעל האט זיך פארמאכט, בין איך געבליבן שטיין א ווילע ווי אין א פארהאקטער שטייג. נישט דער פחד פאר די צעל-ווענט, נאר א געפיל פון באליידיקונג און שפלות האט מיך ארומגענומען.

עמיצער האָט אַמאָל געשריבן, אַז די מעדאַלן ביי דעם ציימונגס־מענטש הענגען נישט אויף זיין ברוסט, נאָר דאָס זענען די צייכנס אויף זיין רוקן. אין יענער רגע האָב איך געשפּירט די צייכנס, וואָס הויבן אָן, ווי האַמער־קלעפּ, זיך צו לייגן אויף מיין רוקן. כ׳בין נישט געווען אַליין. אויף דער ערד זענען געלעגן צוויי אַרעסטאַנטן. זייערע געלעגערס — שמוציקע קאָלדרעס אויף דעם שטיינערנעם דיל. אַכצן קראַטעס זענען געווען אין פענצטער פון דער קענגאיבערדיקער וואַנט און דורך זיי האָט אַריינגעשיינט דאָס קאַלטע לבנה־ליכט.

ביים מאָרגן שיין האָב איך געקענט באַמערקן די פּנימער פון די אַרעסטאַנטן. פון איין זייט וואַנט איז געלעגן אַ האַלב־שוואַרצער אַראַבער מיט דער קאָלדרע איבערגעדעקט איבער זיין קאָפּ און פון דער צווייטער זייט וואַנט — אַ ווייסער מענטש, וואָס האָט געהאַט אונטערגעלייגט אַ ברעטל צוקאָפּנס. צווישן זיי ביידן איז געווען אויסגעשפּרייט אַ קאָלדרע פאַר אַ דריטן אַרעסטאַנט. דאָס איבעריקע האָט מען נישט געדאַרפט טייטשן. דאָ, הייסט עס, דאַרף זיין מיין ערשטער נאַכט־געלעגער אין ארץ ישראל נאָך אַן אַפּוועזנהייט פון קנאַפּע צען יאָר. דאָס איז מיין גאַסט־הויז און דאָס זענען מיינע שכנים.

הונגעריק און דורשטיק בין איך געווען. מיין נאַאיוויטעט, אָדער מיין נישט באַהאַוונקייט אין תפיסה־לעבן, האָבן מיך געשטויסן צו רעאַליזירן די איינפאַלן, וואָס זענען איצט אויפגעשווומען איינער נאָכן אַנדערן. אַלע מינים פאַרלאַנגען זענען געקומען אויפן זינען: אַ טרונק, עפּעס איבער־ביסן, אַרויסגיין אין וואַש־צימער.

כדי פון אַ ווונטש זאָל ווערן אַ רוף, מוז מען באַנוצן די האַלדז־בענ־דער. און איך האָב גענומען קלאַפּן אין דער אייזערנער טיר, רופנדיק דעם אויפזעער. מיין געשריי איז געבליבן אַ קול קורא במדבר. איך האָב איבער־געחזרט מיין פאַרלאַנג אומצאָליקע מאָל, אָבער דאָס ווידערקול איז געבליבן הענגען אין חלל פונעם לאַנגן, פוסטן קאָרידאָר.

קאפיטל דרייסיק

צוויי טיפישע ארעסטאנטן אין דער תפיסה-סטאנציע

איך האב נישט אויפגעהערט צו קלאפן אין דער אייזערנער טיר און רופן דעם אויפזעער. ס'איז שוין געווען ווייט נאך האלבער נאכט. און כאטש ס'האבן זיך געהערט די געמאסטענע טריט פון דעם אראבישן תפיסה-וועכטער איבער דעם לאנגן קארידאר, איז קיין ענטפער אויף מיינע רופן נישט געקומען.

די האסטיקע קלאפעריי אין דער טיר און דער קלאנג פון ענגליש אין דער קאמער האבן, קענטיק, איבערגעוועקט פון שלאף דעם ווייסן ארעסטאנט. ער האט לאנגזאם אונטערגעהויבן דעם קאפ, כדי זיך בעסער איינצוהערן צו מיינע געשרייען, דערנאך האט ער פלעגמאטיש א זאג געטאן, אויך אין ענגליש:

— עס נוצט נישט זיי צו רופן. ביז אינדערפרי וועט קיינער זיך נישט באווייזן.

מיין איבערראשונג האט מיך אוועקגערופן פון דער אייזערנער טיר און כ'האב זיך אויסגעדרייט צו מיין שכן. אין דער טונקלקייט האב איך באמערקט א יונגן מענטש מיט א בלאנדן קאפ האר. זיין לענגלעך פנים איז געווען פון העל-ווייסער קאמפלעקציע. די צורה — נישט קיין יידישע. כ'האב אים געפרעגט:

— איר זענט אן אויסלענדער?

— אן אמעריקאנער פון סאן פראנציסקא. היינט פרי האט מען מיך דא אריינגעבראכט.

אין א תפיסה — ביי דער ערשטער באגעגעניש — פרעגט נישט איין ארעסטאנט ביים צווייטן אין וואס זיין זינד באשטייט. אדער עס מוז קור-מען צו נאענטער אינטימקייט, אדער דער ארעסטאנט דערציילט אליין פארוואס מען האט אים אריינגעשלידערט אין דער תפיסה. מיין שכן האט, ווייזט אויס, יא געהאלטן פון דער תפיסה-עטיקעטע. ער האט גע-

שווינגן. איך האָב מורד געווען אין דער דיסקרעציע און אַ פאַרביטערטער געלאָזט פאַלן:

— איך בין נאַר וואָס אַראָפּ פון אַ פּליטים־שיף אָן אַ וויזע, האָט מען מיך דאָ פאַרשפּאַרט.

— איר קומט פון אַמעריקע? — האָט דער שכן, אויפזעצנדיק זיך, געפרעגט.

— כ׳בין אַ ניו־יאָרקער.

— וואָס האָט אייך באַווויגן צו קומען אַהער מיט אַ פּליטים־שיף, ווען מיט אַ וויזע וואָלט אייער רייזע געווען באַקוועמער? — איז דער שכן געוואָרן נייגעריק.

— כ׳בין אַ צייטונגס־מענטש און ס׳איז געווען מיין אויפגאַבע צו באַגלייטן אַ פּליטים־שיף.

דער סאַן פראַנציסקער שכן איז געווען גענוג אינטעליגענט צו פאַר־שטיין דעם באַדייט פון אַזאַ נסיעה, ווייל ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט גרויס איינזעעניש וועגן די יידישע פּליטים, וועלכע ער אַליין האָט אויך אויף פאַרשידענע רייזעס באַגעגנט אין פאַרשידענע לענדער. אַ פראַגע צו אַ פראַגע, אַ וואָרט צו אַ וואָרט און ביי אים איז געוואָרן די צונג לויזער. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער אַליין איז אַ פּראָפעסיאָנעלער ים־מענטש. ער פאָרט מיט שלעפּ־שיפן איבער די מיטללענדישע וואַסערן. וואָס זיין אמת איז האָט ער מיר נישט דערציילט, אָבער איצט איז ער אויף אַ גרי־כישער שיף. ווי קומט ער אַהער אין דער חיפהער פּאָרט־תפיסה, ווען זיין שיף שווימט לעגאַל אונטער דער גריכישער פאָן? איז ער אַ פּיראַט? אַ קאָנטראַבאַנדיסט? אַ פּליטים־שמוגלער?

אָט ווי עס איז געווען זיין קאָנפעסיע בלשונו:

— שוין אומצאָליקע מאָל ווי כ׳בין פאַרבייגעפאָרן די פּאָרטן פון הייליקן לאַנד און שטענדיק האָב איך געהאַט אַ דראַנג אַריינצוגיין קיין ירושלים און באַזוכן די הייליקע ערטער... כ׳בין אַ קאַטאָליק. דער דראַנג איז שטענדיק געבליבן און די שיף איז שטענדיק פאַרבייגעשוווּמען דאָס הייליקע לאַנד. דאָס מאָל האָב איך אויסגענוצט אַ מאָמענט, ווען דער קאַ־פּיטאַן איז נישט געווען. די שיף איז געשטאַנען הונדערט מעטער פון

האָפן. כ'בין אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און צוגעשווומען צום ברעג...

— און די ענגלענדער האָבן אייך געכאַפּט ווי אַן אומלעגאַלן?

— ניין, מיין לאַנדונג איז געווען ווייט פון פּאָרט. אויף אַ זייטיקן ברעג. ס'איז מיר געלונגען אַריינצוגיין קיין ירושלים, זען די הייליקע קריסטלעכע ערטער... כ'בין שוין געווען אויפן וועג צוריק, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט מיך געזוכט... שפּיאָנען האָבן מיך געמסרט. און די ענגלענדער האָבן מיך פאַרשפּאַרט...

— וואָס פאַר אַ שטראָף דערוואַרט אייך?

— בלויז אַ געלט־שטראָף. אַן אַראַבישער פּאַליציאַנט, וואָס וועט מיך מאָרגן פירן אין געריכט אַריין, האָט מיר געזאָגט, אַז זיי קענען פאַרלאַנגען ביז צוויי הונדערט פונט...

— און איר פּרובירט נישט רופן קיין אַדוואָקאַט, וואָס זאָל אייך פאַרטיידיקן? האָט איר געזוכט פאַרבינדונג מיט דעם אַמעריקאַנער קאָנסול?

— כ'בין וויליק צו באַצאָלן די געלט־שטראָף. כ'וויל נישט פאַרציען די זאַך... אויב דער פּראָצעס וועט זיין אַ שנעלער, וועל איך נאָך היינט אַרויס פריי...

זיין מעשה איז געווען אומגלויבלעך. עפּעס איז דאָ פאַרהוילן געוואָרן. אַן אַמעריקאַנער אין דער פרעמד. ער איז אויף צרות. ס'דערוואַרט אים אַ משפּט. ער ווייס שוין אין פאָראויס זיין שטראָף. ער זוכט נישט קיין שוץ. אַז עפּעס הינקט דאָ אונטער האָט מען געקענט זען פון זיינע ווייטערדיקע רייד, ווייל ער האָט כלאחר־יד אַ זאָג געטאָן:

— די ענגלענדער האָבן נישט ליב די אַמעריקאַנער. זיי פאַרדעכטיקן אונדז, אַז מיר שמוגלען אַריין געווער.

אין די ווערטער איז אפשר געווען אַן אומדירעקטער ווידוי. אין די אַרויסגעכאַפּטע רייד איז אפשר געלעגן מיין שכנס אמתע קאָנפעסיע. אָבער יאָ וואָפן־שמוגלער, נישט וואָפן־שמוגלער, די פּאָר מינוט פאַרגעסנקייט בעתן שמועס האָבן מיך נישט אַרויסגעשטויסן פון מיין פאַרביטערטקייט. כ'האָב זיך געזען אין מיין אייגענער קלעם, כ'בין צווישן תפיסה־ווענט אַן פאַרבינדונג מיטן דרויסן. און דאָס ערגסטע איז, וואָס אויף

יענער זייט טורמע ווייס מען נישט פון מיין עקזיסטענץ דאָ. אָפיציעל בין איך נאָך אַלץ אין ציפּערן.

דער ווייטערדיקער שמועס האָט זיך געוויקלט אַרום מיינע צרות. דער סאַן פראַנציסקער שכן האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ער וויל עפּעס טאָן פאַר מיר, נאָכדעם ווי ער וועט אַרויס אויף דער פריי. דער פאָרשלאַג איז גע־קומען פון אים. זאָל איך אים אָנווייזן די מענטשן, וועט ער זיי וועגן מיר אינפאָרמירן.

עס איז געבליבן אַרויסצושמוגלען אַ בריוול. אַ פען האָב איך געהאַט. אָבער וווּ נעמט מען פּאַפּיר? אַ שטיקל ברוין פאַרפעטסט פּאַפּיר פון אַ צעריסענעם שפּייז-פּעקל האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. כ'האָב עס אויפגעהויבן. צו וועמען שרייבט מען פריער? דער שכן ווייס נישט קיין אַדרעסן. כ'האָב באַשלאָסן צו שרייבן צום העברעאישן זשורנאַליסטן-פאַר־איין. און ווייל די שריפט אויפן פאַרפעטן פּאַפּיר וועט זיך נישט אָנזען, איז געבליבן איך זאָל נישט שרייבן העברעאיש. איך וועל אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער אויף ענגליש, כדי דער גוטער שכן זאָל נאָכן אַרויסגיין עס איבערשרייבן אויף ווייס פּאַפּיר, אַריינלייגן אין אַ קאָנווערט, אָנשרייבן דעם אַדרעס, אַרויפקלעפּן אַ מאַרקע און אַריינוואַרפן אין פּאָסט-קאַסטן.

בשעת מיר האָבן אויסגעאַרבעט דעם קאָנספּיראַציע-פּלאַן, האָט דער אַראַבער מיט דער קאַלדרע איבערן קאָפּ דאָ געכראָפּעט און דאָ געריעדעט פון שלאָף מיט אַזאַ ירגזון, ווי ער וואָלט זיך געפונען אויפן חיפהער קע־מעל-מאַרק.

איך האָב ביים לבנה-ליכט, וואָס האָט זיך דורכגעזייט דורך די אַכצן פענצטער-קראַטעס, אָנגעשריבן מיין ווענדונג צום זשורנאַליסטן-פאַראיין מיט דער בקשה צו לאָזן וויסן דער יידישער אַגענטור און דעם אַמעריקאַ־נער קאָנסול וועגן מיין אַרעסט, ווייל דער פאַרדאַכט ביי מיר איז גרויס, אַז דער בריטישער תפיסה-רעזשים וויל אײַנגאַנצן פאַרשווייגן מיין דאָ זיין אין חיפה — פאַרשווייגן, אַז כ'געפין זיך אין זייערע לאַפּעס.

דער צעל-שכן האָט דאָס צעטל גלייך אַריינגעלייגט אין זיין שוך און צוגעזאָגט עס צו באַזאָרגן. באַרואיקט פון דעם צוזאָג, האָב איך לאַנגזאַם זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיין האַרטן תפיסה-געלעגער.

לאנג שלאפן האב איך נישט געקענט. אז כ'האב זיך אויפגעכאפט, איז נאך געווען ווייט צו טאג. עס האבן זיך ערשט באוויזן די ערשטע שטראַלן ליכט. ביידע צעל־שכנים, דער אזיאט און דער אמעריקאנער, האבן געשמאק געשנארכט. כ'האב גענומען שפאנען ארויף און אראפ אי־בער דער קאמער. אין קאפ האבן געווימלט פלענער צעשטערערישע, אבער קיין איינער איז נישט געווען דורכפירבאר. דער גומען איז געווען טרוקן. דער מאגן — ליידיק און די פאר שעה דרימל — פול מיט קאשמארן.

דער ערשטער האט געעפנט די אויגן דער אראבער. ער האט זיך האסטיק אויפגעזעצט, א פארגאפטער מיך אנגעקוקט מיט זיינע קויל־שווארצע אויגן. דאס איז געווען א יונג פון א יאר צוואנציק. א מוסקו־לירט טונקל־ברוין פנים. א שנירל וואנצעס אונטער דער נאז. דער אוי־בערשטער אפענער טייל קערפער באדעקט מיט א וואלד האר. לויט מיין הילוך, לויט מיין קאלירטן שניפס האט דער אראבער, קענטיק, אין מיר דערשמעקט נישט קיין „נייטיוו" און געפרעגט אויף א צעקאליעטשעטן ענגליש:

— נישט קיין פאלעסטינער, כאוואדזשא? (האר).

— ניין.

— אינגליזי? (אן ענגלענדער).

— אן אמעריקאנער.

— כ'האב גלייך דערקענט! — איז דער יונגער אראבער איבערגע־גאנגען אויף זיין מאמע־לשון און זיין פנים האט אויפגעלויכטן מיט חניפה — אינגליזי נישט גוט... זיי פארשפארן אלע! פארשפארן אפילו אמעריקאנער! פארוואס? איך היים אכמעד אבדול כאזיז. איך אליין מוז זיצן, כ'קען נישט העלפן... כ'בין פארדארבן, כאוואדזשא! איך האב באַ־גנבעט א טוריסט אין האטעל... ביים לעבן פון נביא! נישט אינגאנצן מיין שולד. כ'בין מסכים, ארעם ווי די נאכט! כ'האב ביי אים צוגענומען אכציק פונט... כ'זיץ שוין פארשפארט דא דריי טעג. היינט ניי איך צום משפט, כאוואדזשא. וויפל קען איך קריגן? א פאר יאר?

פאר דעם שנעלן ווידוי האב איך אכמעד אבדול כאזיזן מכבד געווען מיט דעם איינציקן שטיקל קיי־גומי, וואס איז פארבליבן אין מיין קע־

שענע. דער אַראַבער האָט עס שנעל אויסגענאַגט. ער האָט מיט די פינגער געצויגן פון דעם קלעפּעכץ גאַנצע שנורן. אין יענער רגע איז מיר איינגעפאַלן, אַז כ'דאַרף זיין צופרידן מיט מיין פּאָזיציע, צופרידן וואָס מיינע קעשענעס זענען ליידיק און אַכמעד אַבדול כאַזיז וועט נישט פּרובירן צו לאָזן זיינע פינגער אין מאַנעווערס.

איך האָב צונויפגעבונדן מיין באַגאַזש פון אַראַבישע ווערטער, וואָס כ'געדענק נאָך פון אַמאָל און האָב אים דערציילט, אַז פאַר גנבות קריגט מען אויך אין אַמעריקע צו זיצן. אַכמעד האָט געשלונגען די נייעס און איז געוואָרן ענטוזיאַסטיש.

— איך וועל אויך אַמאָל גיין קיין אַמעריקע, כאַוואַדזשאַ. ביי אַללאַ! כ'וועל גיין! אין מיין דאָרף, הערסט כאַוואַדזשאַ, איז געווען אַ יונגער פעלאַך (פּויער), ער איז געווען מסכּין! אָרעם ווי אַ בעטלער פאַרן מענטשעט! נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן קיין קעמל, קיין אייזל, קיין ווייב, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און געפאָרן קיין אַמעריקע... צען יאָר שפּעטער איז ער צוריקגעקומען אויף אַ וויזיט אין אונדזער דאָרף... און ווי האָט ער אויסגעזען, כאַוואַדזשאַ? — האָט אַכמעד רעדנדיק פון התפּעלות צעפירט זיינע הענט — אַ ברייטער, אַ פעטער, געלע שיך, אַ גאָלדענער זייגער... און רייך איז דאָס געוואָרן ווי אַ קאַליף!

דער ענטוזיאַזם פון דעם יונגן אַראַבער האָט אויפגעוועקט זיין צווייטן שכן, דעם אַמעריקאַנער. יענער האָט זיך אויפגעזעצט, אָנגעטאָן זיינע שיך און גרייט געווען דער פּאָליציאַנט זאָל אים פירן צום משפּט.

איין שעה שפּעטער האָט מען אַרויסגעפירט פון דער קאַמער דעם אַראַבער. צוויי שעה שפּעטער — דעם אַמעריקאַנער. פאַרן אַרויסגיין האָט ער נאָך באַוויזן מיט מיין פען אָנצושרייבן אויף זיין אָרעם דעם אַדרעס פון דעם העברעאישן זשורנאַליסטן-פאַראיין, טאָמער נעמט מען ביי אים צו דאָס אַרויסגעשמוגלטע בריוול, זאָל ער קענען דאָרט צו וויסן געבן וועגן מיין עקזיסטענץ.

כ'בין געבליבן אַליין. איבערן לאַנגן, פּוסטן קאָרידאָר האָבן זיך געטראָגן די געציילטע טריט פון דעם תפיסה-וועכטער. דורך די קראַטעס פון דער אייזערנער טיר האָב איך געקענט באַמערקן קעגנאיבער אַן אָפענעם

ביוראָ אוןביים שרייבטיש איז געזעסן אַן ענגלענדער אין אַ מונדיר. כ'האָב אים העפלעך געגרופן. ביים ערשטן מאָל איז דער ענגלענדער געזעסן אומבאַוועגלעך, שטייף ווי אַ מומיע און נישט געענטפערט. ביים צווייטן רוף האָט ער פויל זיך אויפגעשטעלט און איז צוגעקומען צו דער טיר. כ'האָב אים דערציילט, אַז כ'בין אַן אויסלענדער, כ'וואָר דאָ געהאַלטן שוין פערצן שעה אָן עסן און אָן קאָנטאַקט מיט וועלכן עס איז תפיסה-באַאמטן. אפשר קען ער פאַר מיר עפּעס טאָן?

דער ענגלענדער האָט פלעגמאַטיש געענטפערט, אַז דאָס איז אַ צייט-ווייליקע אַרעסט-סטאַנציע ביי דעם חיפהער פּאָרט. די אמתע תפיסה געפינט זיך אַ פּאָר בלאָק ווייטער. עסן ווערט דאָ נישט געגעבן אפילו ביז 24 שעה. אָבער אַזוי ווי כ'בין אַן אויסלענדישער בירגער, קען איך קויפן עסן פאַר מיין אייגן געלט. וועגן דעם דאַרף מען רעדן מיטן „אָרדערלי". ער וועט קומען אַ פּאָר שעה שפּעטער.

קיין מער קלאָרע אינפאָרמאַציע וועגן דער צייטווייליקער בריטישער אַרעסט-סטאַציע האָב איך נישט געדאַרפט. כ'האָב געוואַרט ווייטער אויף אַ מענטשלעך אויער, וואָס זאָל וועלן הערן אַ מענטשלעך קול און וואָס זאָל ווילן זיין צו ענטפערן מיט אַ מענטשלעך לשון. ס'האָט שוין געמוזט זיין שפּעט אין טאָג, ווייל די באַוועגונג אין קאָרידאָר איז געוואָרן גרעסער. כ'האָב גערופן דורך די טיר-קראַטעס יעדן מונדירטן דורכגייער. ענדלעך איז מיר געלונגען אָפּצושטעלן אַ יונגן סערזשאַנט און פאַר אים אויסלאַדענען מיינע טענות. דער סערזשאַנט מיט אַ יידיש פּנים, מיט אַ פּאָר ווייכע, טרויעריקע אויגן איז געווען פול אויפמערקזאַמקייט. ער האָט צוגעזאָגט דאָס ערשטע צו ברענגען עסן. אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז ער צוריקגעקומען מיט דער ליסטע פון מיין געלט, וואָס געפינט זיך אין „סייף" און געזאָגט פאָרמעל:

— פון וועלכן געלט זאָל מען אָראָפּנעמען צו באַצאָלן פאַר אייער עסן? איר האָט אביסל פראַנצויזישע וואַלוטע, איטאַליענישע, אירלענדישע און אַמעריקאַנישע... איר פאַרשטייט? מיר מוזן ערשט דאָס געלט טוישן און דער „סייף" קען נישט געעפנט ווערן פריער, ווי דער קאָרפּאָראַל קומט... געוויינלעך קומט ער שפּעט.

דער סערזשאַנט מיט דעם יידישן פּנים איז גלייך נישט אַפּגעטראָטן פון די טיר־קראַטעס. דער פאָרמעלער טאָן איז פאַרשוואונדן. ער האָט זיך פּאַרדעכטיק אומגעקוקט, צי קיינער הערט נישט אונטער און פּלוצים גע־גומען וויספּערן אויף העברעאיש:

— זייט נישט באַזאָרגט... מען ווייסט שוין וועגן אייך אין דער יידי־שער אַגענטור. ס'איז געווען געמאָלדן וועגן אייער אָנקום היינט איבער דער ראַדיאָ און אין דער פּרעסע. די פּאָליציי האָט אָבער נישט איבערגע־געבן ווו איר געפינט זיך... דאָס בעסטע וועט זיין, אַז די יידישע אַגענטור וועט אייך באַזאָרגן עסן. און זאָרגט נישט, וואָס זיי זאָלן דאָ נישט טאָן מיט אייך, איז דער רעזולטאַט — דעפּאָרטאַציע.

דאָס זענען געווען די ערשטע באַרואיקונגס־ווערטער נאָך פערצן שעה אין דער שטיינערנער קאַמער. כ'האָב זיך אוועקגעזעצט געדולדיק וואַרטן.

א שעה שפּעטער האָט א ציווילער ענגלענדער אָנגעקלאַפּט אין טיר:

— נעמט אייערע זאַכן. איר דאַרפט גיין אויף א פאַרהער.

כ'האָב געכאַפּט מיין מאַנטל און הוט און זיך געשטעלט אין דער טיר. דער ענגלענדער האָט מיך אַריינגעפירט אין א ביוראָ, ווו עס האָט מיך באַגריסט אַן ענגלישער סערזשאַנט מיט א שמייכל. ס'איז געווען דער ערשטער שמייכל, וואָס איך האָב געזען אויפן פּנים פון אַן ענגלישן טשי־נאָווניק. דער סערזשאַנט איז געווען טונקל־האָריק, מיט א מוסקולירט פּנים און וואויל־מיינענדיקע אויגן. אָנגעטאָן איז ער געווען ציוויל מיטן פוץ און קנייטש פון א לעוואַנטינער.

ער האָט מיר אָנגעוויזן א שטול און אַליין האָט ער זיך געזעצט אויפן עק פון שרייבטיש. ער האָט אָנגעהויבן:

— נו, איר זענט נאָך פאַראינטערעסירט צו שרייבן אייערע דערפאַרונגען?

— וואָס מער איך זע, אַלץ שטאַרקער דער באַגער — האָב איך גע־ענטפערט.

— כ'פאַרשטיי, דאָס וועט זיין אַן אויפרעגנדיקע געשיכטע — האָט ער גוטמוטיק געלאַכט. אין זיינע ווערטער איז נישט געווען קיין איבער־טרייבונג. אין זיינע אויגן האָבן נישט געברענט קיין גזלנישע פייערלעך.

א פּאָליציאַנט איז אונטערגעקומען און גענומען אויספילן א פראַגע־

בויגן. די דאטע פון געבורט, פראפעסיע, ציל פון דער רייזע. דערנאך האט מען מיך אריינגעבעטן אין א צווייטן צימער, ווו מען האט געוואלט נעמען מיינע פינגער־אפדרוקן.

כ'האב זיך אפגעזאגט צו געבן די פינגער-אפדרוקן.

דער ציווילער סערזשאנט האט געזאגט ווייך און איבערבעטנדיק:

— איר דארפט געבן אייערע פינגער-אפדרוקן. דאס איז א זאך פון פארמאליטעט. מיר טוען עס מיט יעדן זשורנאליסט. אין פאל עס זאל מיט אייך עפעס פאסירן אין לאנד, וועלן מיר האבן אייער אידענטיטעט אויף דער האנט.

איך האב דא געפונען א געלעגנהייט אויסצודינגען א קאנצעסיע און געזאגט:

— סערזשאנט, איך בין הונגעריק. כ'פאסט שוין באלד א מעת־לעת. כ'וועל גארנישט אויספאלגן פריער, ביז וואנען כ'וועל נישט קריגן צו עסן.

— דער שליח מיטן עסן איז שוין אויפן וועג. לאמיר דערווייל דער־לייזן די פארמאליטעטן. א שאד צו פארלירן צייט.

דאס נעמען די פינגער־אפדרוקן איז געווען א גאנצע פראצעדור. נישט בלויז איין פינגער מיינער, נאר אלע צען פוןביידע הענט זענען אפגע־דרוקט געווארן אויף א ספעציעלן פארמולאר. דאס אריבערפירן מיינע פינגער־נערוון אויפן פאפיר איז צוגעגאנגען אזוי פעדאנטיש און זארג־פעלטיק, אז כ'בין שוין גרייט געווען אויסצוטאן די שיך, טאמער וויל מען אויך די צען פינגער-אפדרוקן פון מיינע פיס. די גאנצע סצענע האט ביי מיר ארויסגערופן חוזק און פאראכטונג.

צען מינוט שפעטער האט מען אריינגעבראכט מיין פרישטיק. א פלאש תנובה־מילך מיט צוויי קעז־סאנדוויטשן. כ'האב זיך ארויפגעווארפן אויף דעם שפייז ווי אן אויסגעהונגערטער וואלף.

מיטן לעצטן ביסן אויף די ציין האט מען מיך אריינגעפירט אין אן אויטאמאביל, וואס האט מיך געזאלט ברענגען אין דער חיפהר תפיסה „רעמאנד". אויף דער קורצער שטרעקע האב איך באוויזן צו זען די הויפט־

גאַס דרך־המלכים פון חיפהר פּאָרט, וואָס האָט געפּילדערט מיט לעבן, מיט האָוועניש, מיט יידיש לעבן, מיט יידישער האָוועניש.

די הויך־שטאָקיקע געביידעס — די לעצטע דערגרייכונג פון דער בוי־טעכניק — זענען ווי פּאַלאַצן געווען באַגאָסן מיט דער שאַרפער ליכט פון דער ארץ ישראל זון. די שילדן אויף די געביידעס, די פאַרביקע אויפשריפטן האָבן אַראָפּגעשריען מיט טויזנטער קולות און דערציילט, אַז הינטער די ווענט פון דער בריטישער טורמע, להכעיס די בריטישע אָקופּאַנטן, גריבלט און שווימלט אַ האַסטיקע, קאָכעדיקע יידישע מדינה.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

די אויפשריפטן אויף דער וואַנט

די חיפהר תפיסה „רעמאַנד", וווהין איך בין אריבערגעפירט געוואָרן, געפינט זיך קעגנאיבער דער נייער, ליכטיקער הויפּט־גאַס „דרך המלכים". די תפיסה שטייט אָבער אין אריינגאַנג פון דעם מוסולמענישן קוואַרטאַל, וואָס פאַרמירט אַן אַראַבישן אינדזל אין דער אַבציק־פּראָצענטיקער יידישער שטאָט חיפה.

דער אַלטער טערקישער בנין איז איינגעקלעמט צווישן אַראַבישע קאַפע־הייזער און שפּיל־פּלעצער. דער אריינגאַנג איז אַרומגעצוימט מיט אַ נידעריקן פּלויט פון זאַמד־שטיינער, באַדעקט מיט געפלאָכטענע און געדרייטע שטעכיקע דראָטן. דאָס שטעכיקע דראָט איז היינט דער פּאַנצער און די שוץ־וואַנט פאַר יעדער בריטישער אַמט־געביידע. סימבאָליש גערעדט, איז דאָס שטעכיקע דראָט די דערנער־מויער אויף וועלכער די ענגלענדער מוזן קלעטערן, כדי אָנצוהאַלטן זייער ברוטאַלן פּאָליציי־רעזשים.

גאַנצע עסקאַדראָנען פון דער בריטישער לופט־דיוויזיע מיט די רויטע בערעטן, וועלכע ווערן דאָ אָנגערופן „די רויטע טייוואָלים", זענען ספּעציאַליסטן ביים באַצירן יעדן רעגירונגס־בנין און פּאָליציי־סטאַנציע מיט די דערנער־קרוינען.

דאָס זיץ־אָרט פון יעדן בריטישן הערשער — קליין צי גרויס — איז אַ בייגל פון שטעכיקע דראָטן.

כ׳בין דורכגעגאנגען צוויי הויכע טורמע-טויערן ביז כ׳האָב זיך דער־שלאָגן צום ארומגעמויערטן הויף, וואָס פירט צו די פארהאַקטע קאַמערן. די פיר ווענט פונעם הויף זענען אויך געווען פול מיט פארקראַטעטע שטייגן, אָנגעפּאַקט מיט אַראַבישע אַרעסטאַנטן, וואָס באַשטייען צום מייניסטן פון גנבים, מערדערס, גרעניץ-שמוגלערס, כאַשיש-הענדלער און טראַדיציאָנעלע רוצחים פון דעם טיפּ, וואָס יאָגן זיך נאָך בלוט-אויסלייזונג.

מיך האָבן די תפיסה-וועכטער געפירט דורך געדרייטע טרעפּ צום אויבערשטן שטאָק. אויף דער האַלב-אָפענער טיר פון מיין קאַמער איז גע־ווען דער נומער 20.

פיר שמייכלענדיקע יידישע פּנימער האָבן מיך באַגריסט ביים אריינ-קומען. אַ יידישער פּאָליציאַנט וואָס האָט פארשלאָסן הינטער מיר די טיר האָט פלינק געלאָזט פאַלן:

— דאָס איז אַ יידישע קאַמער, מיט די בחורים וועט אייך זיין היימ-לעכער...

עס איז געווען היימלעכער פון דער רגע, ווען כ׳האָב אַריבערגעטרעטן די קאַמער. קיין אומצוטרוי-בליקן האָב איך נישט באַגעגנט. קענטיק, אַז די יידישע אַרעסטאַנטן זענען שנעל געוואָרן אינפאָרמירט וועגן זייער נייעם שכן. פונדעסטוועגן האָבן פיר פּאָר אויגן נייגעריק געקוקט אויף מיר —געוואַרט אויף מער איינצלהייטן.

— אַ קאָרעספּאָנדענט? געקומען מיט דער שיף „התקוה"?

— יאָ.

— זיין וועלן אייך דאָ לאַנג נישט האַלטן. מיר, ארץ ישראלדיקע, ווערן באַהאַנדלט ווי „נייטיווס"... אָבער די ענגלענדער רעספּעקטירן אַמע-ריקאַנער.

דאָס איז די ווערסיע וואָס גייט אַרום איבער דער וועלט און אין וועלכער איך האָב אויך געגלויבט, ביז כ׳בין אַריינגעפאַלן אין די ברי־טישע הענט. צי די סיבה איז מיין יידישקייט, צי ס׳איז דער כעס ווייל אַמעריקאַנער העלפן פירן די מעפּילים-שיפן, אַזוי צי אַזוי — די ענגלענ־דער גיסן אויס די פולע מאָס נקמה אויף אַ זשורנאַליסט, וואָס באַגלייט

„אומלעגאלע” אימיגראנטן. איך בין געווען דער ערשטער יידישער זשור-נאליסט, וואָס איז געוואָרן זייער געפאנגענער. ביז איצט האָבן זיי געהאט בלויז עטלעכע נישט-יידישע צייטונגס-מענטשן, וואָס האָבן אינפאָרמירט דער וועלט — דורך אויבנאויפיקע באריכטן — וועגן די יידישע ים-וואנדערונגען.

א זשורנאַליסט איז אַ שטער צו דער שמוציקער ענגלישער פּראָפּאַ־גאַנדע, וואָס ווערט געפירט קעגן די יידישע פּליטים, וועלכע אַנטלויפן פונעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

איך האָב אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ראָק, דעם קראַוואַט, דאָס העמד און ווי אַ נייער תושב אין דער שטיינערנער קוואַרטיר גענומען זיך אַרומ־קוקן.

די פיר ווענט זענען געווען באדעקט מיט אויפשריפטן, געמעלן און קאַריקאַטורן. קענטיק, אַז צווישן די ארעסטאַנטן, וואָס זענען דאָ געזעסן אין פאַרשידענע ציימן, האָבן זיך דורכגעוואָרפן מענטשן מיט ארטיסטישע פעאיקייטן, אָדער לכל הפּחות מיט מאַלערישע נייגונגען פון אַ באַשטימטן פאָרנעם, ווייל טייל קאַריקאַטורן און סקעטשן דערציילן טרעפלעך און בילדלעך וועגן דער קאָרומפּירטער ווירטשאַפט צווישן די ווענט פון דער בריטישער תפיסה. פיל לאָזונגען אויף די ווענט רופן צו רעוואָלט. אַ סך אויפשריפטן שרייען אויס דעם גוואַלד־געשריי אויף דער בריטישער הער־שאַפט אין דער טורמע. אָבער אויך פיל זאַצן רעדן מיט סאַטירישער הנאה וועגן יענע, וואָס דינען אין די קאָלאָניאַלע תפיסות פון „זיין מאַיעסטעטס רעגירונג”.

כ'האָב אַראָפּגעכאַפּט די ערשטע אויפשריפט, וואָס דאַרף זיין ווי אַן אינסטרוקציע פאַר יעדן ניי־אָנגעקומענעם ארעסטאַנט:

„לבאים אחרינו! הכל משיגים פה עבור כסף. כל שוטר לוקח שוחד. אל תשלמו יותר מדי!”

(„צו די, וועלכע קומען נאָך אונדז! אַלץ באַקומט מען דאָ פאַר געלט. יעדער פּאָליציאַנט נעמט כאַבאַר. איר זאָלט נישט איבערצאָלן!”)

הינטער דער אויפשריפט קומט אַ ציטאַט פון אַ פּאָפּולער ליד פון פּלמ"ח:

„הסיסמא — אך ראשינו לא ישח!"

איבער דעם קראטעם-פענצטער ווארפן זיך אין די אויגן צוויי שורות, וואס זענען אן אויסגעשריי פון א פאטריאט:

אהבתיך באזיקים, מולדת,
ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך!

(כ'האב דיך ליב אין קייטן, פאטערלאנד,
ציון, וועסט דאך גריסן דיינע געפאנגענע!)

אונטערגעשריבן: ליאון חסון.

באלד דערנעבן רופט אן אויפשריפט מיט קידוש-לבנה־אותיות, ווי די חתימה שמעקט מיט אביסל זעלבסט־רעקלאמע און ברימעריי:

„בתא הזה בליתי למען המולדת 3 חדשים. יחי עם ישראל! — סגן־מפקד עם ישראל."

(„אין דער קאמער האב איך פארבראכט דריי חדשים פאר מיין פאטערלאנד. זאל לעבן דאס יידישע פאלק!")

אונטערגעשריבן: אסיסטענט־קאמאנדיר פון יידישן פאלק.

אויף דער מזרח-וואנט שטייט אויסגעצירקלט מיט קאליגראפישע גאָטישע בוכשטאבן א פסוק פון איינעם פון דעם „הערן־פאלק". דער דייטש מיט א געשוואלענעם קאפ האט נישט פארגעסן אנצוגעבן זיין גאנצן מונדירסקן יחום אויף דער תפיסה־וואנט אין חיפה:

„האנס דיטריך, פאנצער־דיוויזיע, פאנצער 5, אפריקע־קארפס."

נידעריקער, א קאריקאטור, וואס ווייזט א פעטן אראבישן פאליציאנט אויפשליסן די טיר פון א קאמער, שטייט אנגעשריבן אין ענגליש:

„ד"ר ה. קאהאן האט פארבראכט אין דער דאזיקער באהנטער כנים־נעסט צוויי וואכן צייט."

און אביסל ווייטער, נעבן א סקעטש, וואס שטעלט פאר ווי בריטישע סאלדאטן שפרינגען פון אן אויפגעריסענעם צוג, ווינקט א באקאנטע לאָזונג, וואס מען קען אזוי אפט טרעפן אויף יעדער ניו־יארקער אונטערערדישער סטאנציע: Kilroy was Here!

פרייליכער אַמעריקאַנער! ער האָט געוואָלט אַריינטראָגן אַביסל פון דעם היימישן מיסטעריע-הומאָר צווישן די אומהיימלעכע ווענט פון דער תפיסה.

איינער פון די אַרעסטאַנטן וויל מיר באַהילפיק זיין ביים דעפינירן אַט די לאַקאָנישע זאַצן וואָס דערציילן מיט זייערע ווינקעלישן אַזוי פיל. טייל זאַצן לייענען זיך ווי אַ פאַרשטעלטע קאָד־שריפט, וואָס נויטיקט זיך מען זאָל זי שיפרירן. דער אַרעסטאַנט גבריאל, וועלכער זיצט שוין דאָ אַריבער אַ חודש קען אַ טייל פון די וואַנט־שרייבער. ער ווייסט, אַז זיי געפינען זיך אין לאַטרון, אין דעם בריטישן קאָנצענטראַציע-לאַגער, ווו מען קען זיך עלטערן אָן צו קענען ציילן די טעג, ווו מען קען גרוי ווערן אָן צו וויסן דעם גאַנג פון דער צייט...

דאָרט, אין לאַטרון, געפינען זיך בחורים פון ישראל, אָן שום באַווייזן קעגן זיי, אָן שום אָנקלאַגעס, בלויז אויפן גרונט פון פאַרדאַכט. עס עקזיסטירט נאָך נישט אין דער יוריסדיקציע אַזאַ געזעץ, וואָס דערלויבט צו פאַרשפאַרן מענטשן צוויי יאָר צייט אָן דין און אָן משפט. די בריטאַניער האָבן געמוזט דערגיין צו אַזאַ טייוולשן איינפאַל, כדי צו קענען האָבן אַ פרייע האַנט ביים פאַנגען די יידישע זין און זיי אַריינשליידערן אין די טורמעס. דער טייוולשער איינפאַל איז — אין איינקלאַנג מיט דער בריטישער אויטאָקראַטישער הערשאַפט — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געזעץ.

דער אַרעסטאַנט גבריאל איז בלייך און מאָגער. אַ חודש קעסט אין דער בריטישער תפיסה האָט געלייגט אַ סך קאָרבן אויף זיין יונג פנים, אויף זיין גוף. דער אַכט און צוואַנציק יאָריקער גבריאל האָט אַ קערפּער פון אַ נישט-דערבאַקן יינגל: די אויגן — אויסגעהוילטע לעכער, די באַקן — איינגעפאַלן, די פּלייצעס — געבויגן ווי ביי אַ זקן.

גבריאל איז גענוג אויפריכטיק זיך אַרויסצוגעבן ווער ער איז. אַ זעלנער פון אירגון צבאי לאומי. ער פאַרהוילט נישט זיין חטא, צוליב וועלכן ער זיצט. אים קומט יאָ תפיסה. ער איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. ער האָט געפעלשט טשעקן, כדי אַרויסצוקריגן געלט פאַר זיין אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען זיין פונקציע. רעוואָלוציאָנערן האָבן אָן אַלטע לאָזונג, אַז דער צוועק הייליקט די מיטלען. מורדים, אויפשטענדלער ביי אַנדערע פעלקער

זענען אויך באַפאַלן בענק, אויסגערויבט קאַסעס און גענוצט דאָס רויב פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקן. דאָס פאַרכאַפּטע געלט איז — לויט גבריאלס אויפפאַסונג — דער אייל פאַר די רעדער פון יעדער רעוואָלוציע.

נאָך זיין פלינקען ווידוי איז גבריאל געוואָרן דיסקרעט. ער האָט נישט געוואָלט דיסקוטירן קיין אידעאָלאָגישע אונטערשיידן וואָס עקזיסטירן צווישן די יידישע קעמפער אין ישוב. ער ווייס אָבער צוצוגעבן, אז אין פאַרגלייך מיט די שטערניסטישע טיגערס, זענען די אצ"לניקעס שעפּעלעך... די שטערניסטן ווילן הרגענען ענגלענדער עד חרמה. ס'וועט זיך נישט אויסלעשן ביי זיי די שנאה צו די ענגלענדער עד סוף כל הדורות. זיי ווילן קיינמאָל נישט פאַרגעסן און נישט פאַרגעבן די ענגלענדער, וואָס האָבן אזוי פּחדנותדיק און פאַרעטעריש דערמאָרדעט זייער פירער שטערן, ווען זיי האָבן אים — אלס זייער געפאַנגענעם — באַפוילן זיך איבערצוטאָן.

די טעראָר־אַקטן פון „אצ"ל" זענען — לויט דעם פאַנאַטישן גבריאל — סטראַטעגישע צוגן. קיין באַמבע ווערט נישט אויפגעריסן און קיין קויל ווערט נישט אָפּגעפייערט, אויב דאָס ברענגט נישט קיין נוצן פאַר דער נאַציאָנאַלער זאַך. „רק כך כובשים מולדת! — נאָר אזוי דעראָבערט מען דאָס פאָטערלאַנד!" — חזרט איבער גבריאל די לאָזונג פון „אצ"ל", ווי להבדיל א פרומער ייד חזרט איבער דעם פסוק „נצח ישראל לא ישקר"...

איך קוק אויף גבריאלן, דעם זעלנער פון „אצ"ל". ער איז א פאַרפירטער. זיין גלויבן איז מיין צווייפל. די צעשטערונגס־אַרבעט, די טעראָר־אַקטן פון זיינע חברים רופן אַרויס אויפרודערונג, אָבער ברענגען שאָדן דעם ישוב. איך בין נישט געקומען צו שטרייטן אין דער תפיסה אידעאָלאָגישע דיפערענצירונגען. גבריאל איז א פאַרפירטער, אָבער פאַר דעם אָבסערווירער איז ער א זון פון ישראל. ער ליידט פיזישע יסורים, אָבער ער פאַרמאָגט גייסטיקע שטאַנדהאַפטיקייט. ער איז א פּראָדוקט פון ענגלישער פּראָוואָקאַציע, א קרבן פון דער בריטישער ממשלת־זדון.

דער צווייטער שכן אין מיין קאַמער איז דניאל, א מיטגליד פון פלמ"ח, א זעלנער פון די שלאַג-באַטאַליאָנען ביי דער הגנה. ער איז געווען איינער פון די מלוים, א באַגלייטער אויף עטלעכע מעפּילים־שיפן. ער איז געכאַפּט געוואָרן אין ציפּערן אונטערן חשד, אז ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם

אויפריים פון דער דעפּאָרטאַציע־שיף „אַאושען־ווינגאַר”. קיין באַווייזן עק־זיסטירן נישט. די בריטאַניער דערציילן אָבער, אַז זיי האָבן יאָ באַווייזן. ער האָט זיך אַריינגעשמוגלט קיין ציפּערן מיט נאָך דריי פּלמ"חניקעס. צוויי האָבן זיך באַטייליקט אינעם אויפריים וואָס האָט רואינירט יענע דעפּאָרטאַציע־שיף. דניאל באַלאַנגט צו די אַנדערע צוויי, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין ציפּערן דריי טעג נאָכן אויפריים. בלויז אויפן גרונד פון דער בריטישער סברא, אַז אַזאַ יונג ווי ער איז פּעאיק צו זיין אַ סאַבאָטאַזש־ניק — האָט דניאל באַצאָלט מיט צוויי חדשים טורמע אויף דעם אינדזל ציפּערן. דערנאָך האָט מען אים פאַרמשפּט צו דעפּאָרטירן צוריק קיין ארץ ישראל. און ווען ער האָט זיך געגרייט אַראָפּצוגיין אין חיפהר פּאָרט, האָבן שוין אויף אים געוואַרט ענגלישע טשינאָווניקעס און אים אַריינגע־שליידערט אין תפיסה אַן אַ טערמין.

דניאל איז פול מיט לעבן, עס איז זיין זעקסטער טאָג אין דער חיפהר תפיסה, נאָכן אַרומוואַלגערן זיך צוויי חדשים אין די תפיסות פון ציפּערן. אָבער מען זעט נישט אויף אים קיין צייכן פון דערשלאָגנקייט. דער צע־שויבערטער קאָפּ האָר, ווי ביי אַ צעיושעטע רייט־פערד, דער צעוואַקסענער גוף, ווי ביי אַן אַטלעט, אין די אויגן — אַ פרייד און אויף די ליפּן אַ שטענדיקע זיכערקייט, אַז עס קומט חרות ישראל.

די צוויי חדשים תפיסה אין ציפּערן האָבן דניאלן נישט איינגעבראָכן נאָר געגעבן דערפאַרונג. ער קען איינשטעלן אַ רוטין אין תפיסה־לעבן כדי צו ברעכן די מאָנאָטאָניע. אינדערפרי זינגט ער עמק־לידער, נאָכמיטאָג לערנט ער זיך סאַלאָן־טענץ און ער דיסקוטירט ווי אַזוי צו שאַפן דורך עליה ב' אַ שנעלע יידישע מערהייט. אום צו הרגענען צייט דערציילט ער זיינע דערפאַרונגען מיט די אַראַבישע בעדואינער אַרום שכם. ער פלעגט זיין אַ לאַנדמעסטער אין יענער געגנט. די בעדואינער האָבן רעספּעקט פאַר מענ־טשן וואָס קומען אין זייערע געגנטן, באַלאַדנט מיט מאַפּעס און לאַנד־פלענער. זיי זעען אין אַ מאַפּע־טרעגער אַ געטלעכן מענטש. דער ענגלי־שער סופער־אַוואַנטוריסט קאָלאָנעל לאָאורענס האָט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואונען אויף זיין זייט מחנות באַוואַפנטע בעדואינער קעגן די טערקישע חיילות מיט דעם כוח פון אַ לאַנד־קאַרטע.

אויף דער טונקעלער תפיסה־ארענע איז אויך ארויסגעטראָטן מיט זיין פּאָליטישן קרעדאָ דער דריטער קאַמער־שכן מיינער, דער שטערניסט זבולון. זיינע ווערטער האָבן אַנטהאַלטן דעם קאָנדענסירטן פּראָגראַם פון לח"י, לוחמי חרות ישראל. זבולון ווייס נישט פון קיין סענטימענטאַלער שפּראַך. ער פאָרמולירט די שטרעבונגען פון זיינע פאַנאַטישע חברים־קעמפער מיט קאָנקרעטע פּונקטן.

ארץ ישראל איז נישט גלאַט אַ רינג, נאָר אַ קנופּ אין דער אימפּעריע־קייט פון די ענגלענדער. דערפאַר קענען די ענגלענדער זיך נישט פּאַרגינען צו פאַרלאָזן ארץ ישראל. עס איז אין די אינטערעסן פון דער אימפּעריע צו האַלטן ארץ ישראל אין חושך, אין צוריקגעשטאַנענקייט. און דער רע־זולטאַט — וואָס גרעסער די יידישע דערגרייכונגען, אַלץ שטאַרקער די בריטישע קעגנערשאַפט צו אַ יידישער מדינה.

ענגלאַנד מוז ארויס פון דעם יידנלאַנד. נישטאָ קיין געמיינזאַמע שפּראַך מיט דעם אָקופּאַנט, וואָס האָט פראַנק און פריי דעמאָנסטרירט די טענדענץ צו ליקווידירן דאָס יידישע אויפבוי־ווערק.

אין דעם קאַמף קעגן ענגלאַנד שטייט דאָס יידישע פאָלק אַליין. אָבער דאָס יידישע פאָלק קען קריגן אַלירטע צווישן יענע פעלקער, וואָס קעמפן אויך פאַר זייער פרייהייט. דער אַנדייט איז אויף די אינדיער, אויף די בורמעזער, די אינדאָנעזער און אַנדערע קליינע אונטעריאָכטע פעלקער. עס איז איין פראָנט. דער קאָנפליקט צווישן דעם יידישן פאָלק מיט די אימ־פּעריאַליסטן איז געקומען צו אַזאַ שטופּע, אַז מען קען אָפן דערקלערן דאָס יעדער בריטישער גאַרניזאָן, וואָס איז פאַרנומען מיט אונטערדריקן איין לאַנד, העלפט דעם באַפרייאונגס־קאַמף אין אַן אַנדער לאַנד.

די דיוויזיעס אין ארץ ישראל זענען אַן אומדירעקטע הילף פאַר די אינדיער און אַפילו פאַר סודאַנער. די אָריענטאַציע פון די שטערניסטן ווינקט אויך אַן אויף רוסלאַנד. דער אויספיר — ארויס מיט ענגלאַנד! ארויס מיט דעם פיינט פון יידישער אויפריכטונג אַלס אומאָפּהענגיק פאָלק.

עס האָט נישט פאַרפעלט זיך פאַרצושטעלן פאַר מיר דער פערטער אַרעסטאַנט ברוך, אַ געוועזענער יידישער בריגאַדיר. ער האָט געטראָגן אַן ענגלישע ביקס אויף אַ סך פראָנטן. ער האָט געהיט די גרעניצן אין האָ־

לאַנד און אין בעלגיע. ער האָט צוריקגעטריבן דעם נאַצישן שונא ביי על אלאַמעין און טאָברוק. די דייטשן האָבן נישט באַוויזן אים צו כאַפּן. אָבער ביי די ענגלענדער איז ער נאָכן זיג — אין וועלכן ער האָט אויך אַ חלק — אַ געפאַנגענער. פאַרוואָס? ווייל זיין פּנים איז פאַרדעכטיקט. און וואָס איז זיין פּנים פאַרדעכטיקט? אין באַטייליקן זיך אין אַ באַן־אויפרייס. זענען פאַראַן באַווייזן? די בריטאַניער האָבן נישט קיין צייט צו זוכן באַ־ווייזן קעגן „נייטיווס", קעגן ארץ ישראל בירגער.

דער בריגאַדיר־אַרעסטאַנט איז נישט פון דער נאַטור קיין ענטו־זיאַסט. אים איז טרויעריק צו פאַרברענגען אין דער קאַמער. נאָכדעם ווי אין קעשענע ליגן דריי מעדאַלן און אויסצייכענונגען פון „זיין מאַיעסטעטס רעגירונג". קיין טעפּל קאַווע איז נישטאָ. קיין סיגאַרעט עקזיסטירט נישט. זוכט ער מיט אַ שאַרפן וויץ, מיט אַן אַנעקדאָט אָנצוהאַלטן די אויפהיי־טערונג און ער דערציילט, אַז ווען אַן איינהייט פון דער יידישער בריגאַדע איז איינגעשטאַנען אין האָלאַנד, האָבן די דאָרטיקע נייגעריקע יידן באַ־מערקט צווישן די בריגאַדירן, אויך אַ פּאָר צענדליק תימנער. זיי האָבן געפרעגט:

— ווער זענען זיי? איר האָט שוואַרצע אויך?

— דאָס זענען אונדזערע קאָלאָניאַל־טרופּן, — איז געקומען אַן ענט־פער פון דעם יידישן סערזשאַנט.

עס האָט נישט האַרמאָנירט און עס איז נישט געווען אין איינקלאַנג מיט דער אַטמאָספערע, וואָס געבן די פיר פּאָליטישע יידישע אַרעסטאַנטן האָט זיך געפונען אויך אַ „וואָכעדיקער" זיצער.

אַן אָנגעפּאָמפּעטער ספּרדישער יונגערמאַן וואָס מיידט אויס צו צאָלן געלט־שטיצע זיין ווייב, וועלכע וויל אים נישט אָפּגטן, האָט אויך אָפּגע־זוכט זיין „היים" אונטערן תּפיסה־דאַך. ער קויפט אויס זיין געלט־שטראָף מיט אַ חודש תפיסה. דער ספּרדישער „אַנטי־פעמיניסט" האָט שוין גע־וואָלט אָנהויבן צו דערציילן זיין וואָכעדיקע לעבנס־געשיכטע, אָבער דאָ האָט זיך געעפנט די אייזערנע קאַמער און דער אַראַבישער וועכטער האָט אונדז ארויסגעלאָזט אויף אַ שעה צייט כדי צו נעמען אַ שפּאַציר אויפן הויף און גלייכצייטיק עסן מיטאָג.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

די קאַמער נומער 20

דער תפיסה־הויף, ווו מען האָט אונדז אַרויסגעפירט אויף אַ שעה, כדי אָנצושעפּן לופט און אָפּעסן מיטאָג, איז געווען אַ טיפּיש־אַראַבישער הויף מיט שטיינער־ווענט און אַרומגעצוימטע מויערן. איבער די דעכער — ווייסע קופּאָלן ווי איבער מעטשעטן. עס איז געווען צוועלף אַזייגער. די זון האָט געבריט און געבראָטן דעם אויסגעריבענעם שטיינערנעם דיל.

דער קוכער, אַן אַראַבישער קאַטאַרזשניק, וואָס האָט געקראָגן פּופּצן יאָר, איז אָפּגעזעסן צען און איז פֿאַר זיין גוטער אויפפירונג געוואָרן דער שר־המבטח, דער באַלעבאָס איבער דער תפיסה־קיך — איז איצט געשטאַנען אויף דער שוועל פון זיין קאַך־שטוב, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ הייל און אויסגעטיילט בלעכענע שיסעלעך מיט שוואַרצע אַליוון, וואָס הייסן אויף אַראַביש „זייטונעם". יעדעס שיסעלע האָט אַנטהאַלטן אַ דריטל מיט זייטונעם און קלעקן האָט עס באַדאַרפט פאַר פיר אַרעסטאַנטן. אָפּגעפאַרטיקט זיך מיט אויסטיילן די דריי־פערטל ליידיקע שיסעלעך האָט דער שר־המטבח דערלאַנגט יעדן איינעם אַ שוואַרץ פּלעצל, וואָס אויפן לשון פון המון הייסט עס „פּיטע" — און איז ביטער ווי מרור. דאָס איז דער מיטאָג אין דער קיך, ווו עס זענען די הערשער די ענגלענדער און די אויסטיילער — די אַראַבער.

כ'האָב נישט געוווסט גענוי וויפל קאַלאָריעס עס האָבן געפעלט טעגלעך פאַר יעדן אַרעסטאַנט, וואָס האָט געגאָסן פון דער ענגלישער נאַרונג. כ'האָב אָבער יאָ אויסגעפונען וויפל זייטונעם עס ווערן געגנבעט יעדן טאָג אונטער דער אויפזיכט און מיט דער באַטייליקונג פון דעם בריטישן סערזשאַנט אין דער תפיסה. אַן אַרעסטאַנט, אַ תושב אין דער תפיסה, האַלבער נריך האַלבער אַראַבער פון אַלעקסאַנדריע, האָט אויפן שפּאַציר מיר איינגערוימט:

— די זייטונעם שרימפּן איין, כאַוואַדזשאַ (האַר)... ביז מיט אַ חודש צוריק איז יעדעס שיסעלע געווען פול און בלויז צוויי האָבן פון דעם גע-

געסן. איצט גיט מען אַ דריטל פאַר פיר פאַרשוין... אַלע גנבענען! דער בריטישער סערזשאַנט, דער קוכער, דער וועכטער...

די „זייטונעס" ווי די „זייטונעס" — ס'איז זיך אַנגעגאַנגען אַ ברעכעניש פאַר זיי, אָבער פון דער שוואַרצער פּיטע האָב איך גלייך געקראָגן בויך־ווייטיק. כ'האָב געוואָלט אָנהייבן צו דערלאַנגען מיינע אַנקלאַגעס, אָבער כ'האָב באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן און געניסן פון דעם נאַכט־עסן, כדי זיך צו באַקענען מיט דער גאַנצער דיעטע.

כ'האָב אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס העמד, געלאָזט דעם אויבערשטן טייל קערפּער אָפּגעדעקט, און גייענדיק איבערן הויף גענומען מיין זון־באָד. די וואַרעמע זון־שטראַלן האָבן געדאַרפט זיין אַן אַדערויף פאַר די וויטאַמינען, וואָס וועלן מיר פעלן אין די טעגלעכע שפּייזן...

שפּאַנענדיק איבערן הויף, האָב איך אַרויפגעקוקט אויפן גאָר אויבערשטן שטאָק, ווו עס האָט זיך געפונען די פרויען־אָפּטיילונג פון דער תפיסה. אויך זיי זענען איצט אַרויס אויף זייער האַרעם־באַלקאָן צום מיטאָג־שפּאַציר. די אַרעסטאַנטקעס — ס'רוב אַראַבישע פעלאַכינס (דאָרפסווייבער) אין שמוציקע לאַכעס, די פּנימער פאַרהאָנגען פונעם האַלדז ביז איבער דער נאָז — האָבן איצט אַרומגעשלייכט ווי צנועות. זיי זענען געווען באָרוועס, מיט טאַטואירטע הענט און שטערנס. אויגן ווי ביי סאָווּעס, נעז פון וואָראָנעס — געשטראָפטע מיאוסקייטן. עטלעכע צווישן זיי — גאַסן־פרויען. אָבער אָט די אַרעסטאַנטן פונעם ווייבלעכן מין האָבן געקראָגן אַ ספּעציעלע אויפזיכט.

דריי אַראַבישע גבאיטעס אָנגעטאָן אין גרויע פּאָליציייִשע קליידער מיט שוואַרצע געפלאָכטענע בענדלעך האָבן אַרומגעהאָוועט אַ גאַנצן טאָג. קענטיק, אַז יענע אַראַבישע אונטערוועלט־ווייבער זענען געווען זייער טיכטיק אין באַקלאָגן זיך אויף דער אָרדנונג. מען דערציילט, אַז זיי האָבן נישט פאַרטראָגן די לייזיקע קאָלדרעס און גענומען קלאַפּן מיט די קעפּ אָן די ווענט. נאָך דער ערשטער אָנקלאַגע האָט מען פאַר זיי געבראַכט מאַטראַצן. נאָך דער צווייטער אָנקלאַגע — ווייסע ליילעכער און נאָך דער דריטער אָנקלאַגע — קישנס צום שלאָפן. איינע צווישן די אַרעסטאַנטקעס איז געווען אַ מעוברת אין די הויכע חדשים און אַן אַראַבישע אַקושאָרין,

ווי אן אמתע הייבאם, האט זיך מתעסק געווען מיט איר טאג און נאכט.

כ'האב באמערקט, אז נישט בלויז די אראבישע פרויען-ארעסטאנט־קעס, נאר אויך די מענער — טייל פון זיי רוצחים — קריגן ארייגעשיקט פון זייערע קרובים שפייז: ווייסע ברויטלעך, ציבעלעס, טאמאטן, אוגער־קעס און ארבעס-קאטלעטן. פאר די יידישע ארעסטאנטן איז פארווערט געווען אריינצוברענגען שפייז פון דרויסן. דער בריטישער תפיסה־הערשער איז געווען אומפארשעמט צו פארענטפערן דעם פארבאט מיט די געשעע־נישן אין עכו. זינט די אירגוניסטן האבן אויפגעריסן די פעסטונג-טורמע אין עכו, ווו 160 אראבישע און פערציק יידישע ארעסטאנטן זענען אנט־לאפן און עלף יידן — אבער קיין איינציקער ענגלענדער נישט! — האבן באצאלט מיט זייערע לעבנס — זינט יענעם טאג האבן די ענגלענדער בא־שלאסן צו באשטראפן אלע יידישע ארעסטאנטן אין דעם יידנלאנד מיט א הונגער־דיעטע. ביז דעמאלט האט די יידישע אגענטור און דער ועד הלאומי אריינגעשיקט שפייז פאר די אסירי-ציון. איצט ווערט דער פארבאט גע־היטן מיט דער פולער שטרענגקייט... אפילו דער אומבאטשי, דער אראבי־שער פאליציאנט, א געבראטענער שוחד-נעמער, א כאבארניק, ציטערט — פאר גוט געלט — עפעס אריינצושמוגלען אין דער קאמער.

כ'האב באטראכט די ארעסטאנטן פון צווישן די בני ישמעאל, וואס האבן אנגעפולט דעם הויף, וואס פאר א פראפארץ! חיפה — א יידישע שטאט! די תפיסה א בריטישע! די 45 קאמערן אנגעפאקט מיט אראבער. בלויז איין קאמער — מיט זעקס יידן פאר פאליטישע חטאים. די אראבער האבן מארשירט שערענגענווייז, ווי אויף א פראצעסיע. אט קומט אנטקעגן כאליל, דער אראבישער שפייז־קרעמער, א פעטער, מיט אן אויסגעשטאפט בייכל, וועלכער האט אונטערגעהאנדלט מיט כאשיש און מען האט אים ארייגעפאקט אויף אכט חדשים. עס וויגט זיך פארביי יונוס, א מצרי פון פארט־סאאיד, א ליגנער, א חונף, וואס שרייט, אז אלע פאלעסטינער אראבער שטינקען און אמעריקאנער יידן דארפן באזעצן דאס לאנד. פאר דער שוועל פונעם תפיסה-ווארשטאט זיצט א סיריער פון ביירוט מיט א קאפ קאלטונעס און א שווארץ ציגן־בערדל. ער האט געקעמפט פאר ענג־לאנד, געווען פיר יאר א געפאנגענער אין דייטשלאנד און איצט, אלס

ארעסטאנט, וואשט ער און פרעסט אונטערטעניק אלע מונדירן פון די בריטאניער — פון א ציווילן ביז א קארפאראל.

צווישן די חד־גדיא-זיצער געפינט זיך אויך אבו־כאסאן, אן אראבי־שער מלוה ברבית, א פראצענטניק, וואס האט דערשטאכן זיין בארגער פאר נישט צאלן די פראצענטן אין צייט.

עס קייט געשמאק זיין פיטע מיט זייטונעס א דארער זולל וסובא יוסוף דערוויש, וועלכער האט פארגוואלדיקט אן אראבישע טאכטער און איצט גייט ער ארום אין איין שרעק, אז דעם קרבנס ברודער וועט אים קאסטרירן, נאכדעם ווי ער וועט ארויס פון דער תפיסה.

אויף זיי אלע האלט אן אויג דער אומבאטשי, דער קארפאראל אין תפיסה, וואס קען צוזאגן הילף און מסרן, וואס קען נעמען שוחד און פאר־ראטן . . .

קיינער פון די אראבער וויים נישט ווי לאנג ער דארף זיצן. מען זאגט אים נישט דעם טערמין. ס'איז ווייט צום משפט און די אויספארשונגען זענען אומענדלעך. יעדער חלומט פון דעם מאמענט, ווען דער פוילער תפיסה־וועכטער וועט לאנגזאם אויפריגלען די אייזערנע טיר און אויס־רופן: פראטש! דאס ווארט „פראטש" איז א כישוף־קלאנג פאר יעדן ארעס־טאנט. עס מיינט באפרייאונג. פאר דעם זינדיקן, וואס האט חרטה, מיינט עס, ער וועט קענען תשובה טאן. פאר דעם פארברעכער מיט אמביציעס מיינט עס, ער וועט קענען צעפירן די הענט...

די שפאציר־שעה איז געווען געענדיקט. די פיטעס זענען געווען אראפ־געשלונגען, די זייטונעס — אויסגענאגט און מען האט אונדז געטריבן צוריק אין די קאמערן.

אריינקומענדיק אין מיין קאמער, האב איך געטראפן א נייעם אורח, א יידישן ארעסטאנט. ער איז אריינגעקומען אין קאמער, ווי אויף אן אויס־פלוג, מיט אן אייגענער קאלדרע און קישן. ער איז דא נישט קיין גרינער. שוין דאס פערטע מאל, ווי די ענגלענדער ברענגען אים אין דער קאמער. ער איז נישט שוה בשוה מיט כנים פון די תפיסה־קאלדרעס און ברענגט מיט זיין אייגן בעטגעוואנט. ער הייסט דוד בוזגאלא, ארבעט אין „כרמל־מזרחי". דאס איז א כאראקטעריסטישער מוסטער פון א יידישן

יונגנמאַן אין ארץ ישראל, ביי וועמען די ענגלענדער האָבן צוגערויבט פאַר־מאָגנטס זיין פרייהייט. צוויי חדשים ווערט ער געהאַלטן אונטער הויז־אַרעסט און איין חודש צווישן די תפיסה־ווענט. און דאָס יאָר האָט בלויז פיר מאָל צו דריי חדשים... ווען די ענגלענדער זענען דאָס מאָל געקומען אין הויז אַריין מיט אַ פאַרטיק־געדרוקטן אַרעסט־באַפעל און בלויז צו־געשריבן זיין נאָמען, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין מוטער:

— מאַמע, גיב מיר אַ קאָלדרע מיט אַ קישן, מען רופט מיך אין ברי־טישן האָטעל...

דוד בוזאַגלאָס חטא איז, וואָס זיין ברודער יצחק, אַ מיטגליד פון אצ"ל, ווערט באַשולדיקט אין וואַרפן אַ פּאַמפּלעט־באָמבע. דאָס איז אַ באָמבע, וואָס אַנטהאַלט פּאַמפּלעטן, אויפרופן קעגן דער בריטישער הער־שאַפט. די באָמבע, וואָס ווערט געשליידערט אין דער לופט, איז נישט געצילט צו הרגענען ענגלענדער, נאָר צו פאַרשפּרייטן הונדערטער פּראָ־פּאַגאַנדע־אויפרופן. דער פּאַמפּלעט־וואַרפער יצחק טענהט, אַז ער האָט צופעליק די באָמבע געפונען און זי אויפגעהויבן אַזוי אומפאָרזיכטיק, אַז ווען זי האָט אויפגעריסן, האָט ער פאַרלוירן זיבן פינגער פון ביידע הענט. זיינע פינגער זענען אַמפּוטירט געוואָרן. ער ליגט אינעם תפיסה־שפּיטאָל פון עכו און די ענגלענדער, אָן באַווייזן, ווילן אויפבויען קעגן אים אַ משפט פאַר האַלטן אויפרייס־שטאָף, כדי אים צו קענען שיקן צום טויט.

דוד בוזאַגלאָ איז אַ ברודער פון יצחק בוזאַגלאָ. פלייש פון זיין פלייש און ביין פון זיין ביין. פאַרוואָס האָט מען אים אַרעסטירט שוין פיר מאָל? כדי ער זאָל געבן די ענגלענדער אינפאָרמאַציע וועגן דער טעטיקייט פון אצ"ל און באַקרעפטיקן די אָנקלאַגעס קעגן זיין ברודער, וואָס וועט אַזוי אַרום קענען געפירט ווערן צו דער תליה.

אָבער דוד בוזאַגלאָ איז אויפגעהייטערט. ער איז נישט בלויז אַ גע־פאַנגענער ביי די ענגלענדער. ער איז אויך אַ קוריער וואָס ברענגט אַריין נייעס פון דרויסן. מיט ענטוזיאַזם האָט ער דערציילט די פּאַסירונגען פון די לעצטע פיר און צוואַנציק שעה. אינעם לעצטן מעת־לעת איז פאַרטיליקט געוואָרן אַן אַראַבישע מערדער־באַנדע דורך דער הגנה.

שוין אַ שפּעטע צייט ווי אַראַבישע באַנדעס פּרובירן טעראָריזירן

איינצלנע יידישע פונקטן אין ישוב. די לייכטע איבערפאַלן זענען פאָרגע-קומען אונטער דער מאַסקע פון רויבעריי. אָבער אין דער אמתן האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן פאָרמירן דעם מופטים צעשלאָגענע כנופיות, מיטן ציל צו באַנייען אומרוען אין לאַנד. די כנופיות האָבן אַריינגענומען פאַרשידענע פאַרברעכערישע עלעמענטן, צווישן זיי אויך נאַצישע אָפיצירן.

די הגנה, דער מעכטיקער שוץ-אָרעם פון ישוב וואָס ווייס, אַז דאָס בעסטע איז אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ פון דער שלאַנג ביים סאַמע אָנהויב, איז אַרויס אין אַ פאַרניכטונגס-מלחמה קעגן די מיזעראַבלע באַנדעס, איידער זיי ווערן אַ געפאַר פאַרן ישוב. די אַטאַקע איז פאָרגעקומען אין אַן אַראַ-ביש קאַפע-הויז אין אַ דאָרף אַרום שכם, ווו די באַנדעס האָבן זיך אויפ-געהאַלטן. עס איז געפאַלן שלמה מילער, דער בראַווער פירער פון דעם הגנה-באַטאַליאָן, אָבער די גאַנצע פאַרברעכער-באַנדע איז אויסגעראָטן געוואָרן.

פיר אַזייגער פאַרנאַכט האָבן די טירן פון די קאַמערן ווידער זיך געעפנט. ס'איז געווען די שעה פון דעם לעצטן מאָלצייט. אין דער זעלבער צייט האָט יעדער אַרעסטאַנט געמוזט אַרויפברענגען זיינע צוויי פאַרלייזטע קאָלדרעס פאַר זיין נאַכטלעגער.

דער סירישער שניידער-אַרעסטאַנט האָט אין פּראָנט פון זיין וואַר-שטאַט דערלאַנגט די קאָלדרעס, ווי מען דערלאַנגט די רוקן-זעק צו רעקרוטן. דער שר-המטבח האָט אויסגעטיילט צו פערטל שיסעלעך אַרבעס-זופּ. די אויסגעהונגערטע אַרעסטאַנטן האָבן געכאַפּט די שיסעלעך. ס'איז געווען די נאַרהאַפּטסטע שפּייז-פּאָרציע דורך די פיר און צוואַנציק שעה. די אַר-בעס מיטן צולייג פון נאָך אַ שוואַרצער פּיטע האָט געדאַרפט דערהאַלטן די נשמה ביז צומאָרגנס.

בעת די אַרעסטאַנטן האָבן געהאַלטן אין זופּן די אַרבעס-גריץ איז אין הויף אַריינגעלאָפן דער סערזשאַנט פון דער תפיסה. דאָס איז געווען דער שר פון דער געפענגעניש. ער איז געווען אַ שטאַרקער, געוויקסיקער פּאַרשוין, מיט אויסגעשטויסענע פּלייצעס. אַן אָנגעצונדענער, אַ צעיאַכ-מערטער. אין זיין געפּוצטן אוניפאָרם — האָט מען געקענט זען, אַז ער איז נישט גלייכגילטיק צו זיין קליידונג. דער מונדיר איז געווען געפּרעסט.

די שיך האָבן געגלאַנצט. דאָס היטל מיט דעם שטייפן דאַשעק פּאַרוקט אויף אַ זייט, ווי ביי אַ ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט.

די אַרעסטאַנטן האָבן אים געקענט, געוווּסט, אַז ער איז אַן אכזר, אַז ער פירט זיין מלוכה מיט אַן אייזערנער פויסט. ער איז — צו מיין אומ־אַנגענעמער איבעראַשונג — געווען אַן אירלענדער. וואָס פאַר אַן אירלענ־דער איז דער, וועלכער דינט ווי אַ היצל אין אַ בריטישער תפיסה?

דער סערזשאַנט האָט געמאַכט זיין אינספּעקציע איבערן הויף מיט אַזאַ טעאַטראַלישקייט, ווי ער וואָלט געוואָרט, מען זאָל אים אַפּלאָדירן. דאָס איז אייגנטלעך געווען די שרעק, ווען ער האָט געדאַרפט אויפנעמען אָנקלאַגעס. ער האָט לאַנג געקוקט אויפן הויף, וואָס איז געווען פול מיט אַרעסטאַנטן, ווי עס קוקט אַ וועכטער פונעם זאָאָלאָגישן גאָרטן אויף זיינע חיות.

כ׳האָב זיך צו אים דערנענטערט און געזאָגט, אַז כ׳בין אַן אויסלענ־דער, אַן אַמעריקאַנער בירגער, אַז כ׳שלאָף נישט אויף קיין פּאַרלייזטע סאָלדרעס, כ׳עס נישט קיין ביטערע פּיטעס און כ׳פאַרלאַנג שפּייז פון דרויסן, אַפילו ווען כ׳זאָל דאַרפן באַצאָלן דערפאַר.

דער סערזשאַנט האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט זיינע וועלפישע אויגן און שאַרף געזאָגט:

— איר קענט מאַכן וויפל אָנקלאַגעס איר ווילט, סער! ביי מיר זענט איר בלויז איינער פון די אַרעסטאַנטן...

— יאָ אַרעסטאַנט, נישט אַרעסטאַנט. כ׳בין אַן אויסלענדישער ביר־גער. כ׳וואַרט אויף דעפּאָרטאַציע. און ווי לאַנג כ׳בין אין דער קאַמער, באַשטיי איך אויף מיינע רעכט.

— ווען אַפילו דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן זאָל דאָ קומען, וועט ער אייך אויך גאָרנישט העלפן! — האָט דער סערזשאַנט געצאָרנט — דאָ זענט איר אונטערגעוואָרפן די בריטישע תפיסה-געזעצן.

— מען דאַרף נישט דעם פּרעזידענט. רופט בלויז דעם אַמעריקאַנער קאָנסול! ער וועט אייך אפשר איבערצייגן, אַז איר דאַרפט בייטן אייער מיינונג — האָב איך געזאָגט.

דער סערזשאַנט האָט אַ ווײַלע געשוויגן. קיין תקיף-לשון האָט ער

נישט ליב געהאַט. קעגן-רייד האָבן אים געמאַכט אביסל אַנמעכטיק. ער האָט עפּעס נאָכגעלאָזט פון זיין שטרענגקייט. ער האָט גענומען דערקלערן:

— זינט דעם אויפרייס אין עכו, סער, האָב איך אַ שטרענגן באַפעל נישט צוצולאָזן קיין עסן פון דרויסן פאַר די יידן.

אַזאַ יאַג-הונט — איז מיר איינגעפאַלן — דאַרף געשעדיקט ווערן! וואָס באַשטראָפט ער מיך דאָ פאַר מיין יידישקייט? רעגיסטרירט אין דער תפיסה בין איך אַלס אמעריקאַנער בירגער און אַלס אַזאַ איינעם דאַרף מען מיך באַהאַנדלען. אין מיין אמעריקאַנער פּאַספּאָרט שטייט פאַר-שריבן, אַז ווען אַ בירגער איז אין אַ צרה אין אַ פרעמד לאַנד, דאַרף ער זיך ווענדן צו זיין קאָנסול נאָך שוץ און הילף. און דאָ וויים דער קאָנסול אפילו נישט, ווו מיין געביין איז. אין די צייטונגען שטייט — לויט אַ פּאָליציי-באַריכט — אַז איך בין נאָך אין ציפּערן, בעת איך וואַלגער זיך אין דער חיפהר תפיסה. מען לאָזט מיך אפילו נישט אַנקניפּן קאָנטאַקט מיט אים.

איך האָב זיך אָנגערופן:

— וואָס האָב איך צו טאָן מיט דעם אויפרייס אין עכו? איר ווילט זיך נוקם זיין אָן מיר, דעם אמעריקאַנער, ווייל כ׳בין אַ ייד? וואָס פּראַקטי-צירט איר דאָ, ראַסן-דיסקרימינאַציע?

דער סערזשאַנט איז געוועזן אויפגערעגט:

— פאַרזיכטיק, מיסטער, מיט אייערע אויסדרוקן! איך בין נישט קיין געשטאַפּאָ-מענטש. און ראַסן-דיסקרימינאַציע איז נישט מיין אַרבעט. איך פיר בלויז דורך באַפעלן.

— אַזעלכע באַפעלן?

— איך אַליין בין נישט קיין ענגלענדער — האָט דער סערזשאַנט ווייטער גערעדט — כ׳בין אַן אירלענדער. אָבער ווען כ׳גיי אַרויס היינט אין גאַס, בין איך פּונקט אַזוי באַדראָט דערשאָסן צו ווערן ווי יעדער אַנ-דערער ענגלענדער!

— פירט נישט אַרויף אויף פּאָליטישע שמועסן — האָב איך פאַר־לאַנגט — איר זענט דאָ אַ באַאַמטער. און ווי אַ באַאַמטער באַגייט איר אומרעכטן! איך פאַרלאַנג תיכף פאַרבינדונג מיט דעם אַמעריקאַנער קאָנסול.

— דער אַמעריקאַנער קאָנסול וויים וועגן אייך...

— אין דעם צווייפל איך. און אויב עס וואָלט אפילו געווען אמת, איז דאָס אויך ווייניק. איך וויל צו אים טעלעפאָנירן און אים איינלאַדן אַהער.

— דאָס קענט איר נישט טאָן פון דער תפיסה. אייער פרייהייט איז באַגרענעצט. איבעריקנס, דאַרפט איר צאָלן די קאָנסעקווענצן. איך האָב אייך נישט געהייסן קומען אַהער אויף אַן אומלעגאַלער שיף.

איינטענהן מיט דעם אירלענדישן גזלן, וואָס האָט — 25 יאָר נאָך אירלאַנדס באפרייאונג — אַ האַרץ צו דינען אין אַ בריטישער תפיסה, איז געווען איבעריק. איך האָב זיך געלאָזט אַרויף צו מיין קאַמער.

אויבן צווישן מיינע פינף קאַמער־שכנים איז נישט געווען קיין שטי־מונג פון דעפּיטיזם — אַ פלמ"חניק, אַ שטערניסט, צוויי אירגוניסטן, אַ בריגאַדיר — מען האָט פאַרגעסן, אַז מען זיצט אין תפיסה. מען האָט גע־קייט די רעשטלעך פון די שוואַרצע פּיטעס און באַוואונדערט דעם וווּקס פון נגב. טעג פון תפיסה וועלן קומען, טעג פון תפיסה וועלן גיין, אָבער דערווייל דאַרף מען מאַכן פּלענער ווי אויסצוברייטערן די מעפּילים-עליה, אַריינברענגען וואָס מער יידן. מען קוועלט אָן, וואָס די ברעגעס פון מפּרץ־חיפה זענען פאַרזייט מיט פּרוכטבאַרע ישובים.

פון דעם אַראַבישן קאַפע־הויז, וואָס שטייט בשכנות פון דער תפיסה, האָבן געגרילצט הייזעריקע טענער. ס'איז געווען די ראַדיאָ-שעה פון ירו־שלים, וואָס האָט געלאָזט הערן דאָס אַראַבישע קול. די הייזעריקע טענער האָבן זיך געקרייזלט, האָבן זיך געצויגן איינטאָניק און איינגעוויגט צום שלאָף די געפאַנגענע פון דער קאַמער נומער 20.

ש. איזבאַן

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

די ברוטאַלע באַהאַנדלונג פון די אַרעסטאַנטן

נאָך דעם ווי די צווייטע נאַכט אין דער תפיסה איז אריבער, האָב איך האַסטיק זיך אויפגעכאַפּט. מיינע שכנים־אַרעסטאַנטן זענען געזעסן אויף זייערע געלעגערס און פלייסיק געקנאַקט די כנים. עס איז נישט גע־זוען קיין אומווירדיקייט אין דער באַשעפטיקונג. עס איז אויך נישט געווען קיין קאַמיזם אין דער פּאָזיציע פון די אַרעסטאַנטן. אין דער בריטישער תפיסה אין חיפה איז דאָס געווען אַ טעגלעכע פליכט, פּונקט ווי וואַשן דאָס לייב, אָדער צושנורעווען די שיך.

פון דרויסן אויפן באַלקאָן האָט זיך געטראָגן אַ קלינגעריי פון בלע־כענע טעפּלעך און קולות אויף אַראַביש. דאָס האָט דער קוכער מיט זיין געהילף געגרייט פאַר די אַרעסטאַנטן דעם פרישטיק. באַלד האָט ער דורך די קראַטעס אריינגעגעבן האַלבע טעפּלעך טיי. דער געהילף האָט נאָכגע־טראָגן די פּיטעס — די שוואַרצע פּלעצלעך מיט דעם טעם פון זויערן ליים — און די אַרעסטאַנטן האָבן זיך צוגעכאַפּט צום אָנבייסן, ווי נאָך אַ תענית.

אַ האַנט האָט אריינגעוואָרפן דורך די קראַטעס אַ צייטונג. איז עס געווען די האַנט פון דעם יידישן פּאָליציאַנט? איז עס געווען די האַנט פון דעם אַראַבישן „אומבאַטשי"? אַלץ איינס! די צייטונג איז געווען דער ערשטער סיגנאַל פון דרויסן, אַ דערמאָנונג, אַז עמיצער האַלט אָן אויג אויף דער קאַמער נומער 20.

כ'האָב אַ נעם געגעבן די צייטונג. ס'איז געווען די „פּאַלעסטיין פּאָסט", די יידישע צייטונג אין דער ענגלישער שפּראַך, וואָס ווערט גע־לייענט פון אַלע גוטע און שלעכטע ענגלענדער אין לאַנד.

אויף דער פראַנט־זייט איז נאָך אַלץ גערעדט געוואָרן וועגן די דע־פּאָרטירטע פּאַסאַזשירן פון דער שיף „התקוה", וועלכע געפינען זיך אין ציפּערן, כאָטש ס'זענען שוין פאַרביי עטלעכע טעג נאָך דער לאַנדונג. אַ

שרייענדיקער קאָפּ האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. ס'איז געווען אַ קאַ־לום וועגן מיין אַרעסט.

די צייטונג האָט דערציילט, אַז איך, דער שליח פון „מאָרגן זשור־נאַל", בין געגאַנגען מיט דער „התקוה" ביז ציפּערן, בין דאָרט געכאַפּט געוואָרן, צוריקגעבראַכט געוואָרן קיין חיפה און פאַרשפּאַרט געוואָרן אין תפיסה. דער קאָלום האָט אויך איבערגעגעבן, אַז כ'קען נישט קומען אין קאָנטאַקט מיט דער יידישער אַגענטור, מיט דעם אַמעריקאַנער קאָנסול און כ'בעט אינטערווענץ. אָבער דער אַמעריקאַנער קאָנסול, אינפאָרמירט וועגן מיין אַרעסט, זאָל האָבן געמאַכט אַזאַ דערקלערונג:

„דאָס זענען אומגעוויינלעכע אומשטענדן, אַז אַן אַמעריקאַנער זאָל זיך דאָרט געפינען..." און דער קאָנסול האָט באַלד גענומען אינטערווענירן ביי די בריטישע אויטאָריטעטן.

די רעזולטאַטן פון דער אינטערווענץ האָב איך אַזוי גיך נישט געזען. אָבער דאָס געפיל, אַז מיינע טענות זענען דאָך דערגאַנגען צו עמיצנס אויערן — האָבן געוואַרעמט און געהייטערט. אויפגעמונטערט פון דער נייעס האָב איך אויסגעזופּט אויפן ניכטערן מאָגן דאָס האַלבע טעפּל טיי, וואָס האָט געשמעקט ווי אַ שטאַרקער טרונק שנאַפּס.

מיין שכן דוד בוזאַגלאָ, דער חנעוודיקער ספרדישער בחור, מצאצאי שפּאַניע, האָט מיר דערציילט, אַז נאָך קיינמאָל האָבן די ענגלענדער זיך נישט באַצויגן אַזוי פּרעך צו אויסלענדישע בירגער, ווי איצט. אין די טער־קישע צייטן האָט מען אַ פרעמדן באַהאַנדלט מיט פּריווילעגיעס פון אַ פּרינץ. פאַר באַליידיקן אַ רוסישן ייד — אין די צייטן פון סולטאַן — האָט אַן אַראַבער געקראָגן מלקות. פאַר דראָען אַ פראַנצויזישן ייד איז אַן אַראַבער פאַרשיקט געוואָרן קיין עכו. זיין פאָטער אַליין, דער אַלטער בוזאַגלאָ, איז געווען אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט ביים טערק. האָט מען אים אַריינגעזעצט אין תפיסה אויף צוויי טעג. אָבער יעדע נאַכט האָבן די טערקן דערלויבט זיין זיידן, דעם גאָר אַלטן בוזאַגלאָ, צו קומען אין תפיסה נעכטיקן מיט דעם אַרעסטאַנט, טאָמער האָט ער מורא אַליין צו שלאָפן...

אַ שעה שפּעטער, ווען מיר זענען אַרויס אין הויף זיך אָפּצוואַשן, האָט זיך פון איינער פון די אונטערשטע קאַמערן געהערט אַ קלאַפּערײ

און טראַסקעריי מיט די פיס אָן דער אייזערנער טיר. דאָס קלאַפּעריי איז געוואָרן באַגלייט פון גוואַלדן און קולות אויף אַראַביש. אַלע אַראַבער זענען שוין געווען אין הויף, בלויז דער איינער איז געווען פאַרשפּאַרט. אָבער די אַראַבער, וואָס זענען געווען אין הויף, האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום דער קאַמער און געלאַכט:

— אַ משוגענער יאַהוד!

כ'בין צוגעגאַנגען צו דער פאַרשפּאַרטער קאַמער. הינטער דער טיר מיט קראַטעס איז געווען אַ יידישער אַרעסטאַנט, אַן עלטערער פּרענק, אַ ספרדי פון ירושלים. מען האָט אים איבערגעפירט קיין חיפה. ער ווייסט נישט פאַרוואָס. ער ווייסט בכלל נישט פאַרוואָס זיין וווין־אָרט איז אַ תפיסה־קאַמער. אָבער פון דער ירושלימער תפיסה קען ער זיך נישט אָפּלויבן. אַ גן עדן! — האַלט ער אין איין איבערחזרן און לייגט צו צוויי פינגער צו זיין מויל — אַ גן עדן איז דאָרט!

דער פרענקישער ייד האָט נישט געוואָלט זיצן צוזאַמען מיט אַראַבער אין איין קאַמער. ער האָט געוואָלט גיין אין דער יידישער קאַמער. ער האָט געוואָלט ראַוונען, געוואָלט עסן יידישע מאכלים. ער איז געווען באַרעכטיקט דערצו. אָבער דער ענגלישער סערזשאַנט און דער אַראַבישער „אוםבאַטשי" האָבן אים געהאַרכט ווי די וואַנט.

דער טונקל-הויטיקער פרענק איז געוואָרן שוואַרץ פון כעס. זיינע האַרטע שטשאָקעס האָבן געציטערט. די ליפּן האָבן געבלעזלט. אַלץ אין אים איז פול געווען מיט מרידה. ער האָט געשריגן:

— צוויי פעלקער זיצן אין דעם לאַנד און ווילן לעבן בשלום, קומט דער אינגליזי, דער חזירישער ענגלענדער, און וויל אָנמאַכן מהומות... בחיי! ביי מיין לעבן! אינגליזי — זיפּט! (ענגלענדער טויגן נישט!).

אין זיינע געשרייען, אין זיין מאַכן סקאַנדאַלן האָט עס אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען אַ צעדולטער. אָבער ער איז נישט געווען קיין צעדולטער. ס'איז בלויז געווען אַ מאָמענט פון צערודערונג, פון האַסטיקן אויסברוך. ער האָט אַפּעלירט, די יידן אין תפיסה זאָלן אים העלפן, ער וויל זיין צווישן יאַהודים. ער איז מיט אַמאָל געוואָרן לוסטיק און זיך צעשריגן:

— פאַרוואָס האַלט מען מיך אַרעסטירט? צוליב אַ געשלעגן? כ׳האָב נישט געהרגעט קיין ענגלענדער! כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת! פּאַר תוצרת הארץ (געמיינט האָט ער צו זאָגן: בנין הארץ) וועל איך טאָן אַלץ, אַפילו ממיתן ענגלענדער. זייט פאַרדינען עס, די רשעים!

זיין קאָפּען מיט די פיס אין דער אייזערנער טיר איז געוואָרן שטאַרקער. ער האָט שוין געקלאַפּט מיט דעם קאָפּ אָן וואַנט. זיינע געשרייען זענען איבערגעגאַנגען אין אַ וואָרנונג:

— אַז כ׳וועל אַרויס פון דאַנען, בחיי, וועל איך ווערן אַ שטערניסט! כ׳וועל וואַרפן באָמבעס... כ׳וועל אויפרייסן באַנען... בריקן וועל איך צעשמעטערן... קיין איין ענגלענדער וועט נישט אַרויס קיין לעבעדיקער פון אונטער מיינע הענט...

ס׳איז אָנגעלאָפן דער סערזשאַנט, אַ צעטומלטער. דעם פרענקס געוואַלדן האָבן אים אַריינגעבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט. עס איז אָן אַלטער כלל אין די בריטישע טורמעס, אַז פאַר אָן אַרעסטאַנט אַ בונטאָווטשיק, וואָס סטראַשעט נאָך צו באַגיין אַ גוואַלדטאַט — האָט מען מורא. אָבער די מורא טאָר נישט אַרויסגעוויזן ווערן. דער סערזשאַנט האָט געשריגן, געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער וועט דעם מורד באַשטראָפן מיט קאַרצער, אָבער אין דער אמתן האָט ער נישט געוווסט וואָס צו טאָן. די אַראַבער, וואָס זענען געשטאַנען אַרום, האָבן געלאַכט אין די פויסטן, פאַרשטאַנען זיין אָנמעכטיקייט. ענדלעך האָט דער סערזשאַנט געהייסן עפענען די טיר און מיט קללות אַרויסגעטריבן דעם בונטאָווטשיק צו דער יידישער קאַמער.

אַ שעה שפּעטער איז דער סערזשאַנט ווידער אַלאַרמירט געוואָרן איינצושטילן אַ בונטאָווטשיק. דאָס מאָל איז עס געווען אָן אַראַבער, וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט קעגן דעם קוכער. דער סערזשאַנט האָט אים אַריינגעפירט אין אַ גרויסער, פינצטערער קאַמער. זיין סאַדיסטישע מאַכט איז בער די „אזיאַטן״ האָט איצט געקענט קריגן דעם פולן, ברוטאַלן אויסדרוק. ער האָט דעם אַראַבער אַרויפגעשטופּט אויפן ברייטן פענצטער. ער האָט צונעשמידט מיט קייטן זיינע הענט און פיס צו די אייזערנע שטאַכעטן און ווען דער פאַרזינדיקטער האָט צאַפּלענדיק — אין דער פּאָזע פון יעזוס

אויפן קרייז — גענומען קלינגען מיט די קייטן, האט דער סערזשאנט, שטייענדיק פון יענער זייט פענצטער, אין הויף פרעך א זאג געטאן:

— איצט מוטשע זיך, דו הינטישער זון!

דער אראבער האט זיך געמוטשעט. ער האט געווארפן מיט די הענט און פיס ווי א מאלפע אין א שטייג. ער האט געשריגן, אז ער וועט מיט זיין קאפ צעברעכן די וואנט, אז זיינע פריינט אין דרויסן וועלן אויפרייסן די תפיסה. קיין זאך האט אים נישט געהאלפן. דער סערזשאנט האט זיך צוגעקוקט צום אראבער — וואס האט זיך געווארפן, זיך געקארטשעט — ווי צו א צירק־פארשטעלונג.

עס זענען אריינגעקומען אין הויף עטלעכע ענגלישע זעלנער אין רויטע בערעטן, די „רויטע טייוולאנים". זיי זענען געווען באלאדן מיט צוואנגען, מיט שערן און שטעכיקע דראטן. דאס האבן זיי זיך געגרייט צו פארריכטן די דערנער־באשיצונגען איבער דעם תפיסה־דאך. דער סערזשאנט האט צוגערופן די „רויטע טייוולאנים", זיי זאלן זיך צוקוקן, ווי דער צוגעקא־וועטער אראבער פייניקט זיך. ער האט מיט א רויט, צעפלאמט פנים פון סאדיסטישער הנאה א זאג געטאן:

— איר קענט זען, ווי אן איירישמאן באהאנדלט בונטאווטשיקעס...

ווי נאר די „רויטע טייוולאנים" זענען אוועק, האט ער דעם אראבער באפרייט פון די קייטן, פון די שטאכעטן און אים געגעבן אן אמט, ער זאל העלפן וואשן דעם הויף און רייניקן די טואלעטן און אזוי ארום געניסן פון אביסל מער פרייהייט. דאס איז געווען א שטענדיקער טריק ביי דעם שר פון תפיסה. ווען עס איז ארויסגעשפרונגען א מורד און ווידערשפעניקט זיין ארדנונג, האט ער אים צוערשט הארט באשטראפט און דערנאך אים געמאכט פאר א „קאמיסאר", געגעבן אים א ראנג. פון דער פארשטענדיקונג האבן ביידע צדדים געוווּנען. דער סערזשאנט איז פריי געווארן פון א צרה און דער ארעסטאנט האט מער נישט אויפגעהויבן די פאן פון מרידה. פארקערט, דער אויפגעריכטער בונטאווטשיק האט גענומען דינען דעם סערזשאנט מיט קנעכטישער חניפה. ער האט אנגעהויבן צו פאר־מסרן אנדערע אומצופרידענע ארעסטאנטן.

איך האב אנגעהאלטן דעם באשלוס נישט צוצורירן זיך צו די תפיסה־

שפּייזן. צוויי מאָל אַ טאָג איז דאָס שיסעלע מיט דעם חלשות-געריכט — צי ס'איז געווען זייטונעס, צי אַ זיסע קלעפּאַכץ — צוריקגעגעבן געוואָרן. כ'האָב געוואָלט אויספירן איינס — קריגן שפּייז פון דרויסן. דערווייל האָט דער הונגער שטאַרקער געפּייניקט. די אַראַבישע תפיסה-פּאַליציאַנטן, וואָס באַטראַכטן בכלל אַן אַרעסטאַנט, אַן אויסלענדער ווי אַ פּאַרשוין פון יענער וועלט, האָבן באַדויערט מיין האַלטונג. איינער, אַ געריבענער כאַבאַר-נעמער, דער „אומבאַטשי" אַליין, האָט פאַרנאַכט־צו מיר אונטערגעטראָגן אַ שיסעלע גריץ און געבעטן כ'זאָל עס עסן און אַז כ'האָב די שפּייז אוועקגעשטופּט, האָט ער פאַרזשמורעט די אויגן און אויסגעדריקט זיין שטעלונג צו דער וועלט-אָרדנונג אין אַ קורצער פילאָזאָפישער פראַזע:

— עס, כאַוואַדזשאַ, עס! כולא דיניא זיפט! (די גאַנצע וועלט שטינקט!).

פאַר אים האָט די וועלט נישט געשטינקען. צוואַנציק מינוט שפּעטער האָט ער גענומען פון מיר געלט, צוויי ענגלישע פונט, אויף שאָקאָלאַד און פינף פּעקלעך סיגאַרעטן פאַר אַלע יידישע אַרעסטאַנטן. ער האָט פאַר די ענגלישע צוויי פונט געבראַכט בלויז איין פּעקל סיגאַרעטן מיט דער טענה, אַז דאָס איבעריקע האָט מען ביי אים צוגענומען ביים אַריינקומען אין תפיסה.

אָרעמער אומבאַטשי! טאַלאַנטלאָזער ליגנער! ער האָט דעם ליגן אַרויסגעזאָגט מיט די זעלבע פאַרזשמורעטע אויגן און מיט דער זעלבער אַזיאַטישער חניפה, ווי אין יענער רגע, ווען ער האָט באַשטעטיקט, אַז די וועלט שטינקט.

די טיר פון דער קאַמער האָט זיך געעפנט, דער תפיסה-וועכטער האָט מיך אַרויסגערופן. אונטן אין הויף האָט געוואַרט אויף מיר אַ פּאַליציאַנט מיט אַ גרויסן פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. ער האָט זיך געגרייט צו נעמען מיין בילד. כ'האָב זיך געזעצט אויף אַ שטול. נעבן מיר איז געזעסן נאָך אַן אַרעסטאַנט, אַ קאַנדידאַט פאָטאָגראַפירט צו ווערן.

בשעת דער פאָטאָגראַף האָט זיך געפּאָרעט ביים אַפּאַראַט און צוגעגרייט די קלישעען, האָב איך געכאַפּט אַ בליק אויף מיין שכן. דאָס איז געווען אַן אַראַבישער זקן, באַוואַקסן ווי אַ כישוף־מאַכער, זיין איינגע־

שרומפּענער גוף איז געווען איינגעוויקלט אין אַ כאַלאַט, געשטרייפט ווי אַ טלית, אויפן קאָפּ — אַ געלער טורבאַן. דער זקן איז געזעסן שטייף און אומבאַוועגלעך ווי אַ ליימענע פיגור. ער האָט געוואָרפן מיט די אויגן־לע־פּעלעך דאָ אויף מיר, דאָ אויף דעם פאָטאָגראַף און דאָס וואַרטן איז ביי אים געווען אַן אָפּקומעניש.

כ׳האָב באַמערקט, אַז דער פּאַליציאַנט איז צו לאַנג פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען ביים אַפּאַראַט. דאָס זיצן קעגנאיבער דעם פאָטאָגראַף איז געווען אומבאַקוועם און לאַנגווייליק. כ׳האָב, אין מיין אומגעדולד, גע־וואָלט עפּעס זאָגן. אָבער דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט בשעתן אריינזעצן די קלישעען מיך גלייכצייטיק אָבסערווירט, האָט פּלוצים אַ שעפּטשע גע־טאָן אויף העברעאיש:

— כ׳קען פאַר אייך עפּעס טאָן אין דרויסן...

כ׳האָב פאַרוואונדערט אַ קוק געגעבן אויף דעם פּאָליציאַנט. מיין פאַר־וואונדערונג האָט מיך געטריבן צו אַ פלינקן ענטפער:

— אַ בריוול קענט איר מיטנעמען?

— קיין בריוולעך, קיין צעטעלעך. מען זוכט אין די קעשענעס. אַלץ וואָס איר ווילט איבערגעבן איז מינדלעך. איר רעדט — איך וועל הערן.

— ווייסט איר צו וועמען זיך צו ווענדן?

— פאַרלאָזט זיך אויף מיר.

איך האָב זיך אויף אים פאַרלאָזט. אין קורצע ווערטער האָב איך אים איבערגעגעבן וועגן מיין לאַגע. ער האָט זיך געפּאָרעט ביים אַפּאַראַט און איך האָב גערעדט. און ווען ער האָט סוף כל סוף אַראָפּגעכאַפּט דאָס בילד, בין איך געוואָרן אויפגעלייגט, וואָס אין תפיסה־הויף האָט זיך באַוויזן אַן אומגעריכטער קוריער.

נאָך איידער כ׳האָב באַוויזן אריינצוגיין אין מיין קאַמער, בין איך אַ צווייט מאָל גערופן געוואָרן. דאָס מאָל אין דער תפיסה־קאַנצעלאַריע. דאָרט האָבן געוואַרט צוויי ענגלישע פּאָליציאַנטן אָנגעטאָן ציוויל, כדי מיך צו נעמען צו אַן אויספאָרשונג.

אין דרויסן פאַר דעם תפיסה־אריינגאַנג האָט געוואַרט אַן אויטאָ־מאָביל. ביידע באַגלייטער מיינע האָבן געהאַט פאַרשטעקט צו צוויי רע־

וואַלוורן, איינעם אין דער רעכטער הויזן־טאַש, דעם צווייטן — אין דער לינקער. זייער באַוואַרעניש און פּאַרזיכטיקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מאַכנדיק די פּאָר שריט פונעם טויער ביז צום אויטאָמאָביל, האָבן זיי זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן אין אַלע זייטן.

דאָס זוניקע ליכט אויף דער גאַס נאָכן פאַרלאָזן די תּפיסה־ווענט האָט אַ שלאָג געגעבן אין די אויגן מיט בלענדעניש. דאָס ליכט האָט געגלעט און אויפגעפרישט. דער אויטאָמאָביל האָט זיך געיאָגט מיט אימפּעט איבער די חיפהר גאַסן. אַרום האָט געווימלט מיט לעבן, מיט געפּילדער. ס'האָבן זיך פאַרביייגעטראָגן ווייסע, געפּוצטע געביידעס. חיפה איז געווען צעשאָטן איבער אַ מעכטיקן באַרג. פון אויבן האָט דער הדר — אַ פאַרביקע פּאַנאָ־ראַמע — זיך געפּאַלדעוועט אין בערגלעך דאָ גרין־האַריקע, דאָ פּורפּור־פּעלזיקע. די בערגלעך זענען געווען אויסגעשפּיצט ווי קעמל־האָרבן. די הייזער, ווי קאַלירטע באַלאָנען, זענען געווען איינגעטונקען אין זון־ליכט.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך געיאָגט אָן אָפּשטעל און אויסגעמיטן דעם אַראַבישן קוואַרטאַל מיט די ליימיקע הייזער, אויסגעמיטן די נאַרגילע־רויכערער, וואָס זענען געזעסן אויף געפלאָכטענע בענקלעך אין מיטן גאַס. דער אויטאָמאָביל האָט אַרומגעקרייזט אַ שמאָלן ליק, וואָס איז געווען פול מיט אַראַבערקעס אין שמאַטעס — פאַרקויפערינס פון צעקוועטשטע גרינסן און פרוכטן.

פאַר אַ פריש־געבויטער ווייסער רעגירונגס־געביידע, אויף וועלכער ס'האָבן זיך שוין געזען די סימנים פון אַן אויפריים, איז דער אויטאָמאָביל שטיין געבליבן. צוערשט איז אַרויסגעשפּרינגען דער שאָפער. ער האָט אַרויסגעלאָזט מיינע באַגלייטער, וואָס האָבן, אוים באַוואַרעניש, אַנגע־טאָפּט זייערע רעוואָלווערן.

קעגנאיבער דער רעגירונגס־געביידע איז געווען אויסגעשטעלט אַ רייע מיט קליינע מיליטערישע לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן מיר אויסגעזען היי־מיש. מיינע באַגלייטער האָבן אויסגעקוקט גוטמוטיק, איך בין געווען אויפ־געלייגט און אָנגעוויזן אויף די קליינע גרין־געפאַרבטע אויטאָס:

— אַמעריקאַנער „דזשיפּס"!

— וואָס קומט אַרויס? — האָט איינער פון די באַגלייטער זיך אָנ־

גערופן — איידער נאָך מיר ברענגען זיי אהער, ווערן זיי שוין אויפגעריסן פון טעראָריסטן־באָמבעס...

מיר זענען אריין אינעם טונקעלן הויז און זיך געהויבן איבער די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו דער קאַנצעלאַריע פון די ענגלישע אויספאָרשער.

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

אויף אַ פאַרהער ביי די ענגלענדער

אין דער קאַנצעלאַריע פון די ענגלישע אויספאָרשער איז אַלץ געווען גרייט צום פאַרהער. ס'האָבן געוואַרט אויף מיר דריי קאַלטע, שטייפע באַ־אַמטע. איינער אַ רויט־האָריקער, מאָגערער מיט בלויע מלאכישע אויגן. דער צווייטער אַ ברייט־ביייניקער מוסקולירטער יונג ווי אַ באָקסער. דער דריטער אַ באַברילטער מיטן אויסקוק פון אַ פלייסיקן סטודענט.

דער לעצטער איז געזעסן גרייט צו פּויקן מיט זיינע פינגער איבער דער שרייב־מאַשין.

אפשר איז דאָס געווען בלויז אַ צופאַל. אָבער עס איז עפּעס אַזוי אויסגעקומען, אַז ווען כ'האָב אריבערגעטראָטן די שוועל, האָט דער ברייט־ביייניקער מוסקולירטער אויספאָרשער זיך געהאַלטן אין שפּילן מיט זיין רעוואָלווער. דאָס שפּיל מיט דער אָנגעלאָדענער כלי האָט אפילו נישט אויפגעהערט, ווען ער האָט מיר אָנגעהויבן שטעלן פראַגן. דאָ האָט ער דעם רעוואָלווער איבערגעלייגט פון איין קעשענע אין דער צווייטער, דאָ — נאָכגעקוקט, צי ער איז געלאָדן. ער האָט מאַנעווורירט ביים צינגל. זיינע מאַנעווורעס האָבן אויסגעקוקט גאַנץ אומשולדיק, כאָטש ער האָט נישט פאַרגעסן בשעת מעשה צו וואַרפן אין מיין ריכטונג דויערנדיקע בליקן.

דער רויט־האָריקער ענגלענדער האָט אומגעדולדיק זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ, דערנאָך האָט ער אָנגעצונדן זיין ליולקע און זיך געשטעלט קעגן־איבער מיר:

— וואָס וואָלט איר אונדז געקענט דערציילן וועגן דער אומלעגאַלער שיף?

— גאָרנישט.

דער אויספאָרשער האָט נישט באַטראַכט דעם ענטפער ווי אַן אָפּשניט. ער האָט טיף פאַרצויגן דעם רויך פון זיין ליולקע און ווייטער גערעדט.

— ווי איך האָב אויסגעפונען, זענט איר ספּעציעל געפלויגן פון ניו־יאָרק קיין פּאַריז דורכצומאַכן די אַוואַנטורע. איר האָט זיך געאיילט מיט אַן עראָפּלאַן. אַ שיף וואָלט געווען צו לאַנגזאַם פאַר אייך...

— ס'שטימט!

— קענט איר אונדז זאָגן, וואָס איז געווען די סיבה פון אַזאַ איילעניש?

— וועלכע קאָמוניקאַציע־מיטלען איך זאָל באַנוצן אויף מיינע רייזעס — עראָפּלאַנען צי שיפן — איז מיין פּריוואַט־זאַך. מיין צייטונג דעקט די רייזע־קאָסטן.

דער רויט־האָריקער אויספאָרשער האָט זיך ארייַנגעזעצט אין זיין שטול. באַלד האָט ער אַן אומרואיקער זיך גערוקט פון איין זייט שטול אויף דער צווייטער, געמאַכט אַ באַוועגונג ווי צום אויפשטיין און גערעדט שאַרפער.

— אין אייער פּאַספּאָרט איז דאַטירט דער טאָג פון אייער אָנקום קיין פּאַריז. עס איז געווען דער 20טער אַפּריל. מיט וועמען האָט איר דאָרט זיך געטראָפן?

— דאַרף איך דען אָנגעבן די נעמען פון אַלע מענטשן, מיט וועמען איך קום אין באַרירונג אין דער פרעמד?

— ווי אַ רייזנדער קאָרעספּאָנדענט זענט איר גענוג דערפאַרן צו וויסן וואָס איך מיין... וועמען האָט איר באַגעגנט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אומלעגאַלער שיף? עמיצער האָט דאָך אייך געמוזט ברענגען צו דער שיף?

— אַ דאָס? איך האָב באַגעגנט אַ מאַן.

— ווי האָט ער געהייסן? — איז דער אויספאָרשער געוואָרן געשפּאַנט.

כ'בין נישט מחויב געווען אַנצוגעבן קיין נעמען. אָבער כדי צו שטיקן מיין הונגער נאָך אביסל אַמוזירונג און כדי צו האַלטן די אויערן פון מיין אויספאָרשער אָנגעשפּיצט, האָב איך געזאָגט:

— אייבראַהאַם.

— זיין צווייטער נאָמען.

— כ'ווייס נישט. די מענטשן וואָס פירן „אומלעגאַלע" שיפן אידענטיפיצירן זיך נישט פאַר זשורנאַליסטן...

דער אויספאָרשער האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיין סעקרעטאַר, וואָס האָט געהאַלטן די פינגער איבער דער שרייב-מאַשין, געהייסן אים עפּעס פאַרצייכענען און זיך געווענדעט צו מיר:

— און ווו האָט איר דעם אייבראַהאַם באַגעגנט?

— אין אַ קאַפע-הויז?

— אין וועלכן קאַפע-הויז?

— ערגעץ אויף אַ בולוואַר.

— און איר געדענקט דאָך געוויס נישט דעם אדרעס? — האָט דער אויספאָרשער ביטער געשמייכלט.

— ניין!

— ווער האָט אייך צונויפגעפירט מיט דעם אייבראַהאַם?

— קיינער נישט. איך האָב אים דערקענט לויט אַן אָנגעגעבענעם צייכן. ער האָט געטראָגן אַ ווייסע בלום אין לאַץ.

— און ווער האָט אייך אָנגעגעבן דעם צייכן? און ווו? אין ניו-יאָרק?

— יאָ. אַ מאַן, וועמענס נאָמען איך ווייס נישט און וועמענס אדרעס איך קען נישט.

מיין רויט-האָריקער חוקר ודורש האָט פון אויפרעגונג אַ פּאַטש געטאָן אַ האַנט אָן אַ האַנט און באַפוילן זיין סעקרעטאַר:

— פאַרצייכנט! מיסטער סעמיועל איזבאַן, דער אַמעריקאַנער רייזנדער קאָרעספּאָנדענט האָט באַגעגנט נאָמענלאָזע מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין אדרעסן...

זיין כעס איז נאָך נישט געווען געטאַמעוועט, ווען ער האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צו מיר:

— לאָמיר צוריקגיין צו דעם מיסטעריעזן אייבראהאם. וואָס האָט ער מיט אייך גערעדט? צו וועמען האָט ער אייך געשיקט?

— ער האָט מיך געשיקט צו אַ צווייטן מאַן.

— זיין נאָמען?

— יצחק!

— יצחק! אזוי ווי עס שטייט אין דער ביבל — האָט דער רויט-האָריקער אויספאָרשער דעמאָניש זיך צעלאַכט — צווערשט אייבראהאם, דערנאָך יצחק... און ווו האָט איר דעם יצחק געטראָפן?

— ערגעץ אין אַ האפן אין אייראָפּע.

— און וואָס האָט יצחק מיט אייך געטאָן? האָט ער אייך ארויפגע-פירט אויף אַן אומלעגאַלער שיף?

— יאָ.

— אין וועלכן פּאָרט איז דאָס געווען?

— ערגעץ נישט ווייט פון אַ ברעג. כ'קען נישט די געגנט, ווייל עט-לעכע באַגלייטער האָבן מיך געפירט אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָמאָביל ביי־נאַכט. צוליב זיכערקייט זענען זיי אוודאי נישט געווען פאַראינטערעסירט איך זאָל זען די געגנט.

— דאָס איז פאַלש! די העברעאישע צייטונגען אין לאַנד האָבן אינ־פאָרמירט, אַז די פּאַסאַזשירן אַליין האָבן דערציילט, דאָס זיי זענען אָפּ־געפאָרן פון גענוא. טאָ ווי קומט עס, וואָס איר ווייסט נישט דעם נאָמען פון אייער פּאָרט?

— מיר איז נישט באַקאַנט וואָס די פּאַסאַזשירן האָבן דערציילט. איך בין ארויפגעשטיגן ביינאַכט אויף אַן אומבאַקאַנטן ברעג.

— ווען איר זענט ארויף אויף דער שיף, האָט איר שוין געטראָפן אַלע פופצן הונדערט פּאַסאַזשירן?

— יאָ...

אונדזער דיאַלאָג איז געווען נישט גלאַט אַ קאַץ און מויז-שפּיל. עס איז געווען אַן אָפן רייצן זיך. כ'האָב געוווסט, אַז איך וועל ביי אים קיין קאָנצעסיעס נישט אויסבעטן, קיין סימפּאַטיע נישט געווינען. איך האָב געוווסט, אַז זיי האָבן שוין פאַר מיר אַן ארעסט-באַפעל אויף אַ סך טעג.

דערצו געזעצלעך קען ער בײ מיר מיט צװאַנג קײן אינפאָרמאַציע נישט אַרױסקריגן. נאָך אַלעמען, קײן געשטאַפּאָ-מעטאָדן באַנוצן נאָך נישט די ענגלענדער קעגן אױסלענדישע אַרעסטאַנטן. טאָ לאָמיך זײ אָפּצאָלן פאַר די פאַרשפּאַרטע װעגט, פאַר דעם פאַרבאָט צו טרעטן אױף מײַן ארץ ישׂראל ערד, פאַר מײנע שלאָפלאָזע נעכט, פאַר די קאָלדרעס מיט לײַז.

דער רױטהאָריקער אױספאָרשער האָט פאַרביטערט געקוקט אױף זײַן סעקרעטאַר, װאָס איז געזעסן אָן אַ שטאָך אַרבעט, אַפילו נישט געהאַט אױסגעפילט קײן האַלב זײַטל פון דעם פּראָטאָקאָל. ער איז געװען גע-קרענקט, געצװיגן זײַן ליולקע און געשװיגן.

כּדי צו געבן דעם רױט־האָריקן אױספאָרשער אַן אָטעם-פּױזע, האָט זײַן אָמט איבערגענומען דער צװײטער חוקר ודורש, דער ברײטבײניקער, מוסקולירטער יונג מיטן אױסקוק פון אַ באָקסער. ער האָט מיך געפרעגט:

— װעלכע קאַבינע האָט איר פאַרנומען אױף דער שיף?

— אַ קאַבינע? — האָב איך זיך צעלאַכט — כ'בין געװען גליקלעך צו קריגן אַ װינקל אױף אַ ברעט צװישן די פּאַסאַזשירן. בײ די פּליטים האָב איך נישט געפאָדערט און אױך נישט געקראָגן קײן פּריװילעגיעס.

— האָט איר געזען דעם קאַפּיטאַן?

— כ'האָב אים קײנמאָל נישט באַגעגנט. דער קאַפּיטאַן פון אַ פּליטים-שיף איז אַנאָנים. קײנער פון די פּאַסאַזשירן קען אים נישט.

— און װער עס זענען געװען די מאַטראָזן, געדענקט איר?

— כ'װײס נישט. כ'האָב נישט געקענט פונאַנדערשײדן קײן מאַטראָזן פון פּאַסאַזשירן. איך האָב נישט געזען קײן אוניפאָרמען. אַלע האָבן גע-טראָגן די זעלבע אָפּגענוצטע קלײדער.

— שטױנענדיק! איר מײנט צו זאָגן, אַז די מאַנשאַפט האָט אַפילו נישט געהאַט קײן אײגענע קאַבינעס?

—אַ קלײנע שלעפּ-שיף אָנגעפּאַקט מיט פופצן הונדערט פּאַסאַזשירן קען נישט באַזאָרגן איר מאַנשאַפט מיט קאַבינעס.

— און דעם קאַפּיטאַנס קאַבינע האָט איר געזען?

— אַז איך האָב נישט געקענט דעם קאַפּיטאַן, האָט מיך נישט אינ-טערעסירט צו װיסן װו זײַן קאַבינע געפינט זיך.

דאָ האָט דער רויט־האָריקער אויספאָרשער צוריק איבערגענומען זיין פּאָזיציע. ער איז געווען אויפגערעגט. פון נערוועזיטעט האָט ער געקעמט מיט די פינגער זיינע רויטע איבערגעלייגטע פּאַסמעס האָר. ער האָט געווּסט, אַז איך זאָג ליגן און דאָך איז ער געווען אַנמעכטיק אַרויסצופּרעסן די מינדעסטע אינפאָרמאַציע. די ענגלענדער זענען, קענטיק, נאָך נישט אומשטאַנד צו באַשאַפן אַ געזעץ, וואָס זאָל צווינגען זייערע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן צו ווערן מוסרים און אינפאָרמירער. אין זיין אומבאַהאָלפנקייט האָט דער אויספאָרשער געפּרוּווט מיר אַ שטאָך צו טאָן, מיך צו באַליידיקן. אפשר וועט דאָס מיך רירן. ער האָט גערעדט קוקנדיק סיי אויף מיר און סיי אויף זיין סעקרעטאַר:

— וואָס פּאַראַ געשיכטע וועט איר שרייבן פאַר אייערע לייענער, אַז איר ווייסט נישט קיין שום דעטאַלן וועגן דער רייזע? אַ שיינער קאָרעספּאָנדענט! איך אַליין וואָלט געקענט זיין אַ בעסערער צייטונגס־מענטש.

— אַז איר האָט אַזעלכע אַספּיראַציעס, איז טאַקע אַ שאָד, וואָס איר פאַרשווענדט אייער צייט אויף אַזאַ אָרעמער, אומדאַנקבאַרער אַרבעט ווי אויספאָרשן פאַרעקשנטע אַרעסטאַנטן.

ער האָט נישט געענטפערט. ער האָט געקלאַפּט מיט זיין בלייפעדער איבער די ליפּן און מיך באַטראַכט. דער פאַרמעסט מיט די בליקן האָט לאַנג נישט געדויערט. איך אַליין האָב איבערגעריסן דאָס שווייגן. איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף זיין סעקרעטאַר, וועמעס פינגער האָבן נישט געהאַט וואָס אויסצופּויקן אויף דער שרייב־מאַשין און געזאָגט:

— דזשענטעלמען, לאָמיר דאָס מאַכן קלאָר, ווי מעגלעך. אויב איר זוכט אַרויסצוקריגן פון מיר אינפאָרמאַציע, האָט איר נישט געטראָפן דעם פּאַסיקן מענטשן. איר פאַרשטייט דאָך געוויס, אַז ווען איך זאָל אפילו האָבן אַ וועלט מיט דעטאַלן, וועל איך נישט זיין פאַר אייך קיין אינפאָרמירער. מיין אויפגאַבע איז ווי פאַר אַ צייטונגס־מענטש — אַ ריין זשורנאַליסטישע און פאַר אַ ייד — אַ דערהויבענע. מיין צייטונג האָט מיר געגעבן אַ שליחות מיטצוגיין דעם לאַנגן יסורים־וועג פון די אומגליקלעכסטע מענטשן אויף דער ערד. איך האָב געזען ווי די געיאָגטע און געפּלאָגטע רייסן זיך אַרויס פון אַ קאָנטינענט, וואָס איז פאַר זיי פאַרוואַנדלט

געוואָרן אין אַן אומענדלעכן בית עולם... מוז מען דווקא זיין אַ ייד, כדי מיטצופילן זייערע יסורים? און מוז מען דען דווקא זיין אַן ענגלענדער, כדי זיך צו שפּילן מיט טרוקענע, פאָרמעלע פּראָטאָקאָלן וועגן זייער יסו-רים-וועג?

— מיר האָבן אויך איינזען מיט די ליידן פון די פּליטים — האָט דער אויספאָרשער געזאָגט — אָבער מיר קוקן אויף דעם פּראָבלעם נישט ווי יידן, נאָר ווי מענטשן...

— פופצן הונדערט פּאַסאַזשירן האָבן די זעלבע ווערטער געהערט דורך אַ מיקראָפאָן, וואָס איז געקומען פון אייערם אַ קריגס-שיף אינמיטן ים... די זעלבע פראַזע: „מיר סימפּאַטיזירן מיט אייערע ליידן"... אָבער מיט אַ בייזן צוליינג: „איר טאָרט נישט לאַנדן אין ארץ ישראל אומלע-גאַל"... „אַלע געזעץ-ברעכער וועלן באַשטראָפט ווערן"...

— אומלעגאַלע אימיגראַנטן זענען געזעץ-ברעכער! — האָט דער אויספאָרשער טראַציק געענטפערט — האָט איר וועגן דעם קיינמאָל נישט געטראַכט?

— אויב יידישע אימיגראַנטן און די וועלכע פירן די אימיגראַנטן ברעכן די בייזע געזעצן, וואָס פאַרשפּאַרן די וועגן צו זייער לאַנד, דאַן טוען זיי אַ גרויסע היסטאָרישע שליחות. זיי שלעפּן אַרויס איין אָרעמע שיף נאָך דער אַנדערער פון דעם אייראָפּעאישן גהינום צום צוגעזאָגטן לאַנד. און אויב אין אייער שטייפן שפּראַך-טערמין הייסט דאָס אַ קרימי-נעלער אַקט, וועלן זיי ווייטער באַגיין אָט די קרימינעלע אַקטן פון אָנלאָדן שיפן מיט יידן קיין ארץ ישראל.

— איר הויבט אָן רעדן אָפענער! — האָט דער רויט-האָריקער אויס-פאָרשער געשמייכלט — און איר ווייסט דאָך געוויס, אַז ביז איצט זענען אַריינגעבראַכט געוואָרן אַ דרייסיק שיפן מיט צוואַנציק טויזנט אימיגראַנטן.

— פאַר אייער אינפאָרמאַציע, סער, מוז איך זאָגן, אַז אייער רעכע-נונג שטימט נישט. אין די ציפערן בין איך דווקא געניט. נישט אַלע שיפן ווערן דורך בריטישע קריגס-שיפן געכאַפּט... פאַראַן פריילעכע אויסנאַמען און גליקלעכע לאַנדונגען. די סטאַטיסטיק ווייזט, אַז מיר האָבן שוין אַריינ-געבראַכט קנאַפּע פערציק שיפן מיט אַריבער זעכציק טויזנט יידן...

דער גרימאַס אויף דעם ענגלענדערס פּנים האָט געוויזן איבערראַשונג. זיינע בליקן זענען געוואָרן צוגעלאָזענע, ווייכע. אָבער דער ווייטערדיקער שמועס האָט צו קיין בעסערע רעזולטאַטן נישט געפירט. אַליין אַן אויסגעשעפּטער, אַ מידער האָט ער אויפגענומען מיין געבורט־דאַטע, רעזידענץ־אָרט, עלטער, בירגערשאַפט. ער האָט איבערגעלייענט פאַר מיר דעם טרוקענעם ראַפּאָרט און מיך געבעטן איך זאָל אונטערשרייבן.

ער האָט מיר נאָך אָנגעבאָטן אַ סיגאַרעט מיט דער פאַרזיכערונג, אַז דאָ, אין זיין ביוראָ, מעג איך רויכערן. טאָ זאָל איך זיך אָנשטאָפּן מיט רויך, איידער איך גיי צוריק אין מיין פאַרהעמערטער קאַמער. איך האָב זיין אָנבאָט נישט אָנגענומען.

דער סעקרעטאַר האָט מיך אָנגעקוקט מיט שטוינונג און דערנאָך האַלב שמייכלענדיק, האַלב באַדויערנדיק געזאָגט:

— וואָס פאַרא לעבן! נאָך אַלעמען מוז זיין אינטערעסאַנט פאַר אַ זשורנאַליסט צו פאַרברענגען אַ שטיקל צייט אין תפיסה...

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

גנבה און קאָרופּציע אין דער תפיסה

דעם זעלבן פאַרנאַכט ווען כ'בין צוריקגעקומען פון דער אויספאָרשונג, האָט אין תפיסה־הויף זיך באַוויזן אַן אומגעריכטער גאַסט. דער רעגירונגס־דאָקטאָר, וואָס איז ממונה איבער די תפיסות, איז געקומען אויף זיין וועכנטלעכן קאָנטראָל־באַזוך. איך האָב זיך דערפרייט וואָס אַ פרעמד פּנים געפינט זיך צווישן די תפיסה־ווענט. כ'האָב עקשנותדיק געזוכט קאָנטאַקט מיט מענטשן פון יענער זייט מויער און געוווסט, אַז יעדער באַזוכער ווערט אומדירעקט אַ שליח, אַ פאַרבינדער מיט דער דרויסנדיקער וועלט.

דער דאָקטאָר, אַ נידעריקער, אַ גרויער, מיט דעם טיפּישן געשטעל פון אַן אַלטמאָדישן טערקישן באַאַמטן, איז אָבער געווען אַ ספרדישער ייד. פאַרבייגייענדיק אונדזער קאַמער האָט דער אירלענדישער סערזשאַנט, דער

באַלעבאָס פון דער תפיסה, וואָס האָט אים באַגלייט פון איין קאַמער צו דער צווייטער, געוואָלט אויסמיידן די טיר נומער 20. כ'האָב אים אַ רוף געטאָן דורך די קראַטעס. אַלץ אין מיר איז געווען אָנגעלאָדן מיט טענות און געזוכט אויסדרוק.

אַז די טיר פון דער קאַמער איז געוואָרן אויפגעריגלט, זענען אויף דער שוועל געשטאַנען דריי: דער דאָקטאָר, דער סערזשאַנט און דער אַראַ־בישער וועכטער. דער סערזשאַנט, אַן אויפגערעגטער, איז פאַרלאָפן דעם וועג און מיך געפרעגט:

— איר ווילט ווידער מאַכן אייערע אָנקלאַגעס?

— יאָ, אָבער דאָס מאָל צום דאָקטאָר — האָב איך געענטפערט.

— איר זענט אַן אויסלענדער? איר קענט רעדן וועלכע שפּראַך איר ווילט. ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש, העברעאיש — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט אַ שמייכל.

כ'האָב אויסגעקליבן העברעאיש.

— כ'וויל מאַכן מיינע אָנקלאַגעס, דאָקטאָר. כ'בין אַן אַמעריקאַנער בירגער און כ'וואַרט אויף דעפּאָרטאַציע. אָבער די באַהאַנדלונג דאָ איז אוממענטשלעך. כ'פאַסט שוין צוויי טעג. מען פאַרווערט אַריינצוברענגען שפּייז און מען לאָזט מיך נישט קומען אין קאָנטאַקט מיט מיין קאָנסול.

דער דאָקטאָר האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם סערזשאַנט, ווי ער וואָלט געזוכט אַ באַשטעטיקונג אָדער אָפּלייקענונג פון מיין אָנקלאַגע. דער סערזשאַנט האָט אָנגעהויבן זיין פּזמון:

— זינט דעם אויפריים אין עכו, טאָר מען נישט אַריינברענגען קיין שפּייז פאַר יידן.

— אָבער דער דזשענטעלמען איז אַן אויסלענדער — האָט דער דאָק־טאָר אָנווייזנדיק אויף מיר, לייכט פּראָטעסטירט — און ער איז באַרעכ־טיקט צו פאָדערן עסן פון דרויסן... חוץ דעם האָט ער אויך די פּריווילעגיע צו זען זיין קאָנסול.

— אָבער דאָקטאָר, ווער וועט אים אַריינשיקן עסן? די יידישע אַגענ־טור? דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן. כ'קען נישט דערלויבן קיין קאָנטאַקט פון דער אַגענטור מיט די יידישע אַרעסטאַנטן. און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם

קאָנסול — עס זענען שוין געווען פריער אין תפיסה צוויי אַמעריקאַנער און דער קאָנסול האָט פון זיי געהאַט בלויז קאָמפּוייטיק... ער הייסט זיי נישט פאָרן אויף „אומלעגאַלע" שיפן.

— דאָס איז נישט אונדזער אָנגעלעגנהייט, סערזשאַנט — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט. — דער דזשענטעלמען וויל זען זיין קאָנסול — דאַרפט איר פאַר אים מאַכן די פאַרבינדונג. ער וועט אויך אַכטונג געבן אויף דעם שפּייז־פּראָבלעם. און ביז וואָס ווען דאַרף מען פאַר אים ברענגען עסן פון דרויסן. אַרעסטאַנטן טאָרן נישט הונגערן.

— אויב כ'וועל נישט קריגן באַלד מיין מיטאָג פון דרויסן — האָב איך אַ דערמוטיקטער פון דאָקטאָרס רייד געסטראַשעט — וועל איך אָנהייבן פאַרמעל אַ הונגער־שטרייק!

דער סערזשאַנט, אויפגעקאַכט סיי פון דאָקטאָרס אינטערווענץ, סיי פון מיין סטראַשונעק, האָט אָנגעהויבן שרייען:

— אַז איר וועט אָנהייבן אַ הונגער־שטרייק, וועט איר קראַנק ווערן. און אַז איר וועט קראַנק ווערן, וועל איך אייך שיקן אין שפּיטאָל אַריין. איבעריקנס, אַז איר וועט נישט אָפּשטעלן אייערע פּראָטעסטן, וועל איך אייך נאָך היינט נאָכמיטאָג אַריבערפירן קיין עכו! איר זענט דער ערשטער אַמעריקאַנער, וואָס מאַכט מיר אָן אַזוי פיל צרות... עס זענען געווען פאַר אייך צוויי אַמעריקאַנער. זיי זענען געזעסן צו חודש יעדער איינער. אַ פראַנצויזישן זשורנאַליסט האָב איך געהאַלטן דאָ דריי און צוואַנציק טעג. קיינער פון זיי האָט זיך נישט באַקלאָגט... איך האָב קעגן אייך אָן אַרעסט־באַפעל אויף זיבן טעג. אָבער אַז איר וועט זיך נישט אויפפירן גוט, וועל איך זען, מען זאָל אַרויסגעבן אַן אַרעסט־באַפעל אויף נאָך זיבן טעג, דערנאָך אויף נאָך פופצן טעג...

— איז עס אין אייער מאַכט צו הייסן אַרויסגעבן צוגאָב־אַרעסט־באַ־פעלן? — האָב איך געפרעגט — אָדער איר זענט בלויז דער אויפזעער איבער דער תפיסה? איר פירט בלויז דורך באַפעלן — ווי איר האָט מיר נעכטן געזאָגט?

— איר וועט שוין זען מיין מאַכט! — האָט דער סערזשאַנט, אַ צע־פלאַמטער געוואָרנט.

דער דאָקטאָר אַביסל אומגעדולדיק, וואָס דער שמועס גייט איבער אין א הייסן, פערזענלעכן שטרייט, האָט געפרעגט מיינע יידישע שכנים:

— וואָס איז מיט אייערע קאָלדרעס? זענען פאַראַן לייז?

— גאַנצע אַרמייען! — האָט איינער פון די אַרעסטאַנטן, גבריאל, געענטפערט.

— זיי פלאָדיען זיך, אַז מען קען דאָ אָוועקשווימען! — האָט אַ צווייטער אַריינגעוואָרפן.

דער סערזשאַנט האָט נישט פאַרטראָגן די חוצפה און זיך גענומען היצן:

— כ'האָב אַריבער הונדערט און ניינציק אַראַבער אין דער תפיסה און קיינער פון זיי באַקלאָגט זיך נישט אויף לייז. און איר יידן, נאָר איר זוכט פון אונטער דער ערד אַרויס טענות!

— אָבער מיר האָבן זיי, די לייז! — האָבן די אַרעסטאַנטן טראָציק געענטפערט.

— טאָ, וואָס ווילט איר, זאָל איך מיט די לייז טאָן? כ'זאָל זיך אַוועק־שטעלן און זיי אַראָפּקלייבן פון אייערע לייבער?

דער ציניִשער זאָג איז נישט געגוג געווען פאַר אים. דער סערזשאַנט וואָס האָט געהאַט אַ טבע צו באַשטעטיקן אָנקלאַגעס און באַלד דערנאָך זיי אָפּצולייקענען האָט זיך צעשריגן:

— איר זאָגט אַלע ליגן! איר האָט נישט קיין לייז! אַנו ווייזט מיר, ווייזט דעם דאָקטאָר, ווו האָט איר אייערע לייז?

איין אַרעסטאַנט איז אַרויסגעטראָטן. ער האָט בלויז באַוויזן אויפ־צוהייבן דאָס דינע העמדל אויפן לייב און אַ לויז, גרויס ווי אַ וואַנץ, איז אַרויסגעקראָכן. די אַרעסטאַנטן האָבן אָנגעקוקט דעם סערזשאַנט. דער סערזשאַנט — דעם דאָקטאָר. און דער לעצטער האָט געזאָגט:

— איר וועט מאָרגן מאַכן אַ גרינטלעכע דיזענפעקציע. איר זאָלט נישט קאָרגן קיין דע־דע־טע. און אַז דאָס וועט נישט העלפן — שאַפט פאַר זיי נייע קאָלדרעס.

דער דאָקטאָר האָט זיך געלאָזט צום אויבערשטן שטאָק, ווו עס זיצן די פרויען אַרעסטאַנטקעס. איך האָב באַוויזן צו אים אַ שעפּטשע טאָן, ער

זאָל נישט פאַרגעסן צו האַלטן זיין צוזאָג און באַפעלן אַריינצולאָזן שפּייז, אינפאָרמירן דעם קאָנסול. פּונקט דעמאָלט האָט מען די אַרעסטאַנטן אַרויס־געלאָזט אין הויף צו קריגן זייער דריטע מאָלצייט, דאָס נאַכט־עסן. דאָס געריכט איז באַשטאַנען איצט פון אַ שוואַרצער פּיטע מיט אַ פערטל שי־סעלע פון אַזאַ ברוינער, קלעבעדיקער פליסיקייט, וואָס הייסט „דיבעס“. דאָס ביסל זיסע פליסיקייט, וואָס האָט צוגעדעקט דעם דנאָ פון דעם שי־סעלע און געדאַרפט נערן די מענטשלעכע ענערגיע פאַר די קומענדיקע פערצן שעה, האָט געזאָלט קלעקן פאַר פיר אַרעסטאַנטן.

דער גנבדיקער סערזשאַנט האָט מיט אַלע כוחות געאַרבעט מען זאָל צוריקהאַלטן דאָס אויסטיילן דאָס נאַכט־עסן, ביז דער דאָקטאָר וועט אַוועק. ווי אַ ביין אין האַלדז איז אים דער דאָקטאָר געשטאַנען. ער האָט געוווּנ־קען צום קוכער, צום אַראַבישן אויפזעער. זיי האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן געקענט. אָבער צוריקהאַלטן די פּרעסערס פון די שיסלען איז זיי נישט געלונגען. די אַלטע תושבים אין דער תפיסה האָבן געוווּסט, אַז ס'איז שוין נאָך פיר אַזייגער. און מעג דער אַרעסטאַנט זיין וואָס נאָר אין קאָרט — אַ געלט־פעלשער, אַ כאַשיש־הענדלער, אַ רוצח — קומט אים דער כזית פּרעס אין צייט.

עס איז די אַראַבישע קנעכטישע וועכטער געלונגען צוריקצושטופּן די אַרעסטאַנטן מיט די שיסעלעך טיף אין הויף אַריין. און דער דאָקטאָר איז שוין געווען ביי די פּראָנט־טרעפּ, גרייט אַרויסצוגיין. נאָך מיין שמועס מיט דעם סערזשאַנט האָב איך אים נישט געקענט פאַרגינען, אַז דאָס מאַרוויכעריי זאָל אים אַזוי גלאַט אָפּגיין. כ'האָב אַ כאַפּ געטאָן אַ שיסעלע מיט דער זיסער פליסיקייט און רוקנדיק זיך פאָראויס, נאָך באַוויזן אַ רוף צו טאָן דעם דאָקטאָר אויף צוריק.

דער דאָקטאָר האָט זיך אויסגעדרייט און איך האָב צו אים זיך דער־נענטערט מיט אַ פראַגע:

— גלויבט איר, דאָקטאָר, אַז דאָס שיסעלע אַנטהאַלט גענוג שפּייז פאַר פיר מענטשן?

דער דאָקטאָר האָט אויסגעזען צו זיין אין פאַרלעגנהייט. אַזעלכע פראַגן שטעלט מען אויפן אויער, אין די ביוראָס פון געזונטהייטס־אַמט,

אין לאַבאָראַטאָריע, ווו מען וועגט און מעסט די פּאַרציעס פאַר די אַרעס־טאַנטן, אָבער נישט בקול רם אויפן תפיסה־הויף. פונדעסטוועגן האָט ער אַ נעם געגעבן דאָס שיסעלע אין האַנט, ווי ער וואָלט אָפּגעשאַצט די וואָג דערפון און געזאָגט:

— וויפל וועגט עס? עס דאַרף האָבן 400 גראַם...

ער איז שנעל אַריינגעגאַנגען אין דער לאַבאָראַטאָריע זוכן אַ וואָג. דער סערזשאַנט וואָס האָט עס באַמערקט, איז אים נאָכגעגאַנגען. זיי ביידן איז נאָכגעלאָפן דער אַראַבישער וועכטער. אַלע דריי האָבן זיך לאַנג גע־זאַמט און ווען זיי זענען צוריק אַרויסגעקומען, איז דעם דאָקטאָרס אור־טייל געווען:

— עס פעלן הונדערט און פופציק גראַם!

ווער עס גנבעט יעדן טאָג פון די שיסעלעך, וואָס דאַרפן באַשפּייזן צוויי הונדערט אַרעסטאַנטן אין דער חיפהר תפיסה איז נישט געוואָרן גלייך אַנטדעקט. אָבער אַז עס ווערן געגנבעט יעדן טאָג הונדערט און פופ־ציק גראַם פון יעדן שיסעלע אַרויס און די גנבה גייט שוין אָן מסתמא חדשים אָדער יאָרן — דאָס איז געוואָרן באַשטעטיקט. און באַשטעטיקט דורך אַ צופאַל. די האַנט וואָס גנבעט ווערט באַלוינט. די פיר מיילער, וואָס דאַרפן עסן פון דעם שיסעלע ווערן פאַרהונגערט, ווערן אויסגעריסן.

אין אָנגעזיכט פון דער אַנטדעקטער גנבה האָט דער שר פון דער תפיסה געוואָרטשעט פון צאָרן. דער אַראַבישער שמש איז אים נאָכגע־לאָפן אַ דערשוויצטער. דער דאָקטאָר האָט אין ביידן אַריינגערעדט האַס־טיק און אויפגערעגט. דערנאָך איז ער צוגעקומען צו מיר און געזאָגט:

— ס'איז געווען בלויז צו 250 גראַם אין אַלע שיסעלעך. די רעגי־רונג צאָלט פאַר 400 גראַם. מאָרגן וועט עס שוין האָבן די ריכטיקע וואָג...

בשעת דאָס אָפּוועגן די שיסעלעך, דאָס נאָכלויפן פון סערזשאַנט און דאָס שוויצן פון דעם אַראַבישן פּאָליציאַנט איז אָנגעגאַנגען, זענען די אַראַ־בער מיט די ביסנס אין די מיילער געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ווי צו אַ „פאַנטאַזיע", ווי צו אַן אַראַבישער פאַרווייליונג. און נאָכדעם ווי דער דאָק־טאָר איז אַוועק האָבן הייפלעך זיך גענומען צוריקן און מיך גראַטולירן.

דער כאַשיש־הענדלער מיט דעם אויסגעשטאָפּטן בייכל, אָנגעטאָן אין

א פאר רויטע פיזשאמעס און א געלן קאפל אויפן קאפ, האט געלאסן און בנעימותדיק מיר אריינגעשטעקט זיין ווייכע האנט.

— אינטי קואוים, כאוואדזשא! כולא פאלאסטין־אראב זופט! (דו ביסט אויסגעצייכנט! אלע ארץ ישראלדיקע אראבער טויגן אויף כפרות!).

א צווייטער אראבער, א געוועזענער־שמוגלער פון עבר־הירדן האט גע־קלאפט מיט פינף פינגער פון איין האנט אויף דער דלאניע פון דער צווייטער האנט און זיך געהיצט:

— ווו זענען אונדזערע קעפ, חמורים? אז מיר זעען גארנישט וואס עס טוט זיך דא! ס'האט געמוזט קומען אן אמעריקאנער כדי צו אנטדעקן אז אונדזערע קאלדרעס זענען פול מיט לייז און אז מען באגנבעט אונדזער שפייז...

א דריטער אראבער, דער סירישער שניידער פון דער תפיסה האט געליארעמט:

— אז זיי האבן מורא, די שעפסן! נאך איידער דער דאקטאר איז אריין אין דער קאמער, האט דער בריטישער סערזשאנט שוין אריבערגע־וואנקען צו אונדז פון הינטער זיינע פלייצעס, אז מיר זאלן שווייגן, זיך נישט באקלאגן... און מיר, שעפסן, האבן געפאלגט!

באלד האט זיך ארגאניזירט א באוועגונג ארויסצורופן א שטרייק אין תפיסה. וואס פאר א שטרייק? נישט קיין הונדערט־פראצענטיקער הונגער־שטרייק, נאר א דורשט־שטרייק. דאס הייסט, מען זאל נישט אנרירן דעם טיי צומארגנס אינדערפרי, ביז וואנען מען וועט נישט פארברענען אויפן הויף אלע לייזיקע קאלדרעס. עס זענען געבליבן בלויז צען מינוט צו גע־ניסן פון דער הויף־פרייהייט, אבער די ארגאניזאטארן האבן געשושקעט אין די אויערן, געלאפן פון איינעם צום צווייטן און געהעצט. אויך די יידישע קאמער נומער 20 האט געדארפט מיטהאלטן מיטן שטרייק. דאס שלאג־ווארט איז געווען: איינער פאר אלע און אלע פאר איינעם!

כ'האב געקוקט אויף די רעוואלטירנדיקע אראבער און געשמייכלט. איך קען מוכאמעדן. איך קען ישמעאלס בונטארישקייט. כ'האב געוווּסט אז דער טומל איז אנשטעל. נישט נאר וועלן די „רעוואלוציאנערן" יא טרינקען דעם טיי, נאר זיי וועלן עס אויסזופן ביז צום דנא. און אז מען

זועט אזא רעוואָלוציאָנער פרעגן אויף אינפאָרמאַציע, וועט ער זיך פאַר־ענטפערן, אַז דאָס האָבן די ייִדן אָרגאַניזירט דעם בונט...

כ'האָב באַשלאָסן זיך אָפּצוזונדערן פון די פאַלשע אויפשטענדלער.

מיין פאַרדאַכט האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען געהערט איבער דעם לאַנגן באַלקאָן דאָס מאָנאָטאָנע קלינגען פון די בלעכענע טעפּלעך. מען האָט געהערט דאָס הויכע זופּן פון די בני־ישמעאל. קיין אָנצוהערעניש פון רעוואָלט. קיין פּיפּס פון ווידערשטאַנד.

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

ייִדישע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן ווערן פאַרהונגערט

דער דורכפאַל פון דעם בונט ביי די אַראַבישע אַרעסטאַנטן איז פאַר מיר נישט געווען קיין איבערראַשונג. פאַר מיר איז אָבער יאָ געקומען אַן אַנדער איבערראַשונג — אין יענעם טאָג — וואָס האָט מיך געהאַלטן אַ היפּשע צייט פאַרחידושט.

באַלד נאָך דעם פרימאָרגן־טיי האָט אין די קראַטעס פון דער קאַמער־טיר זיך באַוויזן דער קאָפּ פונעם תפיסה־סערזשאַנט. ער האָט אַריינגעוואָרפן אַ פּעקל סיגאַרעטן, צוויי העברעאישע צייטונגען און צו מיר גערעדט אין אַ מעסיקן טאָן, וואָס האָט גאָרנישט האַרמאָניזירט מיט זיין אירלענדישן טעמפּעראַמענט. ער האָט אַריינגעשאָטן פיר בשורות מיט־אַמאָל:

— איך האָב אָנגעקלונגען אין דעם אַמעריקאַנער קאָנסולאַט... אַכט אַזייגער וועט דער אַדוואָקאַט פון דער ייִדישער אַגענטור אייך זען... אָנביסן וועט איר באַלד קריגן פונעם רעסטאָראַן... אויב איר ווילט, קענט איר שפּעטער אַראָפּקומען אין מיין ביוראָ און זיך אָפּראַזירן...

אַזוי פיל קאָנצעסיעס אויף איין מאָל פון אַזאַ דעספּאָטישן טשינאָווניק איז געווען אַביסל צופיל. אָבער ער האָט געהאַלטן וואָרט. אַכט אַזייגער איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אַ קויש עסן פונעם נאָענטסטן רעסטאָראַן. עס איז געווען מילך, אייער, ווייס ברויט, פּוטער, קעז און מאַרמע־

לאַדע. די תפיסה־פּאָליציאַנטן האָבן צענומען יעדעס שטיקל שפּייז, גענישטערט, געזוכט בריוולעך, געזוכט אויפבריים־שטאָף. די שפּייז איז געוועזן אויסשליסלעך פאַר איין פּערזאָן — פאַר דעם אַמעריקאַנער. אין אונדזער קאַמער זענען געווען זעקס פאַרשוין. מיינע שכנים האָבן געוואַרט מיט מיילער פול סלינע און די חלוקה איז געווען אַ גלייכע און גערעכטע.

אפיציעל איז די שפּייז באַשטעלט געוואָרן דורך די אַדוואָקאַטן פון דער „יידישער אַגענטור". לויט דער פאַראָרדענונג האָט פון דעם גוטס געמעגט געניסן בלויז איינער, דער אַמעריקאַנער. דער סערזשאַנט האָט אפילו זיך געשראָקן פאַר די שעדלעכע רעזולטאַטן. זיין ציכטיק געוויסן האָט אים נעבעך געפּייניקט, טאָמער וועט דאָס עסן פון איין יידישן אַרעסטאַנט אַרויסרופן אייפערזוכט ביי די אַנדערע. אָבער ווען מיר אַלע זענען אַריינגעגאַנגען אָפּהאַלטן די קאָנספּיראַטיווע סעודה אין דער פּראָוויאַנט־קאַמער — אין יענער קאַמער, ווו די תפיסה־שפּייז ווערט דורך די באַאַמטע געגנבעט און געטיילט — האָט דער סערזשאַנט זיך געמאַכט נישט זעענדיק.

דאָס איז ס'ערשטע אויסצייכנונגס־בענדל, וואָס עס קריגט פון מיר דער קאָרומפּירטער אירלענדער, דער שר פון דער בריטישער תפיסה אין חיפה.

נאָכן פרישטיק איז געקומען דער מאָרגן־שפּאַציר. די שכנים פון דער יידישער קאַמער נומער 20 זענען געווען אויפגעהייטערט. און שפּאַנענדיק איבער דעם תפיסה־הויף האָט מען היים דעבאַטירט ישוב־פּראָבלעמען. די דיסקוסיעס זענען אָנגעגאַנגען מיט אַזאַ ברען, ווי מען וואָלט זיך נישט געפונען צווישן תפיסה־ווענט, נאָר אויף דער רוישיקער אַלענבי־גאַס אין תל־אביב אָדער בן־יהודה־גאַס אין ירושלים. דער מיטגליד פון פּלמ"ח האָט אָנגעוויזן אויף די אומגעהויערע שוועריקייטן פון די נייע איבערזידלער אין די נייע צעוואָרפענע פונקטן. זיי שטייען אויף דאָפּלטע פראָנטן. חוץ זייער טעגלעכע אַרבעט אויפן פעלד ווי ערד־מענטשן, מוזן זיי באַשיצן זייערע פונקטן קעגן ענגלישן טעראָר און פּראָוואָקאַציע. ער האָט דערמאָנט די העראָאישע קאַמפּן פון בירה, ווו צוויי אומגלייכע כוחות —

דאָס ענגלישע מיליטער און דער ישוב — האָבן זיך פאַרמאָסטן. און דער שוואַכערער כוח — דער גערעכטער — האָט געוווּנען.

בירה סימבאָליזירט די יידישע אַנטשלאָסנקייט און דעם יידישן אויסדויער.

דער אַרעסטאַנט דוד בוזאַגלאָ, שטעלט מיט זיך פאָר אַ מעסיקן צווישן די קנאים. ער רעדט געלאַסן. ער וויל איבערצייגן זיין קעגנער אָדער צוהערער מיט חנעוודיקע פּראָזן. ער באַמיט זיך צו געווינען אַ דיס־פּוט מיט לאָגיק און שיקול־הדעת. זיינע שאַרפזיניקע טענות זענען באַ־גלייט מיט פאַרגלייכן. ער זאָגט:

— אין תוך זענען מיר, אצ״ל, אויך קעגן טעראָר לשם טעראָר. אָבער פאַראַן צייטן אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק, ווען דאָס באַנוצן זיך מיט גרוייזאַמע אַטאַקעס איז אומפאַרמיידלעך. מיר ווענדן אָן דאָס געווער קעגן דעם אָקופּאַנט, ווייל ער וויל פאַרטיליקן דעם ישוב. דער שונא איז ברוּ־טאַל און מיר ענטפערן מיט ברוטאַליטעט... און צי האָט דען אַמעריקע נישט באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט דער אַטאָם־באָמבע קעגן יאַפּאַן, ווען ס'איז געקומען דער מאָמענט פון אַנטשיידונג? און וואָס זענען געווען די רעזולטאַטן פון דער אַטאָם־באָמבע? — דער סוף פון דער מלחמה און די איינשפּאָרונג פון אַ מיליאָן אַמעריקאַנער לעבנס!

קען אַזאַ אַרגומענטאַציע איבערצייגן? איז ארץ ישראל איצט אין דער פּריווילעגירטער לאַגע צו קענען טאָלערירן טעראָר קעגן אָקופּאַנט?

אין אָנזיכט פון די הייסע דעבאַטן אויפן תפיסה־הויף ווערן אויס־גערינגען די יחיד־טענות פון דעם פאַרהייראַטן ספרדישן יונגנמאַן, דעם פאַרזעענעם אַרעסטאַנט, וואָס האָט אויסגעקליבן צו פאַרברענגען אין דער קאַמער, ווייל ער וויל נישט צאָלן קיין געלט־שאָדן זיין שלעכט ווייב. עס ווערן אויך אויסגערינגען די דערקלערונגען פון גבריאלן, אַז אין פעלשן טשעקן, כדי צו פינאַנסירן טעראָר־אַקטן שטעקט מסירת־נפש און נאַ־ציאָנאַלע גבורה.

די דעבאַטן האָבן זיך געצויגן ביז מען האָט די אַרעסטאַנטן צוריק־געטריבן אין די קאַמערן.

אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט מען מיך אַראָפּגעפירט אין דער קאַנצע־

לאַריע. דאָרט האָט געוואַרט אויף מיר דער אַדוואָקאַט, וואָס רעפּרעזענ־טירט די יידישע אַגענטור. אַ האַרציקער שמייכל, אַ פעסטער האַנט־דרוק ביים באַגריסן זיך און ער האָט מיר פאַרגעלייגט זיין גאַנץ שאַכטל סי־גאַרעטן. איך האָב אים נישט געדאַרפט דערציילן מיינע שוועריקייטן ביים קריגן קאָנטאַקט נאָך דריי טעג פון געצוואונגענער איזאָלאַציע. ער איז גע־ווען גוט אינפאָרמירט וועגן יעדער איינצלהייט. ער האָט מיר דערציילט, אַז די ערשטע זאָרג פון דער יידישער אַגענטור איז געווען מיך אַרויסצור־נעמען אויף קויציע, כ'זאָל זיך קענען באַוועגן פריי ביז צום טאָג פון דער דעפּאָרטאַציע. דער ערשטער פּרווו איז דורכגעפאַלן. אויך דער אַמערי־קאַנער קאָנסול אַרבעט אין דער ריכטונג. אויב דאָס וועט מיר געלינגען, וועל איך האָבן די מעגלעכקייט אַריינצופאָרן קיין תל־אביב און זען מיינע פאַמיליע־מענטשן, זען מיין שטאָט, מיינע גאַסן וואָס כ'האָב אַמאָל גע־האָלפן פלאַסטערן, מיינע גערטנער וואָס כ'האָב געהאָלפן פלאַנצן.

דערווייל — גיט איבער דער אַדוואָקאַט — זאָרגט מען, אַז כ'זאָל קריגן פון דרויסן די טעגלעכע שפּייז. דאָס עסן דאַרף דערהאַלטן דעם גוף און אויך די נשמה — דאָס ביסל קוראַזש, וואָס איז אַזוי נויטיק אין דער בריטישער תפיסה. עס איז מיר נישט דערלויבט געווען אוועקצושיקן קיין בריוו אָדער טעלעגראַמעס. איך האָב אָבער געקענט זיך פאַרשטענדיקן דורך מיין אַדוואָקאַט. און כ'האָב אים געגעבן דעם טעקסט פאַר די טעלעגראַ־מעס צום „מאָרגן זשורנאַל", צו מיין פאַמיליע אין ניו־יאָרק און צו מיינע משפחה־מענטשן אין תל־אביב. אין פאַרלויף פון צוואַנציק מינוט האָב איך אויסגעלאָדן אַלע מיינע טענות. כ'האָב געמאָנט, מען זאָל מיר צוריק־געבן מיינע פאַרכאַפּטע מאַטעריאַלן, מיינע פאָטאָגראַפיעס, מיינע פּער־זענלעכע דאָקומענטן. דער אַדוואָקאַט איז אוועק מיט דעם צוזאָג, אַז ער וועט קומען צוויי מאָל טעגלעך.

ווי נאָר כ'בין צוריק אַרויפגעפירט געוואָרן אין דער קאַמער, האָט ביי דער טיר מיך אָפּגעוואַרט דער יידישער פּאָליציאַנט, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל מיך אַריינגעפירט אין דער קאַמער — דער איינציקער יידי־שער וועכטער אין דער תפיסה און ער האָט גערעדט מיט אַ טריאומף־שמייכל:

— נו, ווער האָט זיי געגעבן דער ערשטער צו וויסן וועגן אייך! אינ־דערפרי האָב איך אין גאַס געטראָפן דעם ערשטן יידישן כלל־טוער און אים געפרעגט: דו האָסט שוין געגעסן היינט פרישטיק? יאָ? אין תפיסה זיצט אַן אַמעריקאַנער ייד, אַ שרייבער, דאַרף ער אויך עסן! דער כלל־טוער איז געלאָפן אין איין אינסטיטוציע, פון דאָרט איז מען געלאָפן אין אַ צווייטער אינסטיטוציע, אין דער פּרעסע, אין ועד־הלאומי... און דעם רעזולטאַט זעט איר דאָך! איר זענט אונטער דער אויפזיכט פון דער יידי־שער אַגענטור. און איך טו דאָס נישט פאַר כאַבאַר, ווי די אַראַבישע פּאָ־ליציאַנטן... כ'טו עס אַלס אַ פליכט, כ'טו עס ווי אַ ייד!

אין דרויסן אויף דעם גרויסן באַלקאָן האָבן זיך באַוויזן די דיזענ־פעקציע־באַאַמטע: צוויי מונדירטע אַראַבער באַוואָפנט מיט שפּריצערס און מיט קראַנען פון דע־דע־טע־פּולווער, ווי מיט כלי־משחית. זיי זענען אָנ־געקומען מיט אַזאַ גערודער, ווי מען וואָלט זיך געגרייט אויסצורויכערן דעם בנין. אין דער אמתן האָט מען בלויז דיזענפעקציאָנירט די אַרעס־טאַנטן. איין קאַמער נאָך דער אַנדערער איז געעפנט געוואָרן און יעדער אַרעסטאַנט האָט געקראָגן אַ גרינטלעכע פּולווער־באָד אויפן נאַקעטן לייב, אין די האָר, אין די אויערן, אַפילו אין די גאָזלעכער. איין אַראַבער האָט אָנגעשטעלט די שפּריץ־קאַן אויפן אַרעסטאַנט, ווי אַ פּולעמיאָט און דער צווייטער אַראַבער האָט געדרייט דעם אָדם־נאַקעטן מענטש ווי אַ קאַרו־סעל, אַ קרייז נאָך אַ קרייז...

בשעת דער דאָזיקער אײדעלער סאַניטאַרער באַהאַנדלונג איז גע־שטאַנען דער שר פון דער תפיסה און זיך געשמאָלצן פון הנאה. זיינע גרי־נע אויגן האָבן געלאַכט. זיינע ברייטע נאָזלעכער, זיינע גראָבע ליפּן האָבן געבלאָזן ווי ביי אַ פאַרסאָפּעטער חיה. עס איז נישט געווען קיין ווילן, בעת דער דאָזיקער עקזעקוציע אויסצוראָטן די לייז. עס איז געווען די סאַטיספאַקציע פון אַ סאַדיסט צו זען זיינע אַרעסטאַנטן אין אַ צושטאַנד פון שפלות און דעגראַדירונג.

מיך האָט די דע־דע־טע־דיזענפעקציע אויסגעמיטן. אָבער אָן די פינף אַנדערע יידישע אַרעסטאַנטן האָט ער זיך נוקם געווען. ער האָט געטייטלט מיט אַ פינגער אויף יעדן איינעם און קאָמאַנדעוועט:

— גיב דעם־אַ וואָס מער! ער האָט געוויזן לייז אויף זיין לייב, גיב אים!

— און דעם אַנדערן זשאַלעווע אויך נישט! ער האָט מיך פאַרמסרט פאַרן דאָקטאָר!

ווייזט אויס, אַז דאָס משוגעת ביי דעם תפיסה־הערשער, דעם איר־לענדישן סערזשאַנט איז אין יענער שעה געווען אין פולן שוונג, ווייל ער האָט דעם זעלבן פאַרנאַכט זיך דערטראַכט צו אַ נייעם פּלאַן. ס'איז אים איינגעפאַלן צו זאָרגן אַביסל וועגן דער קערפּער־קולטור פון זיינע אַרעס־טאַנטן. ער האָט נישט פאַרטראָגן, וואָס דער ספּאָרט איז אין זיין מלוכה אַזוי פאַרנאַכלעסיקט און ער האָט באַפוילן אַרויסצופירן אַלע אַראַבישע אַרעסטאַנטן אויף דער תפיסה־טעראַסע, כדי זיי זאָלן זיך אַביסל דורכ־לויפן, דורכרייניקן די לונגען און מסתמא אַנטוויקלען די מוסקולן.

די טעראַסע אין דער תפיסה איז געבויט ווי אַ גאַלעריע אַרום די קאַמערן. די געהאָרכזאַמע אַראַבער זענען געלאָפן, הגם זיי האָבן געקענט זיך אָפּזאָגן פון דעם פאַרגעניגן. פון אָנהויב זענען זיי געלאָפן ווי גע־בויגענע קעמלען. באַלד איז דאָס לויפעניש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צירק־פאָרשטעלונג. גאַנצע פופצן מינוט איז דער הונט־שלענגער געשטאַ־נען מיט אַ שפּיצרוט אין האַנט, געיאָגט די צעיאָכמערטע אַרעסטאַנטן, געשמיסן, אַרויסגעטריבן פון זיי דאָס חיות און געסאָפּעט:

— גיכער! גיכער! פוילע אַזיאַטן!

אַז ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די אַראַבער, איז ער אַריינגעקו־מען פרעגן ביי די יידישע אַרעסטאַנטן צי זיי ווילן דורכמאַכן אַ פערטל שעה ספּאָרט־איבונגען. אַז מען האָט זיין פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן, איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער, אין גרויס פאַרלעגנהייט און געזאָגט:

— וואָס פאַרא פּנים וועט דאָס האָבן? די אַראַבער האָבן דורכגעמאַכט דעם ספּאָרט און די יידן זאָגן זיך אָפּ?...

דאָס עסן איז אַריינגעקומען אין תפיסה צוויי מאָל אַ טאָג. פון דער פּאָרציע וואָס איז געווען באַשטימט פאַר איין פּערזאָן האָבן גענאָסן זעקס אַרעסטאַנטן. מען האָט זיך געטיילט און געגעסן בצמצום. ס'האָט נישט געהאָלפן מיין פאַרלאַנג, מען זאָל אַריינשיקן שפּייז פאַר די איבעריקע

פינף. די תפיסה-ווענטער האָבן נישט דורכגעלאָזט מער ווי פאַר איין פערזאָן.

דעם אדוואָקאַטס וויזיטן זענען געווען טעגלעכע. זיינע דערגרייכונ־גען — קנאַפּע. די ענגלענדער האָבן באַשלאָסן אַז כ׳מוז אויססיצן אין דער תפיסה ביז צום טאָג פון דעפּאָרטאַציע. ס׳איז נאָך געווען אַ מורא, אַז ווען די זיבן טעג אַרעסט וועלן זיך ענדיקן זאָלן זיי נישט אַרויסגעבן אַן אַרעסט-באַפעל אויף נאָך זיבן טעג. גאַנצע פינף טעג האָב איך זיך גע־שלאָגן מיט דער דעה, צי כ׳זאָל רופן מיין משפחה אין תפיסה. עס וואָלט געווען פיינלעך פאַר מיר צו באַגעגענען מיין מאַמע צווישן די תפיסה־ווענט. צען יאָר האָב איך זי נישט געזען. און אוועקגעפאָרן פון לאַנד אָן צו באַגעגענען זי, וואָלט געווען גרויזאַם. מיינע ברידער האָבן געוווסט אַז כ׳בין געכאַפּט געוואָרן פון די ענגלענדער, געמיינט אָבער — לויט די פּרעסע־באַריכטן — אַז כ׳בין אַלץ אין ציפּערן. דאָס קווינקלעניש האָט געמאַטערט. איך האָב געהייסן דעם אדוואָקאַט טעלעגראַפירן צו מיין יינגסטן ברודער, אַז ער זאָל מיך קומען זען.

אויפן זעקסטן טאָג, ווען כ׳בין געזעסן אין מיין קאַמער-איזאָלירט־קייט און אָפּגעוואַרט דעם וויזיט, האָט מיין פאַרשטעלונגס-קראַפט פּלוצים אָנגעהויבן צו אַרבעטן און כ׳האָב דערזען ווי אין תפיסה האָט זיך באַוויזן דער אַמעריקאַנער קאָנסול. ער איז געקומען צו מיר אַזש פון ירושלים. ער איז געווען העפלעך און פאָרמעל. זיין דערשיינונג האָט געזאָלט זיין אַ דערמוטיקונג אין מיין פאַרלאָזנקייט און אַ דערמאָנונג אין מיין נויט־שעה: „פאַרגעס נישט, אַז דו ביסט אַן אַמעריקאַנער. די פאָן פון שטרייפן און שטערן וועט דיך שטענדיק שיצן!"

מיין פאַרשטעלונגס-קראַפט האָט זיך שטאַרקער צעהיצט און געוויזן דעם רעפּרעזענטאַנט פון וואַשינגטאָן אַ פאַרחידושטן, ער האָט בשום אופן נישט געקענט באַנעמען, וואָס האָט געקענט שטויסן אַן אַמעריקאַנער ביר־גער — ווען אַפילו אַ זשורנאַליסט — צו קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אויף אַזעלכע דערנער-וועגן, ווען אַלע לעגאַלע וועגן זענען פאַר אים אָפן?

עס האָט ווייניק געהאָלפן — אין מיין וויטערדיקער פאַרשטעלונג — מיין ענטוזיאַסטישע דערקלערונג וועגן די מעפּילים-שיפן, מיין אויסטיי־

טשונג, אַז די יידישע ים־וואַנדערונגען זענען איינציקאַרטיק אין אונדזער צייט. צו אייניקע עפּיזאָדן האָט מיין אויספּאַנטאַזירטער קאַנסול זיך צו־געהערט מיט דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס מענטשן ווייזן אַרויס צו ראָ־מאַנטישע רייזע־אַוואַנטורעס. ער האָט אַפילו געשטוינט צו וואָס אַ זשור־נאַליסטישע נייגעריקייט קען דערפירן. אָבער דער אויספיר איז געבליבן דער זעלבער. אין זיינע ווערטער האָט זיך איבערגעחזרט די דערקלערונג, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר דער פּרעסע, ווען ער האָט זיך דערוווסט וועגן מיין אַרעסט: „דאָס זענען צו אויסטערלישע אומשטענדן אַז אַן אַמערי־קאַנער זאָל זיך דאָרט געפינען...” דער אַמעריקאַנער ווערט אומעטום רעס־פּעקטירט און קען אומעטום אויסמיידן צרות, אויב ער גייט לויט די ליניעס און שליאַכן, אַזוי ווי זיי זענען אָנגעצייכנט אויף דער לעגאַלער לאַנד־קאַרטע.

אויף דער טונקעלער וואַנט פון דער קאַמער איז מיין אויסגעטראַכטער קאַנסול אויסגערינען. זיין געשטאַלט איז פאַרשווונדן און מיך איבערגע־לאָזט מיט מיינע טראַכטונגען.

איך בין נישט געגאַנגען לויט די אָנגעצייכנטע ליניעס און שליאַכן. אונדזערע מאַטראָזן האָבן געצייכנט אַן אייגענע לאַנד־קאַרטע און אונדזער שיף איז געשווומען אונטער אַ פרעמדן נאָמען און אונטער אַ געבאָרגטער פאָן.

פאַרנאַכט איז אין דער תפיסה געקומען מיך באַזוכן מיין מאַמע, באַ־גלייט פון נאָך משפחה־מענטשן.

עס וואָלט געווען צו פּאַטעטיש און עס וואָלט געשמעקט מיט אַ ווילן צו דראַמאַטיזירן פּערזענלעכע, אינטימע באַגעגענישן, ווען כ'זאָל וועלן שילדערן דעם צוזאַמענטרעף מיט מיין מאַמען, מיט מיינע ברידער און שוועסטער. איך וועל דאָס איבערהיפּן. אָבער איין מאָמענט לאָזט זיך נישט איבערהיפּן. ווען דער אַראַבישער באַוואָפנטער פּאָליציאַנט האָט מיך אַריינגעפירט אין דער טונקעלער אויפנאַם־קאַמער און מיין גוטע, פאַר־עלטערטע מאַמע איז מיר אַקעגנגעלאָפן מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און זיך יאָמערלעך צעוויינט:

— מיין קינד, פאַרוואָס קומט דאָס דיר?

האָט דער וואַכזאַמער ענגלישער סערזשאַנט, וואָס פאַרשטייט גוט יידיש און גוט העברעאיש און וואָס האָט בייגעוווינט די באַגעגעניש — זיכער נישט געקענט געבן אויף איר פראַגע קיין ענטפער.

איך האָב דעם ענטפער געפונען:

— עס קומט מיר, מאַמע. כ'האָב געהאָלפן אַריינברענגען פופצן הונדערט יידן קיין ארץ ישראל...

— זאָל דיך גאָט בענטשן דערפאַר, קינד מיינס! — האָט די מאַמע זיך צעהעשעט.

איך בין זיכער געווען אין יענער רגע, אַז דער שטילער ווונטש פון מיין פרומער מאַמע האָט אָנגעשפּאַרט אין די טויערן פון הימל.

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

פון דער תפיסה צום לופט־פעלד

נאָך עלף טעג זיצן אין תפיסה איז געקומען די צייט פון מיין דעפּאָרטאַציע. דער אַרעסט־טערמין איז אויסגעגאַנגען נאָך מיט פיר טעג צוריק. אָבער עס זענען אַריינגעקומען צוויי טעג שבועות, דערנאָך אַ זונטיק. דער יידישער יום־טוב צוזאַמען מיטן גויאישן רו־טאָג האָבן געשטערט צו דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן און איך האָב געמוזט באַצאָלן מיט נאָך דריי טעג אַרעסט.

אויפן עלפטן טאָג אינדערפרי זענען געקומען דער אַדוואָקאַט פון דער יידישער אַגענטור און אַן ענגלישער ציווילער סערזשאַנט, וואָס האָט געהאַט אַ פּנים פון אַן עכטן אַרמעניער און גערעדט מיט אַ סקאָטלענדישן אַקצענט. ביידע האָבן מיר געזאָגט, אַז אויב מען וועט זיך איילן און עס וועט געמאַכט ווערן אַ רעזערוואַציע אויף אַן אַעראָפּלאַן, וועל איך מיטאָגצייט קענען אָפּפליען קיין קאַירא.

דער ציווילער סערזשאַנט האָט גוטמוטיק דערקלערט:

— דער פּאָרט־אינספּעקטאָר האָט חשק אייך צו האַלטן נאָך פופצן

טעג אין תּפיסה. ער קען — אויב ער וויל — אַרויסגעבן אַ נייעם אַרעסט־באַפעל. איך וואָלט אייך געראָטן איר זאָלט זיך איילן אָפּצופּליען קיין עגיפּטן און אַרויס פון דער צרה...

איך האָב באַשלאָסן זיך צו איילן.

אינמיטן דער איילעניש, בהפזונדיק, פאַרנדיק פון איין פאָרט־ביורא — וואָס איז אַרומגעצוימט מיט רייפן שטעכיקע דראָטן — צום אַנדערן, האָב איך גענאָסן פון די פרייהייט־מאָמענטן. כ'האָב באַוויזן צו כאַפּן בליקן אויף חיפה, וואָס איז געווען פאַרפלייצט מיט זון און בלויען ליכט.

אינעווייניק, צווישן די ווענט פון דער תּפיסה לעבט אַראַביע. די וועכטער, סיי בריטישע, סיי אַראַבישע, — גרויזאַמע סאַטראַפּן. די אַרעסטאַנטן — מיאוסע פּרצופים, מאַסקעס פון באַגדאַד, שאָטנס פון שעכערעזאַדע־מעשיות. און אין דרויסן — דאָס אויפגייענדיקע מלכות־יהודה. אָט איז די הויפּט־גאַס פון חיפה, די דרך־המלכים־אַליי. כּולו יידיש. די געשעפטן, די בענק, די פאַרוויילונגס־פּלעצער, די רעסטאָראַנען. איבער די בערג איז צעוואָרפן דער הדר־הכּרמל — אַ קאַלירפולע פּאַנאָראַמע. מען קען נעמען הערצלס בוך „אַלטנײַלאַנד" און עס נוצן ווי אַ וועגווייזער. דער חוזה, דער שעפער פון פּאָליטישן ציוניזם האָט אין אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט גענוי אָנגעצייכנט די וועגן און סקווערן און לייכטטורעמס, וואָס וועלן באַדעקן דעם פאַרביקן באַרג כּרמל. אויב פאָרשטעלונגס־קראַפט טוט געבוירן פּלענער, איז וויזיע די וואָרהאַפטיקייט אַליין. וואָס פאַראַ אויסטערלישע אימאַגינאַציע! חיפה, דאָס טויער צום עמק איז אויסגעוואַקסן צו אַ מיליטערישן אַרסענאַל, צו אַ ים־פעסטונג פון דער בריטישער אימפּעריע, וועלכע זיצט אויף אַ ווולקאַן, אויף שטעכיקע דראָטן און שרעקט זיך פאַר יידישן אויפריים־שטאָף.

דער ציווילער סערזשאַנט האָט — נאָכן איינמאָנען אַלע זיבעציק אונטערשריפטן און הסכּמות צו מיין דעפּאָרטאַציע — באַשטעלט אַ פּלאַץ אין עראָפּלאַן קיין קאַירע. פאַרוואָס עפּעס קיין קאַירע און נישט גלייך קיין פראַנקרייך? דער אַגענט אין דעם רייזע־ביורא האָט דערקלערט, אַז ס'איז נישטאָ קיין דירעקטע פאַרבינדונג מיט פּאַריז, אַז ס'איז גלייכער כ'זאָל אַרויס פון דער „מאַסכּאַראַ" (צרה) וואָס שנעלער, די ענגלענדער

זאָלן נישט האָבן קיין תירוץ מיך צו האַלטן נאָך א האַלבן חודש אין תפיסה און אָפּשלעפּן דאָס צוריקגעבן מיינע דאָקומענטן.

ס'איז געבליבן אויסצוגעפינען די צייט פון אָפּפאָר. מיין אדוואָקאַט איז געבליבן מיט דעם אַגענט. און ביז דאָס רייזע־ביוראָ וועט קריגן אינ־פאָרמאַציע פונעם לופט־פעלד אין לוד, איז דער סערזשאַנט מיט מיר אַריינגעגאַנגען טרינקען קאַווע אין א ליכטיקן חיפהר קאַפע־הויז.

נאָכן ערשטן זופּ האָט דער גרויסמויטיקער סערזשאַנט, וואָס איז גע־ווען א ווידערשפּרוך צו אַלע ביז איצט באַגעגנטע בריטישע זשאַנדאַרמען, א שמייכל געטאָן:

— דאָס צווייטע מאָל, אַז איר וועט קומען מיט אַן אומלעגאַלער שיף, זאָלט איר זיין העפלעכער מיט די פּאָרט־באַאַמטע...

— העפלעכער?

— פאַר אייער אייגענער טובה.

— וואָס מיינט איר?

— דער פּאָרט־אינספּעקטאָר קען נישט פאַרגעסן, אַז איר האָט אים געענטפערט שאַרף און אויסבאַהאַלטן פון אים נאָטיצן.

— כ'בין מיד געוואָרן צו ענטפערן „יעס, סער" אויף זיינע באַליי־דיקונגען.

— ער איז א האַרטער מענטש און די העכסטע אויטאָריטעט איבער דעם חיפהר פּאָרט.

— דאָס גיט אים נישט קיין רעכט צו פאַרכאַפּן מיינע פּאַפּירן, מאַ־טעריאַלן און פּריוואַטע דאָקומענטן און נאָך באַגלייטן זיין אָרגאַנטע רע־וויזיע מיט זידל־ווערטער אויף אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן.

— ער האָט דאָס פּאָרט געטאָן! — האָט דער סערזשאַנט, וועמען ס'איז נעבעך ביטער צו דינען אונטער אַזאַ באַלעבאָס, געמאַכט א גרימאַסע.

— און דערפאַר שלעפּט ער אָפּ דאָס צוריקגעבן די דאָקומענטן אפילו איצט, פאַר מיין אָפּפאָר?

— כ'קען אויף דעם נישט ענטפערן. מיר וועלן פּרובירן אַרויסקריגן אייערע זאַכן, ווי נאָר כ'וועל וויסן די צייט פון אייער אָפּפלי.

דער סערזשאַנט האָט זיך צוגעבויגן צו מיר. א שמייכל, וואָס קומט

אפילו ביי שטייפע ענגלישע באאמטע אין מאמענטן פון אינטימיטעט, האט זיך צעשפרייט איבער זיין פנים.

— אייער געשיכטע וועט מוזן זיין אינטערעסאנט... ביז איצט זענען אמעריקאנער צייטונגס־מענטשן געקומען אויף לעגאלע שיפן און מיט ווי־זעס אין לאנד אריין. איר האט דאפלטע צרות. א פאסאזשיר אויף אן אומ־לעגאלער שיף און דערצו נאך אן א וויזע...

— כ'האב דערוואַרט צרות — האב איך געענטפערט — אבער נישט אין אזא מאס.

— אין א געוויסן זין איז עס גוט פאר אייך. ס'וועט מאכן אייערע רייזע־דערפארונגען רייכער, אמוזאנטער. מיר האבן אייך געגעבן א גע־לעגנהייט אריינצוקוקן אין די קאמערן פון אונדזערע תפיסות...

— כ'בין אייך דאנקבאר פאר געבן מיר די מעגלעכקייטן צו זיצן אין אייער תפיסה. כ'וועל אייך אבער נישט מוחל זיין אייער באהאנדלונג.

— האלט איר, אז די תפיסה־רעגולאציעס זענען צו שטרענג?

— זיי זענען ברוטאל. כ'וועל — ווי א זשורנאליסט — זיך דערלויבן אביסל קריטיק. וואס פארא ארדענונג האט איר אין דעם לאנד? א ברי־טישע הערשאפט וואס באנוצט זיך מיט אטאמאנישע געזעצן?

דער סערזשאנט איז געווען אין פארלעגנהייט. ער האט זיך איבער־גערוקט אין זיין שטול, פארויכערט א סיגארעט און געזאגט:

— איבער דעם האב איך נישט צו זאגן. דאס באלאנגט צו העכערע אויטאריטעטן. איך טו די פונקציע פון א באאמטן... און כ'האב — אויפ־ריכטיק גערעדט — נישט ליב מיין אמט. שמוציקע ארבעט! דער אמת איז, אז פיל בריטישע באאמטע ליידן פון דער סיטואציע... איך האב א סך יידישע פריינט, אבער צוליב דער אנגעצויגענער לאגע זענען מיר סע־פארירט.

דער סערזשאנט האט געזאגט אמת. ס'איז נישט געווען קיין איבער־טרייבונג אין זיין דערקלערונג. דער פזמון: „כ'האב נישט ליב די שמוציקע ארבעט"... איז צענדליקער מאל נישט אראפ פון די ליפן פון פארשידענע באאמטע סיי אין תפיסה, סיי אין די עמיגראציע־ביוראס אין חיפה. זיי

זענען אָבער געהאַרכזאַמע באַאַמטע. זיי פירן דורך זייער שמוציקע אַרבעט פּינקטלעך און קאָרעקט.

דער סערזשאַנט האָט, ווייזט אויס, נישט פאַרטראָגן מען זאָל באַדויערן זיין אַמט, מען זאָל אים אָבסערווירן אין זיין שוואַכקייט. דער בריטאַניער האָט אין אים זיך דערוועקט, ער האָט צוריקגעקראָגן זיין גלייכגעוויכט און געזאָגט:

— אָן אונדז וועט זיין ערגער. אויב די וועלט וויל אַזוי שנעל אַ לייזונג פון דעם פּאַלעסטינער פּראָבלעם, קענען מיר מאַכן אַ פּראָבע... איך וואָלט געראַטן אַז אַלע ענגלישע חיילות זאָלן פאַרלאָזן ארץ ישראל אויף צוויי וואָכן צייט... דעמאָלט וועט קומען אַ שנעלע לייזונג פון דעם פּראָבלעם.

אין די ווערטער איז געווען אַ ביטערע אָנצוהערעניש, אַ דראָאונג. ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז ס'וועט קומען צו בלוט־פאַרגיסונג. אַ בירגערקריג צווישן יידן און אַראַבער. ער האָט אויך געוווסט, אַז בריטישע אינטריגאַנטן אין די קאָלאָניאַלע לענדער קענען אינסצענירן בלוט־פאַרגיסונגען צווישן איין טייל באַפעלקערונג קעגן דער אַנדערער. הגם דער ענגלענדער ווייס אויך, אַז די סיטואַציע אין ארץ ישראל איז איצט אַנדערש. זינט די יידישע אַגרעסיע פון אַלע ריכטונגען האָט אויפגעהויבן די פאָן פון ווידערשטאַנד, וועט קיין אַראַבער נישט וואַגן צו הויבן אַ שטיין אויף אַ ייד.

דער סערזשאַנט האָט געוואָלט אַז זיין שמועס זאָל זיין ווי ווייט פרידלעך, אין אַ באָן־טאָן, און געזאָגט:

— פאַרגעסט נישט צו שיקן פרעסע־אויסשניטן פון אייער געשיכטע. כ'וויל וויסן וואָס איר האָט וועגן אונדז צו דערציילן? כ'האָב געלייענט באַשרייבונגען פון אַן אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט געפעלט עס מיר נישט. אַ סך איבערטריבענע שילדערונגען. ווייזט אויס, אַז די פאַרשטעלונגסקראַפט ביי די צייטונגס־לייט אַרבעט שטאַרק...

דער סערזשאַנט האָט זיך אויפגעשטעלט. די קאַווע־שעה איז געווען פאַרענדיקט. דער אַדוואָקאַט איז צוריקגעקומען, באַגלייט פון אַ באַאַמטן

פון אימיגראַציע־אַמט. דער סערזשאַנט האָט זיך אָנגערופן צו מיר פאַר־טרויליך:

— דערמאָנט נישט פאַר דעם פּאָרט־אינספּעקטאָר וועגן דער סומע געלט, וואָס איר פירט מיט זיך. לויט דעם נייעם געזעץ קענען די באַאַמטע ביי אייך צונעמען יעדן איבעריקן דאָלאַר און לאָזן בלויז אַזויפיל וויפל מען דאַרף אויף די רייזע־קאָסטן.

פון רייזע־ביוראָ אין שכנותדיקן הויז האָט מען צו וויסן געטאָן, אַז די רעזערוואַציע איז געמאַכט. דער עראָפּלאַן אין לוד פליט אָפּ צוויי אַזייגער. ס'איז איצט צוואַנציק צו צוועלף. די רייזע צום לופט־פעלד אין לוד דויערט צוויי שעה און דאָ מוז מען נאָך דערליידיקן אַלע דעפּאָרטאַ־ציע־פאָרמאַליטעטן און פאָדערן די מאַטעריאַלן און דאָקומענטן ביים פּאָרט־אינספּעקטאָר. מיר זענען אַריין אין הויפּט־ביוראָ פון דער אימיגראַציע־אָפּטיילונג.

דער פּאָרט־אינספּעקטאָר האָט געוואָרפן אַ פרעכן בליק אויף מיר. ער האָט מיך דערקענט. דעם אַדוואָקאַט האָט ער ציניש געענטפערט, אַז אַלע מיינע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן געפינען זיך אין ירושלים אויף אַן אויספאָרשונג. ער ווייס נישט צי די אויספאָרשונג איז שוין געענדיקט, צי זי וועט זיך ענדיקן צוויי וואָכן שפּעטער. דער ענין איז מער נישט אין זיינע הענט. דער אַדוואָקאַט האָט זיך איבערגעקוקט מיט דעם סערזשאַנט. דער סערזשאַנט — מיט מיר און געהייסן האָט עס, אַז דער בריטישער הערשער שפּילט דאָ שמד־שטיק. ער וויל אָפּשלעפּן מיין דעפּאָרטאַציע אויף נאָך אַ וואָך. זיין סאַטיספּאַקציע, אַז כ'וועל דאַרפן זיצן אין תפיסה נאָך אומבאַשטימטע טעג, וועט זיין אָן אַ גרעניץ.

אויף יענער זייט וואַנט איז צווישן דעם סערזשאַנט און אַדוואָקאַט באַשלאָסן געוואָרן, איך זאָל נישט אָפּלייגן דאָס פליען. מען דאַרף זיך איילן. דער עראָפּלאַן הייבט זיך אויף צוויי אַזייגער. און דער אַדוואָ־קאַט וועט אינטערווענירן אין ירושלים. אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער אַרויסקריגן מיינע מאַטעריאַלן און וועט זיי צושיקן פאַר מיר אויף דעם אַדרעס פונעם אַמעריקאַנער קאָנסול אין פּאַריז.

ס'איז געווען צוועלף. דער שאָפער, וואָס האָט געוואַרט מיט זיין

טאַקסי, איז אַנגעזאָגט געוואָרן פון סערזשאַנט צו ברעכן דעם רעקאָרד און לויפן אכציק מייל א שעה.

— דו מוזט כאַפּן דעם אעראָפּלאַן! — האָט ער אים באַפוילן.

— און אז די וועג־פּאַטרולן וועלן מיך פאַרהאַלטן? — האָט דער שאָפער געפרעגט.

— דער פּאָליציאַנט וואָס וועט באַגלייטן דעם פּאַסאַזשיר, וועט דיך פאַרענטפערן — איז געווען דער ענטפער.

דער פּאָליציאַנט, אַן אַראַבער מיט אַ שווערער ביקס און רעוואָלווער, האָט זיך אַריינגעזעצט אין דעם טאַקסי נעבן מיר. דער שאָפער האָט אַ נעם געטאָן דאָס רעדל צו ווייזן וואָס ער קען. דער אַדוואָקאַט האָט זיך האַרציק מיט מיר געזעגנט. איידער דער סערזשאַנט האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, האָט ער אַרויסגענומען די ירושלימער ענגלישע צייטונג „פּאַ־לעסטיין-פּאָסט" און מיר דערלאַנגט מיט אַ שמייכל:

— לייענט וועגן עדי קאַנטאָר... כ'האָב אים ליב... דער בעסטער אַמע־ריקאַנער אַקטיאָר...

אַז דער טאַקסי האָט זיך אַ ריס געגעבן פון אָרט, האָב איך פונאַנ־דערגעוויקלט די צייטונג. אויף דער מיטלסטער זייט איז געווען געדרוקט דאָס בילד פון עדי קאַנטאָר און הינטער דעם בילד זיינס אַ דערקלערונג:

„מען האָט מיך געוואָרנט כ'זאָל נישט אָננעמען קיין קריטישע שטע־לונג צו די בריטישע האַנדלונגען אין ארץ ישראל, ווייל זיי קענען נאָך באָיקאָטירן מיינע פילמען. נו, עס וועט מיך ווייניק אַרן צי זיי וועלן גיין זען מיינע בילדער, צי נישט. איך וויל נישט מאַכן אַן אַנדער פאָלק לאַכן, בעת מיין אייגן פאָלק וויינט..."

כ'האָב זיך טיפער אַריינגערוקט אין מיין זיץ־אָרט. דער באַוואָפנטער אַראַבער איז געזעסן ווי אַ וואַנט. כ'האָב געטראַכט וועגן דעם ענגלישן סערזשאַנט וואָס מוז זיין סעפּאַרירט פון זיינע יידישע פריינט, וואָס האָט ליב אהבת נפש עדי קאַנטאָרן און האָט אַן אמת צו דעפּאָרטירן „אומלע־גאַלע" יידן...

דער טאַקסי איז געלאָפן מיטן פולן אימפּעט. דער שאָפער איז

געוועז איבערגעבויגן. די הענט אויפן רעדל. די אויגן אויפן האַנט-זייגערל און היידא — די רעדער האָבן געשלונגען שטחים.

דער ארץ ישראלדיקער טרייבער, אַ געניטער קוריער וואָס קען אי־בערהיפּן שאָסייען און אָפּמעקן יעדן מהלך אין צייטן פון געפאַר, אין צייטן פון אומרוען — האָט איצט געוויזן וואָס ער קען. דאָס רעדל אין זיינע הענט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צויבער־קרייז, אין אַ כישוף־שפּילעכל. די מאַשין האָט זיך געיאָגט איבער שטרעקעס.

קאַפּיטל אכט און דרייסיק

איבערן „טונקעלן קאָנטינענט" צוריק קיין אייראָפּע

אונדזער מאַשין האָט זיך געטראָגן איבערן געדרייטן שאָסיי ווי אַ רוח. פון צופיל שנעלקייט האָט געשווינדלט פאַר די אויגן. דער אַראַבישער פּאָ־ליציאַנט ביי מיין זייט האָט געשוויצט. ס׳איז אים שווער געווען דער רעוואָלווער. ס׳איז אים שווער געווען די ביקס. ער האָט איבערגעלייגט זיין וואָפן פון איין זייט אויף דער צווייטער. דער שאָפער האָט געטריבן אַכציק מייל אַ שעה, שיעור נישט אַרויסגעזעצט דאָס ביסל חיות פונעם מאָטאָר. כ׳האָב זיך אָנגערופן:

— פּאָרזיכטיק, טרייבער! ס׳קען נאָך פּאַסירן אַ פּאַרפּאַל.

— זאָל פּאַסירן! זאָל פּאַסירן אַ פּאַרפּאַל! — האָט פּלוצים זיך אָנ־גערופן דער אַראַבישער פּאָליציאַנט און אַ רעזיגנירטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — כ׳וויל נישט מער לעבן. כ׳בין מיד פון דער מוטשעניש ביי די ענגלענדער...

כ׳האָב פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויפן פּאָליציאַנט. שפּאַסט ער? איז דאָס אַ פּראָוואָקאַציע צי אַ שמועס וועגן פּאָליטיק? דעם אַראַבערס פּנים איז געווען מיד, אַפּאַטיש. די שוואַרצע קויל־אויגן פאַרשלאָפן. די קנויט־וואָנצעלעך נאַכלעסיק, נישט צוגעשוירן. די פוילקייט און רעזיגנאַ־ציע האָבן אַראָפּגעשריגן פון יעדן גרימאַס אויף זיין פּנים. דאָס איז נישט

קיין „מאַסכאַראַ"! קיין וויץ! דער אַראַבער איז טויט ערנסט! כ'האָב אים מכבד געווען מיט אַ סיגאַרעט, מיט אַ שטיקל שאָקאָלאַד. זיין צונג איז מער נישט געווען געבונדן.

— מען דאַרף דאָ נישט די ענגלענדער! יידן און אַראַבער קענען לעבן אין דעם לאַנד סאַווא־סאַווא (שווה בשווה) — האָט ער צוגעלייגט איין וויזפינגער צום צווייטן — דער ענגלענדער איז בלויז אַן אויסנוצער... אין אַל דין אַ בוק כולאָ אינגליזי! (אַ רוח זאָל קומען אין אַלע ענגלענדער אַריין!).

— מען נוצט אייך אויס אין פּאָליציי־דינסט? — האָב איך געפרעגט.

— אַ באַנדע דעספּאָטן! — רעדט ער חצי ענגליש, חצי אַראַביש — מיין אַרבעטס־טאָג איז אַכט שעה. דער לוין איז דריי און צוואַנציק פונט אַ חודש, ווייניקער פון זעקס פונט אַ וואָך. אַנשטאָט אַכט שעה בין איך אין דינסט צען אָדער עלף שעה...

— צאָלט מען אייך פאַר איבער־צייט?

— קיין איין מיל נישט! און יעדער ענגלישער זעלנער קען אויף מיר אַנשרייען און מיך שטעלן אונטער אַ אָנקלאַגע צום סערזשאַנט... קוקט, איר זענט דער פּאַסאַזשיר, צוויי אַזייגער מוזט איר שוין זיין אין אַעראָ־פּלאַן. לויט מיינע אַכט שעה דאַרף איך שוין 2.30 זיין פריי. כ'וועל נאָך נישט זיין צוריק אין חיפה האַלב נאָך פיר... דער שאָפער טרייבט די גע־דערים אַרויס פון דער מאַשין, כדי אייך וואָס שנעלער אַריינצוזעצן אין אַעראָפּלאַן. ער איז גערעכט. אַנטלויפט פון דאַנען! אַנטלויפט פון דער בריטישער פּאָליציי!

דער פּאָליציאַנט האָט איבערגעלייגט די ביקס פון איין אַקסל אויפן צווייטן. ער האָט געווישט דעם שוויים. איך האָב זיך געטיילט מיט אים מיט מיין בלאָק שאָקאָלאַד, וואָס עמיץ פון מיין משפחה האָט מיר אין תפיסה אַריינגעשיקט. דער אַראַבער האָט געזאָגט:

— איך קען אייער פאַל. אַן אַמעריקאַנער. מען דעפּאָרטירט אייך. איך ווייס אויך די באַדינגונגען אין חיפהר תפיסה, ווי מען האָט אייך באַהאַנדלט. ביים טערק האָט מען אַמעריקאַנער באַהאַנדלט ווי אַ קאַליף! זיי, די ענגלענדער, שעמען זיך נישט צו אַרעסטירן אַן אַמעריקאַנער און

דערנאָך קומען צו אייער פּרעזידענט באַרגן געלט! האָבן זיי שוין באַצאָלט די חובות פון דער ערשטער מלחמה?

דער פּאַרביטערטער, רעזיגנירטער, מידער אַראַבישער פּאַליציאַנט פון דער ענגלישער פּאַרט־תפיסה האָט געוואָרפן קללות אויף דעם ענגלישן קעניג, אויף דער קעניגין, אויף דער פּרינצעסין, אויפן פּרעמיער. קיין איינער פון די ענגלישע מיניסטאָרן איז נישט געשווינט געוואָרן פון זיינע קללות. איך האָב געשוויגן. דער פּאַליציאַנט איז איינגעשלאָפן.

דער שאָפער האָט געטריבן די מאַשין מיט מער אימפּעט. מיר האָבן זיך דערנענטערט צו נתניה — די נייע ווייסע שטאָט ביים ברעג פון מיטללענדישן ים. די בנינים זענען פאַרגאָסן פון בלענדנדיקן זון־ליכט. נתניה געווינט שטח, זי קריגט עקספּאַנסיע. נתניה גרייט זיך צו ווערן די ארץ ישראלדיקע ריוויערא. אונדזער מאַשין האָט אַריינגעשניטן אין די אינעווייניקסטע גאַסן. די שטאָט ליגט צעוואָרפן ווי אַ נישט־פאַרענדיקט ווערק. אָבער די צייכנס פון דער דלאָטע און פון האַמער פונעם סקולפּטאָר זענען קענטיק אין יעדן קנייטש פון דער ערד.

אין אַריינפאָר פון נתניה איז רירעוודיק. דאָ שטייט שוין דער פולער זומער. עס רוישן אויטאָבוסן. עס האַווען שאָפערן. די מאַשין לויפט דורך די גאַסן. עס רוקט זיך פאַרביי דער האָטעל „עדן", איינגעטונקען אין אַ גאָרטן. אָט איז דער „קלוב הידידים" (קלוב פון פריינט), דאָס קאַפע־הויז „גן־ורד" (רויזן־גאָרטן), וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן פון יידישע וועטעראַנען. אין דעם גאַלאָפּ טראָגט זיך די מאַשין פאַרביי דעם ברייטן „וואַקאָופ־סקווער". פון די טעראַסעס פון „גן־המלך", וואָס ליגט ביים ברעג ים, הערט זיך דאָס קנאַלעריי פון מוזיק. עס קלינגען די טענער פון דער צוקונפטיקער יידישער ריוויערא. די פּאָסט־געביידע פון פּאַרנט. שורות ליכטיקע בנינים פון הינטן . און אונדזער מאַשין איז שוין אויסער דער שטאָט.

פון נתניה טראָגן מיר זיך לענגאויס דעם פישער־דאָרף מכמורת, וואָס ליגט ביים ברעג ים — אויסגעשפּרייט צו צפון־זייט פון דאָרף ויתקין. דאָס פישער־דאָרף איז איצט אויסגעשטראַלט ווי אַ יונגע כלה. דאָס גרייט מען זיך צו פייערן היינט דעם יום־טוב פון אַ נייער פישער־שיף „כריש".

— ווער האט אריינגעקלאפט אין די מוחות פון אט די יונגע יידישע בחורים דעם געדאנק פון א פישער־דארף? — האב איך געפרעגט.

דער שאפער האט דערציילט, אז דער געדאנק איז געבוירן געווארן דורך אן אויסטערלישן צופאל. די איצטיקע פישער-לייט זענען אין מלחמה־צייט געווען ים-וועכטער, האבן באלאנגט צו א שיסער־באטאליאן. זיי האבן געהיטן די ברעגן פון חיפה. איינמאל האבן זיי באמערקט ווייט אין די וואסערן א שיף, וואס האט אויסגעקוקט צו זיין א פיינטלעכע. די וועכטער האבן אויסגעשאסן ווארנונגס-סיגנאלן. די שיף איז שטיין געבליבן און ווען זיי האבן זיך דערנענטערט צו איר, האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס איז געווען א יידישע פישער־שיף. פון דער באגעגעניש איז געווארן א פריינטשאפט. די פריינטשאפט האט געשלאסן א דערנענטערונג. די ים־וועכטער זענען באגייסטערט געווארן פון די אויפטואונגען פון די יידישע פישער-לייט. נאך דער מלחמה האט זיי געצויגן צוריק צו ים־ארבעט. זיי זענען געגאנגען לערנען פישעריי אין איטאליע. און דער רעזולטאט איז דאס פישער־דארף מכמורת.

אונדזער מאשין איז געלאפן פארביי חדרה. מיר זענען שוין געווען נאענט צו רעננה. פאר די אויגן האבן זיך געוויקלט לאנדשאפטן, קוואד־ראטן מיט פרוכטבארן באדן, זאמדיקע שטרעקעס פארזייט מיט שטעכיקע קאקטוסן.

דא האט זיך געצויגן יענער חלק ערד, ווו עס רוען נאך די פלעגמאַ־טישע בני־ישמעאל. די ערד איז נישט אנגערירט געווארן פון א יידישן אקעראייזן. אבער איבער די גלאטע אספאלט־ שאסייען טראגן זיך לאסט־אויטאמאבילן מיט יידישע ארבעטער. מען טראגט זיך פון קאלאניעס און פון קיבוצים מיט פראוויאנט אין שטאט אריין. עס לויפן געפאקטע יידישע אויטאבוסן. עס איילן איינצלנע ענגלישע וואך-פאטרולן מיט מאשין־גע־ווער. דא און דארט בלאנדזשעט א קאראוואן מיט קעמלען.

דער שאפער האט אי ארויסגעטריבן דאס חיות פון דער מאשין, אי־ער האט געציטערט ס'זאל זיך נישט מאכן קיין „פאנטשער", ס'זאל נישט פלאצן קיין ראד, ווייל איבערן שאסיי זענען געווען צעווארפן טשוועקעס

און רייפן — מעשה ידי יידישע סאַבאָטאַזשניקעס קעגן די ענגלישע אָקו־פּאַנטן.

צען מינוט נאָך צוויי זענען מיר אָנגעקומען קיין לוד. מיר זענען אריינגעפאָרן אין לופט־פעלד. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער עראָפּלאַן הייבט זיך אויף ערשט האַלב נאָך צוויי. אין די געוווינטע צוואַנציק מינוט האָב איך באַוויזן ווידעראַמאָל אונטערצושרייבן דעפּאָרטאַציע־פּאַפּירן, וואָס בריטישע באַאַמטע האָבן מיר דערלאַנגט. כ'בין אויך געצוווּנגען געווען — נאָך עלף טעג אָפּזיצן אין תפיסה — צו באַצאָלן צוויי פונט שטראָף פאַר אריינקומען „אומלעגאַל" איר לאַנד אריין.

דער שווער־באַוואָפנטער אַראַבישער פּאָליציאַנט האָט מיך באַגלייט ביז צו די טרעפּ פון עראָפּלאַן. אין קעגנזאַץ צו די תפיסה־רעגולאַציעס, האָט ער וואַרעם געדריקט מיין האַנט ביים געזעגענען זיך.

איך האָב פאַרלאָזט לוד פּונקט צוויי מיט דרייסיק מינוט. פּופצן מינוט שפּעטער איז אונדזער עראָפּלאַן געפלויגן נידעריק איבער תל־אביב. לויט די בריטישע רעגולאַציעס בין איך פאַררעכנט געוואָרן אַלס אַן „אומלעגאַלער" ייד, אַפילו בעת דער דעפּאָרטאַציע. און כ'האָב נישט געטאָרט טרעטן איבער די גאַסן פון מיין תל־אביב, פון מיין שטאָט, ווו כ'האָב מיינע יונגע יאָרן פאַרבראַכט, אין דער שטאָט, ווו כ'האָב געהאָלפן ברוקירן די גאַסן און בויען די ערשטע הייזער. נאָך צען יאָר אָפּוועזנהייט איז מיר איצט באַשערט אָנצוקוקן תל־אביב פון דער לופט.

איך האָב געקוקט פון דער הויך און געקענט זען די הויפּט־סקווערן פון דער זיכערסטער עיר ואם בישראל. אָט שיילן זיך אַרויס די דעכער פון דער עיריה, דאָס ראָטהויז פון תל־אביב. אָט טראָגן מיר זיך איבער דעם פאַרביקן דיזענהאָף־סקווער — „ככר־דיזענגאָף".

אינעם פלי בלייבן אַרויס די גריכישע זיילן פון דעם נייעם „בית־הבימה". עס לויפן אין אַ זיג־זאַג די גרינע ראָטשילד־אַלייען, שדרות־רוטשילד, וואָס טונקען זיך אין עוקאַליפּטוס־ביימער, אין פּאַלמען־ביימער. די שטאָט איז געשניטן אין קוואַדראַטן, אין דרייקאַנטן געדיכט אָנגעשטאָפּט מיט הייזער און גערטנער. הזאת נעמי? איז אָט דער כרך תל־אביב, וואָס איז אין ניינצן הונדערט אַכט געווען אַ זאַמד־באַרג און מאיר דיזענהאָף,

דער יפוער סוחר, האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דעם קליינעם קוואַר־טאַל „אחוזת־בית״ — אַ רעזידענץ־אָרט פאַר זיך און פאַר נאָך אַ פּאָר יפוער באַלעבאַטים?

די הייזער ווערן קלענער, די גערטנער — איינגעשרומפּן. אונדזער שטאָלענער פויגל, וואָס האָט בלויז זיבן פּאַסאַזשירן אויסער דעם פּליער און מיטפליער, טראָגט זיך שווין לענגאויס דעם פּאַס פון מיטללענדישן ים.

צווישן די זיבן הימל־פּאַסאַזשירן בין איך דער איינציקער ייד. די איבעריקע זענען דריי עגיפּטער אין רויטע פעזעס, איין פראַנצויז און צוויי ענגלענדער.

איין ענגלענדער, אַ געוויקסיקער און קנאַכיקער אין אַ לייוונטענעם אַנצוג און אויפן קאָפּ אַן אינדישער פּראָפּן־הוט, האָט אַריינגעשמועסט אין דעם פראַנצויז. די טעמע איז געווען דאָס יידנלאַנד. דער פלי איבער תל־אביב האָט ביי אים אויפגעוועקט דאָס יידישע פּראָבלעם.

ער האָט איבערדערציילט דעם אויסגעדראָשענעם פּזמון, אַז יידן זע־נען נישט דאַנקבאַר די ענגלענדער פאַר זייער גרויסמוט. דער פלעגמאַטי־שער ענגלענדער איז אין דעם הייסן, אָנגעפּאַרעטן אַעראָפּלאַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היציקן דעבאַטאַנט. עס האָבן וויברירט אין אים אַלע אימ־פּעריאַליסטישע שמד־שטיק און דיפּלאָמאַטישע עמאָציעס. קיין ווערטער־זשאָנגלעריי איז נישט געווען צו טייער צו איבערצייגן דעם תמעוואַטן פראַנצויז, אַז די ענגלישע אימפּעריע איז די ערשטע אַרויסגעגאַנגען באַ־שיצן די יידן אויפן פּלאַנעט. און אַלע יידן אין אייראָפּע וואָלטן געווען אומגעקומען, ווען בריטאַניע וואָלט נישט געווען אַרויסגעצויגן די שווערד.

דעם היציקן פּאַרטיידיקער פון דער ענגלישער אימפּעריע, וואָס האָט געשוויצט אינעם הייסן אַעראָפּלאַן, וואָס איז געפלויגן צווישן צוויי קאָנ־טינענטן — אַזיע און אַפריקע — איז נישט איינגעפאַלן, אַז ענגלאַנד איז געווען אַן אומדירעקטער שותּף צו דער אויסראָטונג פון אייראָפּעאישן יידנטום. ס'איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז אין סאַמע ברען פון דער מלחמה ווען הונדערטער טויזנטער יונגע יידן האָבן געקעמפט אויף די שלאַכט־פעלדער און עס איז געווען אַ מעגלעכקייט אַרויסצוראַטעווען פון די חיהשע געשטאַפּאָ-ציין המונים יידן און זיי אַריבערפירן אין דעם יידנלאַנד, זענען

די ברעגן פון ארץ ישראל געוואָרן דורך די ענגלענדער בלאָקירט און די טויערן פון לאַנד — פארהאַמערט.

איך האָב ווידעראַמאָל אַראָפּגעקוקט אויף דער דערוויייטערטער תל-אביב. עס האָט זיך אוועקגערוקט דאָס לאַנד. עס זענען פאַרשוווּנדן די ברעגן און דער עראָפּלאַן האָט זיך געטראָגן הויך איבערן ברייטן פאַרנעפּלטן ים.

דער וועג לענגאויס די ברעגן פון אַפריקע האָט געוויזן אָרעמע לאַנדשאַפטן. ס'האָבן זיך געצויגן שטרעקעס מדבר, פּאַסן מיט זומפּן און קליינע אינדזלען.

כ'האָב זיך טיפער אַריינגעזעצט אין דעם אויסגעבעטן שטול. די מאָטאָרן האָבן זיך שטאַרקער צעברומט. די פליגלען האָבן אויפגעהויבן דעם שטאָלענעם וואַלפיש העכער און העכער. כ'האָב געקוקט אַראָפּ דורכן פענצטער-שייבל. הינטער מיר איז געווען ציפּערן. הינטער מיר איז געווען די בריטישע תפיסה. דער יידישער „אומלעגאַלער" פלאַט איז ווייטער געשוווּמען איבער די זיבן ימען. און איך, אַ באַפרייטער, אַ לעגאַלער, האָב זיך געטראָגן צום טונקעלן קאָנטינענט אַפריקע, אויף מיין צוריקקער קיין אייראָפּע.

ניו-יאָרק, 1947.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן — י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד"ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספארקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד"ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן
13) ד"ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד"ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ
16) קינדער־מארטיראָלאָגיע (זאמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּארטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פּארצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: ווארשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געווען... (חורבן ווארשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
יעקב פאט: הענעך (טאָגבוך פון א קינד)
שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
שמחה פּאָלאַקעוויטש: כ׳בין געווען אין טרעבלינקע
ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאמען (טאָג־בוך)
מנשה אונגער: רביישע הייף
א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאק

עס גרייט זיך צום דרוק:

יוסף אפּאטאָשו: פּוילן
יוסף אקרוטני: אין קלעם
רחל אויערבאך: מאטעריאלן פונעם רינגעלבלום־ארכיוו
מיכאל באָרוויטש: ארישע פּאפּירן (דאָקומענטן)
הרב אברהם ביק: צען דורות פּוילישע גאונים
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאזאוויע
פ. בימקאָ: אמאָל אין פּוילן
נח גריס: קינדער אינעם קאמף (דאָקומענטן)
יאנינא העשעלעס: מיט די אויגן פון א 12־יעריק קינד
הערשעלע: שבת אויפן טראקט
עוזר ווארשאַווסקי: שמוגלארס
יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן
ד״ר יוסף טענענבוים: דער לעמבערגער פּאָגראָם
ה. לייוויק: דער נס פון געטאָ
יחיאל לערער: מיין היים
נחמן מייזיל: דיכטער־מארטירער
צפורה קאצענעלסאָן־נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
א. נחתומי: דאָס לעבן רופט
מ. נודעלמאן: אָפּגעשפּילט...
יהושע פּערלע: יידן פון א גאנץ יאָר
ד״ר יוסף קערמיש: אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ
מ. קאָסטרינסקי: פּינסק
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
בער י. ראָזען: טלאָמאצקע 13
מיכאל און צבי ראַיאַק: חורבן גלובאָק
ד״ר יצחק שיפּער: קאפּיטלען געשיכטע
ד״ר ח. שאָשקעס: א לעבן, וואָס איז פאַרביי...
ל. שפּיזמאן: די חלוצישע באוועגונג אין פּוילן

פרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאָס פּױליש ייִדנטום

הלל ראַגאָף שרייבט וועגן ד״ר הלל זיידמאַנס „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ״ אין אַן אַרטיקל „אַ בוך, וואָס יעדער ייד דאַרף לייענען״ („פאָרווערטס״, ניו־יאָרק, 3-טער אויגוסט 1947):

עס איז איצט אַרויס דר. הלל זיידמאַנס טאָג־בוך פון דער וואַרשעווער געטאָ.

פון די אַלע ביכער, וואָס איך האָב געלייענט וועגן און אַרום דעם שוידערלעכן וואַרשעווער קאַפּיטל פון דער יידישער מלחמה־טראַגעדיע, האָט זיידמאַנס טאָג־בוך אויף מיר געמאַכט דעם טיפסטן איינדרוק. דאָס איז איינע פון יענע ווערק, וואָס פאַרבלייבן אויף אייביק אין דער „איכה ליטעראַטור״ פון דער יידישער געשיכטע. איך האַלט, אַז יעדער ייד דאַרף זיך דעם בוך איינשאַפן, ענטוועדער אויף העברעאיש, אָדער יידיש און אים לייענען און לייענען, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, היינט, איבעראַיאָר, איבער צען יאָר, ביזן סוף פון זיין לעבן.

מיינט נישט, אַז דר. זיידמאַן האָט אָנגעשריבן אַ גרויל־בוך, — אַ בוך, וואָס שרעקט אָדער רייסט די נערוון. די מענטשן, וואָס ער שילדערט, זענען כמעט אַלע שטילע, באַשיידענע. זיי שרייען נישט, זיי וויינען נישט, זיי טענהן אַפילו נישט. אין די בילדער און סצענעס וואָס ער באַשרייבט, איז נישטאָ קיין דראַמאַטישעס. אַלץ פּאַסירט אין דער שטיל. מענטשן ווערן דערשאָסן, גייען צום טויט, טראַכטן און רעדן וועגן זייער אומפאַרמיידלעכן שיקזאַל אָן פּאַניק, אָן היסטעריע. און אָט די שטילקייט, די איינפאַכקייט מאַכט אַ סך אַ טיפערן און דויערנדן איינדרוק, ווי די שטאַרקסטע ווערטער, די דראַמאַטישסטע שילדערונגען.

דר. הלל זיידמאַן איז געווען דער אַרכיוו דירעקטאָר פון דער וואַרשעווער קהילה די אַלע יאָרן פון דער געטאָ. ער איז געשטאַנען אין סאַמע צענטער אויף דער „בינע״, אויף וועלכער די טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט. זיין אַמט האָט אים אָפט געצוואונגען אָנוועזנד צו זיין ביי די טרויעריקסטע און טראַגישסטע פּאַסירונגען. ער האָט געהאַט אַ גענויע באַקאַנטשאַפט מיט די פּערזענלעכקייטן פון אַלע גרופּן, קלאַסן, פּאַרטייען און באַוועגונגען אין וואַרשעווער ייִדנטום, און ער האָט כמעט מיט די אויגן געזען, ווי זיי זענען געשיקט געוואָרן צום טויט. ער האָט זיך באַטייליקט אין געהיימע קאָנפערענצן פון די ווידערשטאַנד גרופּן, געהאָלפן פּלאַנעווען דעם אויפשטאַנד און

אַלע לויפן. וווהין? מ'זוכט „פאַסטנס" אין די פאַבריקן. מענטשן באַמיען זיך אַריינצוקומען אין איינע פון די דייטשע פאַבריקן אין געטאָ... מען ווענדעט אָן אַלע מינים פּראָטעקציעס, באַקאַנטשאַפטן, איינפלוסן און, וואָס עס האָט, — געלט. מען צאָלט אַ סך געלט פאַר אַ פּאָסטן אין אַ פאַבריק. די מער רירעוודיקע, וואָס באַזיצן אַביסל געלט, שאַפן אייגענע וואַרשטאַטן, ס'רוב שניידערישע, ווו מען אַרבעט אויס סחורה פון די דייטשע פירמעס... כ'גיי אַרויף צו רב יצחק מאיר קאַנאַל, אויף דער טוואַרדע גאַס 6. איך טרעף אָן אומגעהייערע מענטשן־מאַסע. וואָס איז? פרעג איך. מ'האָט חתונה... בחורים, וואָס האָבן אַ פּאָסטן אין אַ וואַרשטאַט אָדער אין קהילה, ווילן ראַטעווען ניט-באַשעפטיקטע מיידלעך. האָט מען חתונה מאַסנווייז. אין איילעניש און יאָגעניש. אַלע חלוצים האָבן כמעט ווי אויף איינמאָל חתונה מיט אַלע חלוצות, און אַלע „צוקונפטיסטן" מיט די „צוקונפטיקסטקעס" (בונדישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס). די וואָס האָבן נאָך נישט קיין „מענער" זוכן אַרום אַזעלכע".

מען האָט געמיינט פון אָנהייב, אַז דאָס וועט העלפן, אַז אַ פּאָסטן וועט העלפן, געלט וועט העלפן, הייראַט וועט העלפן. שפּעטער האָט מען געמיינט, אַז אפשר וועלן העלפן אַנדערע מיטלען, כשר'ע אָדער ניט כשר'ע. מען האָט זיך באַהאַלטן, מען איז אַנטלאָפן, מען האָט געפּרובירט מיט גוטן און מיט בייזן. אָבער קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. פון דעם האַלבן מיליאָן יידן אין וואַרשע האָבן זיך געראַטעוועט אַ קליין הייפעלע און

צו זאַמלען די נייטיקע וואָפן. אַליין איז ער צום סוף געראַטעוועט געוואָרן ווי דורך אַ נס.

דער טאָג בוך הייבט זיך אָן: „זונטיק, 12 יולי, 1942", דאָס איז געווען מיט צען טעג פריער איידער די פאַרניכטונג פונעם האַלבן מיליאָן יידן אין דער געטאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען. דער פאַרניכטונגס־פּראָצעס האָט געדויערט אַרום ניין חדשים (פון יולי, 1942, ביז אַפּריל, 1943).

אין די צען טעג, ערב דעם „אָנהייב", איז די געטאָ געווען פול מיט קלאַנגען און באַריכטן וועגן דעם אומגליק, וואָס קומט אָן. און אַלע האָבן געזוכט וועגן און מיטלען, ווי אַזוי אים אויסצומיידן. דינסטיק, דעם 21־טן יולי, פאַרצייכנט דר. זיידמאַן אין זיין טאָג-בוך אָט וואָס:

„אויף די גאַסן אַ גרויסע באַוועגונג. קיינער בלייבט נישט ביי זיך.

דאָס ביסל פאַרבליבענע ווייסן אַליין נישט, ווי אַזוי דער נס איז מיט זיי געשען.

די ערשטע האַק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער געטאָ ערב תשעה באָב, ווען עס איז אָנגעקומען די גזירה צו טשערניאַקאָוו, דעם הויפּט פון דער וואַרשעווער קהילה, אַז ער מוז צושטעלן זיבן טויזנט יידן יעדן טאָג פאַר „אויסזידלונג" („אויסזידלונג" האָט געמיינט אַרויסשיקן פון שטאָט. וווהין — האָבן די נאַציס נישט געזאָגט, אָבער גאָר אין קורצן האָט מען זיך דערוווסט, אַז די טראַנספּאָרטן גייען קיין טרעבלינקע). טשערניאַקאָוו האָט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס דער באַפעל באַטייט, און אַנשטאָט צו פאָלגן דעם באַפעל האָט ער אויסגעטרונקען אַ פלעשעלע גיפט.

די לייענער מוזן נאָך געדענקען דעם רושם, וואָס די נייעס וועגן טשערניאַקאָווס זעלבסטמאָרד האָט געמאַכט דאָ אויף אונדז, אין אַמעריקע. מיר דאָ האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַרום דער טראַגישער געשעעניש האָט זיך געמוזט אָפּשפּילן אַ געוואַלדיקע דראַמע, און מיר האָבן געברענט מיט נייגיר צו ווייסן די איינצלהייטן. אָט זענען זיי, ווי דער טאָג-בוך גיט זיי איבער:

„איך זיץ אין מיין ביוראָ אין קהילה אַרכיוו.. ס'איז שפּעט נאָכמיטאָג, אַרום 5 אַזייגער. ס'קומען אָן אין דער קהילה צוויי ס. ס.־לייט און פאַרלאַנגען זען טשערניאַקאָוון. ער איז ביי זיך אין דער היים. דער אָנגעשטעלטער שמואל האַרנשטיין שיקט נאָך אים. אין אַ פערטל שעה איז ער דאָ. ער גייט אַריין אין זיין קאַבינעט, ווו עס וואַרטן אויף אים די צוויי נאַצי־אָפיצירן. נאָך אַ צען מינוט פאַרלאָזן יענע דעם קאַבינעט, פאָרן אַוועק. טשערניאַקאָוו בלייבט. ער קלינגט נאָכן באַדינער און הייסט אים אַריינברענגען אַ גלאָז וואַסער. דערנאָך בלייבט ער אַליין. אין עטלעכע מינוטן אַרום קלאַפּט אָן אין קאַבינעט איינער פון די קהילה סטרוזשעס, מאַרצעלי רייך. מ'ענטפערט נישט. ער מאַכט אַליין אויף די טיר און פאַר זיינע אויגן: טשערניאַקאָוו ליגט טויט. ער אַלאַרמירט די קהילה אָנגעשטעלטע, דאָקטוירים. מיר לויפן אַריין אין קאַבינעט. טשערניאַקאָוו ליגט פאַרשטאַרט. די אויגן אָפן, פאַרגלייזט, דאָס מויל פאַרמאַכט. ס'קומט אָן דר. ישראל מילייקאָווסקי און זאָגט: טויט דורך סם. ער האָט זיך נישט לאַנג געמאַטערט, איינגענומען ציאַנקאַלי... ער האָט נישט איבערגעלאָזן קיין שום צוואה. קיין שום געזעגענונגס־בריוו. בלויז אויף זיין אָפענעם נאָטיץ־בוך, וועלכעס איז געלעגן אויף זיין שרייב-טיש, איז געווען אויפגעשריבן „7.000". מ'האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען אַ באַפעל: „זיבן טויזנט יידן צושטעלן יעדן טאָג צום פאַרניכטן".

ווי איינפאַך און פשוט די געשיכטע ווערט דאָ דערציילט און ווי אויפטרייסלענד יעדעס וואָרט איז! אַזוי ווי טשערניאַקאָוו האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז עס איז נישט מעגלעך צו שרייבן אַ צוואה אָדער אַ בריוו, וואָס זאָל זאָגן מער ווי די ציפער „7.000", אַזוי האָט, אפנים, דר. זיידמאַן געפילט, אַז עס איז נישט מעגלעך מיט ווערטער שטאַרקער צו

מאַכן, טיפער צו מאַכן די דראַמע פון דעם זעלבסטמאָרד, און ער האָט איר איבערגעגעבן אין די איינפאַכסטע און פשוטסטע ווערטער. קיין שענערע מצבה ווי די עטלעכע שורות קען מען דעם גרויסן מאַרטירער נישט שטעלן.

אין אָט דעם זעלבן גייסט איז דאָס גאַנצע בוך געשריבן: די שטאַרקסטע דראַמעס, די טיפסטע טראַגעדיעס ווערן איבערגעגעבן אין עטלעכע געציילטע שורות. אָבער די קורצע שורות רעדן מער ווי גאַנצע בלעטער און קריצן זיך איין אין האַרץ און נשמה אויב אייביק.

עס זענען אין דעם בוך פאַראַן צענדליקער בילדלאַך, סצענקעס, קורצע געשעענישן, וואָס קענען דינען אַלס טעמאַס פאַר אַלערליי קונסטווערק (דראַמעס, פּאָעמעס, דערציילונגען, ראָמאַנען, מאָלערייען) פאַר דור־דורות. נעמט אַזאַ בילדל:

„איך באַגעגן אויף דער גאַס אַ באַקאַנטן. ער טראָגט אויף זיך אַ רוקזאַק. פירט פאַר די הענטלעך צוויי קינדער, אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע. כ'קוק אויף די קינדער: אויסגעמאָגערטע, סקעלעטן פּנימער, דאַרע הענטלעך ווי שטעקנס, נאָר די אויגן גליען! שוואַרצע, טיפע אויגן פון ייִדישע קינדער. זיי רעדן גאָרנישט. וויינען נישט, באַקלאָגן זיך נישט, אָבער זיי פאַרשטייען אַלץ; דאָס דערקענט מען אין זייערע אויגן. וויפיל לייד אין זיי, וויפיל פּיין און חכמה...

„שוין דריי טעג נישט געהאַט אַ שטיקל ברויט אין מויל, קיין לעפל געקעכץ, דערציילט מיר דער אומגליקלעכער פאָטער, „האָב איך באַשלאָסן אַוועקצופאָרן". „אַוועקצופאָרן? וווהין? — פרעג איך אַ פאַרחידושטער: ווייס איך דאָך, אַז מיר זענען פאַרשלאָסן (אין דער געטאָ) און פאַרמאַכט. „כ'מיין" — ענטפערט ער מיר — „מיט אַלע אויפן אומשלאַג" (דער אומשלאַג איז געווען דער פּלאַץ, פון וואַנען די ייִדן זענען געשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע).

און דר. זיידמאַן דערציילט ווייטער: „איך הייב אָן אים איבעררעדן, אפשר וועט ער זיך מיישב זיין. איך פרעג אים וווּ איז דאָס ווייב און די אַנדערע צוויי קינדער?... „זיי זענען שוין דאָרט" — ענטפערט ער מיר — „אַוועקגענומען געוואָרן נאָך יענע וואָך. ווילן מיר אַלע זיין צוזאַמען... איבעריקנס, כ'האָב שוין מער קיין כוח נישט צוקוקן דעם צער פון די קינדער" — — און טרערן קייקלען זיך אים פון די אויגן".

דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד צו די נאַציס אין דער וואַרשעווער געטאָ, איז געווען דער צוויי־און־אַכציק־יאָריקער רב, הרב יצחק מאיר קאַנאַל. אָט ווי אַזוי דר. זיידמאַן האָט עס פאַרשריבן אין זיין טאָג־בוך. (דאָס האָט פּאַסירט דעם 13־טן אויגוסט):

„הרב יצחק מאיר קאַנאַל איז דער 82־יאָריקער וואַרשעווער רב, איינער פון די אַקטיווסטע און רירעוודיקסטע וואַרשעווער רבנים, וויצע־פּאָרזיצער פון אגודת הרבנים אין פּוילן, איז היינט פאַרנומען געוואָרן אויפן „אומשלאַג". בין איך געשטאַנען דערביי, ווען ער האָט געזאָגט צו ר' זישע פרידמאַן: איך וועל זיך נישט לאָזן אַוועקפירן. זאָל געשען וואָס עס וויל, אָבער דאָ אויפן אָרט. כאָטש קומען

צו קבר ישראל"... פאַרנאַכט קומט אַ ידיעה פון אומשלאַג־פּלאַץ: אַרויס־שיקן די עגלה (טויטן־וואָגן) נאָכן קערפּער פון הרב קאַנאַל, דערשאָסן געוואָרן אויפן אומשלאַג... ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט ער זיך אַנט־קעגנגעשטעלט, געפּרובירט אַרויס־רייסן דעם רעוואָלווער פון דייטשן זעלנער, וועלכער האָט אים באַוואַכט. נאַטירלעך, איז ער דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. ער האָט דערגרייכט זיינס: נישט געלאָזט זיך פּרייוויליק דעפּאָרטירן און געקומען צו קבר ישראל... דער ערשטער פאַל פון ווי־דערשטאַנד".

און אָט איז נאָך אַ בילדל:

„איך גיי אויף דער זאַמענהאָף גאַס, ביים טויער נומער 11 הער איך אַ געשריי. איך גיי צו און זע ווי אַ יידישער פּאָליציאַנט אַמפּערט זיך מיט אַן עלטערן חסידישן ייד: דער פּאָליציאַנט שלעפּט אים און יענער רייסט זיך אַרויס. וווהין וויל ער אים נעמען? צום אומשלאַגס פּלאַץ... איך קען זיך נישט איינהאַלטן און פרעג: אין וואָס גייט דאָ? הייבט אָן דער ייד מיר דערציילן אַז דער פּאָליציאַנט האָט אים געפונען אין אַ באַהעלטע־ניש און וויל אים נעמען צום „אומ־שלאַג". מילא, איז ער גרייט צו גיין, אַ ברירה האָט ער? נאָר וואָס, ער וויל מיטנעמען טלית און תפילין, און דער פּאָליציאַנט איז נישט מסכים דערויף.

דר. הלל זיידמאַן איז אַ פרומער, אָרטאָדאָקסישער ייד און אין דעם טאָג־בוך פאַרנעמען די רבנים און ישיבה בחורים און פרומע לייט אַ היבשן אָרט. ער גלייבט אַז זיי האָבן אין אַלגעמיין אַרויסגעוויזן מער מוט, און אַז ווייניקער פון זיי זענען גע־שטרויכלט געוואָרן ווי די אַנדערע יידן אין דער געטאָ. ער זאָגט אַז קיי־נער פון די פרומע האָט נישט גע־דינט אין דער יידישער פּאָליציי און נישט געמאַכט די מינדעסטע קאָמ־פּראָמיסן מיט דעם שונא, און אין דעם ענדלעכן אויפשטאַנד זענען זיי געווען צווישן די ערשטע און העל־דישסטע קעמפער.

דר. זיידמאַן האָט אַ סך ביטערע ווערטער צו זאָגן וועגן דער פּוילישער קירכע און וועגן די פּוילישע סאָציאַ־ליסטן, וועגן זייער באַציאונג צו די זדן אין דער געטאָ. די גלחים זענען געווען כמעט אויפן זייט פון שונא און די סאָציאַליסטן האָבן מורא גע־האַט אָדער נישט געוואָלט געבן די יידן הילף ווען דער אויפשטאַנד איז געקומען.

איך וויל נאָכאַמאָל ווידערהאָלן, אַז דער בוך געהערט צו די געציילטע וואָס וועלן בלייבן אויף אייביק ווי אַ מצבה אויף דער יידישער געטאָ, און וואָס וועט געלייענט ווערן ווי קינות נאָך דעם גרויסן געטאָ חורבן.

יעקב באַטאַשאַנסקי שרייבט וועגן דעם בוך „היימלאָזע יידן" פון ישראל אפרת („די פּרעסע", בוענאָס־איירעס, דעם 16-טן יולי 1947):

ישראל אפרת איז אַ באַקאַנטער העברעאישער דיכטער און עסייאיסט. ער איז אַ לאַורעאַט פון דער לואיס לאַמעד פּרעמיע. (ער שרייבט זיך: ישראל אפרת, אף דער היינט־אָנגענו־מענער ספרדישער „חברה" לייענט זיך זיין נאָמען „עפראַט") ער איז געפאָרן אין נאָמען פון יידישן וועלט־

קאנגרעס צו דער „שארית הפליטה" אין אייראפע אינאיינעם מיט ה. לייוויק און מיט דער זינגערן עמא שייווער און ער האט באשריבן דאס, וואס ער האט געזען אין א רייע ארטיקלען, וועלכע ער האט פריער געדרוקט אין ניו־יארקער „מארגן זשורנאל" און דערנאך האט זיי דער היגער צענטראל פארבאנד פון די פוילישע יידן ארויסגעגעבן אין זיין זייער וויכטיקער ביבליאטעק „דאס פוילישע יידנטום", וואס ווערט ליטעראריש אנגעפירט פון מארק טורקאוו און אדמיניסטראטיוו פארוואלטעט פון אברהם מיטלבערג.

אפרת' „היימלאזע יידן" איז דאס צוועלפטע בוך פון דער דערמאנטער סעריע. ביי מיר אויפן טיש ליגט שוין דאס אכצנטע בוך פון דער זעלביקער סעריע. שוין צענדליקער יארן האט קיין יידישער פארלאג נישט ארויסגעגעבן אזוי אפט און אזוי פינקטלעך ביכער, ווי דאס טוט דער „צענטראל פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע" און דער „הילפס פארבאנד פון פוילשע יידן אין סאא פאולא" (בראזיל). דאס דארף מען וויסן, אפשאצן און געדענקען!

ישראל אפרת האט, פריער דאכט מיר, קיינמאל נישט געשריבן קיין יידיש און מיר וועלן אנהייבן מיט א קאמפלימענט פאר זיין יידיש — אן זיין שאדן אף א סך יידישע שרייבער געזאגט געווארן. דורך אט־א דעם קאמפלימענט וויל איך נישט באנייעם עפענען אונדזער שפראכן־פראגע, אבער באמערקן, וויל איך, אז ווען מען וויל, אז הונדערטער טויזנטער זאלן לייענען, מוז מען נאך אלץ שרייבן יידיש...

די רעדאקציע זאגט אין איר קורצן ווארט „צו די לייענער", אז אפרת'עס בוך איז נישט בלויז א רייזע שילדערונג, נאר עס איז א דאקומענט פון דער צייט. מיר פון אונדזער זייט וועלן צוגעבן, אז כאטש עס איז נישט קיין דאקומענטאלע באשרייבונג וועגן דעם לעבן פון אונדזער „שארית הפליטה" אין די לאגערן פון דייטשלאנד איז דאס א וויכטיקער דאקומענט. מיר געבן אט א דאס צו, ווייל אייניקע רעצענזענטן האבן געהאט טענהס סיי צו לייוויקן, סיי צו אפרתן, אז זיי האבן נישט געגעבן קיין גענויע, אויטענטישע און פרטימדיקע באשרייבונג מיט ציפערן און טאבעלן. אזא מין ארבעט דארפן מאכן נישט דיכטער, נאר וויסנשאפטסלייט און ביוראקראטן.

ישראל אפרת איז באלד געפארן ווי א דיכטער, האט געזען ווי א דיכטער און באשריבן ווי א דיכטער. אזוי ווי ער האט נאר אקצעפטירט די רייזע, דערציילט ער אונדז, האט ער באלד אנגעהויבן צווייפלען, צי ער וועט קענען ברענגען די היימלאזע יידן א „כוס תנחומים" (בעכער פון טרייסט) און צי ער וועט זיי האבן, וואס צו זאגן... ער דערציילט נישט צופיל וועגן דעם, וואס ער האט די יידן געזאגט, ער האט דאך זיי נישט געבראכט קיין סערטיפיקאטן און קיין וויזעס. ווען ער האט דאס ערשטע מאל געדארפט רעדן צו די היימלאזע, דערציילט ער, האט ער געהערט ווי א קול זאגט אים „של נעליך מעל רגליך" — ווארף אראפ די שיך פון דיינע פיס, ווייל די ערד אף וועלכער דו שטייסט איז הייליק... אודאי האבן די היימלאזע געחלומט

און זיי חלומען ווייטער וועגן סערטי־פיקאטן און וויזעס, אָבער יעדער פון זיי האָט „אַ בענקעניש צו אַ קרוב, אָדער אַ פריינט, אַ ציטערדיקן באַגער צו אַ מינדעסטן אויסדרוק פון גוטס־קייט און ליבשאַפט". און די יידן האָבן די געסט, וואָס האָבן צו זיי גע־רעדט טאַקע אַרומגערינגלט צערטלענ־דיק און לאַשטשענדיק.

נאָר איין געדאַנק, וואָס ישראל אפרת האָט אַרויסגעבראַכט אין אַ רעדע פאַר זיינע צוהערער אין פערנ־וואַלד, גיט ער אונדז איבער. ער האָט געוואָלט רעדן וועגן „קדושת הצער" (הייליקייט פון צער), אָבער ער האָט מורא געהאַט צו אָפּערירן צופיל מיט דעם וואָרט „קדושה" און ער האָט גערעדט וועגן „גאולת הצער" — דערלייזונג פון צער. עס איז, האָט ער געזאָגט, נישט גענוג צו שטרעבן זיך צו באַפרייען פון צער, נאָר „מען דאַרף דעם צער אַליין אויך אויסלייזן, וואָרום אויב נישט, זענען דאָך אַזעל־כע גרויסעליידן געווען אומזיסט און אומנישט". און ווען אפילו דער צער האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער וועלט אומזיסט און אומנישט, דאַרף מען אים אויך געבן אַ זין. מען טאָר דעם צער נישט פאַרגעסן און „ער מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין גייסטיקע ווערטן, פערזענלעך־עטישע, סאָציאַ־לע און קינסטלעריש־ליטעראַרישע".

בכדי צו אַרויסברענגען אָט־אָ דעם געדאַנק אַזוי קלאָר, האָט זיך געלוינט אפרת זאָל פאָרן צו דער „שארית־הפליטה", כאָטש בעצם איז דאָס דער געדאַנק, וועלכן לייוויק דריקט אַרויס אין אַלע זיינע ווערק זייט צוויי צענדליק יאָר. אפרת איז מסתמא פשוט דורך דער באַרירונג מיט ליי־וויקן געקומען צו דער קלאָרער פאָר־מולע פון אָט דעם געדאַנק. לייוויק האָט מיר אין פערזענלעכע שמועסן אומצייליקע מאָל געזאָגט: „נישט פאַרגעסן אין צער! אים פאַרוואַנדלען אין דעם כוח, וואָס גיט לעבן!"...

אויף ווי ווייט די יידן פון דער „שארית הפליטה" האָבן זיך געלאַש־טשעט צו די געסט, קען מען זיך דער־וויסן פון אָט־דעם עפּיזאָד, וואָס אפרת דערציילט, נאָך אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט גערופט „אויפ־לעבן טויזנט פאַרשניטענע לעבנס", זענען צו אים צוגעקומען צוויי מייד־לעך און זיי האָבן אים געזאָגט: „מיר ווילן איר זאָלט זיין אונדזער פאָ־טער". ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געפילט, אַז דער שמייכל פרירט זיין פּנים און ער האָט זיי געפרעגט ווער זיי זענען און ווי אַזוי זיי הייסן, זיי האָבן געענטפערט, אַז דאָס איז נישט וויכטיק און אַז ער וועט זיי סיי ווי קיינמאָל נישט זען, זיי ווילן נאָר האָבן דאָס רעכט אים צו רעכנען אַלס זייער פאָטער. ער האָט געוואָלט וויסן, צי זיי זענען שוועסטער, אָבער ער האָט זיי שוין מער נישט געזען. דער דאָזיקער עפּיזאָד מאַכט דעם איינדרוק מער פון אַ פּאָעמע, ווי פון אַ פאַקט און אין דעם באַשטייט זיין גרויסקייט. דאָס איז די געשיכטע פון דער מוראַדיקער איינזאַמקייט, וואָס וואָיעט אַרום פון איינזאַמע יידי־שע מיידלעך, וועלכע האָבן קיינעם נישט אויף גאָטס וועלט. זיי ווילן אַ רעכט צו רופן איינעם טאַטע... די אַלע הונדערטער טויזנטער יתומים זענען אייגנטלעך אונדזער אַלעמענס טעכטער און שוועסטער, אָבער מיר

זענען שלעכטע טאַטעס און שלעכטע ברידער...

ישראל אפרת שרייבט נישט קיין פאָטאָגראַפישע בילדער, נאָר איינדרוקן. און די איינדרוקן זענען פון אַ דיכטער. זיינע פירושים צו די פאַקטן זענען ווערטפולער ווי די פאַקטן אַליין, וואָס ער דערציילט. ער דערציילט צו־מאָל אַ פרט, וואָס איז אומגעהויער באַלערנדיק און וואָס פאַלט ווי אַ ריזן־רעפלעקטאָר אויף דער מענטשלעכער נשמה און ער באַלויכט זי און ער ווייזט זי דורך און דורך. אָט גיט ער איבער אַ דערציילונג פון אַ פרוי וועגן פינף הונדערט יידישע פרויען, וואָס זענען געפירט געוואָרן איבער דעם באַלטישן ים. קראַנקע פרויען, אָן עסן, אָן וואַסער, אינגאַנצן נאַקעטע. אַ סך זענען אין וועג געשטאָרבן און יעדן טאָג האָט דער קאַפיטאַן אַריינגעשליידערט מיט זיין שטעקן די טויטע (די דאָזיקע יידישע פרויען, וואָס לאָזן נישט געבן זייערע מענער אויף יידישע זאַכן, זאָלן זיך גוט דורכדרינגען מיט דער געשעעניש. די פינף הונדערט פרויען זענען נישט געווען קיין קלענערע מיוחת׳טעס פון אונדזערע פרויען און איניקע זענען מסתמא אויך נישט געווען קיין קלענערע גבירנטעס!) צוויי הונדערט זענען געראַטעוועט געוואָרן ביז וואַנען די מלחמה איז פאַרענדיקט געוואָרן און מען האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ האָלענדישן לאַגער און מען האָט זיי אָנגעטאָן און געגעבן עסן. פון דער אנדערער זייט לאַגער האָבן זיי דערזען האָלענדישע מענער און איניקע פון אונדז האָבן זיך צעשריגן היסטעריש: „מאַנסבילן". וואָס פאַר אַ מוראדיקער מאַגנעטישער כוח עס איז דער מאַן און ווייב רייץ! אינטערעסאַנט איז אָבער די באַמערקונג פון דער דערציילערן, אַז פינף יאָר האָבן זיי שוין נישט געהאַט געזען קיין מענער, אויסער די ווילדע חיות! די דייטשן זענען פאַר זיי נישט געווען קיין מענער, נאָר ווילדע חיות און זיי האָבן צו זיי געפילט דאָס זעלביקע, וואָס אַ פרוי פילט צום „ער" פון אַ ווילדער חיה, וואָס וואַרפט זיך זי צו פאַרצוקן...

דער דיכטער אפרת האָט פון דער דאָזיקער דערציילונג אַרויסגעהערט דאָס געזאַנג פון „פאַרטעמפטע און פאַרשוועכטע צניעותדיקע גלידער".

פאַראַן אָן אַ שיר אַזעלכע באַמערקונגען ביי אפרתן, וואָס טאָרן נישט און דאַרפן נישט פאַרגעסן. אַ געראַטעוועטער ייד דערציילט אים ווי אַזוי מען האָט אים אַוועקגעריסן פון זיין פרוי און טאָכטער, וועלכע מען האָט אומגעבראַכט און ער זאָגט: „איך לעב, אָבער יעדע רגע מיינע איז הזכרת נשמות". דר. זלמן גרינבערג, איינער פון די אָנגעזעענסטע יידישע מנהיגים אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד, האָט דערציילט דעם מחבר וועגן דעם יידישן שרייבער מ. בורשטיין, דער מחבר „ביי די ברעגעס פון מאַזאָוויע", אַז ווען ער איז געלעגן אַ געשוואָלענער פאַר הונגער, האָט ער געזאָגט: „וואָס פאַר אַ גוטע מאַמע די ערד איז. אָט נעמט אַן עפּעלע, וואָס פאַר אַ גאַנצע, אלחושיקדיקע הנאה די מאַמע האָט געוואָלט מיר זאָלן האָבן פון אַן עפּעלע. די הויט איז גלאַט ווי דאָס פנים פון אַ קינד. עס ווילט זיך גלעטן עס מיט די פינגער, מיט דער פלאַך פון דער האַנט, מיט ביידע הענט און האָ-

בן הנאה פון דער צאַרטער קיילעכדיקייט". אין דעם זעלביקן טאָן האָט בורשטין גערעדט וועגן קאָליר פון עפּעלע און וועגן טעם... דאָס איז אַ פּאָעמע, וואָס וואָלט געדאַרפט אַריינגיין אין אַלע יידישע און העברעאישע אַנטאָלאָגיעס און אפשר אויך אין די נישט־יידישע. אָט אַזוי־אָ האָט געזען די נאַטור אַ יידישער שרייבער, וואָס איז געווען געשוואָלן פאַר הונגער צוליב דער שוידערלעכסטער רשעס און וועלכער האָט שוין געהאַלטן ביי אויסהויכן די נשמה! ווי שטאַרקער ס'איז דאָס לעבן פון טויט!

עס גייט אָן אַ פּאָלעמיק וועגן דעם, צי עס זענען געווען גוטע גויים, אָדער נישט. אייניקע ווילן דווקא דערווייזן, אַז עס זענען געווען. עס איז פאַר אונדז מער ווי זיכער, אַז די גוטע גויים זענען געווען אויסנאַמען, ווייל ווען עס וואָלטן געווען מער ווי אויסנאַמען, וואָלטן די נאַציס ניט געקענט אומברענגען זעקס מיליאָן יידן, און פון זיי אַ מיליאָן קליינע קינדער. אפרת ברענגט אַ וואָרט פון אַ יידן, וואָס דאַרף פאַר אונדז בלייבן קלאַסיש: „גוטע גויים — דערציילט אַ ייד — האָבן רחמנותדיק זיך געבעטן ביי יידן: איר גייט דאָך צום טויט, גיט אונדז אייערע מאַנטלען, גיט אונדז אייער גאָלד, וואָס איר האָט באַהאַלטן, מען וועט דאָך אייך סיי ווי אויסשיסן". ווען אפרת איז געווען אין דעם ביר קעלער אין מינכען, ווו היטלער האָט דורכגעפירט זיין ערשטן פּוטש, האָט אים זיך געדאַכט, אַז ער הערט אָט־אָ דעם זאָג: „ס'איז געשטאָרבן דער מענטשלעכער יושר פון דער גאָרער וועלט".

אפרת הערט נישט אויף צו דערציילן וועגן דער אנטוישונג פון די יידן אין דער וועלטס יושר און אין סאָציאַליזם, אָבער ער מאַכט דאָך נישט דעם איינדרוק, אַז ער וויל ווייזן נאָר פאַרצווייפלונג ביי די היימלאָזע יידן. ער וויל אַפילו נישט ווייזן, אַז דער סאָציאַליזם וועט שוין קיינמאָל נישט מקוים ווערן. ער וויל נאָר ווייזן אַז די יידן זוכן אַ זין פאַר זייער לעבן און אַ גלויבן אין דער צוקונפט אין זיך אַליין. דער העברעאישער דיכטער דערציילט, אַז אַ יידישער בחור מיטן נאָמען יעקב כאַנעט פון לודוש־רומעניע, אַ זון פון אַ רב, האָט אים געשענקט אַ שטיקל פּאַרמעט, וואָס ער האָט געפונען אין שמוץ־קאַסטן אין בירקענוי. די ידיעה איז שוין געווען באַדעקט מיט בהמה־מיסט און ווען ער האָט זי איבערגעלייענט, איז דאָרט געווען אָנגעשריבן: „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש". (איר וועט מיר זיין אַ קעניגרייך פון כהנים און אַ הייליק פּאָלק"). אין אָט דעם צופאַל איז פאַראַן אַן ענטפער אויף דער זוכעניש פון אַ זין פאַר די ליידן.

ישראל אפרת דערציילט אויך וועגן די נישט־הייליקע יידן, וועגן די פּראָוואָקאַטאָרס און פאַרעטער, וועגן די יידישע „קאַפּאָס" און ער באַמערקט אַזוי ווונדערלעך דיכטעריש, אַז אין יענע צייטן זענען אַלע יידן געווען „מתים אויף אורלויב" און איין מת האָט דעם צווייטן דערווייל געשלאָגן... וואָרום דער סוף איז דאָך געווען, אַז אויך די „קאַפּאָס" האָט מען דערהרגעט ווי יידן. זיי האָבן אַ שטיקל צייט געלעבט ווי פאַרעטער און געשטאָרבן זענען זיי ווי הייליקע...

און ישראל אפרת זוכט אויך דאָס ביסל פרייד. נישט נאָר די האָפענונג, נאָר טאַקע די פרייד. ער דערציילט וועגן זעקס און דרייסיק יידישע חתונות, וואָס קומען פאָר אין איין טאָג אין שטוטגאַרט. און ער באַמערקט: „יידן האָבן חתונה, פרויען קינדלען זיך. אָט אַזוי זוכט אַביסל ליכטיקייט אין אייער לעבן און זייט ממלא אונדזער חסרון".

י. אפרת איז אַ ציוניסט און אַ העברעאיסט, אָבער ער מיידט כמעט אוים פּאָלעמיק. ער דערמאָנט נאָר, אַז איין מאָל איז מען געווען אומצופרידן מיט זיין ציוניזם און נישט מער. „די האַלטונג פון די בונדיסטן צו מיר — שרייבט ער — לכל הפּחות פון אַ טייל פון זיי, איז גאַנץ קאָרעקט און אפילו פריינטלעך". און ער באַמערקט, אַז ווען ער איז אַפילו ווייט פון זייערע גלותיסטישע אידעען, איז ער דאָך „געפאַנגען פונעם הייסן ריטם פון אַרבעט". ער קלאָגט אויף דעם, וואָס מען איז נישט „מוסיף מחול אל הקודש" און מען לערנט נישט גענוג העברעאיש און וואָס „וועגט און דעבער שרייען העברעאיש, אָבער נישט די לאַגער מענטשן", אָבער ער דערציילט אויך וועגן אַ פּופּצן יאָריקן יינגל מיכאַל העלשטיין,, וואָס זיין שוין געווען אַ סקעלעט און וואָס האָט איצטער קיין כּוח נישט און ער איז „אַזוי יונג און שיין און אַזוי אַלט און מיד" און ווען ער האָט אים געפרעגט, וואָס ער וויל פאַר אַ מתנה, האָט ער אים געענטפערט, אַז ער וויל אַ יידיש בוך.

אין סך־הכל זעט אפרת דריי שאָטנס איבער אייראָפּע, איין שאָטן איז איבער אַזעלכע גרויסע קהילות ווי רומעניע און אונגאַרן — איזאָלאַציע, אַ צווייטער שאָטן איבער מערב אייראָפּע איז אַסימילאַציע און אין מיט זענען די לאַגערן מיטן דריטן שאָטן פון פיזישן און גייסטיקן הונגער... און ער ענדיקט: „און דאַכט זיך איין גוטער שטראַל וואָלט די אַלע שאָטנס פאַרטריבן".

וואו־זשע איז ער אָט דער שטראַל?

טיילווייז איז ער דאַכט זיך דאָ אין די יידן אַליין, וואָס ווילן לעבן און בלייבן לעבן אויך, ווען זיי ווילן שוין נישט. אַ יידישע פרוי האָט אים דערציילט, אַז נאָכדעם, וואָס מען האָט זי מכבד געווען מיט פינף און צוואַנציק שמיץ, האָט מען געשיקט צו איר אַ דאָקטאָר, אָבער זי האָט אים אָנגעשפּיגן אין פּנים און געוואָלט שטאַרבן. זי איז אַריינגעפאַלן צו אַ פריינט, וואָס איז געלעגן אין טיפוס און זי האָט אויסגעלעקט זיין טעלער און אָנגעטאָן זיין שווייסיק העמד. און דער מלאך־המות האָט ניט געוואָלט קומען צו איר.

עס איז ביי יידן דאָ אַ ווילן צו לעבן און אַ כּוח צו לעבן! אָט דאָס דערציילט י. אפרת אין זיין בוך, וואָס אונדזער „צענטראַל פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן" האָט אַרויסגעגעבן און עס איז אַ וויכטיקער דאָקומענט וועגן אונדזער נאָך־חורבן תקופה, אַ דיכטערישער, מענטשלעכער און יידישער דאָקומענט.

שמואל ראָזשאַנסקי באַהאַנדלט דאָס בוך פון מרדכי שטריגלער „מאַידאַנעק" אין צוויי אַרטיקלען („די יידישע צייטונג", בוענאָס-איירעס, 24 און 27 אויגוסט, 1947):

ה. לייוויק זאָגט ריכטיק: „ווי נאָר דער לייענער וועט עס אָנהייבן לייענער, וועט ער שוין נישט קאָנען זיך אָפּשטעלן" (ז' 5). אַזאַ בוך איז מרדכי שטריגלער'ס „מאַידאַנעק". אַזוי פאַרכאַפּנדיק. עס דערשיטערט אַזוי ביז אין די טיפסטע טיפענישן, אַז מאָמענטנווייז לייענט מען איינהאַלטנדיק דעם אָטעם; אָבער עס שפּאַנט צו דער זעלביקער צייט אַזוי גוואַלדיק, אַז עס ווילט זיך אומגעדולדיק וויסן דאָס ווייטערדיקע. עס לאָזט נישט וויינען, כאָטש עס צעברעכט. ס'לאָזט נישט איבערטראַכטן, כאָטש עס שאַרפט דעם מוח. מען כאַפּט זיך צו צושטריגלערס ווי צום קבר פון דעם טייערסטן אייגענעם מענטשן...

דאָס איז דער הייליקער קבר פון דעם געשענדעטן מענטשן, וואָס מרדכי שטריגלער ווייזט אונדז אין „מאַידאַנעק".

„דאָ זוכן אויגן אַ וועלט, אַ גאַנצע וועלט, וואָס מ'האָט פאַרלוירן" (ז' 126). אַזוי שילדערט שטריגלער אַ סצענע, ווי די איינגעלאַגערטע מענער האָבן אַריבערגעקוקט אין דעם הויף, ווו די פרויען זענען געווען אַרומגעצאַמט. איינע צו די אַנדערע האָבן אַריבערגעשריגן, געוואָרפן נעמען אין דער לופטן: אפשר וועט זיך פאַרט אָפּזוכן אַ ווייב, אַ טאָכטער, אַ שוועסטער, אַ קרוב. דאָס איז געווען איינער פון די יום-טובדיקסטע מאָמענטן אויף דער שוועל פון טויט. עטלעכע טריט פון דער תליה. כסדר באַדראָט פון אַ קויל, פון קריגן איבערגעבראָכן מיט אַ פלאָקן רוק און לענד. דאָך! „ווער קען דערגרונטעווען די מענטשלעכע באַהאַלטענע כוחות?" (ז' 76).

מרדכי שטריגלער ווייזט דעם מענטשן מיט אומענדלעכער גבורה. סיי צום גוטן, סיי צום שלעכטן. ער שטעלט פאָר אַלע עינויים, וואָס מענטשן זענען דורכגעגאַנגען אין קאָנצענטראַציע-לאַגערן און אין דער טויט-פאַבריק, שילדערט מיט אָן אַ שיעור פּרטים. אָבער נאָך מער פּרטימדיק שילדערט ער די מענטשלעכע נאַטור, די פּסיכיק, די איבערלעבונגען און געראַנגלען פון דעם געשענדעטן מענטשן. גריבלענדיק זיך אין די וויסטע מעשים פון די אונטערוועלט-מענטשן, וועלכע האָבן נושא-חן-געווען ביי די ס. ס.-לייט, געפינט ער צומאָל אין עטלעכע פון די דאָזיקע רוצחים סיבות, מאָטיוון, וועלכע ווירקן ווי „מילדערנדיקע אומשטענדן". נאָר ער דערציילט אויך איבער, ווי אַ 12-יעריק יינגל האָט אַליין אויפגעהאָנגען זיינע טאַטע-מאַמע און „ביים יינגל האָבן די הענטלעך קוים-קוים געציטערט" (ז' 152). דאָס האָבן אים אַזוי אָנגערעדט די געשטאַפּאָווצעס, ער זאָל זיי איבערצייגן, אַז ער איז „נישט מער קיין ייד" און דערפאַר וועלן זיי אים לאָזן לעבן בלייבן און נאָך באַשטימען פאַר אַן עלטסטן, פאַר אַ „קאַ-

פּאַ". איז אַפּילו אויף אים זוכה שטריגלער אַ זכות. „איך ווייס ניט", זאָגט ער, „אויב ביי אַזאַ ייִנגל איז שוין רייף דאָס געפיל פאַר חרטה". (ז' 153).

אין כּלל זעט אָבער שטריגלער דווקא אַ רירנדיקע צוגעבונדנקייט צווישן מענטשן. וויפל קנאה און האַס עס צינדט זיך צום צווייטן, וואָס האָט געקראָגן מיט אַ שטיקעלע ברויט מערער אָדער נאָך אַ לעפל בלאָטיקע זופּ, איז די ליבשאַפט אַ סך גרעסער און טיפער. פון אונטער די שמאַטעס, קאָרטשענדיק זיך אין דרייען פון הונגער, פרירענדיק, נישט קענענדיק ליגן, זיצן און איינשטיין, פון וווּנדן איבערן גאַנצן לייב, דאָך זינגט אַרויס פון מענטשן דאָס לעצטע פאַרחלשטע פּיצעלע מענטש. כאָטש מ'האָט פאַר דעם איינגעשטעלט מיטן לעבן; דאָך פלעגט מען ביי יעדער מינדעסטער געלעגנהייט וואַרפן ברויוולעך איבער די עלעקטרירטע דראָטן. די וואָס האָבן שוין אַלע האָפענונגען פאַרלוירן צו געפינען עמעצן, פלעגן איינשטעלן דאָס לעבן פאַרן פאַרגעניגן „צו זען ווי אַזוי די לעצטע פונקן פון געוועזענע משפחות אין יידישן פאָלק פליען נאָך איבער די דראָטן, טליענדיק מיט דער אייזערנער עקשנות פון נישט וועלן פאַרלאָשן ווערן" (ז' 114). און געווען אויך צווישן דער קליינער צאָל יונגע ייִנגלעך (וועלכע פלעגן פון די נאַציס אויסגענוצט ווערן אויך פאַר די זינדיקסטע צוועקן) אויך אַזעלכע, וואָס „במעט יעדן טאָג איז ער געקומען און עפּעס מיטגעבראַכט, און שטענדיק גערעדט צום פאָטער ווי

מ'באַרואיקט אַ קליין, שוואַך קינד" (ז' 154).

אומדערשעפּלעכע מאָראַלישע כוחות זענען געווען אַפּילו צווישן די צעממיתטע יידן, וואָס אויב זיי זענען לעבן-געבליבן, זאָגן זיי וועגן זיך ווי שטריגלער: „כ'ווייס אַליין, אַז כ'בין אַ וואָרעם דאָרט געווען, אַ מאַכטלאָז־אויסגעשטעלטער צו שלעק און פּיין" (ז' 124). עס קלינגט אומגלויבלעך, ווען מ'דערוויסט זיך, אַז צווישן די דאָזיקע אומגלויבלעכע, וועלכע זענען געשלאָגן געוואָרן אָן אַ פאַרוואָס טאָג און נאַכט, אַפּילו בעתן איינדרימלען אויפן געלעגער, און פאַר דער מינדסטער זינד האָט מען אויפגעהאָנגען, און אַלע איינגעלאַגערטע האָבן זיך באַדאַרפט צוקוקן צו דער עקזעקוציע, האָבן זיך נאָך אַפּילו געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן צומאָל בעת אַפּעלן און ביי דער אַרבעט געטראָגן אַ יאַרמולקע, „זיך צוגעשפּי־

ליעט די יאַרמולקע מיט צוויי דינע פעדים צו די אויערן" (ז' 162). און אַפילו אַ תנ"ך אַריינגעשמוגלט אין לאַגער. ווי איז דאָס מעגלעך געווען? אַז מען איז כסדר אונטערגעזוכט געוואָרן! אַז גייענדיק אין באָד, האָט מען באַדאַרפט איבערלאָזן די אַלטע קליידער און אָנטאָן אַנדערע שמאַטעס, פרעמדע — ווי־זשע האָט מען געקענט אַריינברענגען? פון וואַנען האָט געקלעקט דעם קראַנקן און צעבראָכענעם ד"ר יצחק שיפער כוח, איינצושאַפן אַזש אַ צייטונג און זי פאַרלייענען פאַר די אַרעסטירטע, טרייסטנדיק און דערמוטיקנדיק, אָנזאָגנדיק די מפלה פאַר דער הערשאַפט פון שלעכטס? פון וואַנען האָט זיך גענומען דער פראָסטער שלמהלע, וואָס האָט „אַן אומגעווענלעכע פאַרערונג אַרויסגעוויזן צו אָטדעם מאָדנעם דאָקטאָר" (ז' 177), אַזאַ גרויסע פאַרערונג, אַז ער האָט זיין לעבן איינגעשטעלט, מען זאָל נישט דערקענען ביי די אַפעלן, אַז ד"ר שיפער קען זיך נישט האַלטן אויף די פיס?

מרדכי שטריגלער דרינגט אַריין דורך „מאַידאַנעק" אין די טיפענישן פון די געהייליקטע און אויך פון די פאַרדאָרבענע כאַראַקטערס און נשמות, אַנאַליזירט פסיכישע צושטאַנדן און פאַרוואַנדלונגען פון מענטשלעכע נאַטורן, דרינגט אַריין און אַנאַליזירט מיט אַזוי פיל קינסטלערישן אָטעם און עטישן ברען, אַזוי רירנדיק און אַזוי אוממיטלבאַר, אַז דורך דעם אומענדלעכן פיין ווערן מיר שותפים אין דעם געראַנגל — — —

— 2. —

פון אַלע ביז־איצט־דערשינענע ביכער וועגן יידישן אומגליק און חורבן אונטער די נאַציס איז בלי־שום־ספק מרדכי שטריגלערס „מאַידאַנעק" דאָס שטאַרקסטע ווערק. עס איז נישט בלויז אַ געוואַלדיקער דאָקומענט פון די מאַסן־מאָרדן איבער יידן. עס איז נישט בלויז די גענויסטע באַשרייבונג פון די רציחות, וועלכע זענען באַגאַנגען געוואָרן איבער מיליאָנען. חוץ דאָקומענט איז שטריגלערס „מאַידאַנעק" אַ גרויס קינסטלעריש ווערק. און אויב דער דאָקומענט איבער די נאַציס און זייערע מאָרדסיסטעמען, וואָס שטריגלער שילדערט פרטימדיק, איז אַזוי אויפטרייסלענדיק און רירנדיק, שניידט זיך אַריין אין די אויגן, אין מוח און אין האַרצן, איז דאָס נישט אַזוי דערפאַר ווייל עס איז אַ ריכטיקער דאָקומענט, נאָר ווייל דאָס באַשריבענע איז קינסטלעריש קרעפטיק, דאָס וואָרט האָט בלוט און מאַרך, די עפיזאָדן זענען בילדעריש, מאָלעריש, אַזוי איבערצייגנדיק, אַז מען הייבט אָן אַליין איבערצולעבן, וואָס דער מחבר האָט איבערגעלעבט.

ער מאַכט זען, וואָס ער דערציילט. ער מאַכט פילן, וואָס ער האָט געפילט. ער פירט אַריין דעם לייענער אין זיין וועלט, אין דער וועלט פון קרבן, וואָס צאַפלט זיך אין די נעגל פון רוצח. מ'ווערט אַזוי באַהערשט פון די בילדער און איבערלעבונגען. וואָס שטריגלער שילדערט, אַז עס איז נאָך דעם אוממעגלעך פון זיי זיך צו באַפרייען. זיי ווערן אַ טייל פון אונדזער אינעווייניקסטער וועלט.

קודם-כל כאַפּט אונדז אַרום דאָס געפיל, אַז די אַלע, וועלכע זענען אונטער די נאַצישע עינויים געווען מוראדיק דערשלאָגן און פאַרטעמפּט, האָבן פונדעסטוועגן, נישט געקוקט אויף דעם אומענדלעכן פיין, קלעפּ, הונגער, שמוץ, עלנט און האָפענונגסלאָזיקייט נאָך געהאַט אין זיך אַן אומגעהויערע שאַרפע וואַכזאַמקייט, אַ פאַרשפּיצטע שפּיר־קראַפט. מרדכי שטריגלער איז דער וואונדערלעכער שילדערער און פּסיכאָלאָגישער אַנאַליטיקער פון די קאָמפּליצירטסטע מאָמענטן, אין וועלכע ער ווייזט אונדז די דאָזיקע אומגעהויערע וואַכזאַמקייט און פאַרשפּיצטע שפּיר־קראַפט.

אָט זעען מיר ווי אַ מחנה ווערט געטריבן דורך אַ וואַלד צו אַ נייעם לאַגער. קיינער ווייסט נישט, צי עס דערוואַרט זיי אויף דעם נייעם אָרט באַלדיקער טויט אָדער צייטווייליק לעבן. שילדערט שטריגלער אַזוי דאָס גיין פון דער מחנה: „ביי יעדן קלאַפּ מיט די שיך האָט עפּעס אַ לופטיקער ליץ פון דער וואַלדס טיפעניש אַרויס נאָכגעקראַגעט, נישט מיד ווערנדיק נאָכצושפּעטן דעם גאַנצן וועג" (ז' 233). דאָס חוזקט דאָס לעבן איבער די אומגליקלעכע. ווי אַנדערש? אַזוי די הערלעכקייט פון דער נאַטור איז דאָס פאַרקערטע פון זייער לעבן! ווי זאָל מען נישט האָבן דאָס געפיל, אַז די נאַטור לאַכט פון זיי אָפּ? אַז „דער אָנקום פון אַ נייעם טאָג ווערט דאָ אָנגעזאָגט דורך אַ תליה" (ז' 73). דאָס איז נישט קיין מליצה. די ווירקלעכקייט אין מאַידאַנעק איז געווען אַזאַ. דאָרטן איז אין מיטן הויף געשטאַנען אַ תליה. „אויפן שפּיץ פון דער תליה איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסער בלעכענער האָן. — דערציילט שטריגלער — ווען עס דאַרף עפּעס פאָרקומען אין לאַגער, ציט מען אונטן מיט אַ שטריק. דער האָן קלאַפּט דאַן מיט זיין מעכטיקן אייזערנעם שנאָבל אויפן אייזן פון דער תליה און עס צעטראָגט זיך איבערן גאַנצן הויף אַ מאָדנער, אומהיימלעכער קלאַנג. יעדן פאַרטאָג, פּינקטלעך דריי אַזייגער, וועקט אונדז אויף די תליה" (ד"ז). די תליה צעשפּרייט אירע שאָטנס אויף אַלע איינגעלאַגערטע, אַפילו, ווען זיי זענען ווייט פון דער תליה. די שטריק וויגט זיך נאָכאַנאַנד אין זייער מוח...

קיינער האָט ביז איצט אַזוי נישט איבערגעגעבן דעם קאָשמאַר פון די נאַצישע לאַגערן ווי שטריגלער. ער האָט פון אַ סך פּרטים אַרויסגעבראַכט שטאַרקער דעם קאָשמאַר ווי דורך גרויסע געשעענישן. ווען ער שילדערט, למשל, ווי זיי זענען אַריין אין די גאַז־קאַמערן, ניט אויף צו דערשטיקט ווערן, נאָר זיי זענען אַריינגעטריבן געוואָרן צו ווערן באַשיצט פון רעגן, פילט מען דעם גרויל אפשר שטאַרקער ווי זיי וואָלטן יאָ פאַרגאַזט געוואָרן... דאָס איז דער גרויל פון זייניקער, וועלכע האָבן מערער ליב זיך איזדיעקעווען און לאָזן זיך מאַטערן איידער אַוועקהרגענען מיטאַמאָל. „ביי די דייטשן מוז אַלץ גיין פאַרקערט. — דערציילט ער — פּונקט ווי אויסגערעכנט צום דעזאָריענטירן" (ז' 45). מיט אַזאַ טאַקטיק האָבן די נאַצים אַזוי דעמאָראַליזירט און צעטומלט די מחנה, אַז

„מענטשן קעמפן צווישן זיך, נישט וויסנדיק אַליין צוליב וואָס; איבער אַ ווינקל און אַן אָרט איז מען גרייט לעבנס אויסצולעשן, גאָרגלען איינצובייסן, אַלץ חרוב צו מאַכן און אומצוברענגען" (ז' 203). די דאָזיקע צושטאַנדן מאָלט שטריגלער מיט אַזעלכע מיטלען, גריבלענדיק זיך און אַנאַליזירנדיק רגע'ס, אַז פון די רגע'ס ווערן אייביקייטן. אין דער זעלביקער רגע, וואָס איינער גיט זיך אָפּ רעכענונג, אַז מ'האָט דעם גאַנצן עולם אַריינגעשטויסן אין גאַז־קאַמער, כאַפּן זיך אַנדערע צו צו דער שאַפע, ווו עס ליגן חפצים, און לאַשטשען זיך אַפילו אויף נאָדלען, וואָס זיי דערזעען דאָרטן און „ס'ברעכט אויס אַ געשלעג איבער די לעצטע נאָדלען" (ז' 205). די־אָ דעטאַלן כאַראַקטעריזירן די מענטשלעכע נאַטור שאַרפער ווי אַנדערע שוידערלעכע פּאַסירונגען. איר זעט, ווי כל־זמן מ'לעבט נאָך זענען די אויגן גרויס און מ'וויל, עס רעדט זיך אַזוי, איינשלינגען די וועלט... פאַר יענע מענטשן, וואָס האָבן שוין אפשר לאַנג קיין נאָדל נישט אָנגעקוקט, איז אַ נאָדל געוועזן אַ גרוס פון דער אַלטער „שיינער" וועלט...

שטריגלער שטעלט פאָר די „נייע" וועלט, דעם גיהנום, ערטערווייז ווי אַ מייסטער פון וואָרט. ווען ער וואָלט נישט איבערגעלאָזט איינציקע שטעלן, וועלכע זענען אַ דיסאָנאַנס צום בעלעטריסטישן טאָן פון גרויסן שוווּנג, וואָלט מען נישט געאַנט אַז ער איז פון די נייע אַנטפּלעקונגען אין דער יידישער ליטעראַטור. אַזעלכע פּראַזן ווי „טרעטן מיר אַלזאָ צו צום צווייטן טייל וועגן די לעצטע טעג" (ז' 165) אָדער „מיין פעדער האָט דאָס איריקע געטאָן און דערציילט, אַז איך, פּסיכיאַטאָרן, פאַרקאַשערט די אַרבל און — צו דער אַרבעט" (ז' 61) אָדער „אַ סך געשעענישן, געשטאַלטן און מאָמענטן לאָז איך, צוליב געוויסע סיבות, איבער פאַר די ווייטערדיקע ליטעראַרישע אַרבעטן מיינע" (ז' 1 4) גייען אַרויס פון דעם דערציילערישן טאָן, ברעכן די גאַנצקייט און דערמאָנען אין פאַראַלטערטע שרייבער אָדער גאָר נאַאיווע, אַנהויבערישע. נאָר דאָס זענען בלויז עטלעכע שטעלן אין דעם גאַנצן ווערק. עס איז גענוג אָנצומערקן אויף דעם און דער מחבר אַליין וועט אין אַ צווייטער אויפלאַגע פון זיין בוך אַזעלכע שטעלן באַזייטיקן. און עס איז אויסער יעדן ספק, אַז דאָס דאָזיקע ווערק וועט האָבן ווייניקסטנס נאָך אַן אויפלאַגע, אויב נישט מער. עס פאַרדינט. שטריגלער איז צו באַשיידן, ווען ער זאָגט: „דאָס בוך זאָל נאָר באַטראַכט ווערן ווי דער ערשטער גרילץ פון דעם שליסל צו דער תקופה, וואָס וועט שטיין אונטער דעם צייכן פון מאַידאַנעק" (ז' 1 5). דערווייל, צוויי יאָר נאָכן קריג, איז שטריגלערס „מאַידאַנעק", דאָס ערשטע בוך פונעם ציקל „אויסגעלאָשענע ליכט", דער בעסטער שליסל צו דער תקופה. מיט דעם שליסל עפענען מיר לייכט די טירן צו אַ סך קאַמערן, ווו איין שווידער איז גרעסער פונעם צווייטן, אָבער ווו עס פירט אונדז אומעטום אַריין דער עכטער קינסטלער, וועלכער ווירקט אויף אונדז גלייך ווי מיר אַליין וואָלטן

געוווינט און געלעבט אין דעם לאַגער און אין דער קאַמער...

מיר דערפילן דעמאָלט די הייליקייט פון יעדער שפּאַרונעץ, פון וועלכער מ׳זעט אַרויס פרייהייט, ווי די לאַגער־מענטשן, וואָס קוקן אַרויס דורכן שפּעלטל אין פאַרמאַכטן וואַגאָן. שטריגלער האָט לשון פאַר דער הייליקייט. „דאָ — שילדערט ער מאָדערן גאָטספאַרכטיק — חנדלען זיך ברייטע ידיעות פון בלויע, אומגעצוימטע הימלען" (ז׳ 213). ווען ער קריגט געממיתט, דאַכט זיך אַ מאָל אויס, אַז „די ס. ס. נעמען שלאָגן מיט גרויסע, לעדערנע לולבים" (ז. 194). ער קען, שטריגלער, מאָלן די בוחות און דעם געראַנגל אין דער נאַטור; ווי צעפייניקט ער איז, דער לאַגער־מענטש, קען ער פאַרגעדענקען אויף יאָרן די געמיטלעכקייט בעת אין דער מלחמה צווישן רעגן און זון האָט „דער טאָג זיך צו אונדז צוריק צעשמייכלט ווי אַ קינד וואָס האָט נאָר וואָס אָפּגעטאָן אַ שקאָצעריי" (ז׳ 187).

מרדכי שטריגלער געפינט נייעם לשון אויף איבערצוגעבן די נייע דערשיינונגען, פאַר וועלכע אַ שרייבער האָט גאָר פריער נישט באַדאַרפט האָבן קיין ווערטער. אַזוי, למשל, ווען ער שטעלט פאָר ווי מענטשן פלעגן אַראָפּשלינגען דאָס לעצטע שטיקל צירונג, כדי פאָרט צו קענען נאָכן אוועקגעבן אַלע זאַכן בלייבן מיט עפּעס, ווייל מיט געלט איז פאָרט מעגלעך נאָך עפּעס אויפצוטאָן, דערציילט שטריגלער, אַז „עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ש ל י נ ג ע נ י ש" און „אַ שטיק פאַרמעגן איז שוין איצט אַ ר יי נ ג ע ל יי ב ט געוואָרן" (ז׳ 42). אַז ער דערציילט, ווי אַ מחנה מיט הילצערנע שיך גייט, ווי די נאַצים הייסן גיין, שרייבט ער: „דער גאַנצער לובלינער שליאַך זעט אויס ווי איין גרויסער שטיינערנער קלאַוויר, איבער וועלכן ריזן־גרויסע, לאַנגע, קעפּיקע פינגער זוכן דעם וועג צו אַ מידער איינטאָניקער מעלאָדיע" (ז׳ 1 9). אַז ער וויל פאָרשטעלן, ווי צאַרט דער פּראָסטער יונג שלמה באַציט זיך צום דאָקטאָר שיפּער, וועלכער קען זיך אויף די פיס נישט האַלטן, מאָלט שטריגלער אַזוי: „אַן אומגעוויינלעכע פאַרערונג האָט דער יונג אַרויסגעוויזן צו אָט דעם מאָדנעם דאָקטאָר, וואָס קען נישט היילן קיין קראַנקע, קען זיך אַליין נישט היילן און איז דאָך — אַ דאָקטאָר... עס איז ביי אים אויסגעקומען ווי עפּעס אַ גאָט אַזאַ, וואָס קען נישט אַליין גיין, נאָר מ׳מוז אים טראָגן... אָט ווי אַ „ריינקייט", למשל (ז׳ 177). אָט אַזוי אַנאַליזירט שטריגלער די געמיט־צושטאַנדן פון די צעפּייניקטע, בעת „גורל ווערט געטוישט אויף גורל (ז׳ 193).

מרדכי שטריגלער האָט זיין גילדערנעם „שליסל צו דער תקופה, וואָס וועט שטיין אונטער דעם צייכן פון מאַידאַנעק" אָנגעטאָן אויף אַ גינגאָלדענעם קייטעלע און מיט דעם דאָזיקן שליסל עפנט מען לייכט אויף די פאַרבאָרגענע טירן פון די פאַרהוילענע קאַמערן און פאַרפינצטערטע מענטשלעכע נאַטורן — — —

י. פּאַלאַטיצקי שרייבט וועגן פּראָפ. ד״ר מאיר באַלאַבאַנס בוך
„די יידן-שטאָט לובלין" („אונזער צייט", בוענאָס־איירעס, 6־טער יוני,
1947):

פון דעם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע
יידנטום" איז אַרויס אויף דער ליכ־
טיקער שיין אַ בוך פון גרויסן קול־
טור ־ היסטאָרישן אינטערעס און
ווערט, דער עיקר דערפאַר, ווייל אין
דעם בוך רעדט זיך וועגן אַ שטאָט
וואָס האָט געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע
ראָלע אין דער געשיכטע פון דעם
מאָדערנעם יידנטום און וואָס איז
חרוב געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע
צענדליקער און הונדערטער שטעט.

עס איז אַ ליטעראַטור-היסטאָרי־
שער שפּאַציר איבער עטלעכע יאָר־
הונדערטן, וואָס עס האָט זיך געקענט
פאַרגינען צו מאַכן דער באַרימטער
היסטאָריקער, פּראָפ. ד״ר מאיר באַ־
לאַבאַן, ווען ער איז ווי אַן עסטרייכי־
שער מיליטערישער ראַבינער אין דער
ערשטער וועלט-מלחמה געווען אין
לובלין.

דאָס דאָזיקע בוך איז איבערזעצט
געוואָרן אויף יידיש דורך אונדזער
אַלעמען באַקאַנטן חבר א. ל. שוס־
היים, וועלכער האָט דאָ באַוויזן, אַז
אַחוץ דער באַרימטסטער טאָג־שריי־
בער אין אַרגענטינע (מסתמא אויך
ווייט אַריבער די גרענעצן פון אַרגענ־
טינע) איז ער אַ גלענצנדיקער איבער־
זעצער, וואָס קען איבערגיסן אין דער
יידישער שפּראַך נישט נאָר דעם אינ־
האַלט פון אַזאַ ווערק ווי „די יידן-
שטאָט לובלין", נאָר אויך די שיינ־
קייט און פּשטות אין דעם סטיל און
שפּראַך פון פּראָפ. ד״ר מאיר באַלאַ־
באַן.

אין דעם אַריינפיר־וואָרט פון אי־
בערזעצער, זאָגט טאַקע א. ל. שוס־
היים וועגן דעם טראַגיש־אומגעקומע־
נעם יידישן געלערנטן, אַז „מאיר באַ־
לאַבאַן איז נישט געווען דער היסטאָ־
ריקער, וואָס פאַרלירט זיך אין די
פאַרשטויבטע, פאַרדומפּטע אַלטע
אַרכיוון, צווישן פאַרשימלטע פונעם
וואָרעם פון דער צייט צעפרעסענע
אַלטע דאָקומענטן, ווערנדיק דערביי
אַליין אַ פאַרשימלטע אַלטע מומיע;
ער איז געווען דער היסטאָריקער־
קינסטלער, וועלכער האָט פאַרבונדן
דאָס געשעענע אין אַלטע צייטן מיטן
לעבעדיקן לעבן"...

אין דער דאָזיקער אָפּשאַצונג גע־
פינט זיך דער קערן פון מאיר באַלאַ־
באַנס אופן פון אַרויסברענגען גע־
שיכטלעכע עפּיזאָדן, מאָנאָגראַפיעס
איבער באַרימטע יחידים און שטוד־
יומס פון יידישן לעבן אין דעם עבר.
פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן איז געווען
דער מאָדערנער יידישער היסטאָרי־
קער דערמיט, וואָס ער האָט זיך
אַריינגעלעבט אין די פּאַסירונגען און
פאַקטן פון דעם אָביעקט, וואָס ער
האָט באַשריבן אין אַנאַלאָגיע צו דער
היינטיקער צייט. דערפאַר קומען
אַרויס לעבעדיק, באַלויכטן מיט
קינסטלערישן ליכט פון דעם מייס־
טער־וואָרט פון מאיר באַלאַבאַן די
וויכטיקע קאַפּיטלען, וואָס גייען
אַריין אין דעם בוך: „די יידן-שטאָט
לובלין און איר אויפבלי אין 16-טן
יאָרהונדערט"; „די יידישע געמיינ־

דע אין לובלין, אירע רעכטן און פליכטן"; „צו דער קולטור פון די יידן אין לובלין אין 16־טן און 17־טן יאָר־הונדערט"; „דער קרוינטריבונאַל"; „דער יידישער סיים אין לובלין"; „יידן אין לובלין בשעת דער גרויסער מלחמה אין די יאָרן ת"ח־ת"ט; „נאָך דער גרויסער מלחמה". „דער קאַמף וועגן יידישן האַנדל אין לובלין אין 18-טן יאָרהונדערט". „די בעלי-מלאָ־כות"; „אברהם האַלפּערן און זיין צייט"; „דער חוזה פון לובלין"; „אַ שפּאַציר דורך דער יידן-שטאָט".

אין דעם בוך גייען דורך ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ פּאַסירונגען פון יידי־שן לעבן, קאַמפן און ראַנגלענישן, אי־נערלעכע און מיט דער דרויסנדיקער וועלט, פאַר עקאָנאָמיש־ווירטשאַפט־לעכן, קולטורעלן און אויך פיזישן אויפהאַלט. די קאַפּיטלען וועגן חוזה פון לובלין און פון ועד ארבע ארצות — דער דעמאָקראַטיש־געוויילטער יידישער פּאַרלאַמענט וואָס לובלין האָט געהאַט דאָס מזל צו זיין די שטאָט פון זייער אויפהאַלט — זענען קאַפּיטלען פון יידישן דעמאָקראַטישן גייסט און מאָראַלישן כוח, וואָס זייער איינפלוס ווירקט זיך נאָך אויס אין אונדזערע צייטן.

אין סך-הכל: דער היסטאָרישער מאַטעריאַל, אַרויסגעבראַכט דורך דער מייסטערהאַנט פון דעם גרויסן יידישן געלערנטן באַלאַבאַן און אין דער אי־בערזעצונג פון אַ. ל. שוסהיים מאַכט פון דעם ווערק „די יידן־שטאָט לוב־לין", — וואָס פּ׳ שוסהיים האָט אַזוי טרעפלעך אָנגערופן „די דערמאָרדע־טע שטאָט און איר דערמאָרדעטער היסטאָריקער" — אַ ווערטפול ליטע־ראַריש־היסטאָרישע לעקטור, וואָס איז צוגענגלעך פאַר אַלע אינטעליגענטע יידישע לייענער.

דאָס בוך איז אויך רייך מיט ציי־כענונגען, אויסגעפירט פון דער האַנט פון דעם אַרכיטעקט קאַרל ריכאַרד הענקער.

Este libro se terminó de imprimir el 28 de Febrero de 1948, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, calle Corrientes Nº 1976, Buenos Aires - Argentina.